דר. ב. דובאװסקי

דאקטאר בוך

ערשטער טײל:

קראנקהייטען און װי זיך פון זיי אויסצוהיטען

די אורזאכען, סמנים און רעזולטאטען פון די מעהרסטע קראנקהײטען
צו װעלכע א מענש איז אונטערװאָרפען. װי אזוי ער קען
זיך אויסהיטען פון זיי און װאָס צו טאָהן װען ער
האָט זיך ניט אויסגעהיט.

ניו-יאָרק
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סטריט
1921

271032

Copyright 1921 by the Hebrew Publishing Co. New York, N. Y.

אינהאַלט־פערצייכניס

פון ע־שטען באנד.

זייטע

פאָרוואָרט . . . . I-VII

וואָס עס הייסט קראַנק זיין 1

אַנשטעקענדע און ניט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען . 2

ווי אַזוי מיקראָבען פעראורזאַכען קראַנקהייטען . . 3

ווי אַזוי אונזער קערפּער בעשיצט זיך געגען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען 7-12

מאַזלען 13-21

די אורזאַכע פון מאָזלען, ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די מאָזלען. פערשיידענע פאָרמען פון מאָזלען. דער רעזולטאַט פון דער קראַנקהייט. ווי אַזוי אויסצוהיטען קינדער פון דער קראַנקהייט. וואָס צו טאָן ווען אַ קינד מאָזעלט.

דייטשע מאָזלען 22-25

דער אונטערשייד צווישען דייטשע מאָזלען און אמת'ע מאָזלען.

זייטע

די סמנים פון דיזער קראַנקהייט. ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער קראַנקהייט

קינדער קראַנקהייטען.

שאַרלאַך (סקאַרלעט פיבער, סקאַרלעטין) . . . 26-34

דער אונטערשייד צווישען שאַרלאַך און מאָזלען. ווי ערנסט די שאַרלאַך קראַנקהייט איז. ווער עס ליידעט אַם מעהרסטען פון דיזער קראַנקהייט. די סמנים פון שאַרלאַך. פערשיידענע פאָרמען פון שאַרלאַך. נאָכוועהנישען פון דער קראַנקהייט. ווי זיך אויס־צוהיטען פון שאַרלאַך. וואָס צו טאָן ווען אַ קינד ווערט שוין קראַנק.

דיפטעריא 35-47

וואָס די קראַנקהייט איז, די באַצילען וואָס פעראורזאַכען די קראַנקהייטען. ווי אַזוי דיפטעריא פערשפּרייט זיך. מענשען אויף וועמען דיפטעריא האָט קיין שליטה ניט. די רפואה צו דיפטעריא, אַנטיטאָקסין, וואָס דיזער געגען גיפט איז. ווי אַזוי ער ווערט געשאַפען. די בעסטע צייט ווען צו געברויכען אַנטיטאָקסין. ווי צו פערהיטען אַ קינד פון קריגען דיפטעריא.

פּאָקען . . . . 48 -58

די ביאָגראַפיע פון דער פּאָקען קראַנקהייט. די סמנים פון דער פּאָקען קראַנקהייט. ווי זיך אויסצוהיטען פון פּאָקען. וואָס איז וועקסינייזשאָן. ווי אַזוי דאָס קען בעשיצען געגען דער פּאָקען קראַנקהייט.

היהנער פּאָקען 59-60

וואָס פיר אַ קראַנקהייט דאָס איז. מיט וואָס דיזע קראַנקהייט אונטערשיידעט זיך פון "סמאָל פּאָקס„ די סמנים פון דיזער קראַנק־הייט. וואָס צו טאָן אין אַ פאַל פון היהנער פּאָקען.

קייך הוסטע 61-68

וואָס פיר אַ קראַנקהייט דאָס איז. ווי ערנסט די קראַנקהייט איז, ווען מען איז געוואויר־געוואָרען דאָס קייך־הוסט איז אַ בעזונדערע קראַנקהייט. ווער עס ליידעט אַם מעהרסטען פון קייך־הוסט. די

זייטע

סמנים פון דער קראַנקהייט. ווי לאַנג די קראַנקהייט האַלט אָן. די נאָכוועהנישען פון קייך-הוסט. ווי זיך אויסצוהיטען פון קייך-הוסט. וואָס צו טאָן פיר אַ קינד וואָס ליידעט שוין פון קייך-הוסט.

קינדער פּאַראַליזים 69-75

פון וואָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט. ווי אַזוי זי פערשפּרייט זיך. וואָס עס קומט פאָר אין'ם קערפּער פון קראַנקען. די סמנים פון דעם קראַנקען. די אויסזיכטען פון קראַנקען. די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט. די סערום טריטמענט פיר די קראַנקהייט.

מאַמפּס 76-78

ווי אזוי דיזע קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט. ווער עס ליידעט פון מאַמפּס. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. וואָס צו טאָן אין פאַל פון מאַמפּס.

קראַנקהייטען פון וועלכע ערוואקסענע מענשען ליידען.

טייפויד פיבער 79-92

וואו מען טרעפט די קראַנקהייט. די קרבנות פון טייפויד-פיבער. טייפויד אַגענטען. די טייפויד באַצילען אין קערפּער. די סמנים פון דער קראַנקהייט. ווי אַזוי מען קען זיך בעוואָרענען געגען טייפויד. טייפויד וועקסין. ווי זיך אויסצוהיטען פון קריגען טייפויד. וואָס צו טאָן פיר'ן טייפויד קראַנקען.

מאַלעריא (קדחת) 93-110

קדחת איז שוין גאָר אַן ערנסטע קראַנקהייט. ווי אַזוי דיזע קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט. ווי אַזוי זי ווערט פערשפּרייט פון איין מענשען צום אַנדערען. די ראָלע וואָס מאסקיטאָס שפּילען אין פערשפּרייטען די קראַנקהייט. די פערשיידענע פאָרמען פון מאַלעריא. די סמנים פון קדחת. די רפואה צו דיזער קראַנקהייט. ווי זיך אויסצוהיטען פון קריגען מאַלעריא.

זייטע

קאַלדם (פּערקעלטונג) 111-120

אַ לייכטע קראַנקהייט מיט ערנסטע רעזולטאַטען. די ראָלע פון אונזער נאָז. אַ צוג־לופט אָדער מיקראָבען אַלס פעראורזאַכער פון קאַלדס. ווי זיך אויסצוהיטען פון כאַפּען אַ קאַלד. וואָס צו טאָן ווען מען האָט דעם קאַלד שוין געכאַפּט.

אינפלוענזא 121-129

„מאַדאַם לאַ גריפּ" און איהרע רייזעס אַרום דער וועלט. די ביאָגראַפיע פון מאַ־אַם לאַ גריפּ. ווי אַזוי די גריפּ ענטוויקעלט זיך. עפּידעמיעס און פּאַנדעמיעס. פערשיידענע פאָרמען פון אינפלוענזא. נאָכוועהענישען פון די גריפּ. די אויסזיכטען פון קראַנקען. וואָס צו טאָן אין פאַל פון אינפלוענזא.

בראָנקיטיס 130-139

וואָס פיר אַ קראַנקהייט דאָס איז. ווער עס ליידעט פון איהר אַם מעהרסטען. די פערשיידענע סאָרטען פון בראָנקייטיס. די סמנים פון דער קראַנקהייט. וואָס צו טאָן אין פאַל פון בראָנקייטיס. כראָנישע בראָנקייטיס. פערשיידענע פאָרמען פון כראָנישע בראָנקייטיס. די אויסזיכטען פון קראַנקען. די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט.

לונגען ענטצינדונג 140-155

אונזערע לונגען און ווי אַזוי זיי אַרבייטען. וואָס עס פעראורזאַכט לונגען ענטצינדונג. די צוויי הויפּט פאָרמען פון לונגען ענטצינדונג. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. דער קריזיס. ווי זיך אויסצוהיטען פון לונגען ענטצינדונג. וואָס צו טאָן פיר'ן קראַנקען.

טובערקולאָזיס (קאָנסאָמפּשען) 156-187

וואָס טובערקולאָזיס איז. פון וואַנען די קראַנקהייט נעהמט זיך. ווי אַזוי זי פערשפּרייט זיך. פערשיידענע פאָרמען פון לונגען טובערקולאָזיס. די ערשטע סמנים פון דער קראַנקהייט. די הויפּט סמנים פון דער קראַנקהייט. מעדיצינישע בעהאַנדלונג פאַר קאָנסאָמפּטיווס. פעיק „קאָנסאָמפּשאָן־קיורס". די איינציגע רפואה

זייטע

פאַר קאָנסאָמפּטיווס. שפּייז פאַר קאָנסאָמפּטיווס. וואָס פיר אַ קלימאַט עס איז בעסער פיר קאָנסאָמפּטיווס. סאַניטאַריום בעהאַנדלונג פיר שווינדזוכטיגע. די אויסזיכטען פון קאָנסאָמפּטיווס. מעגען שווינדזוכטיגע הייראַטען? וועגען קריגען קאָנסאָמפּשאָן בירושה. אידישקייט און טובערקולאָזיס. ווי צו פערהיטען זיך פון דער קראַנקהייט.

ריקעטס (ענגלישע קראַנקהייט) 188-195

וואָרום מען רופט דיזע קראַנקהייט די ענגלישע, וואָס פיר אַ קראַנקהייט דאָס איז. ווי אַזוי זי ווערט פעראורזאַכט. די סמנים פון דער קראַנקהייט. ווי אויסצוהיטען א קינד פון ריקעטס. וואָס צו טאָן ווען אַ קינד האָט שוין די קראַנקהייט.

סקווירווי (סקאָרבוט) 196-203

די דריי טהעאָריען וועגען די ענטשטעהונג פון דיזער קראַנקהייט. וואָס די קראַנקהייט איז. די סמנים פון סקווירווי. די אויסזיכטען פון קראַנקען געזונד צו ווערען. ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער קראַנקהייט. וואָס צו טאָן ווען מען האָט שוין די קראַנקהייט. סקווירווי ביי קליינע קינדער.

פּאָדאַגראַ (גאוט) 204-210

וואָרום די קראַנקהייט הייסט פּאָדאַגראַ. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די כראָנישע פאָרמע פון פּאָדאַגראַ. די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט. ווי זיך אויסצוהיטען פון פּאָדאַגראַ.

רהומאַטיזם 211-222

וואָס דיזע קראַנקהייט איז און וואָס זי איז ניט. די אַקיוטע פאָרמע פון רהומאַטיזם. די אורזאַכען פון דיזער קראַנקהייט. ווי זיך אויסצוהיטען פון איהר. די סמנים פון דיזער קראַנקהייט. וואָס צו טאָן ווען איינער ליידעט פון רהומאַטיזם. כראָנישע רהומאַטיזם. רהומאַטיזם און פליישׁ עסען. וואָס רהומאַטיזניקעס מעגען עסען.

אַפּענדיסיטיס 223-235

וואו עס געפינט זיך אונזער אַפּענדיקס. צו וואָס מיר דאַרפען איהם.

זייטע

וואָס עס הייסט אַפּענדיסיטיס. די געפאַהר פון דיזער קראַנקהייט. די סמנים פון דיזער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. וואָס צו טאָן אין פאַל פון אַפּענדיסיטיס.

מערידען 236-242
וואָס פיר אַ שייכות דיזע קראַנקהייט האָט מיט אידען. וואָס די קראַנקהייט איז. די אורזאַכע פון מערידען. פערשיידענע פאָרמען פון מערידען. די סמנים פון מערידען. וואָס צו טאָן געגען מערידען.

צוקער קראַנקהייט („דייעביטיז") 243-255
וואָס די קראַנקהייט איז, די אורזאַכען פון דער צוקער קראַנקהייט. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. די רפואה געגען דער צוקער קראַנקהייט.

די אידישע קראַנקהייט 256-259
ווארום דיזע קראַנקהייט ווערט אָנגערופען די אידישע קראַנקהייט. די סמנים פון דער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. וואָס צו טאָן פאַר אַזאַ קראַנקען.

אַסטמאַ 260-265
די פערשיידענע קראַנקהייטען וואָס ווערען בעצייכענט מיט דיזען נאָמען. וואָס די קראַנקהייט איז. די סמנים פון אַסטמאַ. די אויסזיכטען פון קראַנקען. די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט.

נירען קראַנקהייט 266-283
די ראָלע וואָס די נירען שפּילען אין אונזער קערפּער. ווארום די נירען ווערען קראַנק. פערשיידענע פאָרמען פון נירען קראַנקהייט. די סמנים פון דיזער קראַנקהייט. די אויסזיכטען פון קראַנקען. וואָס צו טאָן פיר'ן קראַנקען. די כראָנישע פאָרמען פון נירען קראַנקהייט.

האַרץ קראַנקהייט 284-298
אונזער האַרץ און ווי אַזוי עס אַרבייט. ווי אַזוי דאָס האַרץ זעהט אויס. די פערשיידענע טיילען פון האַרץ און די קראַנקהייטען צו וועלכע זיי זיינען אויסגעזעצט. די טירלאַך פון האַרץ און די

זייטע

„האַרץ מוירמערס“. וואָס אַזעלכע מוירמערס בעדייטען. וועלכע קראַנקהייטען עס פיהרען צו האַרץ פעהלער. די אויסזיכטען פון אַזאַ קראַנקען. ווי זיך אויסצוהיטען פון האַרץ קראַנקהייטען. כראָנישע האַרץ קראַנקהייט. די בעהאַנדלונג פון אַזאַ קראַנקהייט.

אנסער 299-306

וואָס פיר אַ סאָרט קראַנקהייט קאַנסער איז. פערשיידענע פאָרמען פון קאַנסער. די סמנים פון קאַנסער.

ולום 307-311

דער זיכערסטער וועג ווי זיך אויסצוהיטען פון ערנסטע קראַנק-הייטען.

פאָרוואָרט.

פון אַלע לעבעדיגע ברואים, וואָס בעוואוינען אונזער ערד, איז דער
מענש דער איינציגער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו ענדערען די אומ-
שטענדען, אונטער וועלכע ער געפינט זיך. דער מענש איז כמעט פאָל-
שטענדיגער בעל הבית איבער זיך. ער האָט עראָבערט די גאַנצע וועלט און
אַלע חיות, וואָס געפינען זיך אין איהר און זיך געמאַכט צום הערשער פון א
גרויסע טהייל פון דיזער וועלט.

אָבער פאַר דיזע עראָבערונג האָט ער בעצאָהלט מיט א טייערען פּרייז.
...בענדיג קענטניסע, וויסענשאַפט, זיך גריבלענדיג און פאָרשענדיג די סודות
...ון דער נאַטור האָט דער מענש פערנאַכלעסיגט זיינע אינסטינקטען, און מיט
...ער צייט האָט ער זיי ביסלעכווייז פערלאָרען.

יעדע חיה, יעדע שטומע בעשעפעניש ווייס אינסטינקטיוו ווער עס זיי-
...ען איהרע שונאים, ווי זיך פון זיי אויסצוהיטען און ווי זיי צו בעקעמפען.
...י ווייס אויך ווי צו קריגען איהר שפּייז, וועלכע שפּייז עס איז פאַר איהר
...וצליך און וועלכע שעדליך.

די עלטער, עלטער זיידעס פון דיזע חיות האָבען דאָס אויסגעפונען
...ין דער קאָסטבאַרער שוהלע פון לעבען און האָבען פאַר דיזע ערפאַהרונג
...ייער בעצאָהלט. יעצט קריגען עס די חיות בירושה, אינסטינקטיוו. פון
...עבורט אָן בעזיצען זיי דיזע ערפאַהרונג אָבוואָל זיי קענען זיך אליין קיין
...עכנונג ניט אָפּגעבען וועגען דעם „וואָרום" און „ווי אַזוי" פון יעדע זאַך
...אָס זיי טוען.

גאַנץ אַנדערש האָט געהאַנדעלט דער מענש. אויב א געוויסע חיה
...אָט איהם פעראורזאַכט שאַדען, האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט זי אויסצו-
...יידען נאָר זי צו בעקעמפען. אויב א געוויסע שפּייז האָט איהם פעראור-

זאכט בויך־קרעמפּפען, האָט ער דערפון ניט געדרונגען דאָס מען דאַרף ז
ניט עסען, נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט אזוי צו צוגרייטען די שפּייז, ז
זאָל מעהר קיין קרעמפּפּען ניט פעראורזאכען. צו בעשיצען זיך געגען קעל
האָט ער אויסגעבויט הייזער, צו קעמפען געגען שונאים האָט ער געשאפע
וואפען און האָט ניט געדאַרפט ענטוויקלען זיינע ציינער און נעגעל. זיין ער
פאהרונג האָט ער אויסגעקריצט אויף שטיינער און נאכהער פערשריבען אי
ביכער. ער האָט זיך דארום ניט גענויטיגט אין איבערגעבען דיזע ערפאהרונ
בירושה צו זיינע קינדער. אַנשטאָט צו וויסען אינסטינקטיוו די ערפאה־
רונג פון די פערגאנגענע דורות האָט דער מענש געפונען פאר לייכטער צ
שטודירען די געשיכטע, וואָס יענע דורות האָבען פערשריבען.

און אזוי האָט דער מענש ביסלעכווייז אָנגעוואָרען אַלע אינסטינקטען
וואָס בעשיצען אַלע אנדערע נידעריגערע חיות. דער היינטיגער מענש ווער
געבוירען נאַקעט, ניט נאָר אָהן קליידער נאָר אויך אָהן שום ערפאהרונג פון
דעם, וואָס די מענשען, וואָס האָבען געלעבט פאר איהם, האָבען דורכגעמאכט

די איינציגע פעהיגקייט, וואָס מיר בעזיצען ווען מיר ווערען געבוירען
איז צו זויגען דער מוטער׳ס ברוסט. אָבער אויך אין דיזען פאַל זיינען מיר
וועיט הינטערשטעליג אפילו פון דעם ערשט־געבוירענעם קעצעלע. דאָס קע־
צעלע איז בלינד און דאָך געפינט עס דער מוטער׳ס ברוסט און וויים ווי
אזוי צו קריגען די מילך. דער מענש ווערט געבוירען זעהענדיג, און דאָך
וואָלט ער פון הונגער געשטאָרבען ליגענדיג נעבען דער מוטער׳ס ברוסט,
אויב מען וואָלט איהם ניט אריינגעלעגט די פּיפּקע אין מויל אריין.

אַלעס, אַלעס וואָס דער מענש וויים מוז ער לערנען, אינסטינקטיוו
וויים ער קיין זאך ניט. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס דער מענש
וויים ניט ווי אכטונג צו געבען אויף זיין געזונד סיידען ער לערנט זיך דאָס
אוים אין זיינע שפּעטערע יאָהרען.

שטעלט זיך פאָר, דאָס מען זאָל ערלויבען יעדען איינעם, אָהן שום
פריהערדיגע פאָרבערייטונג, צו טרייבען אָטאָמאָבילס, קארס, אייזענבאהנען,
און פערד און וועגענער. קענט איהר זיך פאָרשטעלען וויפיעל צוזאמענ-
שטויסע, וויפיעל אונגליקען עס וואָלטען פּאסירט? און איז דען אַ וואונ
דער, וואָס אַזוי פיל קראַנקהייטען עקזיסטירען און אזוי פיל מענשען גנעהען
יונג פון דער וועלט אוועק, ווען מענשען, וואָס האָבען ניט דעם מינדעסטען
בעגריף וועגען זייער קערפּער מאשינערי און ווי אויף איהר אכטונג צו גע-
בען, זיינען פאָלשטענדיגע בעלי בתים איבער דיזע מאשינען?

יעדע זאַך, וואָס דער מענש ווייס, מוז ער פריהער לערנען. דאָס זעל-
בע גילט אויך וועגען די אויפפאַסונג אויף זיין אייגנעם קערפּער און האַל-
טען זיין קערפּער־מאַשינערי אין אָרדנונג.

אונזער קערפּער־מאַשינערי איז אַ זעהר איידעלע, העכסט דעליקאַטע,
אָבער פון דער נאַטור גוט איינרעגולירטע, וואָס קען טאָן איהר אַרבייט ווי
געהעריג איז, ווען זי זאָל נאָר ניט געשטערט ווערען. די אומשטענדען, אונ-
טער וועלכע מיר לעבען, זיינען אָבער ניט קיין נאַטירליכע. אַלעס, אַלעס,
וואָס האָט אַ שייכות מיט אונזער לעבען, האָבען מיר קינסטליך בעשאַפען.
מיר וואוינען אין הייזער, אין וועלכע די לופט האָט ניט קיין פרייען צוטריט,
מיר דעקען צו דעם קערפּער מיט קליידער, וואָס דינען אויך אַלס אינקוויזי-
ציאָנס־אינסטרומענטען (קאָרזעטען, ענגע שיך, א. ז. וו.). די שפּייז, וואָס
מיר עסען, פּראָוועזן מיר צו און ענדערען איהר נאַטירליכע פאָרמע, מיר
עסען ניט ווען מיר זיינען הונגעריג נאָר אין בעשטימטע שטונדען פון טאָג
אָדער ווען מיר האָבען אַפּעטיט, אַלעס, אַלעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונ-
זער קערפּער, האָבען מיר געענדערט אויף אַ קינסטליכען אופן.

אונזער קערפּער קען זיך צוגעוועהנען צו די אַלע זאַכען, אויב מיר זאָ-
לען נאָר וויסען ווי ווייט מיר מעגען געהן אין יעדען פאַל בעזונדער, אויב
מיר זאָלען נאָר קענען איבערקוקען פון צייט צו צייט די מאַשינערי פון אונ-
זער קערפּער, און אויסגעפינען צו אַלעס איז אין אָרדנונג, אויב עטוואָס איז
ניט קאַליע געוואָרען.

לייִדער פערשטעהען עס נאָך ניט די מעהרסטע מענשען.

פערשיידענע סאָרטען מאַשינען ווערען יעצט געברויכט כמעט אין אַלע
אינדוסטריען. אין יעדען פאַל לאָזט מען ניט צו אַ מענשען צו אַרבייטען אויף
אַ מאַשין ביז מען האָט איהם פריהער געוויזען ווי אומצוגעהן מיט דער מאַ-
שין און ווי אויף איהר אַכטונג צו געבען. די איינציגע אויסנאַהמע איז די
טייערסטע און איידעלסטע מאַשין אויף דער וועלט — דער מענשליכער
קערפּער.

שטעלט זיך פאָר דאָס איהר וואָלט געהאַט ביי זיך אין הויז אַ רעכע-
נונגס־מאַשין, פאָר וועלכע איהר האָט בעצאָהלט, לאָ'מיר זאָגען, צוויי אָדער
דריי טויזענד דאָלאַר, וואָלט איהר צוגעלאָזען יעדען איינעם, וואָס וואָלט נאָר
וועלען, צו אַרבייטען אויף דיזער מאַשין? וואָלט איהר צוגעלאָזען, צום ביי-
שפּיל, אייער יונגע טאָכטער צו אַרבייטען אויף דיזער מאַשין, ווען זי האָט
ניט דעם מינדעסטען בעגריף ווי אַזוי די מאַשין אַרבייט? געוויס ניט.

און דאָך ערלויבט איהר אייער טאָכטער צו הייראַטען און בריינגען קינדע
אויף דער וועלט ווען זי האָט ניט דעם מינדעסטען בעגריף וועגען דעם ו
אויפצופאַסען אויף זיך זעלבסט אָדער אויף קינדער, און איהר וואָלט זיכע
געקוקט ווי משוגע אויף א מענשען, וואָס וואָלט אייך געראַטען צו לאָזע
אייער טאָכטער אָדער זוהן פריהער וויסען עטוואָס פון דער גרויסער פעראַנט
וואָרטליכקייט, וואָס זיי נעהמען אויף זיך.

יעדער ביזנעסמאַן, ווען ער שטעלט איין זיין געלט אין א געוויסער אונ
טערנעהמונג, זוכט ער זיך פריהער צו בעקענען מיט דער אונטערנעהמונ
אויסגעפינען אַלע איינצעלהייטען פון דעם געשעפט, אין וועלכען ער שטעל
איין זיין פערמעגען און ערשט ווען ער איז גענוי בעקאַנט מיט דיזען גע
שעפט, נעהמט ער זיך אונטער צו זיין אליין דער גאַנצער בעל הבית איבע
זיין געשעפט.

אין דער „ביזנעס״ פון אונזער קערפּער האָבען מיר איינגעשטעלט או
זער גאַנצעס פערמעגען, אונזער האָב און גוטס, אונזער לעבען. איז דע
דאָס ניט די וויכטיגסטע אונטערנעהמונג אונזערע? און דאַרפען מיר זי
דען ניט בעקענען מיט דיזער אונטערנעהמונג אַם וועניגסטען אַזוי פיעל
וויפיעל מיר בעקענען זיך מיט דעם געשעפט, פון וועלכען מיר פערדינען איי
ניגע דאָלאַר?

עס, נאַרישקייטען, וועט איהר זאָגען. אַזוי פיעל מענשען פאַנגען ני
אָן צו וויסען וועגען געזונדהייטס־פראַגען און לעבען דאָך אויס זייערע יאָה
רען, מסתמא איז עס ניט אַזוי וויכטיג צו וויסען. אין א געשעפט, וו
מען איז ניט בעקאַנט מיט דער סחורה, באַנקראָטירט דאָס געשעפט, אָבע
ווען מען ווייסט ניט אפילו דעם אלף־בית פון מענשליכען קערפּער בלייב
מען דאָך לעבען.

אמת, אָבער די רעקאָרדס פון די טויטען־פעלע אין אונזער לאַנד צייג
גען, דאָס העכער ניינציג פון יעדע הונדערט מענשען שטאַרבען ניט פו
אַלטקייט נור פון קראַנקהייט, זיבען פון יעדע הונדערט מענשען שטאַרבע
פון עקסידענטס און בלויז צוויי פון יעדע הונדערט מענשען שטאַרבען מי
א נאַטירליכען טויט — פון אַלטקייט.

אויך אין די „ביזנעס״ פון קערפּער באַנקראָטירען די געשעפטען, וואָ
ווערען געפיהרט אָהן א טאָלק און אָהן א רעכענונג. און אין דיזען פא
קען מען מיט די קרעדיטאָרען ניט צורעכט קומען. מען קען ניט איבער־
שרייבען דאָס געשעפט אויף'ן ווייבס נאָמען. מען מוז בעצאָהלען, און טייע

עצאָהלען פאַר יעדען פעהלער, וואָס מען איז בעגאַנגען. די טענה „איך
אָב ניט געוואוסט, אז עס איז א פעהלער" ווערט דאָ ניט אָנגענומען.
דענקט איהר ניט, דאָס עס לוינט זיך כאָטש עטוואָס געוואויר צו
ערען וועגען דער „ביזנעס" פון אונזער קערפּער, ווי אזוי די קערפּער־מאַ־
שינערי, ארבייט, ווי אזוי אויף איהר אכטונג צו געבען און ווי אזוי צו פערה־
יטען, אז דיזע מאשינערי זאָל ניט צוזאַמענברעכען? דענקט איהר ניט,
אָס עס לוינט זיך אוועקצוגעבען פאַר די אויפהאַלטונג פון אונזער געזונד
אָטש א טייל פון די אויפמערקזאַמקייט, וואָס מיר גיבען אוועק אויף צו
יכען לעבענס־מיטעל?
פאַר די אלע, וואָס דענקען אז עס לוינט זיך יע, נאָר זיי האָבען ניט
י צייט צו לערנען און קענען זיך ניט בענוצען מיט קיין אנדער שפּראַך
ויסער אידיש, ווערען דיזע ביכער געשריבען.
דער צוועק פון דיזע ביכער איז ניט צו מאַכען די לעזער פאַר דאָק־
וירים, אויך ניט זיי צו לערנען ווי אזוי זיך אליין צו קורירען און אויסצו־
ומען אָהן דאָקטוירים. אונזער אויפגאַבע איז בלויז עטוואָס צו בעקענען
עם לעזער מיט דער וואונדערבאַרער מאשינערי פון אונזער קערפּער. איהם
ייגען ווי אזוי דיזע מאשינערי ארבייט און וואָס עס פּאַסירט ווען מיר
ערען קראַנק, און מיר האָפען, אז דאָס וועט ערוועקען ביים לעזער א געפיהל
ון רעספּעקט פאַר זיין אייגענעם קערפּער, א חשק בעסער אכטונג צו געבען
ויף זיין געזונד און א בעשלוס ניט צו פערנאַכלעסיגען די לייכטסטע קראַנק־
ייט, נאָר גלייך זיך בעראַטען מיט א דאָקטאָר און פעררעכטען דעם לייכט־
טען שאָדען, וואָס דער קערפּער ליידעט.

וואס הייסט קראנק זיין.

דער מענש, וואָס איז אזוי קראַנק, דאָס ער איז געצוואונגען אויפצו-
געבען זיין געוועהנליכע בעשעפטיגונג און ליגען צו בעט, נויטיגט זיך ניט
אין קיין ערקלערונג, וואָס אזוינס קראַנקהייט איז. ער פיהלט דאָס, ער ווייס
דאָס ער איז קראַנק.

פאראַן אָבער מענשען, וואָס זיינען ערנסט קראַנק, אָבוואָל אויסערליך
שיינען זיי צו זיין גאַנץ געזונד. ניט נאָר זייטיגע מענשען, נאָר אויך זיי
אליין גלויבען ניט, דאָס זיי זיינען קראַנק און אָנשטאָט זיך צו לאָזען בע-
האנדלען פון א דאָקטאָר און טאָן וואָס ער ראַט זיי, זעצען דיזע מענשען
פאָרט זייער געוועהנליכע טעטיגקייט, ביז זייער געזונד ברעכט צוזאַמען
און זייער קערפּער האָט שוין געליטען אזוי פיל שאדען, דאָס עס איז אונ-
מעגליך אין גאַנצען צו פערריכטען.

עס איז דאַרום זעהר וויכטיג פיר יעדען מענשען צו וויסען ווען ער
דאַרף זיך בעטראַכטען אַלס חולה אום ער זאָל בעצייטענס קענען פערריכטען
יעדען פעהלער אין דער מאַשינערי פון קערפּער און פערבאַפען יעדע קראַנק-
הייט, איידער זי ענטוויקעלט זיך צו ווייט. אָבער אום דאָס צו וויסען דאַר-
פען מיר פריהער פערשטעהן וואָס מיר מיינען מיט'ן וואָרט קראַנקהייט.

אין א געזונטען צושטאַנד ארבייט יעדע טייל פון קערפּער אין האַר-
מאָני מיט אַלע אנדערע קערפּער-טיילען. די פערשיידענע טיילען פון אונזער
קערפּער-מאַשין ארבייטען אזוי גלאַט און געמיינשאַפטליך, דאָס מיר פיהלען
גאַרניט די ארבייט, מיר פיהלען ניט, דאָס מיר האָבען פערשיידענע אברים.
דער גאַנצער קערפּער ארבייט ווי איין גאַנצע גוט-רעגולירטע מאַשין. קוים
אָבער ווערט איין שרייפעלע פון דיזער מאַשין קאַליע, פערשווינדעט די
האַרמאָני און מיר דערפיהלען, דאָס עטוואָס איז ניט אין אָרדענונג.

צייטענווייז איז דיזע אונאָרדענונג אזוי דייטליך, אויבען אויף, דאָס
יעדער איינער קען עס בעמערקען, מאַנכעס מאָל איז די אונאָרדנונג אין אַנ-

פאנג אזוי לייכט, אָדער אזוי פערשטעלט, דאָס נאָר א דאָקטאָר קען עס אויס-געפינען.

נעהמט אלסביישפּיל אַן אָרקעסטער, אין וועלכען פופציג אָדער זעכ־ציג מוזיקאנטען שפּילען. אזוי לאנג ווי זיי שפּילען הארמאָניש, הערט זיך זייער שפּילען ווי פון איין אינסטרומענט. איהר פערגעסט גאָר דערביי, דאָס עס שפּילען אזוי פיעל בעזונדערע מענשען. אָבער זאָל נאָר איין מוזי-קער ארונטער פון טאָן און די הארמאָני וועט גלייך פערשווינדען. איהר וועט גלייך דערקענען, דאָס עטוואָס איז אויסער אָרדענונג, עטוואָס איז ניט ווי עס דארף זיין. אמאָל איז די דיסהארמאָני אזוי גרילצענד, דאָס יעדער צוהערער קען זי גלייך בעמערקען, מאנכעס מאָל איז זי אָבער אזוי לייכט, דאָס נאָר דער געניטער מוזיקער דערקענט זי.

די דיסהארמאָני אין דער ארבייט פון די פערשיידענע טיילען פון אונ־זער קערפּער רופען מיר קראנקהייט. מאנכעס מאָל איז די דיסהארמאָני אזוי אויגענשיינליך, דאָס יעדער, בעזונדערס דער קראנקער זעלבסט, קען זי לייכט בעמערקען. אָפטמאָל, ספּעציעל ווען אינערליכע קראנקהייטען פאנ-גען זיך נאָר וואָס אָן צו ענטוויקלען, איז די דיסהארמאָני אזוי לייכט, דאָס נאָר דער דאָקטאָר קען עס אויסגעפינען.

אין אזא פאָל איז עס געוועהנליך מעגליך צו פערריכטען דעם לייכטען פעהלער און פערהיטען דאָס קראנקהייט זאָל זיך ניט מעהר ענטוויקלען, אויב מען פערכאפּט דאָס בעצייטענס.

ליידער גלויבען זיך ניט די מעהרסטע מענשען, דאָס זיי זיינען קראנק ביז זיי דערפיהלען די קראנקהייט, און ביז דאָס פּאסירט האָט די קראנק-הייט שוין צייט געהאט זיך צו ענטוויקלען און פעראורזאכען פיעל שאדען.

אנשטעקענדע און ניט אנשטעקענדע קראנקהייטען.

די צאָהל קראנקהייטען, פון וועלכע דער מענש קען ליידען, זיינען גאָר ניט איבערצוצעהלען. ווי די זאמד אין ים אזוי פיל זיינען זיי. אָבער אזוי ווי פיעלע קראנקהייטען זיינען עהנליך איינע צו די אנדערע ווערען זיי גרופּירט אין בעשטימטע קלאסען, לויט דער ארט און ווייזע ווי זיי פאנ-גען זיך אָן, לויט דעם טייל קערפּער וואָס זיי אטאקירען, לויט די סימנים, וואָס דיזע קראנקהייטען צייגען און ז. וו.

פאַר אונזער צוועק וועט אָבער זיין גענוג צו צוטיילען אַלע קראַנקהייטען אין צוויי הויפּט־קלאַסען.

אין ערשטען קלאַס קענען מיר פעררעכענען אַלע קראַנקהייטען, וואָס ווערען פעראורזאַכט דערפון, וואָס אונזער קערפּער־מעכאַניזם ווערט קאַליע אָדער בעשעדיגט. אין צווייטען קלאַס בעלאַנגען די קראַנקהייטען, וואָס ווערען פעראורזאַכט פון מיקראָבען, אַזעלכע פּיצענקע בעשעפעניסען, וואָס כאַפּען זיך אריין אין אונזער קערפּער, פרעסען אונז לעבעדיגערהייד און פער׳סם׳ען אונז מיט די גיפטען, וואָס זיי פּראָדוצירען.

קראַנקהייטען פון ערשטען קלאַס גרייפען אָן בלויז איינצעלנע פּערזאָנען. עס ליידעט פון זיי בלויז דער, וואָס ווערט אָנגעגריפען פון דער קראַנקהייט און די, וואָס קומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די קראַנקע, זיינען אין קיין געפאהר זיך אָנצושטעקען מיט דער זעלבער קראַנקהייט.

גאַנץ אַנדערש איז דער פאַל מיט די קראַנקהייטען, וואָס בעלאַנגען צום צווייטען קלאַס. דיזע בעצייכענען מיר מיט׳ן נאָמען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, ווייל געזונטע מענשען קענען זיך אָנשטעקען מיט דיזער קראַנקהייט פון די מענשען, וואָס זיינען שוין קראַנק. די זעלבע מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען די קראַנקהייט אין איין מענשען, קענען אויך פעראורזאַכען די זעלבע קראַנקהייט אין אַנדערע מענשען, ספּעציעל אין די, וואָס קומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט׳ן קראַנקען.

אין דיזען בוך וועלען מיר בעטראַכטען פערשיידענע קראַנקהייטען און ווי אַזוי זיך פון זיי אויסצוהיטען. אָבער איידער מיר וועלען אָנפאַנגען בעטראַכטען יעדע קראַנקהייט בעזונדער איז ווערט זיך אָפּצושטעלען אויף אַ ווייל אויף דער פראַגע פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, אין אַלגעמיין זעהן, ווי אַזוי מיקראָבען פעראורזאַכען קראַנקהייטען, און ווי אַזוי אונזער קערפּער בעקעמפט דיזע קראַנקהייטען.

ווי אַזוי מיקראָבען פעראורזאַכען קראַנקהייטען.

יעדעס לעבעדיגעס בעשעפעניש, וואָס עקזיסטירט אויף אונזער ערד, מוז, אום צו קענען עקזיסטירען, פערברויכען געוויסע שפּייז, און מעהר־סטענטיילס מוז איין לעבעדיגעס בעשעפעניש פרעסען אַ צווייטעס, אויך לעבעדיגעס בעשעפענים (פלאַנצען לעבען אויך) אום צו קענען אויפהאַלטען דאָס אייגענע לעבען.

מיקראָבען זיינען אויך לעבעדיגע בעשעפעניסע, און אויך זיי זוכען אויפצוהאלטען זייער לעבען. אום צו קענען לעבען מוזען זיי האָבען שפּייז, און אויב די שפּייז, אין וועלכע זיי נויטיגען זיך, געפינט זיך אין אונזער קערפּער, פרעסען זיי אונז, פּונקט ווי מיר שטעלען זיך ניט אָפּ צו עסען אַנדערע חיות, ווען מיר נויטיגען זיך אין געוויסע שפּייז־מאַטעריאַלען, וואָס געפינען זיך אין די קערפּערס פון יענע חיות.

ניט אַלע מיקראָבען לעבען אין די קערפּערס פון לעבעדיגע חיות. צווישען די מיליאָנען פערשיידענאַרטיגע מיקראָבען געפינען זיך בלויז געצעהלטע קלאַסען, וואָס קענען אַנדערש ניט לעבען סיידען זיי פרעסען דעם קערפּער פון אַ געוויסע לעבעדיגע בעשעפענים. דיזע סאָרט מיקראָבען רופען מיר פּאַראַזיטען. (דערפון נעהמט זיך דער נאָמען פּאַראַזיט. מיט וועלכען מיר בעצייכענען אַ מענשען, וואָס לעבט פון יענעמ׳ס פּראַצע).

עס איז וויכטיג דאָ גלייך אין אָנפאַנג צו פערשטעהן, דאָס דיזע פּאַראַזיטען זוכען ניט צו טויטען די בעשעפענים, אין וועמען׳ס קערפּער זיי לעבען. אַלעס וואָס זיי טוען איז פרעסען און פאַרמעהרען זיך אום אויפצוהאַלטען זייער אייגענע עקזיסטענץ און זייער מין. פּונקט ווי די מענשען, וואָס עסען דאָס פלייש פון אַנדערע חיות טוען עס ניט מיט דעם צוועק צו פערניכטען יענע חיות, נאָר בלויז אויפצוהאַלטען זייער אייגען לעבען.

דיזע פּאַראַזיטען זיינען זעהר קליין. אַזוי קליין, דאָס ווען מען קוקט אויף זיי דורך אַ מיקראָסקאָפּ, וואָס פערגרעסערט זיי העכער טויזענד מאָל, זעהען זיי ערשט דאַן אויס ווי דער שפּיץ פון אַ נאָדעל. אַט דערפאַר האָט מען אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ, דערפאַר איז נאָך ביז היינטיגען טאָג אַזוי שווער זיך אויסצוהיטען פון זיי, און דערפאַר איז כמעט אונמעגליך צו זאָגען גענוי ווען און ווי אַזוי איינער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט.

ווען איינער ליידעט פון אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, לאָ׳מיר זאָגען, דיפטעריע אָדער טובערקולאָזיס, ענטהאַלטען געוויסע טיילען פון זיין קערפּער מיליאָנען פון דיזע פּאַראַזיטען. זיי געפינען זיך, צום ביישפּיל, אין די שפּייעכץ פון קראַנקען, און ווען יענער רעדט און שפּריצט פון מויל קליינינקע טראָפּעלאַך שפּייעכץ, אָדער ער הוסט. אָדער ניסט און פאַרשטעלט זיך ניט דאָס מויל, שיקט ער ארויס ארום זיך צוזאַמען מיט די פייכטקייט פון זיין מויל און נאָז אויך מיליאָנען פון דיזע פּאַראַזיטען, וואָס פערשאַפען זיין קראַנקהייט. די מענשען, וואָס געפינען זיך נאָהענט צום קראַנקען, אָדער

געהען ארום איהם זיינען דאן אין געפאהר אריינצואטעמען די פּאראזיטען, אָדער אויפנעהמען די מיקראָבען אויף די הענט, אויף'ן געזיכט, אויף די קליי-דער, און פון דאָרטען געפינען זיך שוין די מיקראָבען א וועג אין'ם קערפּער. דער קראַנקער איז די קוועלע, פון וואַנען די מיקראָבען, וואָס פעראורזאכען די קראַנקהייט, פערשפּרייטען זיך.

דאָס זיין אין דער אָנוועזענהייט פון די פּאראזיטישע מיקראָבען דורך קומען אין בעריהרונג מיט'ן קראַנקען זעלבסט אָדער מיט עטוואָס וואָס ער האָט אָנגעשטעקט, איז דארום די ערשטע שטופע פון אָנשטעקען זיך מיט דער קראַנקהייט. דיזע שטופע רופט מען „זיך אויסזעצען צו דער געפאהר" פון דער קראַנקהייט.

אָבער ניט אַלע, וואָס געהען ארום אנשטעקענדע קראַנקע, שטעקען זיך אָן מיט דער קראַנקהייט. אויב עס וואָלט געווען אזוי וואָלטען דאָך אַלע דאָקטוירים און נויירסעס קראַנק געוואָרען. אום די פּאראזיטען זאָלען קענען אָנפאַנגען זייער צושטערונגס־ארבייט אין אונזער קערפּער מוזען זיי פריה-ער קריגען א פּאַסענדען טהויער, דורך וועלכען אריינצוגעהן אין אונזער קער־פּער. פאראַן מיקראָבען, וואָס ווערען שעדליך בלויז דאַן, ווען זיי כאַפּען זיך אריין אין אונזער קערפּער דורך'ן מויל, מאָגען און קישקעס. די זעלבע מיקראָבען, ווען מען זאָל זיי איינשפּריצען דירעקט אין קערפּער, וועלען זיי שטאַרבען און אונז קיין שום שאַדען ניט פעראורזאכען. פאראַן ווידער אַזעלכע מיקראָבען, וואָס מיר קענען דרייסט איינשלינגען און זיי וועלען אונז קיין שום שאַדען ניט פעראורזאכען און געפעהרליך ווערען זיי ערשט דאַן, ווען זיי כאַפּען זיך אריין אין אונזער בלוט. פאראַן ווידער אַנדערע, וואָס מוזען פריהער דורכגעהן דעם קערפּער פון אַן אַנדער חיה איידער זיי ווערען שעדליך פאר'ן מענשען, ווי צום ביישפּיל די מאַלעריע מיקראָבען, וואָס מו-זען פריהער דורכגעהן דעם קערפּער פון א מאָסקיטאָ.

יעדער סאָרט פּאראַזיט מוז דארום אריינגעהן אין אונזער קערפּער דורך א געוויסען וועג און אויב מיר וויסען נאָר דיזען וועג און פערשטעלען איהם זיינען מיר אין קיין געפאהר, אָבוואָל מיר געפינען זיך אין דער אָנווע־זענהייט פון מיקראָבען. אָט דערפאַר קענען דאָקטוירים געהן ארום פיעלע מענשען, וואָס לײַדען פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען און אַליין בלייבען געזונד, ווערהענד דער געוועהנליכער מענש שטעקט זיך אין פיעלע פעלע אָן מיט דער קראַנקהייט.

ווען די מיקראָבען כאַפּען זיך שוין יע אריין אין מענשליכען קער-פּער ווערט דער מענש ניט באַלד קראַנק. עס דויערט געוועהנליך א שטי־קעל צייט איידער די ערשטע סמנים פון דער קראַנקהייט בעווייזען זיך. דאָס איז דערפאר, וואָס די קליינע צאָהל מיקראָבען, וואָס האָבען זיך די ערשטע ארייננעכאַפּט אין'ם קערפּער, זיינען ניט שטארק גענוג אָנצוטאָן פיעל שא-דען. זיי דארפען זיך פריהער פּארמעהרען, אָנזאמלען א גרויסע ארמעע און צוגרייטען גענוג אמוניציע — גיפט — איידער זיי קענען אטאקירען דעם קערפּער, און די צייט, וואָס דיזע צוגרייטונגס=ארבייט דויערט איז פער-שידען אין די פערשיידענע קראַנקהייטען.

אין צייט, ווען די מיקראָבען מאָביליזירען זייערע ארמעען, גרייטען זיך אויך די קערפּער=צעלען צום קאמף. אויב דער מענש איז געזונט און שטארק און יעדע צעלע פון זיין קערפּער איז פיקס און פערטיג אָנצופיהרען דעם קאמף, ווערען די מיקראָבען דערשטיקט איידער זיי דערלעבען זיך צו פערמעהרען און דיזער מענש ליידעט ניט פון דער קראַנקהייט. מיר זאָגען געוועהנליך, דאָס אזא מענש איז בעשיצט און קען זיך ניט אָנשטעקען.

אין פאַל אָבער די קערפּער=צעלען קענען ניט אָפּהאַלטען די מאָבי-ליזאציע פון שונא, זאמלען די מיקראָבען אַן גענוג כוחות צו אטאקירען דעם קערפּער. זיי פרעסען, זויפען, פּארמעהרען זיך און פּראָדוצירען א גיפט, וואָס פערשפּרייט זיך דורכ'ן קערפּער און פעראורזאכט אונז פיעל שאדען. אָבער וועהרענד די מיקראָבען לאָזען זיך וואויל געהן רופט דער קערפּער ארויס זיין רעזערוו=ארמעע, און צוזאמען מיט די ביסעלע שטיצע, וואָס דער קערפּער קריגט דורך די הילפע פון דאָקטאָר, פיהרט ער אָן די מלחמה גע-גען די מיקראָבען אזוי לאַנג ביז זיי ווערען פערניכטעט, אָדער דער קער־פּער זעלבסט פאַלט אין שלאַכט. אין ערשטען פאַל ווערט דער מענש געזונט, אין צווייטען פאַל שטארבט ער.

מיר זעהען אָפט ווי צוויי מענשען זיינען אויסגעזעצט דער זעלבער גע-פאהר, איינער שטעקט זיך אָן מיט דער קראַנקהייט דער צווייטער ניט. מיר זעהען אויך אָפט ווי צוויי מענשען ליידען פון דער זעלבער קראַנקהייט און איינער ווערט געזונט ווערענד דער צווייטער שטארבט. דער געוועהנליכער תירוץ איז, דאָס ווענען עס איז בעשערט קראַנק צו ווערען ווערט קראַנק און ווענען עס איז בעשערט צו שטארבען דער שטארבט.

די צרה איז אָבער, דאָס די מיקראָבען ווייסען ניט ווענען עס איז בע־שערט קראַנק צו ווערען און ווענען ניט. זיי אטאקירען אַלעמען גלייך און

קראַנק ווערט דער, וועמעס קערפּער עס איז צו שוואַך זיך צו וועהרען געגען דעם גיפט פון די מיקראָבען.

וואָס מעהר איינער קומט אין אינטימער בעריהרונג מיט מענשען, וואָס ליידען פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, וואָס ווייניגער ער וויים ווי אַזוי זיך צו היטען געגען די מיקראָבען, וואָס שוואַכער זיין קערפּער איז אויסצוהאַלטען דעם קאַמף מיט די מיקראָבען, אַלץ גרעסער איז די געפאַהר פאַר איהם זיך אָנצושטעקען מיט אַ קראַנקהייט און אַלץ ווייניגער אויסזיכטען האָט ער אויף געזונט צו ווערען.

עס עקזיסטירען אויף דער וועלט אַזוי פיעל אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, מיר קומען יעדען טאָג אין בעריהרונג מיט אַזוי פיעל מיקראָבען, מיר אָטעמען איין אין די גרויסע שטעדט אַזוי פיל פּאַראַזיטען, דאָס יעדער פון אונז האָט געדאַרפט קראַנק זיין. וואָרום מיר זיינען דאָס ניט האָבען מיר צו פערדאַנקען דער שטענדיגער רעזערוו־אַרמעע, מיט וועלכער אונזער קערפּער בענוצט זיך צו בעקעמפען זיינע שונאים.

דער קערפּער זעלבסט פיהרט אָן אַ שטענדיגען, אונערמידליכען קאַמף אויפצוהאַלטען אונזער געזונד און אויסצומיידען קראַנקהייטען, און אונזער גאַנצע מעדיצינישע קונסט בעשטעהט אין העלפען דעם קערפּער אָנצופיהרען דיזען קאַמף, אָפּשוואַכען די מאַכט פון דעם שונא, ווען דאָס איז נאָר מעגליך, און פערשטאַרקען די קרעפטען, מיט וועלכע דער קערפּער בענוצט זיך אין זיין קריג געגען קראַנקהייטען.

די אַרט און ווייזע ווי אַזוי דער קערפּער בעשיצט זיך געגען מיקראָבען און ווי אַזוי ער בעקעמפט זיי, ווען זיי געלינגט זיך אַריינצורייסען אין אונזער קערפּער, איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע און עס לוינט זיך מיט איהר צו בעקענען.

ווי אַזוי אונזער קערפּער בעשיצט זיך געגען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.

אום זיך נעהענטער צו בעקענען מיט דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי אונזער קערפּער פיהרט אָן זיין קאַמף געגען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, לאָ'מיר זיך פריהער צוקוקען צו דעם, ווי אַזוי דער קערפּער בעשיצט זיך, דאָס די מיקראָבען פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען זאָלען צו איהם ניט קענען צוקומען.

אמאָליגע יאָהרען, ווען די איינוואוינער פון א שטאָדט האָבען זיך גע־וואָלט בעוואָרענען געגען אן איבערפאַל פון א שונא, האָבען זיי אויסגעבויט א שטארקע וואנד ארום דער שטאָדט. (גאנץ כינא איז אמאָל געווען ארום־גערינגעלט מיט א וואנד). בלויז אין איניגע פלעצער פון דיזער שטארקער וואנד זיינען געווען טויערען, דורך וועלכע מען האָט געקענט אריינקומען אין שטאָדט, און דיזע טויערען פלעגען שטארק בעוואכט ווערען. אונזער קערפּער האָט אויך אזא וואנד, וואָס בעשיצט איהם געגען אן איבערפאַל פון זיינע שונאים, די מיקראָבען. דיזע וואנט איז אונזער הויט.

דורך דער הויט קענען די מיקראָבען ניט דורכגעהן. ווי א שטארקער פּאנצער רינגעלט די הויט ארום אונזער קערפּער און האַלט צוריק די מי־קראָבען. קוים אָבער ווערט די הויט צוקראַצט אָדער אויף אירגענד וועלכען אנדער אופן צושטערט קריגען די באַצילען א פרייען וועג. ווי דעם שונא׳ס סאָלדאטען דורך א לאָך אין דער פעסטונג אזוי כאַפּען די באַצילען זיך אריין דורך דער ברוך אין אונזער הויט און פאַנגען אָן זייער צושטערונגס־ארבייט.

יעדע אָפענע וואונד איז דארום א געפאהר פאר׳ן קערפּער, ווייל עס עפענט א פרייען וועג פאר מיקראָבען, און דארום הערען מיר אָפט ווי פון אן איינפאַכען קראַץ האָט איינער בעקומען בלוט־פערגיפטונג און איז גע־שטאָרבען.

עס געפינען זיך אָבער אויך אין אונזער הויט נאַטירליכע עפענונגען, דורך וועלכע מען קען גרייכען די אינערליכע טיילען פון אונזער קערפּער. דיזע עפענונגען קענען פערגליכען ווערען צו די טויערען אין דער פעסטונג, וואָס רינגעלט ארום די שטאָדט. און פּונקט ווי ביי יענע טויערן פלעגען שטעהן שומרים, אזוי שטעהען אויך וועכטער ביי די טויערען פון קערפּער.

די טויערען וואָס עפענען זיך דורך דער הויט צו די אינערליכע טיי־לען פון אונזער קערפּער, זיינען די נאָז, דאָס מויל, די הינטערשטע טייל פון שפּייז־קאנאַל און די עפענונגען אין אונזערע געשלעכטס־אָרגאַנען.

דורך דער נאָז, און אויך טיילווייז דורך׳ן מויל קענען די באַצילען זיך אריינכאַפּען אין אונזערע לונגען, אָדער אין די אַנדערע טיילען פון אונזערע אטהעמונגס־מעכאַניזם. דורך׳ן מויל און האַלז קענען די באַצילען זיך אריינ־כאַפּען אין אונזער פערדייאונגס־מעכאַניזם, און דורך די געשלעכטס־אָרגאַ־נען קענען באַצילען זיך אריינכאַפּען אין אונזער בלוט און צופיהרט ווערען איבער׳ן גאַנצען קערפּער, אָדער בלייבען אין די אינערליכע טיילען פון אונ־זער רעפּראָדוקציאָנס־מעכאַניזם.

דיזע אַלע טויערען, וואָס פיהרען צו אונזער קערפּער ווערען אָבער בע־
וואַכט. די אינערליכע הויט פון דער נאָז און האַלז איז בעדעקט מיט די־
נענקע הערעלאַך, וואָס דינען צו פערהאַלטען די אונגעוואונשטע געסט. וואָס
מיר אָטהעמען איין. די שליים־הויט פון אונזער נאָז פּראָדוצירט אַ דיקע
פליסיגקייט, אין וועלכע דער שטויב און מיקראָבען ווערען פערהאַלטען,
בלייבען שטעקען און ווערען נאָכהער ארויסגעשליידערט. די מיקראָבען,
וועלכע עס געלינגט פערבייצו'גנב'ענען זיך דיזע וועכטער, ווערען געטויטעט
אין מאָגען פון די זויערע שטאָפען (עסידס), וואָס געפינען זיך דאָרטען.

אונזערע געשלעכטס־אָרגאַנען זיינען ניט אַזוי פיעל אויסגעזעצט דער
געפאַהר פון אַלערליי מיקראָבען און דערפאַר זיינען זיי וועניגער בעוואַכט.
צווישען ציוויליזירטע מענשען זיינען דיזע אָרגאַנען אויסגעזעצט דעם גע־
פאַהר פון בלויז אייניגע סאָרטען מיקראָבען, וועלכע האָבען געבראַכט דערצו,
אַז דאָס וואָרט „סיפיליזאַציע" זאָל ווערען אַ ביי־נאָמען צום וואָרט צי־
וויליזאַציע.

וואָס פּאַסירט מיט די מיקראָבען נאָך דעם, ווי זיי געלינגט זיך אריינ־
צורייסען אין'ם קערפּער?

אום צו האָבען אַ קלאָרען בעגריף וועגען דעם וואָס עס קומט דאָן
פאָר אין קערפּער, לאָ'מיר זיך נאָך אַ מאָל ווענדען צו אונזער ביישפּיל פון
אַ שטאָדט, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט אַ שטאַרקען מויער און איז בע־
לאַגערט פון אַ שונא.

אַזוי לאַנג ווי דער שונא איז אויסערן מויער פיהרען דעם קאַמף אָן
די סאָלדאַטען, וואָס שטעהען ביי די טויערען. אויף זיי ליגט די פליכט ניט
דורכצולאָזען דעם שונא אין שטאָדט אריין. קוים אָבער געלינגט עס דעם
שונא זיך דורכצורייסען דורך די טויערען נעהמט די אינערליכע אַרמעע אויף
דעם קאַמף.

דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט אונזער קערפּער. אַזוי שנעל ווי די
מיקראָבען רייסען זיך אריין אין'ם קערפּער פאַנגען די אינערליכע צעלען
פון קערפּער אָן דעם קאַמף. צוערשט קומען די צעלען אין דער נאָכבאַר־
שאַפט, וואו די מיקראָבען זיינען. די צעלען פאַנגען פּשוט אָן אויפצופרעסען
די אונגעבעטענע שעדליכע געסט. אויב די מיקראָבען זיינען וועניג אין צאָהל
ווערען זיי טאַקע פערניכטעט. געוועהנליך קומען אָבער די מיקראָבען אין
אַזאַ גרויסער צאָהל, און זיי פערמעהרען זיך אַזוי שנעל, דאָס די ערשטע

קערפּער־צעלען ליידען, זיי קענען זיך ניט ספּראַווען מיט'ן שונא און זי
שיקען נאָך די רעזערוו־אַרמעע.

די רעזערוו־אַרמעע בעשטעהט פון די ווייסע קייקעלאַך, וואָס געפינע
זיך אין אונזער בלוט. אין געוועהנליכע צייטען שווימען ארום א פינף־זעק
טויזענד פון זיי אין יעדען טראָפּען בלוט. ווען עס קומט אָבער אַזאַ נויט
רוף פאַרמעהרען זיי זיך. וואָס גרעכער דער נויט אַלץ מעהר סאָלדאַטע
יאווען זיך. איינציגווייז רוקען זיי זיך ארויס דורך די ווענט פון די בלוט
רעהרען און פערזאמלען זיך ארום דעם פּלאַץ, וואו די מיקראָבען געפינע
זיך. מיט זייערע קערפּערס פאַרמירען דיזע ווייסע סאָלדאַטען א סאָר
פעסטונג ארום דעם פּלאַץ צו זיין זיכער, אז דער שונא וועט ניט קענען געה
ווייטער, דאַן פאַנגען זיי אָן צו אַטאַקירען די מיקראָבען.

און דער קאַמף איז א העכסט אינטערעסאַנטער. צוערשט באַמבאַר
דירען דעם קערפּער'ס ווייסע סאָלדאַטען דעם שונא מיט אַזעלכע גיפטיג
באָמבעס („אָפּסאָנימס"), וואָס בעטויבען די מיקראָבען, דאַן שטורמען זי
דעם שונא'ס פּאָזיציעס און פרעסען אויף די מיקראָבען.

אויב דיזע רעזערוו־אַרמעע איז א שטאַרקע, דאָס הייסט אויב דע
מענש איז קערפּערליך שטאַרק און גוט גענעהרט דאַן ווערען די מיקראָבע
פערניכטעט, דער קערפּער ווערט ניט קראַנק און דער מענש וויים גאָר ניט
דאָס ער איז גערעטעט געוואָרען פון א געפאַהר. אויב דער מענש איז אָבע
אָפּגעשוואַכט זיינען זיינע ווייסע סאָלדאַטען מאַכטלאָז. אַנשטאָט צו בע
קעמפען דעם שונא ווערען זיי אַליין בעקעמפט. דער רעזולטאַט איז, דאָס ד
מיקראָבען פערשפּרייטען זיך און דער מענש ווערט ערנסט קראַנק.

אין'ם קאַמף געגען די מיקראָבען האָט דער קערפּער אויך א צווייטע
רעזערוו־אַרמעע. ווערענד די ווייסע סאָלדאַטען רינגלען ארום דעם שונא
און זוכען איהם צו דערשטיקען אָדער אויפצופרעסען ארבייטען די אנדערע
צעלען פון קערפּער אויס א געגען־גיפט צו בעקעמפען דעם גיפט, וואָס די
מיקראָבען שאַפען. דיזער געגען־גיפט שווימט ארום אין בלוט און בעזוכט
יעדע צעלע, און וואו ער טרעפט אויף'ן וועג דעם גיפט פון די מיקראָבען
פערניכטעט ער איהם.

אין די מעהרסטע פעלע געלינגט עס דעם קערפּער, נאָך א קורצען אָדער
לאַנגען קאַמף — נאָך א קורצער אָדער לאַנגער קראַנקהייט — צו בעזיגען
די מיקראָבען און זייער גיפט. די קראַנקהייט געהט דאַן פאַראיבער און

דער מענש פאַנגט זיך אָן צו ערהאָלען. אין׳ם בלוט פון אזא קראַנקען בלייבען די רעזערוו־אַרמעען מאָביליזירט און ווען די מיקראָבען פון דער זעלבער קראַנקהייט כאַפּען זיך נאָך אַמאָל אריין אין דיזען קערפּער, טרעפען זיי אזא ווידערשטאַנד, דאָס זיי קענען זיך לאַנג ניט האַלטען. דאָס פּאַסירט אין פאַל פון פּאָקען, סקאַרלעט פיבער, שאַרלאַך, געלען פיבער, מאָזלען, טייפויד, און אַנדערע קראַנקהייטען, דערפאַר טאַקע קען אַ מענש מעהר ווי איין מאָל ניט ליידען פון דיזע קראַנקהייטען.

עס זיינען דאָ אָבער אַזעלכע קראַנקהייטען, וואָס אפילו ווען דער קערפּער געווינט די מלחמה ווערט אויך די אַרמעע אַזוי אָפּגעשוואַכט, דאָס עס איז זעהר לייכט פאַר די זעלבע באַצילען צו אַטאַקירען דעם זעלבען פּערזאָן נאָך אַ מאָל. אַזעלכע קראַנקהייטען זיינען אינפלוענזא און לונגען־ענטצינדונג.

פאַראַנען געוויסע ראַסען, חיות און מענשען, אויף וועמען געוויסע מיקראָבען האָבען קיין איינפלוס ניט. די ניגערס, צום ביישפּיל, ליידען ניט פון געלען פיבער און ניט פון מאַלעריע. יאַפּאַנעזער און כינעזער ליידען ניט פון סקאַרלעט פיבער. ווייסע ראַטען ליידען ניט פון דיפטעריע. דאָס איז דערפאַר, וואָס די צעלען אין די קערפּערס פון דיזע מענשען און חיות פערניכטען די מיקראָבען פון די אויבען־דערמאָהנטע קראַנקהייטען און לאָזען זיי זיך ניט ענטוויקלען.

אין אַלגעמיין אָבער וואָס שטאַרקער און געזונטער עס איז דער קערפּער אַלץ קרעפטיגער איז זיין פערטיידיגונגס־אַרמעע און אַלץ לייכטער איז איהם צו בעקעמפען יעדען סאָרט שונא. דער זעלבער שונא, וואָס קען ניט בייקומען אַ געזונטען מענשען וועט אָבער לייכט בייקומען אַ שוואַכען, אָדער דעם זעלבען מענשען, ווען ער איז אָפּגעשוואַכט.

דיזע אַלגעמיינע בעטראַכטונג וועגען אַנשטעקענדע קראַנקהייטען איז געשריבען געוואָרען מיט דעם צוועק צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער צום שטענדיגען קאַמף, וואָס אונזער קערפּער האָט אָנצופיהרען אום צו פערהיטען אונז פון קראַנקהייטען און ווי וויכטיג עס איז דאַרום אויפצוהאַלטען דאָס געזונד פון׳ם קערפּער אום ער זאָל קענען ערפאָלגרייך אָנפיהרען דיזען קאַמף.

נאָך אַלעמען איז די נאַטור זעלבסט דער בעסטער רופא. די זעלבע אַרמעע פון קערפּער, וואָס זוכט צו בעקעמפען די מיקראָבען איידער זיי

פּעראורזאכען אונז קראַנקהייטען, פּערניכטען אויך די קראַנקהייט זעלבסט
און זוכען צוריק אויפבויען דאָס געזונט פון'ם קערפּער. אלעם וואָס מיר
דארפען איז העלפען אונזער קערפּער אין'ם קאמף געגען זיינע שונאים,
איהם געבען אלעס אין וואָס ער נויטיגט זיך און דאָס איבריגע וועט ער
שוין אליין בעזאָרגען.

מאזלען.

וואָס די קראַנקהייט איז — ווי אַזוי זי ווערט פערורזאַכט — די סמנים פון מאָזלען — די געפאַהר פון מאָזלען פאַר'ן קראַנקען — ווי אויסצוהיטען קינדער פון קריגען די קראַנקהייט — וואָס צו טאָן ווען אַ קינד מאָזעלט.

צווישען די פיעלע אנשטעקענדע קראַנקהייטען, וואָס פלאַגען אונזערע קינדער־יאָהרען, פארנעהמט מאָזלען דעם אויבען אָן.

מאָזלען איז אַן עפּידעמישע זעהר אנשטעקענדע קראַנקהייט, וואָס זעהר ווייניג קינדער מיידען אויס. אזוי ווייט פערשפּרייט איז דיזע קראַנקהייט, דאָס דער גרויסער עולם, ספּעציעל די פרויען, האָבען זיך איינגערעדט, דאָס עס איז אַן אונפערמיידליכע קריינק און עס איז אונמעגליך איינצוהיטען אַ קינד פון מאָזלען. וואָס שנעלער אַ קינד „קומט איבער די מאָזלען" אַלץ בעסער איז פאַר'ן קינד, גלויבען אונזערע מאמעס און באָבעס, און ווען איין קינד אין אַ פאמיליע מאָזעלט זאָרגט שוין די טרייע מאמע דאפיר, דאָס אויך די אַנדערע קינדער זאָלען זיך אָננעהמען און וואָס שנעלער אָפּפּטר'ן דיזע „אונפארמיידליכע" חולאת.

דיזע איינרעדעניש איז אַ זעהר געפעהרליכע. עס איז פונקט אזוי נאַריש צו גלויבען, דאָס אַ קינד מוז מאָזלען, ווי עס איז נאריש צו בעהויפּטען, דאָס יעדער מענש, וואָס געהט אויף אַ גליטשיגען פּלאַץ, מוז פאַלען און זיך בעשעדיגען, און דארום וואָס שנעלער מען פאַלט אויף אַ גליטשיגען וועג איז אַלץ בעסער.

אזוי פיעל קינדער ליידען פון מאָזלען פּשוט דערפאַר, וואָס עס איז כמעט אונמעגליך צו דערקענען די קראַנקהייט פריה גענוג צו פערהיטען, אַז דאָס קראַנקע קינד זאָל ניט אָנשטעקען אַנדערע קינדער מיט דיזער קראַנקהייט. די איינרעדעניש, דאָס מאָזלען איז אַ לייכטע קראַנקהייט, העלפט

אויך א סך אין פערשפרייטעטען מאַזלען עפּידעמיעס, ווייל די מוטערס האַל-
טען ניט פאר ראַטזאַם שטרענג אָפּצוהיטען זייערע קינדער און אכטונג גע-
בען זיי זאָלען ניט קומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט קינדער, וואָס
מאַזלען.

אין דער אמת'ן איז מאַזלען א זעהר ערנסטע קראַנקהייט. אין דער
צאָהל קראַנקע איז זי די ווייט פערשפּרייטסטע פון אַלע קינדער־קראַנקהיי-
טען. העכער דרייצעהן טויזענד קינדער שטאַרבען אין אמעריקא יעדען יאָהר
פון מאַזלען און א גרויכע צאָהל פון די, וואָס בלייבען לעבען, קריגען אַלס
אָנדענקונג פון דיזער לייכטער קינדער־קראַנקהייט ערנסטע קראַנקהייטען,
וואָס רופען זיך אָפּ אין די שפּעטערע יאָהרען, ווי הארץ־קראַנקהייט, לונגען־
קראַנקהייט, נירען־קראַנקהייט א. ז. וו.

אויך ערוואַקסענע מענשען ליידען פון מאַזלען, און ביי ערוואַקסענע
מענשען איז די קראַנקהייט פיעל ערנסטער, און פיעל אָפטער לעבענס־גע-
פעהרליך ווי ביי קינדער.

די אורזאַכע פון מאַזלען.

די דירעקטע אורזאַכע פון מאַזלען איז נאָך אַלץ ניט בעשטימט, אָב-
וואָהל אַזוי פיעל קינדער ליידען פון דיזער קראַנקהייט, און אונצעהליגע
פערזוכען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען צו ענטדעקען דעם הויפּט־שולדיגען
אין דיזער קינדער־קראַנקהייט. עס איז שוין אָבער כמעט ווי זיכער, דאָס
מאַזלען ווערט פאַראורזאַכט פון געוויסע מיקראָבען, וואָס זיינען אַזוי קליין,
דאָס מיט די שטאַרקסטע מיקראָסקאָפּען איז נאָך ניט געלונגען זיי צו זעהן.

ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך.

די מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען מאַזלען, פערשפּרייטען זיך, ווי עס
שיינט דורך דער לופט. עס איז גענוג פאר א קינד, וואָס האָט נאָך ניט
געמאַזעלט צו זיין אין איין צימער מיט א קינד, וואָס מאַזעלט, און זיך אָנ-
שטעקען מיט דער קראַנקהייט. אין א צייט פון א מאַזלען־עפּידעמיע איז
גענוג אריינצובריינגען א קינד, וואָס מאַזעלט, אין א האָספּיטאַל אויף בלויז
איניגע שטונדען, און די מעהרסטע קינדער, וואָס געפינען זיך אין דעם
זעלבען צימער מיט'ן קראַנקען קינד. אפילו די, וואָס זיינען ניט צוגעקומען
נאָהענט צום קראַנקען קינד, ווערען אויך קראַנק אויף מאַזלען.

עס איז אויך מעגליך, דאָס די מאָזלען־מיקראָבען, וואָס דער קראַנקער
קינד הוסט אָדער ניסט אַרויס, פאַלען אויף די אַרומיגע זאַכען, וואָס געפינען
זיך אין קראַנקען צימער און די קינדער, וואָס קומען אין בעריהרונג מיט
דיזע זאַכען, שטעקען זיך פון זיי אָן מיט דער קראַנקהייט.

די סימָנים פון דער קראַנקהייט.

ווען דאָס קינד שטעקט זיך אָן מיט די מיקראָבען פון מאָזלען דויערט
עס געוועהנליך צוויי וואָכען צייט איידער די ערשטע סימנים פון דער קראַנק-
הייט בעוויזען זיך. אין פערלויף פון דיזער צייט פערמעהרען זיך די באַ-
צילען און פראָדוצירען זייערע גיפטען. ווען זיי האָבען שוין אָנגעקליבען
אַ גענוגענדע אַרמעע אָדער האָבען שוין פּראָדוצירט גענוג גיפט, פאַנגט דאָס
קינד אָן צו ליידען.

אין מאַנכע פעלע פיהלען זיך די קינדער ניט קראַנק אין דיזע צוויי
וואָכען. זיי פיהלען בלויז עטוואָס אונוואויל, אָבער זיי זעצען פאָרט זיך
צו שפּילען מיט די אַנדערע קינדער, געהען אין סקול (שוהלע) און פערבריינ-
גען זייער צייט פּונקט ווי פריהער, ביז די מאָזלען בעוויזען זיך.

אין פערלויף פון דיזער צייט איז דאָס קינד געווען אַ געהענדער קוואַל
פון מאָזלען און האָט אָנגעשטעקט יעדעס קינד, מיט וועלכעס עס איז געקו-
מען אין בעריהרונג. דערמיט ערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אַזוי פיעל
קינדער ליידען פון מאָזלען. עס איז כמעט אונמעגליך פאַר אַ קינד, וואָס
קומט אין בעריהרונג מיט הונדערטע אַנדערע קינדער אין סקול (שוהלע) און
אין גאַס, צו זיין זיכער פון בעגעגענען זיך מיט אַ קינד אין די ערשטע שטו-
פען פון מאָזלען.

ניט אין אַלע פעלע קומט די קראַנקהייט אַזוי שטיל און אונבעמערקט.
אין די מעהרסטע פעהלע ליידעט דאָס קינד פריהער פון אַ „שטאַרקע פער-
קיהלונג", דער קאָפּ טוט וועה, פון די אויגען און פון נאָז רינט. אין האַלז
טוט וועה און אַ שטאַרקער הוסט מאַטערט דאָס קינד אַזוי, דאָס עס פיהרט
אָפּט צו ברעכען.

אַ פּאָרזיכטיגע אונטערזוכונג פון קינד'ס מויל וועט צייגען, דאָס אויף
דער אינערליכער הויט פון די באַקען גענען איבער די באַק־צייהן געפינען
זיך קליינינקע בלוליך־ווייסע פּריסטשיקלאַך.

דיזע בלוליך־ווייסע פּריסטשיקלאַך בעוויזען זיך געוועהנליך איניגע
טעג פאַר דעם אויסשיט פון די מאָזלען אויף'ן קינד'ס קערפּער. דר. קאָפּליק

האָט דער ערשטער געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די דאָקטוירים אויף
דיזען, כמעט זיכערען סמן פון מאָזלען און דערפאַר טאַקע רופט מען דיזע
פריסטשיקלאַך אויף דר. קאָפּליק׳ס נאָמען.

דאָס קינד אין דיזער צייט פערלירט דעם אַפּעטיט. עס בעקלאָגט זי
אויף שמערצען אין רוקען, די אויגען שמאַרצען און אין פיעלע פעלע קען דאָ
קינד ניט פערליידען די שיין און עס זוכט אַ דונקעלען פּלאַץ.

אונגעפעהר אויף׳ן צוועלפטען אָדער דרייצעהנטען טאָג נאָך דעם, ו
דאָס קינד האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט, פאַנגט עס אָן צו האָ
בען פיבער. די ערשטע דריי טעג איז דער פיבער ניט זעהר גרויס, אָבע
אויף׳ן דריטען טאָג, ווען די מאָזלען פאַנגען זיך אָן צו בעווייזען שטייג
דער פיבער זעהר שנעל.

אַזוי לאַנג ווי מאָזלען האַלטען זיך אין בעווייזען, איידער זיי האָבע
זיך „אויסגעשיט" איבער׳ן גאַנצען קערפּער, האַלט די טעמפּעראַטור פון קינ
אין איין שטייגען. דאָס דויערט געוועהנליך דריי טעג צייט. אויף׳ן דריטע
טאָג נאָך דעם, ווי די מאָזלען האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעווייזען, איז שוי
דער גאַנצער קערפּער בעדעקט מיט זיי און די היץ פאַלט דאַן זעהר שנעל.

די מאזלען.

די מאָזלען בעווייזען זיך צוערשט אויף׳ן פּנים, אויף דער ליניע, וואו
די האָר פאַנגען זיך אָן, אויף׳ן שטערען, נאָכהער הינטער די אויערען או
אויף׳ן נאַקען. ווי קליינע פּינטעלאַך זעהען די מאָזלען דאַן אויס, יעדע
פון זיי עהנליך צו אַ פליגען־ביס.

אין אייניגע שטונדען אַרום איז דאָס גאַנצע געזיכט און דער האַל
בעדעקט מיט דיזע רויטע פּינטעלאַך. אין פערלויף פון די נעקסטע צוויי טע
צייט שפּראָצען די מאָזלען אַרויס אויף דער ברוסט, פּלייצע, די הענט, בויך
פיס און דאַן בעדעקען זיי דעם גאַנצען קערפּער.

די רויטע פּינטעלאַך, וואָס זיינען אין אָנפאַנג עהנליך צו פליגען־ביס
ווערען פערוואַנדעלט אין קליינע פריסטשיקלאַך. מאַנכע פלעצער פון דע
הויט זיינען פריי פון זיי. אויף אַנדערע טיילען פון דער הויט גיכען זיך ד
פריסטשיקלאַך צוזאַמען אין האַלב־רונדע געשוואָלענע פלעצער. אויף מאַנ
כע שטעלען פון קערפּער איז די געשווילאַכץ גאַנץ היבש. אונטער די אויגע
ווערט ווי אָנגעשוואָלען, און ווען די מאָזלען זיינען זעהר שטאַרק קען דאָ

קינד אין גאנצען ניט זעהען און דאס פנים איז אזוי געשוואָלען, דאס אלע
.עזיכטסציגע ווערען ווי אָפּגעווישט.

די אונבעקוועמליכקייט פון קינד איז דאן זעהר גרויס. די הויט ברענט
און בייסט, פון נאָז און פון די אויערען רינט, א שטארקער הוסט מוטשעט
דאָס קינד און לאָזט עס ניט רוהען. די אויגען זיינען רויט, א געדיכטע מאַ-
טעריעדיגע פליכיגקייט פילט אָן די אויגען און קלעפּט צו די וויעס אזוי, אז
דאָס קינד קען די אויגען ניט עפענען.

אין א מילדען פאל פאנגען אָן די מאָזלען צו פערשווינדען דעם דריי-
טען אָדער דעם פערטען טאָג נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך בעוויזען. זיי פער־
שווינדען אין דער זעלבער אָרדנונג, אין וועלכער זיי האָבען זיך בעוויזען.
דאָס הייסט, צוערשט פון שטערען, נאכהער פון נאקען, געזיכט, ברוסט, פליי-
צע, הענט, בויך און פיס.

די הויט פאנגט זיך אָן צו שיילען אין פיינע קליינע שטיקעלאך, עהנ־
ליך צו קלייען און מיט דעם שיילען פון דער הויט פאנגען ביסלעכווייז אָן
צו פערשווינדען די סמנים פון דער קראנקהייט.

אויב אלעס געהט אָן אין אָרדנונג, ענדיגט זיך דאָס שיילען פון דער
הויט אין דריי וואָכען צייט און דאָס קינד ווערט ווידער געזונט.

די מעהרסטע פעלע פון מאָזלען פאסירען אויף דיזען אופן און אין
מעהרסטע פעלע ענדיגט זיך די קראנקהייט אהן ערנסטע פאָלגען. פאראן
אבער אויך אויסנאהמען.

פערשיידענע פארמען פון מאזלען.

עס זיינען פאראן פעלע, וואו די מאָזלען קומען פּלוצלינג מיט א שטאר-
קען פיבער און אין פערלויף פון אייניגע שטונדען צייט צייגט דאָס קינד
אלע סמנים פון אן ערנסטע קראנקהייט. אין אזעלכע פעלע קריגט דאָס
קינד גלייך א שטארקען פיבער און צוזאמען מיט דער היץ ערשיינען אויף
די מאָזלען אויפ'ן גאנצען קערפּער.

עס זיינען אויך דאָ פעלע פון מאָזלען, וואו די פּריסטשיקלאך זיינען
פיל מיט בלוט אָנגענאָסען. אין אזא פאל איז דאָס קינד'ס לעבען אין גרויס
געפאהר.

אין מאנכע זעהר ערנסטע פעלע ערשיינען די מאָזלען זעהר שפּעט
און זיינען ניט פיעל. אלע אנדערע סמנים פון דער קראנקהייט זיינען אָבער

פיעל שטארקער ווי אין א געוועהנליכען פאל פון מאָזלען. צייטענווייז זיינען די מאָזלען און אלע אנדערע סמנים פון דער קראנקהייט גאנץ שוואך, נאָר, אויב מען ערלויבט דאָס קינד פריי ארומצולויפען, ענטוויקעלט זיך אַן ערנסטע קראנקהייט.

אין אויסנאהמס פעלע, ווען די מאָזלען פון א לייכטען פאל פון דער קראנקהייט פערשווינדען, פיהלט זיך דאָס קינד שטארק ערשעפּט, און די מאָזלען קומען צוריק אין א פיעל ערנסטערע פאָרמע.

דער רעזולטאט פון דער קראנקהייט.

אין געוועהנליכע פעלע איז דער רעזולטאט פון די מאָזלען א גאנץ גוטער. דאָס קינד ווערט פאָלשטענדיג געזונד און עס בלייבען איהם קיינע נאָכוועהעענישע. אָפּטמאָל אָבער, ספּעציעל ווען מען גיט ניט גענוג אכטונג אויף'ן קינד, ווארפען זיך צו פיעלע ערנסטע קראנקהייטען, וואָס קענען קאָסטען דעם קינד'ס לעבען אָדער אָפּשוואכען זיין געזונד אויף שטענדיג.

א שטיקעל גליק איז נאָך, וואָס מאָזלען האָט מען נאָר איין מאָל. אין פערלויף פון דער קראנקהייט ארבייט דער קערפּער אויס א געוויסען געגען-גיפט, וואָס פערניכטעט דעם גיפט פון די מאָזלען-מיקראָבען. דיזער גע-גען-גיפט פערבלייבט אין קערפּער אויף'ן גאנצען לעבען.

די וואָס האָבען אין פערלויף פון זייערע קינדער-יאָהרען געליטען פון מאָזלען, זיינען דארום באוואָרענט ניט צו מאָזלען נאָך אמאָל, וועהרענד די וואָס האָבען אין זייערע קינדער-יאָהרען ניט געמאָזעלט, פּאסירט מאנכעס מאָל, דאָס זיי מאָזלען, ווען זיי זיינען שוין ערוואקסענע מענשען.

ווי אויסצוהיטען קינדער פון מאזלען.

מאָזלען איז איינע פון די שווערסטע קראנקהייטען צו פערהיטען דאָס איז ערשטענס דערפאר, וואָס דאָס איז די אנשטעקענדסטע פון אל קראנקהייטען, צווייטענס איז קיין מענש ניט בעוואָרענט פון דער נאטור גע גען דיזער קראנקהייט, דריטענס היט מען זיך ניט געגען מאָזלען ווי געגע אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען, ווייל, ווי מיר האָבען שוין ערקלער דענקען די מעהרסטע מענשען, דאָס מאָזלען איז אונפערמיידליך און זי פּרובירען גאָר ניט איינצוהיטען זייערע קינדער.

אָבער אפילו די, וואָס וועלען איבערלעזענדיג דיזע בעשרייבונג ווע־גען מאָזלען, איינזעהען ווי ערנסט דיזע קראַנקהייט איז און וועלען בעשלי־סען, דאָס עס לוינט זיך איינצוהיטען די קינדער פון מאָזלען, וועלען אויך האָבען אַ שווערע אויפגאבע, ווייל אונטער די יעצטיגע אומשטענדען איז עס זעהר שווער איינצוהיטען אַ קינד פון אָנשטעקען זיך מיט מאָזלען פון אַנדערע קינדער.

די אַנשטעקענדסטע פעריאָדע פון מאָזלען איז איידער די מאָזלען „שי־טען זיך אויס" אויף'ן קערפער. אין דיזער צייט, ווי שוין געזאָגט, ליידעט דאָס קינד בלויז פון אַ „פערקעלטונג", און מען היט זיך ניט געגען דעם. אָבער וויסענדיג, אַז די „פערקעלטונג" קען זיין די אָנפאַנגס־שטופע פון מאָזלען, דאַרף יעדע מוטער אויסהיטען איהרע קינדער פון קומען אין נאָהענ־טע בעריהרונג מיט קינדער, וואָס ליידען פון פערקעלטונג.

ביי ערוואַקסענע קינדער איז מאָזלען געוועהנליך אַ לייכטע קראַנק־הייט, אָבער ביי די יונגע קינדער ביז צוויי דריי יאָהר אַלט איז מאָזלען אַ זעהר געפעהרליכע קראַנקהייט. די מעהרסטע קרבנות פון מאָזלען זיינען קינדער אינגער פון צוויי יאָהר.

אויב איהר ווערט געוואָהר, דאָס אין אַ געוויסען הויז מאָזעלט אַ קינד, מיידעט אויס יענער הויז. איהר טאָרט ניט לאָזען אייערע קינדער זיך געהן שפּילען אין יענער הויז און אליין מעגט איהר אויך געהן אהין וואָס ווענינער. אויב די מוטער פון דעם קראַנקען קינד האָט אַזוי ווענינ שכל, דאָס זי וועט ברוגז ווערען אויף אייך פאַר וויינען איהר הויז, מעגט איהר פערגינען איהר דעם רוגז. אייער קינד'ס געזונד דאַרף זיין ביי אייך טייערער ווי דער שכנה'ס פריינדשאַפט.

וואָס צו טאָן ווען אַ קינד מאָזעלט.

ווען אַ קינד קריגט אַ „קאָלד" (פערקעלטונג), הוסט און ניסט און פיהלט זיך עטוואָס ניט מיט אַלעמען, דאַרף מען עס גלייך לעגען צו בעט אין אַ לופטיגען צימער. גיט דעם קינד אַ דאָזע קאַסטאָר־אויל, קיינע פּילען, טשאָקאָלאַדקעס אָדער לאַקסעס, וואָס ווערען אַזוי פיל געלויבט דורך רעקלאַמעס און אַדווערטייזמענטס.

אויב דאָס קינד בעסערט זיך ניט אין גיכען אָדער אָנשטאָט צו פיהלען בעסער פיהלט עס דעם צווייטען טאָג נאָך ערגער, שיקט גלייך רופען אַ דאָקטאָר.

דאָס קינד דאַרף געהאַלטען ווערען אין א ריינעם לופטיגען צימער. אויב עס קען ניט פערטראָגען די שיין דאַרף דאָס צימער זיין האַלב־דונקעל, אָדער, אויב עס איז אַן ערוואַקסען קינד, וואָס קען טראָגען דונקעלע ברילען, איז גלייכער, דאָס אין צימער זאָל זיין ליכטיג און דאָס קינד זאָל טראָגען דונקעלע ברילען. דאָס קינד דאַרף זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע קינדער און אויך פון ערוואַקסענע מענשען אַזוי פיעל ווי מעגליך. דיזע אָפּגעזונדערטקייט דאַרף דויערען א דריי וואָכען צייט. אונטער דער צייט דאַרף דאָס קראַנקע קינד געהאַלטען ווערען זעהר ריין. ווען עס ניסט אָדער הוסט דאַרף מען אויפנעהמען אויף א שטיקעל מערליע די פייכטקייט, וואָס קומט אַרויס פון קינד'ס נאָז אָדער מויל און עס גלייך פערברענען. דאָס זעלבע דאַרף געטאָן ווערען מיט די שטיקלאַך וואַטע, מיט וועלכע מען רייניגט דער קינד'ס נאָז אָדער מויל.

ליידער איז נאָך ניטאָ קיין בעשטימטעס מיטעל געגען די מאָזלען־קראַנקהייט. די קראַנקהייט דויערט געוועהנליך איהר בעשטימטע צייט. א געניטער דאָקטאָר קען אָבער פערלייכטערן די אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס דאָס קינד ליידעט און קען אין פיעלע פעלע פערהיטען עס זאָלען זיך ניט ענטוויקלען ערנסטע פאָלגען.

לונגען־ענטצינדונג, אַן ערנסטע ענטצינדונג פון די קישקעס, אַן אויער־ענטצינדונג, אויגען־ענטצינדונג און האַלז־קראַנקהייטען „וואַרפען זיך אָפּט צו" אין פערלויף פון מאָזלען. האַרץ'קראַנקהייט איז ניט קיין זעלטענער גאַסט און אין פיעלע, גאַר פיעלע פעלע בלייבט דאָס קינד מיט שוואַכע לונ־גען און א שוואַך האַרץ אויף זיין גאַנצען לעבען.

האַלט דאָס קינד אין בעט די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט אונגעאַכטעט אויף דעם ווי לייכט די קראַנקהייט זאָל ניט זיין, ווייל נאָר ווען דאָס קינד ליגט צו בעט די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט און איז אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר, קען מען פערמיידען די ערנסטע פאָל־גען פון מאָזלען.

אַכטעט ניט אויף די פריינדליכע עצות פון גוטע שכנות, וואָס וועלען אייך פאָרשלאָגען באַבּקע רפואות. די באַבּסקע רפואות פלעגען טאַקע געברויכט ווערען אַמאָליגע יאָהרען און טויזענדע קינדער זיינען טאַקע לעבען געבליבען . . . טראַכט דיזע רפואות. אין יענער צייט פלעגען טויזענדע קינדער שטאַרבען אין מאָזלען־עפּידעמיעס און צעהנדליגע טויזענדע פלע־גען בלייבען קאַליקעס מיט שוואַכע הערצער און שוואַכע לונגען. איהר

האט קיין רעכט ניט צו שטעלען דאס לעבען פון אייער קינד און פון די שכנישע קינדער אין אזא געפאהר, ווען איהר קענט די געפאהר לייכט פערמיידען.

פיעלע עלטערן ווילען ניט לײדען, ווען די „באארד אוו העלטה" (גע־זונדהייט פערוואלטונג) קלעפּט ארויף אויף זייער טיר א צעטעל, דאס אין הויז געפינט זיך א פאל פון מאזלען און זוכען דאס אויסצומיידען ווי לאנג נאר זיי קענען. פיעלע ווילען זאגאר ניט רופען קיין דאקטאר צום קראנ־קען קינד אוים מורא דער דאקטאר זאל ניט מעלדען וועגען דעם דער „באארד אוו העלטה".

דיזע עלטערן שטעלען אין געפאהר ניט נאר דאס געזונד פון זייער אייגען קינד, נאר אויך דאס געזונד פון פיעלע אנדערע קינדער, ווייל זיי ער־לויבען אנדערע קינדער זיך אנשטעקען מיט די מאזלען פון זייער אייגען קינד.

מאזלען איז א לייכטע קינדער־קראנקהייט, וואס קען אין געוויסע פעלע ווערען א גאנץ ערנסטע קראנקהייט. איבערהויפּט איז עס א קראנקהייט, וואס מאכט דעם קינד עמפּפינדליך צו אנדערע, פיעלע ערנסטערע קראנק־הייטען. עס איז דארום א הימעלשרייענדער פערברעכען אויסצוזעצען איי־גענע אדער פרעמדע קינדער צו אזא געפאהר.

דייטשע מאזלען.

דער אונטערשייד צווישען דייטשע מאָזלען און אמת'ע מאָזלען — די סמנים פון דיזער קראַנקהייט — ווי זיך אויסצוהיטען פון דייטשע מאָזלען.

דייטשע מאָזלען זיינען ניט די מאָזלען, וואָס הערשען אין דייטשלאַנד, אָדער מאַזלען, פון וועלכע דייטשע קינדער ליידען. עס איז א בעזונדערע קראַנקהייט, וואָס הייסט אויף ענגליש „רובעלא".

דייטשע מאָזלען הערשען מעהרסטענס אין קליינע אָדער גרויסע עפּי־דעמיעס. איינצעלנע פעלע פון דיזער קראַנקהייט זיינען אַן אויסנאהמע.

פון וואָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט איז נאָך ניט גענוי בע־וואוסט פונקט ווי אין'ם פאַל פון געוועהנליכע מאָזלען, אזוי אויך אין דייטשע מאָזלען, דענקט מען, דאָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט פון א בע־שטימטען סאָרט מיקראָבען. אָבער ביז יעצט איז נאָך ניט געלונגען דיזע מיקראָבען אויכצוגעפינען.

אויך אין דער אַרט און ווייזע ווי אזוי דיזע קראַנקהייט פערשפּרייט זיך איז זי ענהליך צו מאָזלען. דירעקטע בעריהרונג מיט'ן קראַנקען, אָדער מיט די זאַכען, קליידער, וועש א. ז. וו., וואָס דער קראַנקער בעריהרט, העלפט צו פערשפּרייטען דייטשע מאָזלען פון איין פּערזאָן צום אַנדערען.

פון דייטשע מאָזלען ליידען מעהרסטענס קליינע קינדער (גאָר יונגע בייבים זיינען, ווי עס שיינט, בעשיצט געגען דיזער קראַנקהייט), אָבער אויך גרעסערע קינדער און ערוואַקסענע מענשען זיינען ניט בעוואָרענט געגען דער קראַנקהייט.

די קרבנות פון דיזער קראַנקהייט זיינען מעהרסטענס אָרימע לייט און דאָס קען ערקלערט ווערען דערמיט, וואָס די ווידערשטאַנדס־קראַפט ביי דיזע מענשען איז פיעל קלענער ווי ביי די רייכערע גוט־גענעהרטע פּערזאָנען.

איין אטאקע פון דייטשע מאָזלען בעשיצט געוועהנליך מענשען געגען א צווייטע אטאקע פון דער זעלבער קראנקהייט, אָבער ניט געגען מאָזלען, פונקט ווי אַן אטאקע פון מאָזלען בעשיצט געגען א צווייטע אטאקע פון מאָזלען אָבער ניט געגען דייטשע מאָזלען.

ווען דאָס קינד שטעקט זיך אָן מיט דייטשע מאָזלען דויערט עס געוועהנליך פון צוויי ביז דריי וואָכען צייט איידער עס ווערט קראַנק. מאַנכעס מאָל קען עס געדויערען בלויז איין טאָג און מאנכעס מאָל גאנצע פיער וואָכען. אָבער דאָס זיינען עקסטרעמען. אין די מעהרסטע פעלע דויערט עס פון צוויי ביז דריי וואָכען.

אין פערלויף פון דיזער צייט זיינען מאנכע קינדער אין גאנצען פריי פון אירגענד וועלכע סמנים און מען וויים גאָר ניט, אז דאָס קינד איז קראַנק ביז עס בעוויזט זיך דער „אויסשיט" אויף'ן לייב. אין אנדערע פעלע פיהלט זיך דאָס קינד ניט מיט אלעמען איניגע טעג איידער דער „אויסשיט" אויף'ן לייב בעוויזט זיך. מעהרסטענס ליידעט דער קינד אין דיזער צייט פון קאָפּ־וועה און שמערצען אין רוקען. ער פערלירט דעם אפעטיט, פיהלט איבעלדיג און אין מאנכע פעלע פיהרט דיזע איבעלקייט צו ברעכען. פיעלע קינדער, אין דיזער צייט, פאר דעם אָנפאנג פון דער קראנקהייט, פיהלען זיך פיבעריש, די אויגען זיינען ביי זיי עטוואָס רויט, שלינגען קומט אָן שווערלאך און איז פערבונדען מיט שמערצען.

אין ארום 24 שטונדען נאָך דעם, ווי דאָס קינד ווערט קראַנק, בעוויזט זיך דער „אויסשיט" פון דייטשע מאָזלען. צוערשט בעוויזט זיך עס אויף'ן געזיכט, נאכהער אויף'ן האלז, נאכהער אויף'ן קערפּער און ערשט נאכהער אויף די הענט און פיס.

אין איין טאָג צייט ווערט דער גאנצער קערפּער בעדעקט מיט די דייטשע מאָזלען. דעם צווייטען טאָג זעהען זיך די „מאָזלען" אָן נאָך שטארקער ווי אין דעם ערשטען. דריי אָדער פיער טעג פערבלייבען די „מאָזלען" אויף'ן קערפּער און דאַן פאנגען זיי אָן צו פערשווינדען. די הויט שיילט זיך געוועהנליך אָפּ נאָך דער קראנקהייט אין לייכטע ברוינע שופּען עהנליך צו קלייען.

דער „אויסשיט" אין דייטשע מאָזלען איז אין מאנכע פעלע עהנליך צו געוועהנליכע מאָזלען, אין אנדערע פעלע איז עס עהנליך צו סקארלעט פיבער (שארלאך). ביי מאנכע פאציענטען זיינען די דייטשע מאָזלען אויף איין טייל פון קערפּער עהנליך צו רעגולער מאָזלען, די פּריסטשיקלאך זיינען

גרויסע, פאָרמירען גרויסע אָדער קליינע אונרעגעלמעסיגע, ראָזעווע פלעקען,
וואָס פערשווינדען אויף א ווײילע ווען מען דריקט מיט'ן פינגער אויף דער
הויט איבער דיזע פלעקען. אויף אַן אנדער טייל פון קערפּער איז דער אויס-
שיט עהנליך צו שארלאַך, העל=רויט און די פּריסטשיקלאַך זיינען קליי
ווי מאָן.

די פארשיידענאַרטיגקייט אין די דייטשע מאָזלען איז זעהר כאראק-
טעריסטיש פאַר דיזער קראַנקהייט. דער אויכשיט פון די דייטשע מאָזלען
איז אָפטמאָל אויף איין טייל פון קערפּער שטארקער ווי אויף'ן צווייטען
טייל. פּריסטשיקלאַך זיינען אויך דאָ אין מויל פון קראַנקען קינד. נאָר
אין אָנפאַנג, ווען די דייטשע מאָזלען פאַנגען זיך נאָר אָן צו בעוויזען, זיינען
זיי עהנליך צו פליגען=ביסע.

אין אַלגעמיין איז דאָס קינד, וואָס ליידעט פון דייטשע מאָזלען ניט
ערנסט קראַנק. דיזע קראַנקהייט איז פיעל מילדער ווי געוועהנליכע מאָז-
לען. די טעמפּעראַטור איז ניט שטארק הויך, אין האַלז טוט דעם קינד עט-
וואָס וועה, די גלענדס (דריזען) אין די נידריגע טייל פון האַלז זיינען אָפט-
מאָל געשוואָלען, און דאָס קינד ליידעט דאָרום פון א שטייפען נאַקען.

דייטשע מאָזלען זיינען זעלטען לעבענס=געפעהרליך און אויך ערנסטע
נאָכוועהענישען זיינען זעהר זעלטען. אָבער צייטענווייז קען זיך יע צוא-
ווארפען אַן ערנסטע קראַנקהייט ווי לונגען=ענטצינדונג, „פּלורעסי" (וואַ-
כער אויף די לונגען), בראָנקיטיס, אַן ענטצינדונג פון אינערליכען אויער,
אַן ענטצינדונג אין די געלענקע און ז. וו.

די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט איז א זעהר איינפאַכע. אויב דאָס
קינד האָט פיבער, דאַרף עס בלייבען אין בעט, אויב ניט מעג עס ארומגעהן,
אַזוי לאַנג ווי דער אויסשיט אויף'ן קערפּער פערבלייבט דאַרף עס זיין אָפּ-
געזונדערט פון אַנדערע קינדער.

די קראַנקהייט איז א לייכטע, א ווייניג געפעהרליכע און דאָס קינד
נויטיגט זיך ניט אין קיינע אויסערגעוועהנליכע אויפפּאַסונג. עס איז אָבער
נויטיג, דאָס פון צייט צו צייט זאָל א דאָקטאָר בעזוכען דאָס קראַנקע קינד
און אויפפּאַסען, דאָס אין דיזען פאַל זאָל ניט זיין די אויסנאַהמע, אין וועל-
כע עס ווארפען זיך צו אַנדערע קראַנקהייטען און אויך צו פערלייכטערע
דעם קינד אויב עס ליידעט.

וועגען דעם ווי זיך אויסצוהיטען פון דייטשע מאָזלען קען מען זאָגע
נאָך ווייניגער ווי אין'ם פאַל פון מאָזלען. זעהר ווייניג איז בעקאַנט וועגע

דער ארט און ווייזע ווי די קראנקהייט פערשפרייט זיך און עס איז דארום אונמעגליך צו געבען א גענויען אויפטראג, וואָס צו טאָן אום זיך אויסצו-היטען פון דער קראנקהייט.

דייטשע מאָזלען קומען געוועהנליך אין עפּידעמיעס און דער זיכער-סטער כלל איז, דאָס אין אזא צייט איז גלייכער צו האלטען די געזונטע קינ-דער ווייט פון די, וואָס ליידען שוין פון דער קראנקהייט. געבען די קינדער גענוג פרישע לופט, גוטע שפּייז און אויפּפּאסען אויף זייער ריינליכקייט, וועט העלפען זיי פערהיטען פון פיעלע קראנקהייטען.

סקארלעט פיבער (שארלאך) סקארלאטין.

דער אונטערשייד צווישען שארלאך און מאזלען — ווי ערנסט די שארלאך קראנק-
הייט איז — ווער עס לײַדעט אם מעהרסטען פון דיזער קראנקהייט — די
סמנים פון דער קראנקהייט — פערשיידענע פארמען פון שארלאך —
נאכוועהענישען פון שארלאך — ווי זיך אויסצוהיטען פון
דער קראנקהייט — וואס צו טאן ווען א קינד
ווערט שוין קראנק.

איינע פון די קינדער־קראנקהייטען, פאר וועלכע מיר שרעקען זיך אם מעהרסטען, און מיט רעכט, איז סקארלעט פיבער, אדער שארלאך. עס איז זעהר אן ערנסטע און אן אנשטעקענדע קראנקהייט, וואס אטאקירט מעהרסטענס קינדער. העכער א העלפט פון אלע פעלע פון סקארלעט פיבער פאסירען ביי קינדער צווישען פיער און זיבען יאהר אלט. עלטערע קינדער און ערוואקסענע מענשען זיינען אבער אויך ניט בעווארענט געגען דיזער קראנקהייט.

סקארלעט פיבער עקזיסטירט אין די מעהרסטע לענדער. אין די פעראייניגטע שטאטען, ספעציעל אין די נארדליכע טייל פון לאנד, איז סקארלעט פיבער א שטענדיגער גאסט און יעדע פינף אדער זעקס יאהר ברעכט אויס אן עפידעמיע פון שארלאך פאדערנדיג א פיעל גרעסערע צאהל קרבנות ווי אין א געוועהנליכע צייט. דיזע עפידעמיעס קומען מעהרסטענס נאך עפידעמיעס פון מאזלען.

סקארלעט פיבער איז אן ערנסטע קראנקהייט. צווישען קינדער אונטער איין יאהר אלט, וואס קריגען די קראנקהייט שטארבען ארום 21 פראצענט. פון קינדער אונטער צוויי יאהר — 16 פראצענט, און פון פינף יאהריגע קינדער שטארבען ארום פינף פראצענט.

אם ווענינגסטען געפעהרליך איז די קראנקהייט פאר קינדער צווישען צעהן און פופצעהן יאהר. געפעהרליך איז די קראנקהייט ניט נאר מיט דער

צאהל קינדער, וואס זי טויטעט, נאר אויך מיט דעם, וואס פיעלע פון איהרע קרבנות, וואס בלייבען לעבען, ליידען אפט פון ערנסטע קראנקהייטען. די קראנקהייט סקארלעט פיבער האלט איהרע קרבנות אזוי שטארק אין די הענט, דאס פיעלע פון די, וועמען עס געלינגט זיך ארויסצורייסען, לאזען איבער א טייל פון זייער געזונד און זייער לעבען אין איהרע הענט.

דעם ספעציעלען כארט מיקראבען, וואס פעראורזאכען סקארלעט פיבער, האט מען נאך ביז יעצט ניט ענטדעקט. עס איז אבער קיין צווייפעל ניט, דאס די קראנקהייט ווערט פעראורזאכט פון געוויסע מיקראבען, ווייל עס איז א זעהר אנשטעקענדע און ווערט פערשפרייט פון איין מענשען צום אנדערען.

די קראנקהייט קען זיך פערשפרייטען דירעקט פון איין מענשען צום אנדערען, אדער אויך אן אינדירעקטען אופן דורך געוויסע ארטיקלען. די סקארלעט פיבער מיקראבען קענען לעבען א לאנגע צייט אויסער דעם מענשליכען קערפער, און קליידער אדער בעטגעוואנט פון אזא קראנקען קענען אנשטעקען אנדערע מענשען אין מאנאטען אדער זאגאר יאהרען ארום.

מילך איז אפטמאל א וועג, דורך וועלכען די סקארלעט פיבער מיקראבען פערשפרייטען זיך. דורך דער לופט פערשפרייטען זיך די שאר-לאך-באצילען זעהר ווייניג.

די מעהרסטע קרבנות פון שארלאך זיינען קינדער פון צוויי ביז צעהן יאהר אלט. איין אטאקע בעשיצט געוועהנליך, אבער ניט אלע מאל, געגען א צווייטע אטאקע.

ווען א קינד שטעקט זיך אן מיט דער קראנקהייט דויערט עס פון איינס ביז זיבען טעג איידער די ערשטע סמנים בעווייזען זיך, אין די מעהרסטע פעלע ווערט דאס קינד קראנק אין ניט מעהר ווי פיער טעג ארום. זעהר זעלטען דויערט דיזע פעריאדע מעהר ווי זיבען טעג. דאס איז וויכטיג צו געדיינקען אין פאל מען דיינקט, דאס א קינד האט זיך אנגעשטעקט מיט שארלאך פון אן אנדער קינד, וואס האט שוין די קראנקהייט. אויב עס געהט אוועק א וואך צייט און דאס קינד ווערט ניט קראנק איז כמעט זיכער, אז דאס קינד איז אויסער געפאהר.

אין מאנכע פעלע קען דאס קינד קראנק ווערען אין אייניגע שטונדען ארום נאך דעם, ווי עס האט זיך אנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט. אין די מעהרסטע פעלע אבער ווערט דאס קינד קראנק אין פערלויף פון אכט

און פערציג שטונדען, זעהר, זעהר זעלטען ווערט דאָס קינד קראַנק אין א וואָך ארום.

צו ענדע פון דיזער פאָרבערייטונגס-פעריאָדע ליידעט דאָס קינד פון קאָפּ-וועהטאָג, עס פערלירט דעם אַפּעטיט און מען זעהט, אז דאָס קינד איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

די קראַנקהייט זעלבסט קומט געוועהנליך אָן פּלוצלינג מיט קאָפּ-וועה און האלז-וועהטאָג, און אָפטמאָל פאַנגט די קראַנקהייט זיך אָן מיט קאָנוואולסיעס. דאָס קינד איז שטארק דורשטיג, די צונג איז טרוקען און בעדעקט ווי מיט „פילץ" און דער פּולס איז זעהר שנעל. די טעמפּעראַטור שטייגט, די הויט איז טרוקען און היים און דאָס קינד פיהלט קאַלט.

די אינערליכע הויט פון מויל, ספּעציעל פון ווייכען גומען און פון די טאָנסילס איז רויט, „אָנגעגאָסען מיט בלוט" און זעהט אויס ווי א רויטער סאַמעט. די גלענדס (דריזען) אין האלז, אין די פּאַכוועס און די דיכען זיינען אָנגעשוואָלען, הארט און שמערצליך. די מילץ ווערט כמעט צוויי מאָל אזוי גרויס ווי אין א נאָרמאַלען צושטאַנד.

די נאָז און די אויגען זיינען אָבער דערפאַר ריין. דאָס קינד האָט ניט קיין „קאָלד" (פערקעלטונג), עס ניסט ניט, עס רינט איהם ניט פון די אויגען און נאָז ווי אין פאַל פון מאָזלען, און דערמיט קען מען טאַקע באלד אין אָנפאַנג פון דער קראַנקהייט אונטערשיידען מאָזלען פון שארלאַך.

אין צוועלף אָדער אין פיער און צוואַנציג שטונדען ארום נאָך דעם, ווי די קראַנקהייט פאַנגט זיך אָן, בעווייזט זיך דער אויסשיט פון שארלאַך. אין מאנכע פעלע בעווייזט זיך דיזער אויסשיט אין זעקס און דרייסיג שטונדען ארום, און אין זעלטענע פעלע ערשט אין אכט און פערציג שטונדען נאָך דעם, ווי די קראַנקהייט האָט זיך אָנגעפאַנגען.

עס בעווייזט זיך צוערשט אויף'ן נאַקען, ברוסט, אקסלען, שטערען און האַנט-געלענקע. נאָכהער פערשפּרייט זיך עס איבער'ן גאַנצען קערפּער.

דער אויסשיט זעהט אויס ווי קליינינקע רויטע פּינטעלאַך, וואָס געפינען זיך אין דער הויט, ניט העכער פון דער הויט. דיזע פּינטעלאַך זיינען געדיכט געזעצט איינע נעבען די אַנדערע, דער צענטער פון יעדען פּינטעלע איז שטארק רויט און ארום די ברעגען איז עס עטוואָס בלייכער. ווען דער שארלאַך אויסשיט איז פאָלקאָם ענטוויקעלט זעהט עס אויס ווי העהל-רויטע פּינטעלאַך וואָלטען זיין אָנגעשטאָפּט אויף א ראָזעווע הינטערגרונד.

ווען מען גנהט איבער מיט א פינגער־נאָגעל אָדער מיט א בלייששיפט איבער דער הויט ווערט א ווייסער שטריך, וואָס בלייבט פיר איניגע סע-קונדען צייט.

ניט לאנג צוריק האָט מען אויך בעמערקט, דאָס ווען מען דריקט צו אָדער מען קנייפּט די הויט פון א שארלאך־קראנקען קינד פעראורזאכט מען קליינע בלוט־שטירצע אין דער הויט. דאָס זעלבע איז ניט דער פאל אין די אנדערע קראנקהייטען, וואָס זיינען עהנליך צו שארלאך.

די רויטע פינטלאך פון שארלאך אויסשיט פערשווינדען, ווען מען דריקט זיי צו מיט'ן פינגער, זיי ערשיינען אָבער באלד ווידער אזוי שנעל ווי דער דרוק הערט אויף. אָפטמאָל זיינען די רויטע פינטעלאך עטוואָס העכער פון דער הויט, און גיסען זיך צוזאמען אין רויטע פלעקען, ספּעציעל אויף די הענט און פיס.

געוועהנליך געפינט זיך דער אויסשיט אויף'ן גאנצען קערפּער, ספּע-ציעל אויף'ן בויך, אויף די אינערליכע זייט פון די פאָלקעס און אויף די אינערליכע זייט פון די געלענקע. דאָס פּנים איז געוועהנליך פריי פון שאר-לאך־אויסשיט, נאָר עס האָט א כאראקטעריסטישען אויסזעהן : די באקען זיינען פערפלאמט און ארום מויל אוןביידע ליפען איז א מערקווירדיגע בלייכקייט.

א גוטער ביישפּיל פון א שארלאך־פּנים איז דאָס געפארבטע פּנים פון א „סטיילישע" (מאָדישע) מיידעל, וואָס פאָלגט די געזעצע פון מאדאם מאָדע. לויט דער יעצטיגער מאָדע פארבען זיך די מיידלאך די באקען רויט און די ליפען און ארום מויל ווייס. די, וואָס האָט די ערשטע איינגע-פיהרט דיזע מאָדע, האָט וואהרשיינליך געזעהן די געזיכט פון א שארלאך קראנקען און עס איז איהר שטארק געפעלען געוואָרען. אין פערלויף פון דריי טעג צייט איז דער שארלאך אויסשיט אויף'ן קערפּער פאָלקאָם ענט-וויקעלט. (אין דיזער צייט איז די הויט עטוואָס געשוואָלען) דאן פאנגען די רויטע פינטלאך אָן לאנגזאם צו פערשווינדען.

אין דער צייט, ווען דער אויסשיט איז אויף'ן קערפּער, איז דער האלז פון קינד שטארק אָנגעגריפען און טוט וועה. די טאנסילס זיינען געשוואָ-לען. וואָס שטארקער עס איז דער אויסשיט אַלץ שטארקער זיינען די האלז-סמנים. א שארלאך־אויסשיט אָהן האלז־סמנים איז איז מעהרסטע פעלע ניט סקארלעט פיבער.

גנוועהנליך איז אין האלז רויט און אָנגעשוואָלען און די גלענדס (דריזען) אין האלז זיינען אָנגעשוואָלען און שמערצליך. ווען דער אויסשיט פערגעהט ווערט אויך אין האלז לייכטער און מיט דעם פערשווינדען פון די רויטע פינטעלאַך פערשווינדען אויך די האלז־סמנים.

די צונג איז זעהר כאראקטעריסטיש אין שארלאך. אין ערשטען טאָג פון דער קראנקהייט ווערט דער צונג בעדעקט ווי מיט א דיקע ווייסע פילץ. דעם צווייטען טאָג ציינען זיך רויטע אָנגעשוואָלענע פינטעלאַך (פאַפילי) אויף דער צונג און זיי שיינען דורך דעם קריעם־קאָלירטען שטאָף, מיט וועלכען די צונג איז פערוואקסען. מען רופט די צונג דאן די „ווייסע סטראָובערי צונג". אַן עהנליכע צונג קען מען זעהן ביי א קינד, וואָס לייי־דעט פון מאָזלען אָדער דיפטעריא. דעם דריטען טאָג פאנגט אָן די ווייסע דעק פון צונג צו פערשווינדען. צוערשט פערשווינדט זיך פון שפּיץ־צונג און פון ארום די זייטען. די צונג זעהט דאן אויס ווי דעם צווייטען טאָג פון דער קראנקהייט. נאָר דער שפּיץ צונג און די זייטען זיינען רויט, ניט ווייס. דער פיערטען טאָג פערשווינדט דער ווייסער אָנגעוואָקסענער שטאָף פון די גרעסטע טייל פון צונג, וועלכע זעהט יעצט אויס טיף רויט מיט זעהר פּראָמינענטע רויטע „פּיפּקעלאך" אָדער „פּאפּילי". אין דיזען צושטאנד איז די צונג זעהר עהנליך צו א סטראָובערי, א פּיליניצע, ערד־בערע און מען רופט זי טאקע: די „רויטע סטראָובערי צונג" אָדער די „שארלאך צונג".

שפּעטער ווערען די רויטע „פּיפּקעלאך" עטוואָס קלענער און די צונג זעהט אויס ווי א שטיק רויהע פלייש. דיזעס אויסזעהן פון צונג דויערט אמאָל פון פערטען ביז'ן זיבענטען אָדער ביז'ן ניינטען טאָג פון דער קראנקהייט.

עס זיינען דאָ אנדערע סמנים, וואָס מען געפינט אין די אורין און אין בלוט פון'ם קראנקען קינד אָבער דיזע זיינען וויכטיג בלויז פאר'ן דאָקטאָר.

אין פערלויף פון די ערשטע צוויי, דריי טעג, וועהרענד דער אויסשיט האַלט זיך אין ענטוויקלען, שטייגט די טעמפּעראטור ביז 104 גראד אָדער אפילו ביז 105 און דאָס קינד, ספּעציעל ביינאכט, ליגט ווי „פערטראָגען". ווען דער אויסשיט פאנגט אָן פערשווינדען, פאלט די טעמפּעראטור לאנגזאם יעדען טאָג א ביסעל ביז די גאנצע היץ פערשווינדעט און די טעמפּעראטור ווערט ווידער נאָרמאל.

ווען דער אויסשיט אויף'ן קערפער פאנגט אן צו פערגעהן פאנגט די
הויט אן זיך אפצושיילען. צוערשט פאנגט זיך דאס אן אויף'ן פנים, דאן אויף
די אנדערע טיילען פון קערפער אין דער זעלבער ארדנונג ווי דער שארלאך-
אויסשיט האט זיך בעוויזען. אויף'ן פנים קומט די הויט ארונטער אין קליי-
נע שטיקעלאך ווי פיינע קלייען, פון די פינגער קומט די הויט ארונטער שטי-
קערוויז, און מאנכע מאל געהט ארונטער די הויט מיט איין מאל פון גאנצע
פינגער פונקט ווי גלאווס (הענטשקע). דאס שעהלען פון די הויט דויערט
פון צעהן טעג ביז איינינע וואכען צייט.

די פארמע פון סקארלאטינא, וואס מיר האבען דא בעשריבען, איז
די געוועהנליכע לייכטע פארמע פון דער קראנקהייט. עס זיינען דא פעלע
ווען די קראנקהייט איז פיעל ערנסטער און געפעהרליכער.

אין מאנכע פעלע זיינען די סמנים פון דער קראנקהייט ביים אנפאנג
פיעל ערנסטער. דער האלז טוט וועה גלייך פון אנפאנג, דאס שלינגען איז
שווער און שמערצליך, די טאנסילס (מאנדלען) זיינען געשוואלען און טיף
רויט אדער ווייאלעט און קליינע ווייסע פינטעלאך ווערען נאכהער פערוואנ-
דעלט אין וואונדען. די דריזען אין דער נאכבארשאפט זיינען געשוואלען,
הארט און שמערצליך. דאס געזיכט איז דונקעל רויט, דער פולס איז קליין
און שנעל און די טעמפעראטור איז הויך.

דאס קינד זעהט אויס זעהר קראנק. און אין אזעלכע פעלע איז דאס
קינד אין א פיעל גרעסערע געפאהר פאר נאכוועהענישען און אויך צו פער-
לירען זיין לעבען.

אין מאנכע פעלע פאנגט שארלאך זיך אן מיט קאנוואולכיעס און א
שטארקעם ברעכען, די טעמפעראטור שטייגט ביז 106 אדער 108 גראד און
אין די מעהרסטע פעלע שטארבט דאס קינד. אין אנדערע פעלע, אויסער
די אויבען-דערמאהנטע סמנים בלוטעט אויף דאס קינד פון מויל, נאז, קיש-
קעס און אנדערע פלעצער. דאס לעבען פון קינד, וואס ליידעט פון דיזער
פארמע פון שארלאך, איז אין גרויס געפאהר.

נאכוועהענישען פון שארלאך.

די נאכוועהענישען פון שארלאך זיינען גאנץ ערנסטע. „נעפריטיס",
דער נירען-ענטצינדונג איז א זעהר אפטע נאכוועהעניש פון דיזער קראנק-
הייט און אין פיעלע פעלע איז די נירען-קראנקהייט, וואס ווערט פעראור-

זאכט פון שאַרלאַך גיפט, וואָס געפינט זיך אין קינד׳ס קערפּער, די אורזאכע פון קינד׳ס טויט.

פערשיידענע פאָרמען פון האַרץ־קראַנקהייט קענען קומען אלס דירעקטע אורזאכע פון שאַרלאַך. אין דער צייט, ווען דאָס קינד איז זעהר אָפּגעשוואכט פון דער שאַרלאַך־קראַנקהייט, קען עס לייכט קריגען אויך אַנדערע קראַנקהייטען ווי דיפטעריא, בראָנקיטיס, לונגען־ענטצינדונג און אַנדערע קראַנקהייטען. אין אַזאַ פאַל, ווען דאָס קינד איז אָפּגעשוואכט פון איין קראַנקהייט, איז זעהר שווער פאַר דעם קינד אויסצוהאַלטען צוויי קראַנקהייטען מיט איין מאָל.

איין אטאקע פון שאַרלאַך בעשיצט געוועהנליך געגען א צווייטע אטאקע. אין מאנכע פעלע קען א מענש ליידען פון א צווייטע אטאקע אָבער ערשט אין פיעלע יאָהרען ארום נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ערהאָלט פון דער ערשטער שאַרלאַך־קראַנקהייט.

אין ארום איינס פּראָצענט פון אלע שאַרלאַך־פעלע, דאָס הייסט אין איין פאַל פון הונדערט קינדער, וואָס ליידען פון דיזע קראַנקהייט, קומט א צווייטע אטאקע אין פיער אָדער פינף וואָכען ארום, נאָך איידער דער קראַנקער האָט זיך פאָלקאָמען ערהאָלט פון דער ערשטער קראַנקהייט. אין דיזען פאַל איז די צווייטע קראַנקהייט פיעל מילדער פון דער ערשטער.

ווי זיך אויסצוהיטען פון שאַרלאַך.

דער איינציגער וועג ווי אויסצוהיטען א קינד פון קריגען סקאַרלעט איז עס אָפּצוהיטען עס זאָל ניט קומען אין בעריהרונג מיט א קינד, וואָס ליידעט שוין פון דער קראַנקהייט.

גליקליכערווייזע איז דיזע קראַנקהייט ניט אַנשטעקענד איידער זי איז פאָלקאָם ענטוויקעלט. אין דיזער הינזיכט אונטערשיידעט זיך שאַרלאַך פון מאָזלען, ווייל אין מאָזלען איז די קראַנקהייט זעהר אַנשטעקענד נאָך איידער זי איז פאָלקאָם ענטוויקעלט. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס קינד, וואָס האָט שאַרלאַך, ווערט קראַנק איז יעדעס קינד, וואָס קומט אין נאָהענטער בעריהרונג מיט׳ן קראַנקען קינד, אין געפאהר זיך אַנצושטעקען מיט דער קראַנקהייט.

אויכהיטען די קינדער פון געהן אין הייזער, וואו עס געפינט זיך א פאַל פון שאַרלאַך און זיך ניט שפּילען מיט די קראַנקע קינדער פיר אַכט אָדער צעהן וואָכען נאָך דעם, ווי זיי ערהאָלען זיך פון דער קראַנקהייט, איז

דאָס בעסטע מיטעל, וואָס מיר ווייסען יעצט ווי זיך אויסצוהיטען פון קרי-
גען שארלאַך.

וואס צו טאן ווען א קינד קריגט שארלאך.

ווען א קינד ווערט שוין קראנק אויף שארלאך דארף מען עס האלטען
אין א בעזונדערען צימער אפגעזונדערט ניט נאָר פון אנדערע קינדער נאָר
אויך פון ערוואקסענע מענשען, אויסער פון דאָקטאָר און די נוירס, וואָס
דארף זיך שטענדיג געפינען נעבען קינד. די וואָס זיינען צו אָרים אָדער קע-
נען ניט צוליב אנדערע אומשטענדען געבען דעם קינד די נויטיגע אויפ-
פאסונג דארפען אוועקגעבען דאָס קינד אין א האָספיטאל פיר אָנשטעקענדע
קראנקהייטען, דאָס איז בעסער ניט נאָר פאר'ן קינד זעלבסט, נאָר אויך פאר
אלע ארומיגע קינדער.

די מעהרסטע מוטערס ווילען ניט געבען זייערע קינדער אין א האָס-
פיטאל און זיי זיינען שטארק אין כעס אויף'ן דאָקטאָר, וואָס האָט געמעל-
דעט זייער פאל אין „באָארד אָוו העלטה" און מען האָט אויפגעקלעפט א
רויטען צעטעל אויף דער טיר.

די מעהרסטע מוטערס זיינען זעהר אונצופרידען פון דיזען רויטען צע-
טעל, ווייל מען מיידעט אוים זייער שוועל און זיי פיהלען זיך ווי אויסגע-
שטויסענע פון דער געזעלשאפט. אָבער די זעלבע מוטער וואָלט געוואָ-
ען וויטהענד, ווען זי וואָלט זיך דערוואוסט, דאָס איהר קינד איז קראנק
געוואָרען און וועט פיליייכט שטארבען בלויז דערפאַר, וואָס א צווייטע נאָ-
ענטע מוטער האָט זיך געשעהמט צו האָבען א רויטען צעטעל אויף'ן טיר.
ער איינציגער אויסוועג ניט צו האָבען א רויטען צעטעל אויף דער טיר
איז צו שיקען דאָס קראנקע קינד אין האָספיטאל פאר אָנשטעקענדע קראנק-
הייטען.

סקארלעט פיבער איז אַן ערנסטע קראנקהייט און א זעהר געפעהר-
ליכע קראנקהייט. אָפטמאָל, אפילו ווען דאָס קינד ווערט געזונד איז עס אויך
ניט פריי פון די ערנסטע פאָלגען פון שארלאך. פערשיידענע צופעלע קע-
נען זיך מאכען. די גאנצע צייט פון דער קראנקהייט מוז מען שטריינג אַכ-
טונג געבען אויף'ן קינד'ס האלז, אויף'ן הארץ, אויף די אויערען און אויף די
נירען. דאָס קינד מוז געהאלטען ווערען אַזוי בעקוועם ווי מעגליך און ווי
ווייט נאָר מעגליך מוז מען עס בעשיצען געגען קאָמפּליקאַציעס. דאָס קען

געטאָן ווערען נאָר ווען דאָס קינד איז די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר.

דאָס קינד מוז בלייבען אָפּגעזונדערט פאַר זעקס אָדער אַכט וואָכען, און יעדע זאַך, וואָס קומט אין צימער פון קראַנקען מוז דיסאינפעקטירט ווערען איידער מען געברויכט עס נאָך אַמאָל. דאָס איז נויטיג כדי צו פערניכטען די מיקראָבען פון שאַרלאַך, וואָס האָבען זיך פיליכט אָנגעזאַמעלט אויף דיזען געגענשטאַנד. די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט מוז דאָס קינד זיין אונטער דער אויפזיכט פון אַ נוירס, וואָס קען דורכפיהרען אַלע פאַרשריפטען פון דאָקטאָר.

שאַרלאַך איז אַ זעהר ערנסטע און געפעהרליכע קראַנקהייט און אין די מעהרסטע פעלע איז עס אויך אַ קאָסטבאַרע קראַנקהייט.

זיך צו פערלאַזען אויף באַבסקע רפואות אין דיזען פאַל מיינט ניט נאָר צו שטעלען אין געפאַהר דאָס לעבען פון קראַנקען קינד, נאָר צו שטעלען אין געפאַהר אויך דאָס געזונד און לעבען פון אַנדערע קינדער. און קיינער האָט קיין רעכט צו שטעלען אין געפאַהר פרעמדע קינדער אפילו ווען מיר זאָלען שוין צוגעבען, דאָס איבער זייערע אייגענע קינדער האָבען די עלטערען אַ רעכט צו ענטשיידען וואָס איז בעסער פאַר זיי. ווען מען קען ניט אויספיהרען צו געבען אַ קראַנקען קינד די בעסטע פפלעגע אין הויז דאַרף מען דאָס קינד שיקען אין אַ האָספּיטאָל. נאָר אויף אַזאַ אופן איז מעגליך אויסצוהיטען אַנדערע קינדער פון קריגען שאַרלאַך.

דיפטעריא.

וואָס די קראַנקהייט איז — די באַצילען, וואָס פערורזאַכען די קראַנקהייט — ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך — מענשען, אויף וועמען דיפטעריא האָט קיין שליטה ניט — די רפואה צו דיפטעריא — אַנטי-טאָקסין — וואָס דיזער געגען-גיפט איז — ווי אַזוי ער ווערט געשאַפען — די בעסטע צייט, ווען צו בענוצען דיזען זיכערסטען מיטעל געגען דער קראַנקהייט.

דיפטעריא איז שוין זעהר אַן אַלטע קראַנקהייט, וואָס אטאַקירט מעהר-סטענס יונגע קינדער. עפּידעמיעס פון דיפטעריא האָבען פּאַסירט נאָך אין אַלטערטום און אין מיטעלאַלטער, און ביז היינטיגען טאָג צעהלען זיך די קרבנות פון דיפטעריא אין די הונדערטע טויזענדע.

אפילו ביי היינטיגען טאָג, טראָץ אונזער גענויע בעקאַנטשאַפט מיט דיזער קראַנקהייט און די זיכערע מיטלען, וואָס מיר האָבען געגען דיפטעריאַ, איז די צאָהל קרבנות פון דיזער קראַנקהייט, בלויז אין ניו יאָרק סטייט, צוואַנציג טויזענד יעדען יאָהר און ארום צוויי טויזענד פון זיי שטאַרבען.

ביז מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק האָט מען ניט געוואוסט גענוי די אמת'ע אורזאַכע פון דיפטעריאַ. קעלט, נעץ, שלעכטע גערוכען, אומריינליכקייט און פיעלע אנדערע אורזאַכען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פאַר דיזער קראַנקהייט, אָבער טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען דיזע אורזאַכען צו בעזייטיגען, איז די צאָהל דיפטעריאַ קרבנות ניט קלענער געוואָרען.

אין די הונדערטע טויזענדע האָבען זיך דיזע קרבנות געצעהלט אין יעדען לאַנד. אין די מילדע עפּידעמיעס זיינען ארום צוואַנציג פּראָצענט (אָדער איינער פון יעדע פינף) פון די קראַנקע געשטאָרבען, אין שטאַרקערע עפּידעמיעס זיינען בלויז צוואַנציג אָדער זאָגאַר פופצעהן פּראָצענט פון די

קראַנקע לעבען געבליבען. דורכשניטליך זיינען העכער אַ העלפט פון אַלע קראַנקע געשטאָרבען.

און דער טויט פון דיפטעריאַ איז אַ שרעקליכער. דאָס קינד ווערט לאַנגזאַם דערשטיקט דערפון, וואָס די לופט-רעהרען, דורך וועלכע עס אָטהעמט, ווערען פערלעגט. ווער עס האָט ווען עס איז געזעהען די שוידער-ליכע סצענע ווי אַ קינד שטאַרבט פון דיפטעריאַ, ווער עס קען זיך בלויז פאָרשטעלען די ליידען פון אַ מוטער אָדער פאָטער, ווען זיי זעהען ווי זייער קינד מוטשעט זיך און ווערט לאַנגזאַם דערשטיקט פאַר זייערע אויגען און קיין מאַכט אין דער וועלט קען עס ניט רעטען, און ווער עס האָט נאָך דאָבייַ אין זינען, דאָס אַזעלכע סצענעס פּאַסירען אין די טויזענדע אויף יעדען ווינקעלע פון ערד-קוגעל, דער וועט וויסען ווי ריכטיג אָפּצושאַצען די אייַ-דעלע געפיהלען פון די „אַנטיוויוויסעקשאַניסט" (צער בעלי חיים'ניקעס). די איידעלע דאַמען און הערען, וואָס פיהרען אָן אַ שטאַרקען קאַמף צו פער-וועהרען וויסענשאַפטלייטע צו מאַכען עקספּערימענטען אויף חיות און זיי אָנשטעקען מיט פערשיידענע קראַנקהייטען. אַ דאַנק אַזעלכע עקספּערימענ-טען איז געלונגען אויסצוגעפינען ניט נאָר די אמת'ע אורזאַכע פון דיפטעריאַ, נאָר אויך אַ זיכערען מיטעל ווי די קראַנקהייט צו בעקעמפען.

ביי היינטיגען טאָג קען כמעט יעדעס קינד, וואָס קריגט דיפטעריאַ, גערעטעט ווערען אויב מען פערכאַפּט עס נאָר באַלד, ווי דאָס קינד ווערט קראַנק. כמעט יעדעס קינד, וואָס שטאַרבט יעצט פון דיפטעריאַ איז אַ קרבן פון אימיצענ'ס נאַכלעסיגקייט.

די אמת'ע אורזאַכע פון דיפטעריאַ.

די אמת'ע אורזאַכע פון דיפטעריאַ איז ניט געווען בעקאַנט ביז'ן יאָהר 1883. אין יענעם יאָהר האָט דער באַקטעריאָלאָגיסט (איינער וואָס גיט זיך אָפּ מיט שטודירען דעם לעבען פון באַצילען) קלעבס, ענטדעקט אַ בעשטימטע סאָרט באַצילען, וואָס איז אַנוועזענד אין יעדען פאַל פון דיפ-טעריאַ. מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער, האָט אַ צווייטער באַקטעריאָלאָ-גיסט, לעפלער, געמאַכט די זעלבע ענטדעקונג און האָט דערצו אויסגעפונען נאָך איניגע פאַקטען וועגען דיזע באַצילען. פון דאַן אָן רופט מען דיפ-טעריאַ באַצילען נאָך'ן נאָמען פון די צוויי וויסענשאַפטס-לייטע קלעבס לעפלער.

אונצעהליגע עקספערימענטען זיינען שוין זייט דאן געמאכט געוואָרען און ביי היינטיגען טאָג איז שוין ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט, דאָס דיזע באצילען זיינען די אמת'ע אורזאכע פון דיפטעריא.

דורך א גענויע שטודיום וועגען ארט לעבען און געוואוינהייטען פון דיזע באצילען און ווי אזוי זיי אטאקירען דעם קראנקען איז מעגליך געווען נאכהער צו ענטדעקען איינע פון די ווירקזאמסטע וואפען, וואָס די דאָק־טוירים פערמאָגען יעצט אין'ם קאמף געגען דיזער קראנקהייט — די אנטי טאָקסין אָדער געגען־גיפט צו דיפטעריא.

ווי אזוי די קראנקהייט פערשפרייט זיך.

דורך די ענטדעקונג פון די קלעבס־לעפלער אָדער דיפטעריא באצילען איז מעגליך געווען זיך נעהענטער צו בעקענען מיט דער ארט און ווייזע ווי אזוי דיזע באצילען פערשפרייטען זיך פון איין מענשען צום אנדערען. דורך עקספערימענטען מיט די באצילען אין דער לאבאראטאריע האָט מען אויסגעפונען, דאָס דיזע מיקראָבען גלייכען פייכטקייט און פינסטערניש. אין א טרוקענער לופט און אונטער זונען־שטראַלען שטארבען די מיקראָבען אין א צוויי־דריי טעג צייט. אין א פייכטער פינסטערער אומגעבונג קענען זיי לעבען איינינע וואָכען צייט.

דאָס צייגט, אז הויז־ארטיקלען אָדער ביכער, וואָס ווערען געהאלטען טרוקען און אין דער ליכטיגקייט קענען בלויז זעלטען זיין אגענטען, וואָס זאָלען פערשפרייטען די באצילען פון'ם קראנקען צו געזונדע מענשען. די מעהרסטע באצילען געפינען זיך אין מויל, האלז און נאָז פון קראנקען. ווען ער הוסט, ניסט אָדער רעדט, פערשפרייט דער קראנקער ארום זיך אונצעה־ליגע קליינע טראָפּעלאך שפייעכץ אָדער שליים און אין יעדען פון דיזע פייכטע טראָפּעלאך געפינען זיך גאנצע מחנות באצילען.

די מענשען, וואָס שטעהען נאָהענט צום קראנקען, ווי די מיטגלידער פון זיין פאמיליע, דער דאָקטאָר, די נוירס, אָדער די ארטיקלען, וואָס דער קראנקער געברויכט, ווי לעפעל, גלעזער, אָדער שפיל־צייג, וואָס ער נעהמט אין מויל, ווערען מעהרסטענס אָנגעשטעקט מיט די דיפטעריא באצילען. די מענשען, וואָס ווערען אויף אזא ארט אָנגעשטעקט מיט די דיפטעריא באצילען ווערען אליין קראנק אָדער שטעקען אָן אַנדערע מיט דער קראנקהייט און פון די געשיר אָדער שפיל־צייג, וואָס איז פערפעסטעט מיט די באצילען, שטעקען זיך אָן מיט דער קראנקהייט די, וואָס געברויכען זיי נאָך'ן קראנקען.

ווען די באצילען קומען אריין אין האלז פון קינד דויערט געוועהנליך איינינע טעג צייט ביז זיי שאפען גענוג גיפט אין קערפער צו פעראורזאכען די קראנקהייט. אונטער דיזער צייט איז דאס קינד „פאלקאם" געזונד. עס געהט אין סקול (שוהלע) אדער אין גאס צווישען אנדערע קינדער און ווי אלע קינדער נעהמט עס יערע זאך אין מויל אריין. עס פאסירען אויך מילדע דיפטעריא פעלע, ווען דאס קינד איז ניט שטארק קראנק און עס ליגט ניט צו בעט אפילו ווען די קראנקהייט איז פאלשטענדיג ענטוויקעלט. יעדע זאך, וואס אזא קינד נעהמט אין מויל אריין ווערט אנגעשטעקט מיט דיפ־טעריא באצילען און אויב א צווייטעס קינד קריגט א לעק טאן דאס שטיקעל קענדי (צוקערקע), וואס דאס אנגעגריפענע קינד האלט אין מויל, אדער עס נעהמט אין מויל אריין א בליישטיפט אדער אירגענד וועלכע שפיל־צייג, וואס דאס אנגעגריפענע קינד האט פריהער געהאלטען אין מויל, ווערט דיזעס צווייטע קינד אנגעשטעקט מיט דיפטעריא.

יעדעס מאל וואס דאס קראנקע קינד הוסט אדער ניסט פערשפרייט עס ארום זיך מיליאנען באצילען און די אנדערע קינדער פערשטעהען ניט גענוג זיך צו היטען אום ניט בעשפריצט צו ווערען מיט די שפייעכץ אדער שליים פון'ם קינד.

די גרעסטע צאהל דיפטעריא קראנקע זיינען קינדער פון 2 ביז 5 יאהר אלט און דאס איז די צייט, ווען קינדער זיינען אם מעהרסטען גענייגט צו נעהמען יעדע זאך אין מויל. מעגליך אז דערפאר טאקע ליידען ערוואקסע-נע מענשען וועניגער פון דיפטעריא, ווייל זיי קומען ניט אין אזא אינטימער בעריהרונג איינער מיט'ן אנדערען ווי קליינע קינדער. א מוטער קען אפט מאל פערשפרייטען די קראנקהייט פון איין קינד צום אנדערען דורך קושען א קראנקעס קינד, וואס ליידעט פון דיפטעריא און נאכהער קושען א גע-זונדעס קינד.

פיעלע עלטערן זיינען שטארק דאגענען, ווען א דאקטאר מעלדעט דער באארד אוו העלטה וועגען א דיפטעריא פאל אין זייער פאמיליע. אן אינ-ספעקטאר פון די באארד אוו העלטה קומט גלייך און קלעפט אן א דיפטע-ריא־צעטעל אויף'ן טיר און אלע אנדערע איינוואוינער היטען זיך פון אריינ-געהן אין הויז פון קראנקען. די עלטערען זיינען שטארק דאגענען דיזע האנדלונג פון דאקטאר, דערפאר וואס פאר א קורצע צייט מיידעט מען אויס זייער וואוינונג. אבער א דאנק דיזען דיפטעריא־צעטעל אויף'ן טיר, ווערען צעהנדלינגע און פיליכט הונדערטע אנדערע קינדער פערהיט פון קריגען דיפ-

טעריא אויף א דירעקטען אָדער אינדירעקטען אופן. וועלכע מוטער וואָלט עס וועלען, דאָס איהר קינד זאָל זיך אָנשטעקען מיט דיפטעריא באַצילען בלויז דערפאַר, וואָס אן אנדער פרוי וויל ניט האָבען די ליכטע אונאַנגענעמ־ליכקייט פון האָבען א דיפטעריא־צעטעל אויף איהר טיר?

ווען די דיפטעריא באַצילען קומען אריין אין קערפּער.

ווען די באַצילען כאַפּען זיך אריין אין דעם קינד'ס קערפּער, געוועהנ־ליך דורך'ן מויל, זיינען זיי צו קליין אין צאָהל זיי זאָלען קענען פּעראורזאַ־כען פיעל שאָדען. די באַצילען בעזעצען זיך דאן געוועהנליך אין האַלז, אויף די טאָנסילס אָדער אין מאַנכע פעלע אין דער נאָז.

איינינע טעג צייט פערברייננען דיזע באַצילען אין פערמעהרען זיך און אין אויסארבייטען גיפטען. דיזע גיפטען ווערען איינגעזאַפּט אין'ם בלוט און צופיהרט איבער'ן גאַנצען קערפּער. די באַצילען זעלבסט פערבלייבען אויף איין פּלאַץ, זייער גיפט פערשפּרייט זיך אָבער איבער'ן גאַנצען קערפּער.

ווען עס זאַמעלט זיך אָן אין קערפּער גענוג גיפט פאַנגט דעם קינד אָן וועה צו טאָן אין האַלז, שלינגען ווערט שמערצליך, עס קריגט היץ, דאָס קינד ווערט בלייך און שוואַך. ווען מען קוקט אריין אין האַלז פון קינד זעהט מען ווי די אינערליכע הויט פון האַלז איז רויט און אָנגעשוואָלען און די טאָנסילס אָדער פּילייכט אויך די ארומיגע פלעצער פון האַלז און אין מאַנכע פעלע די הינטערשטע טייל פון גומען איז בעדעקט מיט גרויע פאַלשע הויט. דיזע פאַלשע הויט שוויבעלט און גריבעלט מיט דיפטעריא־באַצילען.

אין א זעהר ליכטען פאַל געדויערט די קראַנקהייט א דריי אָדער פיר טעג און די היץ פערשווינדעט, דאָס קינד קריגט צוריק אַפּעטיט צו עסען, די פאַלשע הויט פון האַלז פערשווינדעט און דאָס קינד פאַנגט אָן זיך צו ערהאָ־לען פון דער קראַנקהייט.

אין אנדערע פעלע זיינען אַלע סמנים פיעל ערגער, ווי אין אויבען־דערמאָהנטען פאַל. די דיפטעריא־הייטעל אין האַלז פערשפּרייט זיך אויף א גרויסע שטרעקע און דרינגט אריין אויך אין דער נאָז, דאָס קינד איז זעהר שוואַך און קראַנק און ליידעט שרעקליכע קאָפּ־שמערצען. שלינגען איז כמעט אונמעגליך און עס פעראורזאַכט ברעכען, פון קינד'ס מויל הערט זיך א שלעכטער גערוך און עס געהט ביי איהם אָפּט בלוט פון מויל אָדער נאָז. דיזע פאָרמע פון דער קראַנקהייט איז א זעהר ערנסטע און פיעלע קינדער, וואָס קריגען עס שטאַרבען.

עס איז דאָ א דריטע פאָרמע פון דער קראנקהייט, אין וועלכע דאָס קינד איז אין א בעוואוסטלאָזען צושטאנד און די מעהרסטע פון דיזע קראנק־קע שטארבען.

די פאָרמע פון דער קראנקהייט ווענדעט זיך אָן דער גיפטיגקייט פון די באצילען, אָן דער מאָס גיפט, וואָס זיי ארבייטען אויס און אָן דער ווי־דערשטאנדס־קראפט פון'ם קינד'ס קערפּער צום גיפט פון די באצילען.

פאראן קינדער, וואָס בעזיצען אין זייער בלוט א גענוגענדע דאָזע גע־גען־גיפט נעגען דעם גיפט פון די דיפטעריא־באצילען. אויף אזא אופן האָ־בען די באצילען אויף זיי קיין שום ווירקונג ניט. פאראן אזעלכע שוואכע קינדער, וואָס קענען ניט אויסהאלטען די גיפט, וועלכע די באצילען פּראָדו־צירען און דיזע קינדער שטארבען פון דער קראנקהייט.

ניט אלע דיפטעריא־קראנקע, וואָס בלייבען לעבען, ווערען פּאָלקאָם געזונד. מאנכע פון זיי ליידען פון פּאראליזים, אנדערע פון בלוט־ארמוט, ביי מאנכע ווערען די לונגען אָנגעגריפען און זיי ליידען פון לונגען־ענט־צינדונג, ביי אנדערע ווערען די נירען אָדער דאָס הארץ אָנגעגריפען. אין בעסטען פאל איז דיפטעריא א זעהר ערנסטע און געפעהרליכע קראנקהייט.

אנטיטאקסין.

אזוי שנעל ווי מען האָט אויסגעפונען, אז די קלעבס־לעפלער באצילען זיינען די אורזאכען פון דיפטעריא און דאָס די קראנקהייט ווערט פעראור־זאכט ניט פון די באצילען זעלבסט נאָר פון'ם גיפט, וואָס זיי פּראָדוצירען, האָט מען אָנגעפאנגען זוכען מיטלען ווי אזוי די קראנקהייט צו בעקעמפען דורך אונשעדליך מאכען זייער גיפט.

עקספּערימענטירענדיג אין די לאבאָראטאָריעס מיט פערשיידענע חיות, הויפּטזעכליך מיט „גיני־פּיגס" (א זיד־אמעריקאנער קראָליקעל) האָט מען בעמערקט, דאָס ווען מען שפּריצט איין אין אזא חיה'לע א קליינע דאָזע דיפטעריא־באצילען, וואָס זיינען ניט לעבענס־געפעהרליך, וועט די גיני פּיג נאָך'ן ערהאָלען זיך פון דער קראנקהייט קענען אויסהאלטען א גרעסערע דאָזע באצילען און ניט קראנק ווערען. אויף אזא ארט קען מען ביסלעכ־ווייז פערגרעסערען די דאָזע באצילען ביז ענדליך קען מען איינשפּריצען אין דיזען גיני פּיג אזא גרויסע דאָזע באצילען, וואָס וואָלטען זיכער געטויטעט די זעלבע חיה'לע, אויב זי וואָלט ניט געווען געקראַנקען פריהער די קלענערע דאָזעס באצילען.

ווי אזוי קען מען ערקלערען דיזע ערשיינונג?

די טעאָריע, וואָס זוכט צו ערקלערען ווי אזוי די קליינע דאָזעס באַצילען קענען רעטען דאָס לעבען פון דער חיה און זי בעשיצען געגען גרעסערע דאָזעס באַצילען איז ווי פאָלגט:

ווען די באַצילען שיקען ארויס זייער גיפט אָדער „טאָקסין", ווערט דער גיפט איינגעזאַפּט אין'ם בלוט פון דער חיה אָדער פון מענשען, אין וועלכע די באַצילען געפינען זיך, און דאָס בלוט צופיהרט דעם גיפט איבער אַלע טיילען פון קערפּער. די צעלען פון קערפּער, ווערענדיג גערייצט פון דיזען גיפט, פּראָדוצירען א געגען־גיפט, אָדער „אנטי טאָקסין". דיזער געגען־גיפט ווערט אויך איינגעזאַפּט אין'ם בלוט און צופיהרט איבער'ן גאַנצען קערפּער. ווי נאָר דער געגען־גיפט באַגעגענט דעם גיפט פון די דיפטעריא באַצילען ווערט דער גיפט אונשעדליך, דער געגען־גיפט פערניכטעט איהם.

דיזער געגען־גיפט אָדער אנטיטאָקסין, שווימט ארום פריי אין בלוט אויף א קורצע צייט נאָך דעם, ווי דער גאַנצער גיפט פון די דיפטעריא־באַצילען איז שוין ניטאָ און דארום, ווען פרישע באַצילען קומען אריין אין קערפּער און פאַנגען אָן צו פּראָדוצירען זייער גיפט, האָט דער גיפט קיין ווירקונג ניט, ווייל ער ווערט פערניכטעט פון'ם געגען־גיפט, וואָס געפינט זיך אין'ם בלוט.

עקזאַמענירענדיג דאָס בלוט פון מענשען און חיות, וואָס ערהאָלען זיך פון דיפטעריא־קראַנקהייט, האָט מען אויסגעפונען, אז דאָס בלוט פון אזעלכע פערזאָנען אָדער חיות איז ווירקליך אימשטאַנדע צו פערניכטען די טאָקסינס אָדער גיפטען פון די דיפטעריא־באַצילען.

די פּראָבלעמע צו בעקעמפען די דיפטעריא־באַצילען איז דערמיט געלעזט געוואָרען. די בעסטע, שטאַרקסטע און ווירקזאַמסטע וואָפע געגען דיפטעריא איז דאָס ארייננשפּריצען אין'ם קראַנקען דעם בלוט סערום, פון א חיה, וואָס האָט זיך נאָר וואָס ערהאָלט פון דיפטעריא־קראַנקהייט.

אנטיטאָקסין איז ענטדעקט געוואָרען פון א געלערנטען מיט'ן נאָמען בעהרינג אין יאָהר 1890. און זייט מען האָט אָנגעפאַנגען צו געברויכען אנטיטאָקסין איז די צאָהל שטערבע־פעלע צווישען דיפטעריא־קראַנקע ארונטערגעפאַלען פון פינף און פופציג פּראָצענט אויף זעכצעהן און אין מאַנכע פעלע אויף צעהן פּראָצענט.

דער גאנג פון דער קראנקהייט און די געפאהר פאר'ן דיפטעריא־קראנ־קען ווענדעט זיך אָן דעם ווי שנעל ער קריגט די אנטיטאָקסין. וואָס פריהער ער קריגט די איינשפריצונג פון אנטיטאָקסין אַלץ בעסער. ווי נויטיג עס צו געברויכען אנטי טאָקסין גלייך אין אָנפאנג פון דער קראנקהייט קען מען זעהן פון פאָלגענדען בעריכט פון איין האָספיטאל:

פון 187 קראנקע פעלע, וואו קינדער האָבען געקראָגען אנטי טאָקסין דעם ערשטען טאָג פון דער קראנקהייט, איז קיין איין קינד ניט געשטאָרבען.

פון 1186 קראנקען־פעלע, וואו די קינדער האָבען געקראָגען אנטי־טאָקסין דעם צווייטען טאָג פון דער קראנקהייט, זיינען פיער און א האלב פראָצענט פון די קינדער געשטאָרבען.

פון 1233 קינדער, וואָס האָבען געקראָגען אנטי טאָקסין דעם דריטען טאָג פון דער קראנקהייט, זיינען עלף פראָצענט געשטאָרבען.

פון 963 קינדער, וואָס האָבען ניט געקראָגען קיין אנטי טאָקסין ביז'ן פערטען טאָג פון דער קראנקהייט, זיינען זיבעצעהן פראָצענט געשטאָרבען.

און פון 1260 קינדער, וואָס האָבען ניט געקראָגען קיין אנטי טאָקסין ביז'ן פינפטען טאָג פון דער קראנקהייט, זיינען צוואנציג פראָצענט גע־שטאָרבען.

דיזער רעקאָרד, וואָס איז בלויז איינער פון פיעלע, צייגט אז וואָס פריהער מען געברויכט די אנטיטאָקסין אַלץ זיכערער איז דאָס קינד צו בליי־בען לעבען. און דערפאר טאקע רעקאָמענדירט דר. וויליאם ה. פארק, הויפט־באקטעריאָלאָג פון ניו יאָרק העלטה דעפארטמענט, צו געבען דעם קינד אנטי־טאָקסין אזוי שנעל ווי דער דאָקטאָר פערדעכטיגט נאָר, אז דאָס קינד ליידעט פון דיפטעריא, נאָך איידער מען האָט געפונען די דיפטעריא באצילען אין קינד'ס האלז.

מיר ווייסען, דאָס פיעלע דאָקטוירים, ספעציעל צווישען אידען הא־בען גרויסע צרות איידער זיי געלינגט איינצורעדען די עלטערן פון קינד, זיי זאָלען לאָזען איינשפריצען דעם קינד אנטיטאָקסין, און אויב דער בע־ריכט פון די באָארד אוו העלטה, וואָס זיי ערהאלטען, לויטעט, דאָס מען האָט ניט געפונען קיינע דיפטעריא באצילען אין'ם סעמפעל, וואָס דער דאָקטאָר האָט צוגעשיקט, האלטען זיי דיזען דאָקטאָר פאר א פארטאטש, וואָס האָט זיי פעראורזאכט אומזיסטע טראָבעל און אויסגאבען. דער אמת איז, דאָס באלד אין אָנפאנג פון דער קראנקהייט איז זעהר שווער צו קריגען דיפטעריא

אצילען אין קינד'ס האלז און אויב דער דאָקטאָר זאָל ווארטען ביז ער וועט
כבער קע̇נען געפינען דיפטעריא באצילען איידער ער וועט געבען די אנטי-
אָקסין, שטעלט ער דאָס לעבען פון קינד אין געפאהר.

עלטערן דארפען דארום דאנקבאר זיין דעם דאָקטאָר, וואָס גיט זייער
ינד בעצייטענס די אנטיטאָקסין אוןווארט ניט צו לאנג, ניט נאָר ניט
ין כעס אויף איהם.

די געפאהר פון אנטיטאקסין.

יינען דאָ געוויסע פערזאָנען, וואָס קעמפען געגען אנטיטאָקסין
ון ראטען עלטערן זיי זאָלען אויף קיין פאל ניט לאָזען, מען זאָל זייערע
ינדער איינשפריצען אנטיטאָקסין, ווייל דאָס קינד קען נאָך שטארבען
ערפון.

דער אמת איז, דאָס אין איין פאל פון יעדע צעהן טויזענד פעראור-
זכט די אנטיטאָקסין א לייכטע ענטצינדונג און איין קינד פון יעדע פופצי;
ויזענד, וואָס קריגען די איינשפריצונג שטארבט. דאָס איז דערפאר, וואָס
יזע קינדער קענען ניט פערליידען אין זייער בלוט קיין בלוט=סערום פון
פערד, און ווען מען זאָל זיי איינשפריצען ריינעם סערום וואָלטען זיי
ייך געשטאָרבען.

פערגלייכט דיזע געפאהר מיט דער ריזיגער צאָהל לעבענס, וואָס די
נטיטאָקסין האָט שוין גערעטעט און רעטען יעדען טאָג און אורטיילט אליין
די געגנערס פון אנטיטאָקסין זיינען גערעכט.

איידער מען האָט געברויכט אנטיטאָקסין פלעגען שטארבען העכער
העלפט פון אלע, וואָס זיינען קראנק געוואָרען אויף דיפטעריא. זייט מען
אָט אנגעפאנגען געברויכען אנטיטאָקסין שטארבען בלויז איינער פון צעהן
ראנקע, און די גרעסטע צאָהל פון דיזע טויטען=פעלע פאסירען דערפאר,
אָס מען האָט בעצייטענס ניט איינגעשפריצט די אנטיטאָקסין.

א דאנק די אנטיטאָקסין איז אויך מעגליך יעצט צו פערזיכערען קראנ-
ן געגען קריגען דיפטעריא ניט נאָר צו קורירען די קראנקהייט. אנטי-
אָקסין אַן און פאר זיך איז אבסאָלוט אונשעדליך. אויב אייער קינד האָט
פטעריא און איהר לאָזט איהם גלייך אין אָנפאנג פון דער קראנקהייט איינ-
פריצען אנטיטאָקסין, האָט עס העכער ניינציג פראָצענט אויסזיכטען צו
ייבען לעבען און זיין געזונד. עס האָט אויך איינעם פון פופציג טויזענד

אויסזיכטען צו שטארבען פון דער איינשפּריצונג. אויב איהר לאָזט ני
דעם קינד איינשפּריצען אַנטיטאָקסין, אָדער איהר ווארט ביז עס איז צ
שפּעט, האָט אייער קינד וועניגער ווי פופציג פּראָצענט אויסזיכטען צ
בלייבען לעבען און אויך דאן קען עס ליידען פון גאנץ ערנסטע נאָכוועהעניש
יעדער מענש מיט א געזונדען פערשטאנד מוז דארום אויסקלייב
די אַנטיטאָקסין איידער צו שטעלען דאָס לעבען פון זיין קינד אין אזא
געפאהר.

מענשען, וואס זיינען בעווארענט געגען דיפטעריא.

דיפטעריא אַנטיטאָקסין איז ניט נאָר די בעסטע רפואה געגען דע
קראנקהייט ווען זי עקזיסטירט שוין, נאָר עס איז אויך דאָס בעסטע מיטע
צו פערהיטען, אַז די קראנקהייט זאָל זיך ניט ענטוויקלען. אויב איינער
וואָס איז אויסגעזעצט דער געפאהר זיך אַנצושטעקען מיט די דיפטערי
באַצילען, קריגט אַן איינשפּריצונג פון אַנטיטאָקסין, איז ער בעוואָרענט ני
צו קריגען די קראנקהייט אפילו ווען א געוויסע צאָהל פון די דיפטערי
באַצילען כאַפּען זיך אריין אין האלז פון אזא מענשען און פאנגען אָן צ
פּראָדוצירען זייער טאָקסין אָדער גיפט. דיזער גיפט ווערט גלייך געמאכ
אונשעדליך פון'ם אַנטיטאָקסין, וואָס געפינט זיך אין דיזען פערזאָן'
קערפּער.

מאנכע מענשען ווערען ניט קראנק אָבוואָהל זיי האָבען דיפטעריא בא
צילען אין זייער האלז און האָבען ניט געקראָגען קיין אַנטיטאָקסין. או
טערזוכונגען האָבען שוין פיעלע מאָל בעוויזען, דאָס מאנכע געזונטע מענש
האָבען דיפטעריא באַצילען און וויסען גאָר ניט דערפון. ווען מען עקז
מענירט די בלוט פון דיזע מענשען געפינט מען אויס דאָס זיי בעזיצען
געניגענדע מאָס אייגענעם אַנטיטאָקסין און דערפאר קענען זיי ביישטע
דעם אָנגריף פון די דיפטעריא־באַצילען.

די מעהרסטע ערוואקסענע מענשען און א גרויסע צאָהל קינדער ב
זיצען דיזע נאַטירליכען אַנטיטאָקסין און זיי דארפען זיך ניט שרעקען פא
דער קראנקהייט, ווייל די דיפטעריא באַצילען האָבען אויף אזעלכע מענש
קיין שליטה ניט.

עס אויך דאָ א זעהר לייכטער וועג ווי אזוי אויסצוגעפינען אויב אי
נער בעזיצט אזא נאַטירליכען אַנטיטאָקסין אין זיין בלוט אָדער ניט.

מעטאָדע, דורך וועלכע מען געפינט עס אויס, רופט מען „שיק פּראָבע".
ריזע פּראָבע בעשטעהט אין אריינשפּריצען אין דער הויט (ניט הינטער דער
הויט) א זעהר קליינע דאָזע דיפטעריא טאָקסין. אין פערלויף פון אכט און
פערציג שטונדען צייט, אויב דער פּערזאָן בעזיצט ניט קיין נאַטירליכען אנ-
טיטאָקסין, ווערט א לייכטע ענטצינדונג אויף דעם פּלאַץ פון דער איינ-
שפּריצונג. די ענטצינדונג איז ניט קיין ערנסטע, זי פערנעהמט בלויז א
פּלאַץ, וואָס איז גרויס ווי א פינף סענט שטיק (א גראָשען) און פערשווינ-
דעט אין אייניגע טעג ארום. אויב דער פּערזאָן בעזיצט יע א נאַטירליכען
אנטיטאָקסין האָט די איינשפּריצונג קיין ווירקונג ניט.

א דאנק דיזער פּראָבע קען מען גאַנץ לייכט און שנעל אויסגעפינען
אויב די פּערזאָנען, וואָס זיינען אויסגעזעצט דער געפאַהר פון אָנשטעקען
זיך מיט דיפטעריא באַצילען זיינען פערזיכערט געגען דער קראַנקהייט אָדער
ניט.

ווען עס ברעכט אויס צום ביישפּיל א דיפטעריא-עפּידעמיע אין א האָס-
פּיטאַל, וואו עס געפינען זיך פיעלע קינדער, מאַכט מען אויף אַלע קינדער
די „שיק פּראָבע". די קינדער, וואָס צייגען, דאָס זיי בעזיצען א גענוגענדע
מאָס נאַטירליכען אנטיטאָקסין, לאָזט מען אין די זעלבע וואָרדס מיט די
קראַנקע, ווייל מען ווייס, אז זיי זיינען אויסער געפאַהר. די וואָס צייגען,
דאָס זיי האָבען ניט קיין נאַטירליכען אנטיטאָקסין, קריגען גלייך אַן איינ-
שפּריצונג פון אנטיטאָקסין.

דאָס זעלבע ווערט געטאָן אין יעדען פאַל פון דיפטעריא אין א פּרי-
וואַט הויז. אויב די, וואָס געהען ארום קראַנקע אָדער קומען מיט איהם
אין נאָהענטע בעריהרונג, ווילען זיין זיכער געגען דיפטעריא, דאַרפען זיי
גלייך אויסגעפינען אויב זיי בעזיצען אנטיטאָקסין אין זייער בלוט אָדער
ניט. דאָס קען מען אויסגעפינען דורך דער „שיק פּראָבע". אויב זיי בע-
זיצען ניט קיין אנטיטאָקסין אין זייער בלוט, דאַרפען זיי זיך לאָזען איינ-
שפּריצען א דאָזע אנטיטאָקסין און דאָס וועט זיי פערזיכערען געגען דער
קראַנקהייט אפילו ווען זיי זאָלען זיך אָנשטעקען מיט די דיפטעריא באַצילען.

ווי צו פערהיטען א קינד פון דיפטעריא.

די הויפּט-פערשפּרייטער פון דער קראַנקהייט זיינען די קינדער, וואָס
האָבען דיפטעריא אין אזא לייכטע פאָרמע, דאָס זיי זיינען ניט ערנסט קראַנק
און ליגען ניט צו בעט. אזעלכע קינדער פערשפּרייטען די דיפטעריא באַ-

צילען צווישען די קינדער, מיט וועלכע זיי שפּילען זיך. ווען א קינד קומ איבער בשלום א דיפטעריא אטאקע האָט עס נאָך אין האלז און אין נאָ דיפטעריא באַצילען אָפטמאָל פאַר מאָנאַטען נאָכאַנאַנד און אלע, וואָס ק מען אין נאָהענטע בעריהרונג מיט'ן קינד, קענען זיך אָננעהמען מיט דע קראַנקהייט אָדער זי פערשפּרייטען צווישען אנדערע.

ערוואַקסענע מענשען ליידען פיעל ווייניגער פון דיפטעריא. ווי קינדע אָבער ניט יעדער ערוואַקסענער מענש איז בעוואָרענט געגען דיזע קראַנקהייט.

יונגע קינדער נעהמען יעדע זאַך אין מויל אריין, און עס איז כמע אונמעגליך זיי אָפּצוגעוועהנען דערפון. דאָס נעהמען יעדע זאַך אין מוי אריין איז א ירושה פון'ם ווילדען מענשען, וועלכער האָט פּרובירט יעד זאַך, אויב עס קען ניט דינען אלס שפּייז. עס איז דארום כמעט אונמעגלי איינצוהיטען קליינע קינדער פון קריגען דיפטעריא, אויב זיי חבר'ן זיך מי קינדער, וואָס האָבען שוין די קראַנקהייט.

די סקולס, וואו אזוי פיעל קינדער קומען זיך צוזאַמען און האָבען געלעגענהייט צו לעקען איינער דעם אנדערען'ס קענדי (צוקערקעס) אָדע זיך בייטען מיט בליישטיפטען, וואָס זיי האלטען אין מויל, א. ז. וו., זיינע די בעסטע אגענטען פון די דיפטעריא באַצילען, און דארום טאַקע איז אז וויכטיג צו האָבען מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די קינדער אין די סקול (שוהלעס), ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין ניו יאָרק און אין די א דערע שטעדט און שטעדטלאַך.

אויב מעגליך האלט אייער קינד פון ווייטען פון יעדען פערדעכטיג פאַל פון דיפטעריא. און אויב עס מאַכט זיך א דיפטעריא פאַל אין איי הויז, מוזט איהר גלייך זעהן אויסגעפינען דורך דער „שיק פּראָבע" או אייערע קינדער זיינען בעוואָרענט געגען דער קראַנקהייט, אויב ניט מוז אלע קינדער, ווי אויך די ערוואַקסענע, וואָס זיינען אויסגעזעצט דער ג פאַהר פון קריגען די קראַנקהייט, גלייך קריגען די נויטיגע דאָזע אנטיטאָקסי

און אויב אייער קינד פיהלט זיך עטוואָס ניט מיט אלעמען רופט גליי א דאָקטאָר. און אין פאַל דער דאָקטאָר פערדעכטיגט נאָר, אז דאָס קען זי א פאַל פון דיפטעריא, ערלויבט איהם גלייך איינשפּריצען דעם קינד אנט טאָקסין. אויב עס צייגט זיך נאָכהער ארויס, אז דאָס קינד ליידעט פון דינ

טעריא, האָט איהר עס געדעטעט פון אַן ערנסטע קראַנקהייט, אויב ניט,
האָט איהר דעם קינד קיין שאַדען ניט געטאָן און האָט עס אויף אַ קורצע צייט
פערזיכערט געגען קריגען די קראַנקהייט.

לאָזט ניט אייער קינד זיך שפּילען מיט קעצעלאַך אָדער הינטעלאַך.
ערשטענס זיינען דיזע חיות ניט ריין און צווייטענס העלפען זיי פערשפּריי־
טען די דיפטעריא באַצילען פון איין קינד צום אַנדערען.

פּאָקען.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטען פּאָקען־קראַנקהייטען און איינע אונטער
שיידעט זיך פון דער אנדערער ווי טאָג פון נאכט. איינע איז א מילדע קראַנק
הייט, ניט קיין ערנסטע און ווערט אָנגערופען „טשיקען פּאָקען" (היהנער פּאָ
קען), די צווייטע איז זעהר א געפעהרליכע קראַנקהייט, וואָס הייסט „סמאָ
פּאָקס". וועגען דיזער קראַנקהייט וועלען מיר דאָ רעדען און ווען מיר רעדע
דאָ וועגען פּאָקען מיינען מיר די ערנסטע קראַנקהייט סמאָל פּאָקס.

די ביאָגראַפיע פון דער פּאָקען־קראַנקהייט.

די פּאָקען־קראַנקחייט איז שוין אזוי אלט ווי מענשען קענען געדע
קען. נאָך אין אלטערטום האָבען געהערשט עפּידעמיעס פון פּאָקען, וואָ
פלעגען פערוויסטען גאַנצע שטעדט. די געשיכטע דערצעהלט אויף פ
פילע עפּידעמיעס אין מיטעלאַלטער, וואָס פלעגען אָפט פערניכטען שטער
און דערפער אין אזיען און אין אייראָפּאַ.

אין יאָהר 1774 איז די ענגלישע שטאָדט טשעסטער אטאקירט געווא
רען פון א פּאָקען־עפּידעמיע און 93 פון יעדע הונדערט איינוואוינער זיינ
געוועזן אָנגעגריפען. עהנליכע עפּידעמיעס האָבען געהערשט אין גלאַזגאָ
לאָנדאָן און אין בערלין.

דאָס זעלבע איז אויך געוועזן דער פאַל אין אמעריקא. איידער ד
ווייסע מענשען האָבען זיך בעוויזען אויף דיזען וועלט־טייל זיינען די אי
דיאַנער געוועזן פריי פון דער פּאָקען־קראַנקהייט, אָבער די ערשטע ווייס
איינוואוינער האָבען צוזאמען מיט אנדערע זאכען אויך געבראכט די פּאָ
קען־קראַנקהייט קיין אמעריקא און גאַנצע שטאַמען אינדיאַנער זיינען פע
ניכטעט געוואָרען פון די עפּידעמיעס.

אויך די ווייסע קאָלאָניסטען האָבען פיעל געליטען פון דער קראַנ
הייט. די רעוואָלוציאָנערע אַרמעע ביי קעמברידזש און וועלי פאָרדזש הא

בען געליטען שרעקליכע פערלוסטען אויף די פאקען=שלאכטפעלדער און די ציוויל בעפעלקערונג האט געליטען ניט ווייניגער ווי די ארמעע.

זעהר ווייניג מענשען פלעגען אויסלעבען זייערע יאהרען און זיך אויס־היטען פון דער פאקען=קראנקהייט. די ליידען פון די אונגליקליכע קרבנות פון פאקען זיינען געווען שרעקליכע און כמעט יעדער, וואס האט געליטען פון דער קראנקהייט, איז געבליבען אויף אייביג געשטעמפעלט מיט פאקען=גריבער אויף'ן געזיכט.

יאהרהונדערטע זיינען מענשען געווען הילפלאז געגען דיזער שרעק־ליכער מגפה, וואס פלעגט פערניכטען אזוי פיעל לעבענס. ניט נאר האט מען די קראנקהייט ניט געקענט בעקעמפען, נאר אפילו זי פערלייכטערען האט מען ניט געוואוסט ווי אזוי.

די ערשטע צו געפינען א מיטעל, ווי צו פערלייכטערען די קראנקהייט, זיינען געווען די טערקען. שטודירענדיג די פעלע פון פאקען=קראנקהייט, האבען זיי בעמערקט, דאס דער, וואס ליידעט איין מאל פון דער קראנק־הייט, איז בעשיצט געגען א צווייטער אטאקע. זיי פלעגען דארום אנשטע־קען געזונדע מענשען מיט א קליינער דאזע פון די פאקען=מאטעריע. די־זער פערזאן פלעגט קריגען די פאקען=קראנקהייט און דערמיט זיין בעשיצט געגען ווייטערע פאקען=קראנקהייטען.

אין יאהר 1720 האט ליידי מאנטאגיו, די פרוי פון ענגלישען אמ־באסאדאר אין קאנסטאנטינאפעל דאס בעמערקט און מיט איין יאהר שפע־טער האט מען פרובירט דאס זעלבע אין ענגלאנד און קירצליך אויך אין אמעריקא.

דיזער שוץ געגען פאקען איז געווען ערפאלגרייך אין פיעלע פעלע. די יעניגע, וועמען מען האט אויף אזא ארט בעשיצט געגען דער קראנקהייט, זיינען ווירקליך געווען בעשיצט. זיי פלעגען אבער דינען אלס קוואל פון פאקען פאר אנשטעקען אנדערע מיט דער קראנקהייט.

מיט יאהרען שפעטער האט אן ענגלישער דאקטאר, עדווארד דזשענער, אויפפאסענדיג אויף'ן געזונד פון א דעירי דיסטריקט (א געגענד, וואו מען מעלקט בהמות) אין ענגלאנד בעמערקט, אז די מיידלאך, וואס זיינען בע־שעפטיג ביים מעלקען די בהמות, האבען שעהנע גלאטע געזיכטער, ווערענד אלע אנדערע איינוואוינער פון שטאדט האבען פאקען=גריבלאך אויף'ן פנים. דארום דיזע קלאס מיידלאך זאלען האבען דאס גליק צו זיין פריי פון פאקען

האָט ער אין אָנפאַנג ניט פערשטאַנען און ער האָט בעשלאָסען די זאַך גע־
גויער צו אונטערזוכען.

נאָך א קורצע אונטערזוכונג האָט ער אויסגעפונען א צווייטען זעהר
אינטערעסאַנטען פאַקט, אַלע מיידלאַך, וואָס זיינען געווען פריי פון פּאָקען
האָבען פריהער געליטען פון קוה־פּאָקען. דאָס האָט איהם געמאַכט צו דענ־
קען, דאָס א פּערזאָן, וואָס האָט געליטען פון קוה־פּאָקען, איז בעוואָרענט
געגען די אמת'ע פּאָקען, די סמאָל פּאָקס. פון דעם איז ער געקומען צוב
שלוס, דאָס אויב מען זאָל אָנשטעקען געזונדע מענשען מיט קוה־פּאָקען
וואָלטען זיי געווען בעשיצט געגען סמאָל פּאָקס.

דעם 14טען מאַי פון יאָהר 1796 האָט דר. דזשענער וועקסענירט אַ
אַכט יאָהריגען אינגעל, דזשעימס פּיפּס. דיזען אינגעל האָט מען אָנגע־
שטעקט מיט די מאַטעריע פון קוה־פּאָקען, און ווען די לייכטע וואונד אויף
זיין האַנד האָט זיך פערהיילט, האָט מען איהם געהאַלטען צוזאַמען מיט מענ־
שען, וואָס האָבען געליטען פון סמאָל פּאָקס. דאָס קינד האָט זיך ניט אָנ־
געשטעקט מיט דער קראַנקהייט. מען האָט איהם דאַן איינינע מאָל איינגע־
שפּריצט די מאַטעריע פון סמאָל פּאָקס, אָבער דאָס קינד איז געווען בעשיצט
געגען דיזער קראַנקהייט.

אין פערלויף פון די נעקסטע צוויי יאָהר האָט דר. דזשענער פּראָבירט
זיין עקספּערימענט אויף פיעלע פּערזאָנען און אין יעדען פאַל האָט זיך
ארויסגעצייגט, דאָס דער פּערזאָן, וואָס איז געוועזן אָנגעשטעקט מיט דער
מאַטעריע פון קוה־פּאָקען, איז געווען בעשיצט געגען סמאָל פּאָקס.
דיזע בעשיצונג געגען פּאָקען האָט דר. דזשענער א נאָמען געגעבען „וועקסי־
ניישאָן" פון לאַטיינישען וואָרט וואַקסי, א קוה.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1798, האָט דר. דזשענער געצוי־
גען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער מעדיצינישער פּראָפעסיאָן צו
זיין נייער ענטדעקונג. אין אָנפאַנג זיינען די דאָקטוירים געווען סקעפּטיש,
אָבער ווען מען האָט פּראָבירט אָנווענדען וועקסינייזשאָן אין פערשיידענע
שטעדט און אויף פיעלע מענשען, האָט מען זיך איבערצייגט, דאָס דר. דזשע־
נער האָט ווירקליך ענטדעקט א זיכערען שוץ־מיטעל געגען דער געפעהר־
ליכער פּאָקען־מגפה.

אין יאָהר 1796 זיינען פון יעדע הונדערט טויטען־פּעלע געווען 18
פון פּאָקען. דאָס הייסט, אז די פּאָקען־מגפה פלעגט טויטען כמעט א פינפ־
טעל פון אַלע מענשען. מיט צעהן יאָהר שפּעטער, אַכט יאָהר נאָך דעם

ווי מען האָט שוין געוואוסט פון וועקסינײשאַן, זיינען בלויז זעקס פון יעדע הונדערט טויטען־פעלע געווען פון פּאָקען און אין יאָהר 1816 זיינען בלויז דריי פון יעדע הונדערט טויטען־פעלע געווען פון פּאָקען.

וואָס פיר א ווירקונג וועקסינײשאַן האָט אויף דער פּאָקען־קראַנקהייט קען מען זעהן פון פאָלגענדע ציפערען: אין ענגלאַנד האָט מען איינגע־פיהרט געצוואונגענע וועקסינײשאַן אין יאָהר 1853, אָבער ביז 1871 האָט מען דיזען געזעץ ניט אזוי שטרענג דורכגעפיהרט. צו יענער צייט זיינען 32 פון יעדע הונדערט טויזענד איינוואוינער געשטאָרבען פון פּאָקען. אין יאָהר 1871 האָט מען אָנגעפאַנגען שטרענג דורכצופיהרען דעם געזעץ וועגען וועקסינײשאַן און די צאָהל טויטען־פעלע איז גלייך געפאַלען אויף 9 פון יעדע הונדערט טויזענד און זייט 1890 איז די צאָהל געווען װעניגער ווי איין טויטען־פאַל פון יעדע הונדערט טויזענד איינוואוינער.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד. אין פּרייסען איז די צאָהל טויטען־פעלע פון פּאָקען געווען די זעלבע ווי אין ענגלאַנד ביז 1874. דאַן האָט מען אָנגעפאַנגען שטרענג דורכצופיהרען די וועקסינײשאַן געזעצע און פון 32 איז די צאָהל געפאַלען אויף 5 טויטען־פעלע פון פּאָקען פון יעדע הונדערט טויזענד איינוואוינער אין יאָהר 1881, און אויף איין טויטען־פאַל פון יעדען הונדערט טויזענד איינוואוינער זייט 1886.

אין דער צייט ווען אין דייטשלאַנד איז די צאָהל פּאָקען־קרבנות שוין געווען גאַנץ קליין האָט אין עסטרייך געבושעוועט די פּאָקען־קראַנקהייט גאַנץ שטאַרק, ווייל דאָרטען איז וועקסינײשאַן נאָך ניט געווען איינגעפיהרט. ערשט אין 1891 האָט מען דיזע געזעצע אָנגעפאַנגען דורכפיהרען אין עסט־רייך און זייט דאַן איז די צאָהל פּאָקען־קרבנות טאַקע שטאַרק פערקלענערט געוואָרען.

וואס איז וועקסינײשאן?

וועקסינײשאַן מיינט אָנשטעקען א מענשען מיט דער מאַטעריע און מיקראָבען פון קוה־פּאָקען. היינטיגע צייטען ווערען קעלבער אָנגעשטעקט מיט קוה־פּאָקען. זיי ווערען געהאַלטען אין א שטרענג סאַניטאַרישע אומ־געבונג און ווען די קראַנקהייט האָט זיך ביי זיי ענטוויקעלט ביז צו א גע־וויסען גראַד ווערען די בלאָטערען, וואָס ענטהאַלטען מאַטעריע אַרונטערגע־נומען און די מאַטעריע ווערט נאָכהער געברויכט אויף אָנצושטעקען מענשען.

דאָס שטעלען פּאָקען קומט פאָר אויף פאָלגענדער ארט און ווייזע
דער אָרעם פון קינד אָדער ערוואקסענעם מענשען, וועמען מען „שטעלט
פּאָקען, ווערט אָפּגעוואשען מיט וואסער און זייף, נאכהער מיט אלקאהאָ
און נאכהער מיט ריינע וואסער. מיט א זעהר ריינע נאָדעל צוקראצט מ
דאן די הויט אויף א טייל פון אָרעם און מען רייבט איין די מאטעריע פ
קוה=פּאָקען. די מאטעריע ווערט דאן איינגעזאפּט אין'ם קערפּער דורך ד
אָפענע וואונד.

אין א דריי פיער טעג ארום נאָך דיזער אָפּעראציאָן בעווייזט זיך אויף
פערוואונדעטען פלאץ פון אָרעם א קליין פריסטשיקעל ארומגערינגעלט מי
א רויטען פאַס. ארום פינפטען טאָג ווערט פון דעם פריסטשיקעל א בלאָ
טער. ארום אכטען טאָג איז דער בלאָטער פאָלקאָם ענטוויקעלט און ד
הויט ארום דעם איז רויט און עטוואָס געשוואָלען. ארום צעהנטען טאָ
פאנגט אָן די רויטקייט ארום בלאָטער צו פערשווינדען און דער בלאָטע
פאנגט אָן צו טריקענען. די הויט איבער דעם בלאָטער ווערט טרוקען א
פערדארט און אין דער פערטער וואָך זייט די פּאָקען זיינען געשטעלט ג
וואָרען פאלט דיזע פערדארטע הויט ארונטער איבערלאָזענדיג א רויטען צי
כען ווי פון א פערהיילטע וואונד. מיט דער צייט פערשווינדעט די רוי
קייט און דער גוט בעקאנטער בלייכער פּאָקען=צייכען פערבלייבט.

וואָס עס פאסירט אין פערלויף פון דער צייט, ווען די פּאָקען ענ
וויקלען זיך איז פאָלגענדעס:

ווען די מאטעריע פון קוה=פּאָקען ווערט איינגעזאפּט אין קערפּער דור
דער וואונד אין אָרעם פאנגט דער קערפּער אָן א קאמף צו פערניכטען דע
אונגעבעטענעם גאסט. ווי מיר האָבען שוין ביי א פריהערדיגער געלעגע
הייט ערקלערט, ארבייט דער קערפּער אויס א געגען=גיפט געגען די מעה
סטע גיפטען, וואָס כאפּען זיך אריין אין איהם. אויב עס געלינגט איהם ני
אויסצוארבייטען אזא געגען=גיפט, ווערט ער פער'סם'ט און דער מענ
שטארבט.

די מיקראָבען פון קוה=פּאָקען פעראורזאכען ניט קיין זעהר ערנס
קראנקהייט אין מענשען. דער, וועמען מען שטעלט פּאָקען, ליידעט בלו
א לייכטע אונאנגענעמליכקייט און ער האָט פאר א קורצע צייט א לייכט
פיבער. דאָס צייגט, אַז אין זיין קערפּער קומט פאָר א קאמף צווישען
קוה=פּאָקען מיקראָבען און די קערפּער=צעלען. ווען די מיקראָבען ווערען ענ

ליך בעזיגט געפינט זיך אין קערפּער אזוי פיעל געגען־גיפט געגען דיזע מיק־ראָבען, דאָס יאָהרען נאָכאנאנד האָבען זיי קיין שליטה ניט איבער דיזען מענשען. דער זעלבער געגען־גיפט ווירקט אויך אויף די מיקראָבען פון סמאָל פּאָקס, די שרעקליכע קראנקהייט, וואָס פלעגט פאָדערען אזוי פיעל קרבנות צווישען מענשען. דורך אָנשטעקען א מענשען מיט די מיקראָבען פון קוה־פּאָקען בעשיצט מען דארום דיזען מענשען געגען דער פיעל ערגסטע־רער פּאָקען־קראנקהייט.

אויף ווי לאנג בעשיצט דאָס „פּאָקען שטעלען" געגען קריגען די פּאָ־קען־קראנקהייט ?

אין אָנפאנג האָט מען געמיינט, דאָס איין מאָל פּאָקען שטעלען בע־שיצט שוין אויף'ן גאנצען לעבען געגען דער קראנקהייט. אָבער אין יאָהר 1870 האָט אויסגעבראָכען א גרויסע עפּידעמיע אין אייראָפּא און טויזענדע מענשען זיינען געשטאָרבען פון דער קראנקהייט. צווישען די קרבנות פון דער פּאָקען־עפּידעמיע האָבען זיך דאן געפונען פיעלע, וואָס מען האָט אין דער יוגענד געשטעלט פּאָקען. מען האָט אָנגעפאנגען פערגלייכען די רע־קאָרדס פון פערשיידענע לענדער, זיך גענוי צוקוקען צו דיזע קראנקע און טויטען־פעלע פון דער פּאָקען־עפּידעמיע און מען איז געקומען צום שלוס, דאָס פּאָקען שטעלען בעשיצט געגען דער קראנקהייט בלויז אויף אייניגע יאָהר צייט. נאָך דיזער צייט איז דער מענש אויסגעזעצט דער געפאהר צו קריגען די קראנקהייט.

די מעהרסטע דאָקטוירים זיינען דארום געקומען צום שלוס, דאָס אום צו זיין בעוואָרענט געגען קריגען די פּאָקען־קראנקהייט, דארף מען שטע־לען פּאָקען דעם קינד ווען עס איז נאָך זעהר יונג. א צווייטען מאָל פּאָקען דארף מען דעם קינד שטעלען ווען עס איז ארום צוועלף יאָהר אלט. אויסער דעם דארף מען זיך שטעלען פּאָקען יעדעס מאָל, ווען עס הערשט אן עפּי־דעמיע, אָדער יעדעס מאָל, ווען מען דארף קומען אין בעריהרונג מיט דער קראנקהייט.

* * * *

טראָטץ דעם, וואָס מיר ווייסען שוין יעצט, דאָס פּאָקען שטעלען איז א זיכערעס פערהיטונגס־מיטעל געגען קריגען סמאָל פּאָקס, איז אונז נאָך ביז יעצט ניט געלונגען אין גאנצען אויסצוראָטען די קראנקהייט. אין די פעראייניגטע שטאאטען האָבען מיר נאָך יעצט ארום צוואנציג טויזענד פּאָ־

קען־קראנקע א יאָהר. און אָבוואָל די קראַנקהייט איז יעצט אין א פיעל מילדערע פאָרמע ווי אין אמאָליגע יאָהרען, שטארבען נאָך יעצט אויך גענוג מענשען פון „סמאָל פּאָקס".

אין די מעהרסטע פעלע וואָלטען דיזע לעבענס געקענט גערעטעט ווע־רען און די קראַנקהייט וואָלט געקענט פערהיט ווערען ווען מען זאָל געווען די קינדער שטעלען פּאָקען.

די סימנים פון דער פּאָקען־קראנקהייט.

פּאָקען איז א זעהר אַנשטעקענדע קראַנקהייט. די אמת'ע אורזאַכע פון דער קראַנקהייט איז ניט גענוי בעקאַנט און אפילו יעצט, נאָך אזוי פיעל שטודירען די קראַנקהייט און נאָכדעם, ווי מיר האָבען שוין א זיכערען פער־היטונגס־מיטעל געגען איהר, איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס פאַר א סאָרט מיקראָבען עס פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט.

די קראַנקהייט איז זעהר אַנשטעקענד. עס איז גאָרניט נויטיג צו קומען אין דירעקטער בעריהרונג מיט'ן קראַנקען אום זיך אַננעהמען פון איהם. מען קען זיך אויך אַננעהמען פון די זאַכען, וואָס דער קראַנקער גע־ברויכט אָדער פון א דריטען פּערזאָן, וואָס איז געקומען אין בעריהרונג מיט'ן קראַנקען.

ניט אַלע אַטאַקעס פון דער קראַנקהייט זיינען גלייך. מאַנכע ליידען פון א מילדער פאָרמע פון דער קראַנקהייט, אַנדערע האָבען די קראַנקהייט אין א פיעל ערנסטערע פאָרמע, אָבער אָפטמאָל קען איינער קריגען די קראַנק־הייט אין א זעהר ערנסטע פאָרמע, ווען ער שטעקט זיך אָן פון איינעם, וואָס ליידעט פון א מילדער פאָרמע פון סמאָל פּאָקס.

ווען איינער האָט זיך אַנגעשטעקט מיט די מיקראָבען, אָדער מיט דעם „עטוואָס", וואָס פעראורזאַכט די קראַנקהייט, דויערט עס געוועהנליך פון צעהן ביז צוועלף טעג איידער ער ווערט קראַנק. אין פערלויף פון דיזער צייט איז ער כמעט אין גאַנצען פריי פון אירגענד וועלכע סמנים, דאָס ער טראָגט זיך ארום מיט אזא ערנסטער קראַנקהייט. דאַן ברעכט די קראַנק־הייט פּלוצלינג אויס.

דער קראַנקער דערפיהלט א שטאַרקען קאָפּ־וועהטאָג. עס וואַרפט איהם „א צאָהן אָן א צאָהן" פאַר קעלט, קינדער קריגען אָפט קאָנוואולסיעס, ערוואַקסענע מענשען ברעכען. דער קראַנקער דערפיהלט אויך א שטאַרקען

שמערץ אין קרייץ און אין די הענט און פיס. ער קען זיך קוים אויף די פיס האלטען און ברעכט אָפטמאָל צוזאמען. אויב ער געפינט זיך אין גאס זעהט ער דאן אויס ווי א בעטרונקענער און ניט איין מאָל האָט שוין פּאַסירט, אז מען האָט אזא קראנקען אַנגענומען פאר שיכור און איינגעשפּארט.

דאָס געזיכט פון קראנקען אין דיזער צייט איז בלייך און איינגעזונקען. זיינע געזיכטס־ציגע האָבען קיין שום אויסדרוק. זיינע הענט און פיס זיינען קאַלט, זיין פּולס איז קליין און שנעל. מאנכע קראנקע ליידען פון שרעקליכע חלומות און האָבען מורא איינצושלאָפען, אנדערע זיינען אין א האלב־בעוואוסטען צושטאנד.

די טעמפּעראטור פון קראנקען האלט אין איין שטייגען און גרייכט שנעל 103 אָדער 104 גראד פארענהייט און אויף'ן לייב בעווייזט זיך אַן „אויסשיט", וואָס איז עהנליך צו מאָזלען אָדער שארלאך.

ארום פערטען טאָג בעווייזט זיך דער ערשטער כאראקטעריסטישער אויסשיט פון פּאָקען. אויף'ן שטערען, ארום דער ליניע, וואו די האָר פון קאָפּ פאנגען זיך אָן און אויף די געלענקע פון די הענט בעווייזען זיך קליינע רויטע פּריסטשיקלאך. אין פערלויף פון 24 שטונדען פערשפּרייטען זיך דיזע פּריסטשיקלאך איבער'ן גאנצען קערפּער און אין דער זעלבער צייט פאַלט די היץ און דער קראנקער פיהלט זיך ערלייכטערט. מאנכע קראנקע אין דיזער צייט גלויבען, דאָס זיי זיינען שוין פּטור פון דער קראנקהייט און זיי פרעהען זיך, וואָס זיי זיינען אזוי לייכט אָפּגעקומען. זייער פרייד איז אָבער צו פריה.

ארום פינפטען אָדער זעקסטען טאָג פון דער קראנקהייט ווערען די פּריסטשיקלאך פערוואנדעלט אין בלאָטערלאך. צוערשט זיינען דיזע בלאָטערלאך אָנגעפיהלט מיט א ריינעם וואסער, אָבער אין צוויי טעג ארום ווערען זיי פול מיט מאטעריע. די הויט ארום יעדען בלאָטערעל איז רויט און געשוואָלען. די היץ שטייגט ווידער, און ארום אכטען טאָג פון דער קראנקהייט, ווען דער קערפּער איז אין גאנצען בעדעקט מיט דיזע בלאָטערלאך פול מיט מאטעריע און די היץ איז הויך, איז דער קראנקער אין א האלב־בעוואוסטלאָזען צושטאנד און ניט איינער וויל זיך פון פענסטער ארויסוואַרפען, אבי פּטור ווערען פון די ליידען.

ארום צעהנטען אָדער עלפטען טאָג פאנגען אָן די בלאָטערען צו טריקענען. די געשווילעכץ פון דער ארומיגער הויט געהט אָפּ און די היץ פאלט

צו ביסלאַך יעדען טאָג. די הויט איבער די בלאָטערען ווערט פערטריקענט און פאַלט נאָכהער ארונטער. אויב די בלאָטערען זיינען געווען טיף אין דער הויט, בלייבט אַ פּאָק=צייכען אויף'ן פּלאַץ פון יעדען בלאָטער.

ניט אַלע פעלע פון פּאָקען זיינען גלייך. עס זיינען פאַראַן פעלע, ווען די ערשטע פריסטשיקלאַך, וואָס בעווייזען זיך אויף'ן געזיכט און אויף די הענט און פיס זיינען אַזוי געדיכט, דאָס זיי גיסען זיך צוזאַמען. ווען דיזע פריסטשיקלאַך בעווייזען זיך פיהלט זיך דער קראַנקער ניט אַזוי פיעל ערלייכטערט ווי אין ערשטען פאַל.

ווען די בלאָטערען ענטוויקלען זיך און גיסען זיך צוזאַמען ווערט דאָס גאַנצע געזיכט ווי אויך די הענט און די פיס בעדעקט מיט איין גרויסען וואונד. אינעווייניג אין מויל און אין האַלז איז רויט און געשוואָלען. די טעמפּעראַטור איז זעהר הויך און דער קראַנקער איז אין אַ האַלב=בע־וואוסטלאָזען צושטאַנד. אַזעלכע פעלע זיינען זעהר געפעהרליך. אַ גרוי־סער פּראָצענט פון אַזעלכע קראַנקע שטאַרבען.

פאַראַן אַ סאָרט פּאָקען, וואו די בלאָטערען ווערען אָנגעגאָסען מיט בלוט. אַזעלכע קראַנקען=פעלע זיינען זעהר געפעהרליכע. די קראַנקע שטאַרבען צווישען דריטען און זעקסטען טאָג פון דער קראַנקהייט.

פאַראַן אויך אַ פאָרמע פון דער פּאָקען=קראַנקהייט אָהן פּאָקען. די־זע פאָרמע פון דער קראַנקהייט הערשט געוועהנליך צווישען מענשען, וואָס געהען אום פיעל ארום פּאָקען=קראַנקע (דאָקטוירים, נוירסעס) און וועלכע זיינען אַליין זיכער געגען דער קראַנקהייט דורך פּאָקען שטעלען. ווען איי־נער קריגט דיזע פאָרמע פון דער קראַנקהייט, ליידעט ער פון אַ לייכטען פי־בער, שמערצען אין קאָפּ און אין קרייץ, ער ברעכט אויך אָפט. דיזער צו־שטאַנד קען זיין אין אַ מילדער אָדער זעהר ערנסטער פאָרמע און אין צוויי־דריי טעג ארום פערשווינדען זיי פונקט אַזוי פּלוצלינג ווי זיי זיינען געקומען.

עס איז אויך דאָ אַ מילדע פאָרמע פון פּאָקען, אַ פאָרמע פון דער קראַנק־הייט, אין וועלכע דער קראַנקער ערהאָלט זיך שוין אויף'ן אכטען טאָג פון דער קראַנקהייט אָנשטאָט צו ווערען דאַן נאָך ערנסטער קראַנק, ווי אין די געוועהנליכע פעלע. עס איז אויך דאָ אַן אַנדער פאָרמע, וואָס איז טויט־ליך פאַר יעדען איינעם, וואָס קריגט זי. אין דיזען פאַל ווערט דער קערפּער בעדעקט מיט קליינע בלוט=בלאָטערען און נאָך איידער די קראַנקהייט האָט צייט זיך פאַלקאָם צו ענטוויקלען שטאַרבט דער אונגליקליכער.

עס קען אויך פּאַסירען אָבוואָל זעהר זעלטען, דאָס אַ קינד זאָל קרי־
גען די פּאָקען־קראַנקהייט נאָך איידער עס ווערט געבוירען און עס קומט
אויף דער וועלט מיט פּאָקען־גריבלאָך אויף'ן פּנים. אָדער עס פּאַסירט
אַמאָל, דאָס אַ קינד ווערט אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט קורץ איידער
עס ווערט געבוירען און די פּאָקען ענטוויקלען זיך, ווען עס איז אַלט איניגע
טעג.

אין די מעהרסטע פּעלע, ווען די קראַנקהייט געהט פּאַראיבער, לאָזט
זי ניט נאָך זיך קיינע נאָכוועהענישע. אין מאַנכע פּעלע לאָזט זי נאָך זיך
זעהר אונאַנגענעהמע און צייטענווייז אויך גאַנץ ערנסטע נאָכוועהענישע.
מאַנכעס מאָל בלייבט דער קראַנקער מיט אַ געשווילאַכץ אין האַלז, מיט
בראָנקייטיס, „פּליוריסי”, לונגען־ענטצינדונג (זעלטען). דאָס האַרץ, די
נירען און די אויגען קענען אָנגעגריפען ווערען. פּריסטשעס אויף'ן לייב
איז אַ ניט זעלטענע פאָלגע פון פּאָקען.

ווי זיך אויסצוהיטען פון פּאַקען.

דער איינציגער וועג ווי זיך אויסצוהיטען פון סמאָל פּאָקס איז זיך „צו
שטעלען פּאָקען”. די אָנשטעקונג מיט קוה־פּאָקען פּעראורזאַכט אַ גאַנץ
לייכטע, אין די מעהרסטע פּעלע אונבעמערקבאַרע קראַנקהייט. און דער
געגען־גיפט וואָס דער קערפּער ארבייט אויס געגען די קוה־פּאָקען, איז דער
בעסטער שוץ געגען דער פּאָקען־קראַנקהייט.

ווען איינער ווערט שוין קראַנק מוז ער אָפּגעזונדערט ווערען פון אַלע
אַנדערע מענשען. קיינער, אויסער דעם דאָקטאָר, די נוירס און די וואָס
געהען ארום קראַנקען, זאָל צו איהם ניט צוגעלאָזט ווערען. יעדע זאַך, וואָס
דער קראַנקער געברויכט, טאָר ניט געברויכט ווערען פאַר אַנדערע מענשען
סיידען מען קאָכט דאָס פריהער צו פערניכטען די מיקראָבען, וואָס געפינען
זיך פיליכט אויף זיי.

די בעהאַנדלונג פון קראַנקען איז ווי אין יעדען אַנדערען פאַל פון
אַן ערנסטער אָנשטעקענדער קראַנקהייט. די הויפּטזאַך איז צו מאַכען דעם
קראַנקען אַזוי בעקוועם ווי נאָר מעגליך, פערלייכטערען זיינע שמערצען
ווען נאָר דאָס קען געטאָן ווערען און פערהיטען דעם קראַנקען פון ערנסטע
נאָכפאָלגען אָדער נאָכוועהעניש.

דאָס קען טאָן נאָר א דאָקטאָר, איינער, וואָס איז ספּעציעל געלער
דערצו. די קראַנקהייט איז אזא ערנסטע, דאָס עס וואָלט געווען אַן או
און א פערברעכען געגען קראַנקען און געגען אַלע געזונדע מענשען, וואָס
פינען זיך ארום איהם, ווען מען זאָל פּרובירען אויסקומען אָהן א דאָקט
אין אזא פאַל. די איינצעלהייטען ווי אזוי צו בעהאַנדלען דעם קראַנ
ווערען דארום דאָ אויסגעלאָזען. דאָס וועט שוין בעזאָרגען דער דאָקט
אונטער וועמען׳ס אויפזיכט דער קראַנקער וועט זיך געפינען.

היהנער־פּאָקען.

היהנער־פּאָקען, אָדער „טשיקען־פּאָקס" איז אויך אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, אָבער זי איז פיעל מילדער ווי „סמאָל פּאָקס".

דיזע קראַנקהייט איז די מילדעסטע פון אַלע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. זי אַטאַקירט מעהרסטענס קליינע קינדער, אָבער זעהר זעלטען לאָזט זי נאָך זיך ערנסטע נאָכוועהעניסע, סיידען זי גרייפט אָן אַ קינד, וואָס איז אַזוי שוואַך און אויסגעמאַטערט, דאָס עס קען ניט אויסהאַלטען אירגענד וועלכע קראַנקהייט.

היהנער־פּאָקען קומט אויך אָפט אין עפּידעמיעס. מאַנכעס מאָל צייגען זיך איינצעלנע פעלע פון דיזער קראַנקהייט. די קראַנקהייט האָט קיין שום שייכות ניט צו „סמאָל פּאָקס".

די מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט האָט מען נאָך ניט ענטדעקט. מען ווייס דערום אויך ניט גענוי, אויף וועלכע ארט און ווייזע די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך. די קראַנקהייט געהט שנעל איבער פון איין קינד צום אַנדערען און אַטאַקירט אויך, אָבוואָל ניט זעהר אָפט, ערוואַקסענע מענשען.

ווען איין קינד אין אַ פאַמיליע ווערט קראַנק אויף טשיקען־פּאָקען, נעהמען זיך אויך די אַנדערע קינדער אָן דיזע קראַנקהייט און איין קינד נאָך'ן אַנדערען אָדער איינינע מיט אַמאָל ווערען קראַנק אויף היהנער־פּאָקען.

ווען אַ קינד שטעקט זיך אָן מיט דער קראַנקהייט דויערט עס פון צעהן ביז פופצעהן טעג איידער די סמנים פון דער קראַנקהייט בעווייזען זיך.

דיזע סמנים זיינען אַ לייכטער פיבער, שמערצען אין פּלייצע און אין די הענט און פיס. דאָס קינד ברעכט אויך מאַנכעס מאָל.

אין די מעהרסטע פעלע זיינען דיזע סמנים אַזוי לייכט, דאָס מען בעמערקט זיי גאָר ניט. און מען דערוויסט זיך אַז דאָס קינד איז קראַנק ערשט ווען די פּאָקען בעווייזען זיך.

דיזע פּאָקען ערשיינען אין פיער שטונדען נאָך דעם, ווי די קראַנקהייט פאַנגט זיך אָן. זיי בעווייזען זיך צוערשט אויף'ן קערפּער דאַן אויף'ן פּנים און אויף'ן שטערען. אויף די הענט און אויף די פיס זיינען דאָ זעהר וועניג פון דיזע פּאָקען.

באַלד ווי זיי בעווייזען זיך זיינען די „טשיקען-פּאָקען" קליינע אָפּגעזונדערטע פּריסטשיקלאַך, באַלד אָבער ווערען זיי פערוואַנדעלט אין בלאַטערלאַך אָנגעפילט מיט מאַטעריע.

אין אַ דריי-פיער טעג אַרום ווערען די פּאָקען פערטריקענט און פאַלען אַרונטער. אָבער אין דיזער צייט בעווייזען זיך יעדען טאָג נייע פּאָקען און מען קען דאַרום זעהן זייט ביי זייט פּאָקען אין פערשיידענע שטופען פון זייער ענטוויקלונג.

געוועהנליך לאָזען דיזע פּאָקען נאָך זיך קיין סמנים ניט, אָבער צייטענווייז בייסען זיי זעהר שטאַרק און דער קראַנקער קראַצט זיך. דורך דיזען קראַצען שטעקט ער אָן די פּאָקען מיט אַנדערע מיקראָבען, וואָס געפינען זיך אויף דער הויט, און ווען דיזע וואונדען ווערען פערהיילט, לאָזען זיי נאָך זיך פּאָקען-גריבער אויף דער הויט.

די געפאַהר פון דיזער קראַנקהייט פאַר'ן לעבען פון קינד איז אַ גאַנץ קליינע. ערנסטע נאָכוועהענישע פּאַסירען זעהר זעלטען.

די קראַנקהייט איז אָבער אַן אָנשטעקענדע און דאָס קראַנקע קינד מוז דאַרום געהאַלטען ווערען אָפּגעזונדערט ביז די פּאָקען פאַלען אַרונטער. יעדע זאַך, מיט וואָס דאָס קינד קומט אין בעריהרונג, דאַרף געקאָכט ווערען אָדער דיסאינפעקטירט ווערען איידער עס ווערט אַן אַנדער פערזאָן געברויכט.

מען דאַרף אויך פערהיטען, אַז דאָס קינד זאָל ניט קראַצען די פּאָקען. אויב די הויט בייסט שטאַרק קען מען דאָס בייסעניש פערלייכטערען מיט „קאַרבאָלייזד וואַזעלין", וואָס דער דאָקטאָר וועט שוין זיכער פערשרייבען.

ווי לייכט דיזע קראַנקהייט זאָל ניט זיין מוז מען רופען אַ דאָקטאָר אַזוי שנעל ווי דאָס קינד ווערט קראַנק, ווייל איינער וואָס איז ניט קיין דאָקטאָר קען ניט אויף זיכער בעשטימען צו די קראַנקהייט איז „טשיקען-פּאָקען" אָדער אַן אַנדערע פיעל ענסטערע קראַנקהייט.

קייך־הוסט.

קייך־הוסט ווערט פערערעכענט פאר איינע פון די „לייכטע” קינדער־קראנקהייטען. אבער אין דער אמת'ן איז קייך־הוסט א גאנץ ערנסטע קראנקהייט מיט זעהר ערנסטע פאלגען.

ארום צעהן טויזענד קינדער שטארבען יעדען יאהר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פון קייך־הוסט. מעהר קינדער שטארבען פון קייך־הוכט, ווי עס שטארבען פון סקארלעט פיבער (שארלאך). אין די פינף יאהר צווישען 1911 און 1916 זיינען אין שטאאט ניו יארק געשטארבען 2,904 קינדער פון סקארלעט פיבער (שארלאך) ווערענד 3,739 קינדער זיינען געשטארבען פון קייך־הוסט.

קייך־הוסט איז אויך א זעהר אנשטעקענדע קראנקהייט. איהרע קרבנות זיינען מעהרסטענס קליינע הילפלאזע קינדער, און עס איז דארום די פליכט פון די עלטערן זיך צו בעקענען מיט דיזער קראנקהייט, אויסגעפינען ווי אזוי זי פערשפרייט זיך, ווי זי צו דערקענען, ווי זי צו פערהיטען און וואס איז צו טאן ווען א קינד קריגט שוין די קראנקהייט, צו קענען רעטען זייערע קינדער פון דיזער העכסט געפעהרליכער אנשיקעניש.

ביז די ענדע פון 16טען יאהרהונדערט האט מען גארנישט געוואוסט פון קייך־הוסט אלס בעזונדערע קראנקהייט. קינדער פלעגען קראנק ווערען, הוסטען, שטארבען אדער געזונד ווערען, און קיינעם איז ניט איינגעפאלען צו בעטראכטען דיזעס הוסטען אלס א סימן פון א בעזונדערער קראנקהייט. אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט האבען אויסגעבראכען איינינע זעהר ערנסטע קייך־הוסט עפידעמיעס אין האללאנד, דייטשלאנד און שוועדען. דאן האט מען שוין געוואוסט, אז קייך־הוסט איז א בעזונדערע קראנקהייט. מען האט אבער ניט געוואוסט וואס די קראנקהייט ווערט פעראורזאכט און ווי אזוי זי פערשפרייט זיך.

פון דאַן אָן זיינען שוין פאָרגעקומען פיעלע קלענערע און גרעסער
עפּידעמיעס און ווי עס שיינט האָט די קראַנקהייט אָנגענומען אַ מילדערע
כאַראַקטער און ווערט וואָס אַמאָל וועניגער לעבענס-געפעהרליך פאַר איהר
קרבנות.

ערשט אין יאָהר 1906 איז געלונגען אויסצוגעפינען די אמת'ע אור
זאַכע פון קייך-הוסט. די ענטדעקונג איז געמאַכט געוואָרען פון צוויי בעל
גישע דאָקטוירים, באָרדעט און גענגאו, ביי איינעם פון דיזע דאָקטוירים
(באָרדעט), זיינען דריי קינדער קראַנק געוואָרען אויף קייך-הוסט. צוזאַמע
מיט אַ צווייטען דאָקטאָר האָט דער פאָטער פון די קראַנקע קינדער גענוי
שטודירט זייער בלוט, סלינע, שפּייעכץ א. אז. וו. זיי האָבען געמאַכט פיל
באַקטעריאָלאָגישע אונטערזוכונגען און נאָך פיעל מיה איז זיי געלונגען אויס
צוגעפינען דאָס אַ געוויסער סאָרט מיקראָב איז די אורזאַכע פון די קייך
הוסט קראַנקהייט.

זייט דאַן האָט מען גענוי שטודירט טויזענדע פעלע פון קייך-הוסט
און די מיינונג פון די צוויי בעלגישע וויסענשאַפטס-לייטע איז בעשטע
טיגט געוואָרען. ביי היינטיגען טאָג אַנערקענען שוין כמעט אַלע דאָקטוי-
רים, דאָס די קייך-הוסט באַציִען, וואָס באָרדעט האָט ענטדעקט, זיינען די
אמת'ע אורזאַכע פון דער קייך-הוכט קראַנקהייט.

די קראַנקהייט עקזיסטירט אויף דער גאַנצער וועלט. איבעראַל, וואו
מענשען געפינען זיך, איז קייך-הוסט אַן אָפטע ערשיינונג. פון צייט צו
צייט הערט מען פון קייך-הוסט עפּידעמיעס, וואָס ברעכען אויס אין פער-
שיידענע שטעדט. אָבער לעצטענס איז די קראַנקהייט געוואָרען אַ היימישער
איינוואוינער אין די מעהרסטע לענדער און פאָדערט יעדען יאָהר אַ געוויסע
צאָהל קרבנות. אין ניו יאָרק איז די קראַנקהייט אַם מעהרסטען טעטיג אין
פריהלינג און אין זומער.

אכציג פּראָצענט פון אַלע קייך-הוסט קראַנקע זיינען קינדער, וואָס
זיינען איינגער פון פינף יאָהר און די מעהרסטע פון דיזע זיינען צו צוויי יאָהר
אַלט. די קראַנקהייט גרייפט אויך אָפט אָן בייבים, נאָר ביי אַזעלכע יונגע
עופ'לאַך זיינען די סמנים ניט אַזוי איינפאַך און זיינען שווערער צו דער-
קענען ווי ביי אַן עלטער קינד.

ארום 97 פּראָצענט פון אַלע טויטען-פעלע פון קייך-הוסט קומען פאָר
ביי קינדער, וואָס זיינען איינגער פון פינף יאָהר. ארום אַ העלפט פון אַלע
טויטען-פעלע קומען פאָר ביי קינדער, וואָס זיינען איינגער פון צוויי יאָהר.

ווי אזוי די קראנקהייט קייך־הוסט פערשפרייט זיך.

פון אלע אונטערזוכונגען, וואס מען האט ביז יעצט געמאכט, האט מען פארלויפיג אויסגעפונען בלויז איין וועג, דורך וועלכען די באצילען פון קייך־הוסט פערשפרייטען זיך. ווען דאס קינד הוסט ברייננט עם ארויס פון מויל א פיינעם רעגען פון קליינינקע טראפען שפייעכץ. דיזע טראפעלאך שפייעכץ ענטהאלטען די באצילען, און אויב זיי טרעפען א צווייטען קינד, וואס שטעהט נאהענט נעבען הוסטענדען חולה, ווערט דאס צווייטע קינד אנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט.

די קליינע טראפען שפייעכץ, וואס דאס קינד הוכט ארויס, קענען ניט גרייכען ווייטער ווי אויף פינף פוס פון'ם פלאץ, וואו דאס קראנקע קינד שטעהט. דאס הייסט אלזא, אז אינערהאלב פון פינף פוס פלאץ ארום קראנקען קינד קען מען זיך אנשטעקען מיט די קייך־הוסט באצילען.

אין סטריט־קארס (טראמווייען), טעאטערע אדער אירגענד וועלכע עפענטליכע געביידעס געפינען זיך געוועהנליך אנדערע קינדער נעהנטער ווי פינף פוס פון קראנקען קינד און דארום פערשפרייט זיך די קייך־הוסט קראנקהייט אזוי לייכט פון איין קינד צום אנדערען.

עס איז אויך מעגליך, דאס עלטערע מענשען, וואס געפינען זיך נעבען הוסטענדע קינדער, קריגען אויף זייערע קליידער די טראפעלעך שפייעכץ און נאכהער שטעקען זיי אן אנדערע קינדער, מיט וועמען זיי קומען אין נאהענטע בעריהרונג. קיינע דירעקטע בעווייזען אז דאס איז אזוי, זייען ניטא. עס זיינען אויך ניטא קיינע בעווייזע, דאס די קראנקהייט קען זיך פערשפרייטען אויף אירגענד וועלכען אנדערען אופן.

די סימנים פון דער קראנקהייט.

ווען א קינד ווערט שוין אנגעשטעקט מיט די קייך־הוסט באצילען דויערט געוועהנליך פון דריי ביז אכט טעג צייט איידער דאס קינד פאנגט אן צו צייגען אירגענד וועלכע סמנים. אין פערלויף פון דיזער צייט פערמעהרען זיך די באצילען און שאפען זייער גיפט און אזוי לאנג, ווי זיי זיינען נאך קליין אין צאהל און האבען נאך ניט געשאפען גענוג גיפט, זיינען זיי נאך ניט אימשטאנדע צו פעראורזאכען פיעל שאדען דעם קינד.

צו ענדע פון דיזער פעריאדע, אין פון די דריי ביז אכט טעג ארום, פאנגט דאס קינד אן צו ליידען פון א „פערקעלטונג". דאס קינד הוסט א

ביסעל, ספּעציעל ביינאַכט. עס ניסט, עס רינט ביי איהם פון די אויגען אויך פון נאָז און עס האָט פיליכט עטוואָס פיבער. אַלע סמנים פון א געוועהנ־ליכע אַלטעגליכע „פערקעלטונג". ווען מען זאָל אָבער באַקטעריאָלאָגיש עקזאַמענירען די שפּייעכץ פון קינד אין דיזער שטופּע פון דער קראַנקהייט וואָלט מען געפונען, אַז דאָס שפּייעכץ איז פול מיט קייך-הוסט באַצילען און יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד ניסט אָדער הוסט, פערשפּרייט עס ארום זיך קייך-הוסט באַצילען.

ליידער איז שווער צו דערקענען די קראַנקהייט אין דיזער צייט סיי-דען מען פערדעכטיגט, אַז דאָס קינד ליידעט פון קייך-הוסט און מען מאַכט א באַקטעריאָלאָגישע אונטערזוכונג פון קינד'ס שפּייעכץ. אויסערליך אונ־טערשיידעט זיך ניט די קראַנקהייט אין דיזער צייט פון א געוועהנליכע „פער-קעלטונג". און גראַדע אין דיזער צייט איז די קראַנקהייט זעהר אַנשטעקענד, ווייל דאָס קינד געהט ארום פראַנק-און-פריי. עס שפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער און שטעקט אָן די אַנדערע קינדער מיט דיזער קראַנקהייט.

פון דריי ביז פערצעהן טעג געדויערט דיזע שטופּע פון דער קראַנק־הייט און דאַן ווערט דאָס הוסטען אָפּטער, לענגער און דאָס קינד פער-קייכט זיך.

דאָס קייכען און „קרעהען" פון קינד אין דיזער שטופּע פון דער קראַנק-הייט איז אַלעמען בעקאַנט און נויטיגט זיך ניט אין קיין אויספיהרליכער בעשרייבונג. דאָס הוסטען קומט אָן אַזוי אָפּט און אַזוי שנעל איינס נאָך'ן אַנדערען, אַז דאָס קינד קען דעם אָטהעם ניט כאַפּען. דאָס געזיכט ווערט ביים קינד טיף-רויט אָדער פּוירפּעל, מאַנכעסמאָל אַזש שוואַרץ „אָנגעגאָסען מיט בלוט". די בלוט-אָדערען אויף'ן געזיכט און שטערען פון קינד ווערען „אָנגעשוואָלען", די אויגען זיינען פערגאָסען און שיינען צו סטאַרטשען פון זייערע לעכער, אין האַלז איז דעם קינד ווי מיט א שנור פערצויגען און ווען עס כאַפּט אָפּ דעם אָטהעם נאָך א סעריע פון צעהן אָדער צוואַנציג עקספּלאָזיווע הוסטען געהט די לופט דורך דער פערצויגענער שמאָלער וויינד-רעהר און קלינגט ווי דאָס קרעהען פון א האָהן.

דיזעס הוסטען און קרעהען ווידערהאָלט זיך אָפּט ביז צוועלף מאָל יעדעס מאָל, ווען דאָס הוסטען בעפאַלט דאָס קינד, און מיט'ן לעצטען הוסט ברייננגט דאָס קינד ארויס א שטיק שליים, וואָס האָט די גאַנצע צייט גע-שטעקט אין האַלז. אָפּטמאָל, ספּעציעל ביי יונגע קינדער, פיהרט דאָס הוס־טען צו ברעכען אָדער צו בלוטען פון דער נאָז. אָפּטמאָל פּלאַצט א קליינע

בלוט־רעהר אין אויג און דאָס אויג זעהט אויס פאַר אַ צייט ווי אָנגעגאָסען מיט בלוט. דאָס בלוטען איז געוועהנליך ניט זעהר ערנסט.

אָן דער ערנסטקייט פון דער קראַנקהייט ווענדעט זיך וויפיל מאָל אין טאָג דאָס קינד הוסט. פון זעקס ביז פופציג מאָל אַ טאָג „פערגעהט זיך" דאָס קינד אין שרעקליכע אַגאָניעס פון הוסט. דאָס קינד דערפיהלט ווען דער הוסט קומט און עס לויפט געוועהנליך זיך אָנכאַפּען אָן דער מוטער'ס קלייד אָדער אירגענד וועלכע שטיק מעבעל, וואָס עס טרעפט אין וועג. כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד אָן דעם און הוסט, הוסט, אז עס דאַכט זיך עס וועט די גאַנצע נשמה אויסהוסטען.

ביי בייבים און ביי קינדער, וואָס זיינען עלטער פון אַכט יאָהר, איז דאָס הוסטען ניט אַזוי כאַראַקטעריסטיש, ווייל דאָס הוסטען ווערט ניט בעגלייטעט פון'ם קרעה־איינאָטהעמען, וואָס איז אַזוי טיפּיטשנע פאַר דיזער קראַנקהייט, און דערפאַר פערזעהט מען אָפט די קראַנקהייט און מען דיינקט, אז דאָס קינד ליידעט בלויז פון אַ געוועהנליכע צוקיהלונג.

אָפטמאָל וואַרפט זיך אונטער בראָנקייטיס אָדער לונגען־ענטצינדונג אין מיטען קייך־הוסט. דאָס הוסטען ווערט דאַן אויף אַ קורצע צייט לייכ־טער ביז די צוגעקומענע קראַנקהייט ווערט איינגעשטילט און דאַן קעהרט זיך דער הוסט צוריק מיט דער זעלבער שטאַרקייט וואָס פריהער.

אַזוי מוטשעט זיך דאָס קינד אָפּ פון איין וואָך ביז אייניגע מאָנאַטען. די צייט, וואָס דיזער צושטאַנד האַלט אָן ווענדעט זיך אָן דעם ווי אַלט דאָס קינד איז, ווי ערנסט קראַנק עס איז, צו עס איז אַ גוט גענעהרטעס קינד און צו מען פּאַסט אויף דעם גוט אויף.

אַ געוועהנליכע אַטאַקע פון קייך־הוסט אין אַ געזונדען קינד, אויף וועלכען מען פּאַסט גוט אויף אין פערלויף פון דער קראַנקהייט, דויערט גע-וועהנליך אַ מאָנאַט צייט. דאָס איז די צייט, וואָס די ספּאַזמאַטישע קייכען און קרעהען האַלטען אָן. אין די ערשטע צוויי וואָכען צייט ווערט דאָס הוסטען מיט יעדען טאָג ערגער. אין פערלויף פון דער דריטער וואָך, שטעהט די קראַנקהייט אויף איין אָרט און זי ווערט ניט ערגער און ניט בעסער, און די פערטע וואָך ווערט זי לאַנגזאַם לייכטער.

די נעקסטע שטופע פון דער קראַנקהייט איז איהר פערשווינדען. די אַטאַקעס פון הוסטען ווערען ווייניגער, יעדע אַטאַקע ווערט מילדער, און דאָס הוסטען ווערט מעהר און מעהר עהנליך צו אַ געוועהנליכעס הוסטען.

דיזע שטופּע דויערט געוועהנליך אַרום דריי וואָכען צייט, אָבער אין מאַנכע פּעלע ווערט עס פערלענגערט אויף מאָנאַטען.

די נאַכוועהענישען פון קייך־הוסט.

קייך־הוסט זעלבסט איז ניט זעהר לעבענס־געפעהרליך. די קראַנק־הייט ברייננט אָבער געוועהנליך מיט זיך פערשיידענע ערנסטע נאָכוועהע־נישע, וועלכע זיינען אָפט יא לעבענס־געפעהרליך.

צוזאַמען מיט די באַצילען פון קייך־הוסט געפינען זיך אויך אין מויל און אין האַלז פון'ם קראַנקען קינד באַצילען פון אינפלוענזא און אין פיעלע פּעלע אויך די מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען לונגען ענטציגדונג. די קייך־הוסט קראַנקהייט מאַטערט אַזוי אויס דאָס קינד, דאָס עס איז צו שוואַך אויסצוהאַלטען אַ צווייטע ערנסטע קראַנקהייט, און אויב אַזא קראַנקהייט „וואַרפט זיך אונטער", איז דאָס לעבען פון קינד אין געפאַהר.

בראָנקיטים איז אַן אָפטע בעגלייטערין פון קייך־הוסט. לונגען־ענטצינדונג איז די געפעהרליכסטע פון אַלע קאָמפּליקאַציעס, וואָס פּאַסירען נאָך קייך־הוסט, און ווען דאָס פּאַסירט מיט אַ קינד, וואָס איז אינגער פון צוויי יאָהר, זיינען די אויסזיכטען אויף'ן קינד'ס לעבען זעהר שוואַכע.

אָפטמאָל איז טובערקולאָזיס אַ נאָכפאָלגערין פון קייך־הוסט. דאָס קינד האָט וואהרשיינליך געהאַט שוין פריהער טובערקולאָזיס באַצילען אין קערפּער, אָבער דיזע באַצילען האָבען דעם קינד ווייניג שאַדען פעראור־זאַכט. ווען עס איז אָבער זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון קייך־הוסט, האָט די טובערקולאָזיס קראַנקהייט זיך געקענט פיל לייכטער פערשפּרייטען דורך'ן קערפּער.

ביי היינטיגען טאָג שטאַרבען מעהר קינדער פון קייך־הוסט ווי פון סקאַרלעט פיבער און ווייניגער ווי פון דיפטעריע.

ווי זיך אויסצוהיטען פון קייך־הוסט.

אונגליקליכערווייזע איז כמעט אונמעגליך צו אונטערשיידען צווישען די ערשטע שטופּע פון קייך־הוסט און אַ געוועהנליכען צוקיהלונג. די גע־וועהנליכע „פערקעלטונג" זיינען אויך געפעהרליך און וואָס שנעלער מיר וועלען אַנערקענען אַ פערקעלטונג פאַר אַן ערנסטע קראַנקהייט, וואָס שנע־לער דער גרויסער עולם וועט וויסען ווי זיך אויסצוהיטען פון אָנשטעקען

זיך פון די קאַלד באַצילען פון אנדערע, וואָס ליידען שוין פון דיזער קראַנק-הייט, אלץ ווייניגער פעלע פון קייך=הוסט וועלען מיר האָבען.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס די קייך=הוסט באַצילען געפי-נען זיך אין מויל און אין נאָז פון קראַנקען קינד און דאָס קינד פערשפּרייט דיזע באַצילען דורך הוסטען און ניסען אויף א שטרעקע פון אונגעפער פינף פוס ווייט.

אויב איהר ווילט איינהיטען אייער קינד פון קייך=הוסט לאָזט עס ניט זיך שפּילען מיט קינדער, וואָס ליידען פון „פערקעלטונג" און האַלטען אין איין הוסטען און ניסען. האַלט אייער קינד אונגעפער פינף פוס ווייט פון אזא קראַנקען קינד.

עס איז אויך זעהר וויכטיג, דאָס א קינד, וואָס ליידעט שוין פון קייך=הוסט, זאָל אָפּגעזונדערט ווערען פון אלע אנדערע קינדער אויף ווייניג-סטענס דריי וואָכען צייט נאָך דעם, ווי דאָס קינד פאַנגט אָן צו הוסטען. עקספּערימענטען האָבען בעוויזען דאָס נאָך דריי וואָכען צייט פערשווינדען די באַצילען פון קינד'ס מויל און נאָז. אין פערלויף פון דיזע דריי וואָכען צייט מוז דאָס קינד זיין אָפּגעזונדערט פון אנדערע קינדער. דאָס מיינט אָבער ניט, אז מען דאַרף האַלטען דאָס קינד פערשלאָסען אין הויז אין א צימער, וואו די פענסטער זיינען פערמאַכט עס זאָל חלילה קיין ווינטעלע זיך ניט אהין אריינכאַפּען.

אויף דער פרישער לופט פיהלען זיך די קינדער בעסער און הוסטען ווייניגער ווי ווען זיי זיינען אין דער הויז. עס איז דאַרום זעהר וויכטיג צו האַלטען דאָס קראַנקע קינד, אויב עס האָט נאָר ניט קיין פיבער, וואָס מעהר אין דרויסען, נאָר דערווייטערט פון אלע אנדערע קינדער. ווען עס איז אין הויז דאַרפען אלע פענסטער זיין אָפען אום דאָס קינד זאָל האָבען וואָס מעהר פרישע לופט.

ווען דאָס קינד הוסט אָדער ניסט דאַרף מען האַלטען פאַר'ן קינד'ס מויל א שטיקעל מערליע אָדער א נאָז=טיכעל, וואָס מען קען באַלד פערברענגען אָדער אויסקאָכען. דאָס צימער, אין וועלכען דאָס קראַנקע קינד געפינט זיך, דאַרף אָפט געלופטערט ווערען און דאָס בעטגעוואַנד דאַרף אָפט געביטען ווערען. מאַנכע גלויבען, אז דאָס קינד שטעקט אָן אלעם אין צימער מיט קייך=הוסט באַצילען און דאַן שטעקט עס זיך אליין אָן מיט דיזע באַצילען.

אויב דאָס הוסטען האַלט אָן פאַר א לאַנגע צייט איז ראַטזאַם צו נעהמען דאָס קינד אין אַן אנדער געגענד. אין מאַנכע פעלע ווירקט דיזע

ענדערונג צום גוטען. מאַנכע קינדער הערען אויף צו הוסטען ווען זיי גע-
פינען זיך ביים ברעג ים, אַנדערע קינדער ווערען אין גאַנצען געזונט ווען
מען נעהמט זיי אויף אַ קורצע רייזע אויף'ן ים.

ווענען די בעהאַנדלונג פון די קראַנקהייט זעלבסט קענען מיר דאָ ניט
רעדען. מען דאַרף זיך פערלאָזען אויף'ן דאָקטאָר, וואָס בעהאַנדעלט דאָס
קינד, און פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועגען קייך־הוסט, וועט
יעדער פערשטעהן, אַז דאָס קינד דאַרף זיין אונטער דער אויפזיכט פון
אַ דאָקטאָר פון דעם מאָמענט, ווען עס ווערט קראַנק ביז עס ערהאָלט זיך
אין גאַנצען פון דער קראַנקהייט.

צום גליק ליידעט מען פון קייך־הוסט בלויז איין מאָל. דער קערפער
שאַפט אַ פערטיידיגונגס־אַרמעע געגען די קייך־הוסט באַצילען און ווען די-
זע אַרמעע געלינגט צו בעקעמפען די באַצילען פערבלייבט זי אַ לאַנגע צייט
אין קערפער און בעשיצט איהם געגען אַ צווייטער אַטאַקע פון די זעלבע
מיקראָבען.

אָבער די איין אַטאַקע איז גענוג ערנסט און די נאָכוועהעניש, וואָס
די קראַנקהייט לאָזט נאָך זיך, זיינען אַזוי געפעהרליך, אַז דאָס קינד מוז זיין
די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט אונטער דעם אויפזיכט פון אַ קאָמפּע-
טענטען דאָקטאָר. צו געברויכען באַבסקע רפואות איז אַ פערברעכען ניט
נאָר געגען קראַנקען קינד, נאָר אויך געגען אַלע אַנדערע קינדער, וועמען דאָס
קראַנקע קינד קען אָנשטעקען.

קינדער־פּאראליזים.

(פּאָליאָמייעליטים)

קינדער־פּאראליזים איז, ווי די מעהרסטע דאָקטוירים זיינען איבער־צייגט, אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, וואָס ווערט פּעראורזאכט פון געוויסע מיקראָבען אָדער פון די גיפטען, וואָס דיזע מיקראָבען שאפען.

די קראַנקהייט איז פערשפּרייט איבער דער גאנצער וועלט, אָבער, ווי עס שיינט ליידען פון איהר אַם מעהרסטען די סקאַנדינאַווישע לענדער און די נאָרדליכע טייל פון אַמעריקא.

צווישען קינדער, וועלכע זיינען די מעהרסטע קרבנות פון דיזער קראַנק-הייט, ווערען אינגלאך און מיידלאך גלייך אָנגעגריפען. צווישען ערוואַקסע-נע מענשען שיינען מענער צו ליידען מעהר ווי פרויען פון דיזער פאָרמע פון פּאראליזים.

די גרעסטע צאָהל קראַנקע פון „פּאָליאָמייעליטים" זיינען קינדער אין די ערשטע פינף יאָהר פון זייער לעבען. וואָס עלטער דאָס קינד ווערט אַלץ בעסער זיינען די אויסזיכטען, אַז ער זאָל ניט קריגען די קראַנקהייט. אויף מענשען, וואָס זיינען עלטער פון פערציג יאָהר, האָט די קראַנקהייט כמעט קיין ווירקונג ניט.

דאָס די קראַנקהייט איז אַן אַנשטעקענדע קען מען זעהן דערפון, וואָס זי ערשיינט אין עפּידעמיעס און פערשפּרייט זיך זעהר שנעל פון איין גע-גענד צו דער אנדערער. איינצעלנע פעלע פּאַסירען צו יעדער צייט פון יאָהר אָבער די מעהרסטע עפּידעמיעס קומען אין די זומער־מאָנאַטען — יוני, יולי און אויגוסט.

אין מאַנכע פעלע קומט די קראַנקהייט ביי אַזעלכע קינדער, וואָס האָבען זיך נאָר וואָס ערהאָלט פון מאָזלען, שאַרלאַך, דיפטעריא און אַנדערע פּי-בער־קראַנקהייטען. מאַנכע דענקען דאַרום, דאָס די אויסגערעכענטע קראַנק-

הייטען העלפען ברייננגען „קינדער פאַראַליזים”. דער פאַקט איז אָבער, דאָס מען טרעפט אויך די קראַנקהייט ביי אַזעלכע קינדער, וועלכע האָבען ניט גע־ליטען פון קיינע פון די „קינדער־קראַנקהייטען”.

פון וואָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט.

קינדער פאַראַליזים ווערט פעראורזאַכט פון געוויסע מיקראָבען אָדער פון די גיפטען, וואָס דיזע מיקראָבען שאַפען. אַ בעשטעטיגונג פאַר דיזער מיינונג איז דער פאַקט, דאָס מען קען אַנשטעקען אַפען (מאַנקים) מיט דיזער קראַנקהייט און זיי צייגען די זעלבע סמנים ווי אַ מענש, וועלכער ליידעט פון דיזער קראַנקהייט. אַ צווייטער בעוויז, דאָס די קראַנקהייט ווערט פער־אורזאַכט פון מיקראָבען, איז דער פאַקט, דאָס אין'ם בלוט פון אַ פערזאָן אָדער אַן אַפע, וואָס האָט געליטען פון דיזער קראַנקהייט געפינט זיך אַ גע־וויסער געגען־גיפט, וואָס קען בעשיצען אַ צווייטען פערזאָן געגען דער קראַנק־הייט, אויב מען שפריצט אריין אין איהם דעם בלוט-סערום פון אַזאַ קראַנק־געוועזענעם מענשען. דאָס צייגט, אַז דער קערפער פון איינעם, וועלכער לייי־דעט פון דער קינדער־פאַראַליזים קראַנקהייט געהט אָן דער זעלבער פראָ־צעס פון געגען־גיפט פראָדוקציאָן, ווי עס געהט אָן אין'ם קערפער פון אַ קראַנקען, וועלכער ליידעט פון דיפטעריא. און דיפטעריא ווייסען מיר, דאָס עס ווערט פעראורזאַכט פון געוויסע מיקראָבען.

ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך.

גענוי ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך פון איין מענשען צום אַנדערען איז נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט קלאָר. מען האָט אין אָנפאַנג געדענקט, דאָס פליגען אָדער אַנדערע אינסעקטען פערשפּרייטען די קראַנק־הייט, אָבער אַ גענויע אונטערזוכונג האָט בעוויזען, דאָס אָבוואָל די פליגען האָבען אויף זיך אַ היבש פעקעל זינד און זיינען שולדיג אין פערשפּריי־טען פיעלע אַנדערע קראַנקהייטען צווישען מענשען, זיינען זיי אָבער ריין פון דיזער זינד, זיי פערשפּרייטען ניט די קינדער־פאַראַליזים קראַנקהייט. דאָס זעלבע האָט מען אויסגעפונען אין בעצוג צו די אַנדערע אינסעקטען, וועלכע מען האָט אונטערזוכט.

הינט און קעץ זיינען געוועזען פערדעכטיגט אין זיין אַגענטען פון דער קינדער־פאַראַליזים קראַנקהייט. הינט און קעץ האָבען יעדער אַ גאַנץ היב־

שען פּעקעל עבירות, אָבער אום צו זיין גערעכט געגען זיי האָט מען נאָך אַ געניויער אונטערזוכונג געמוזט צוגעבען, דאָס מען קען אויף זיי ניט אָנטשע-פּען אויך דיזע זינד.

די איינציגע ערקלערונג, וואָס מיר האָבען יעצט וועגען דער אַרט און ווייזע ווי אזוי דיזע קראַנקהייט פערשפּרייט זיך איז, דאָס זי געהט איבער דירעקט פון איין מענשען צום אַנדערען אָדער דורך דער פערמיטלונג פון אַ דריטען פּערזאָן. דאָס הייסט, אז ווען אַ געזונדער מענש קומט אין בע-ריהרונג מיט איינעם, וועלכער ליידעט פון קינדער-פּאַראַליזיס, ווערט ער אַליין קראַנק, ווייל ער נעהמט אַריין אין זיך אָדער אויף זיך די מיקראָבען פון דיזער קראַנקהייט. עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע מענשען, אויף וועלכע די מיקראָבען פון קינדער-פּאַראַליזיס האָבען קיין ווירקונג ניט. זיי אַליין ווערען דארום ניט קראַנק, אָבער זיי טראָגען זיך אַרום מיט די מיקראָבען, וועלכע זיי האָבען געקראָגען פון אַ קראַנקען און זיי שטעקען אָן אַן אַנדער מענשען, מיט וועמען זיי קומען אין בעריהרונג. אַזעלכע מענשען, וועלכע טראָגען זיך אַרום מיט די מיקראָבען פון אַ געוויסער קראַנקהייט און זיי אַליין זיינען ניט קראַנק, ווערען אָנגערופען „קעררירערס" אָדער טרעגער און פערשפּרייטער פון דער קראַנקהייט.

מיר האָבען גלייך אין אָנפאַנג פון דיזען קאַפּיטעל ערקלערט, דאָס די קינדער-פּאַראַליזיס קראַנקהייט איז אַן אָנשטעקענדע קראַנקהייט, דאָס הייסט אַזאַ קראַנקהייט, וואָס איין מענש קען זיך אָננעהמען פון אַנדערען. מיר האָבען דאָ אויך ערקלערט, אויף ווי ווייט עס איז ביז יעצט בעקאַנט, די אַרט און ווייזע, אויף וועלכע די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך. מיר מו-זען אָבער גלייך בעמערקען, דאָס ניט אַלע דאָקטוירים זיינען איינשטימיג מיט דיזער ערקלערונג. מאַנכע דאָקטוירים, נערוון ספּעציאַליסטען, ליי-קענען גאָר אין גאַנצען, דאָס די קראַנקהייט איז אַן אָנשטעקענדע. ווי זיי ערקלערען זיינען די בעווייזע, דאָס די קראַנקהייט געהט איבער פון איין מענ-שען צום אַנדערען, ניט קיין איבערצייגענדע.

וואָס עס קומט פאַר אין׳ם קערפּער פון קראַנקען.

די מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען די קינדער-פּאַראַליזיס קראַנקהייט, אָדער זייערע גיפטען גרייפט אָן אַם מעהרסטען די נערוו-צעלען פון אונ-זער רוקען-מאַרך און די דינינקע הויט, אָדער „מענינדזשעס", וואָס רינגלען אַרום דעם רוקען-מאַרך. אונזער נערוון-סיסטעם, אַריינגערעכענט דעם

מארך, בעשטעהט פון נערוו=צעלען און נערוו=פעדים. די נערוו=פעדים די-נען פונקט ווי טעלעגראף דראָטען, אויף איבערצופיהרען די אימפולסען אָדער די אָרדערס פון די נערוו=צעלען. די נערוו=פעדים אליין זיינען נוצלאָז אָהן די נערוו=צעלען, פונקט ווי עס זיינען די טעלעגראף=דראָטען ווען זיי זיינען ניט פערבונדען מיט דעם הויפט טעלעגראף=אפאראט אין דער טעלע-גראף=סטאנציע. די מיקראָבען פון דער קינדער=פאראליזיס קראנקהייט אָדער זייערע גיפטען גרייפען אָן אַם מעהרסטען די נערוו=צעהלען פון׳ם רוקען=מארך און אין מאנכע פעלע אויך געוויסע טיילען פון׳ם מארך זעלבסט. די קליינע בלוט=רעהרען, וואָס געפינען זיך אין דיזע טיילען פון׳ם מארך אָדער רוקען=מארך, ווערען אָנגעגאָסען מיט בלוט, מאנכע נערוו=צעהלען ווע-רען פאראליזירט און, אויב דיזער צושטאנד האלט אָן א לענגערע צייט, ווע-רען די נערוו=צעהלען אין גאנצען פערניכטעט. די מוסקולען, וועלכע ווערען קאָנטראָלירט דורך דיזע נערוו=צעהלען, ווערען פאראליזירט. אויב דער שאָדען צו די נערוו=צעהלען איז ניט קיין צו גרויסער ערהאָלען זיי זיך פון דער אטאקע און די פאראליזירטע מוסקולען ווערען צוריק אקטיוו. אָבער די מוסקולען, וועמען׳ס נערוון עס זיינען פערניכטעט געוואָרען, בלייבען פאראליזירט און פאנגען אָן איינצושרימפפען.

די סימנים פון דער קראנקהייט.

די ערשטע סמנים פון דער קראנקהייט זיינען אונבעשטימטע. ווען א קינד שטעקט זיך אָן מיט די מיקראָבען פון דער קינדער=פאראליזיס קראנק-הייט דויערט עס געוועהנליך פון איין ביז זיבען טעג איידער אין׳ם קינד׳ס קערפער זאמעלט זיך אָן גענוג גיפט, וואָס זאָל פעראורזאכען בעשטימטע סמנים.

אין פערלויף פון דיזער צייט איז דאָס קינד „קרענקעוואטע”, אונגרוהיג און עס האָט עטוואָס פיבער. מאנכע קינדער ברעכען אָדער האָבען קאָנוואול-סיעס, אנדערע בעקלאָגען זיך אויף שמערצען אין רוקען, הענד, פיס אָדער אין קאָפּ. דער פיבער האלט אָן אייניגע טעג און פערשווינדעט, און דאן בעמערקט מען ווי מאנכע מוסקולען פון קינד׳ס קערפער קענען זיך ניט בעוועגען.

אין די מעהרסטע פעלע פון א מיטעלמעסיגער ערנסטקייט ווערעןביידע פיס פאראליזירט און דאָס קינד קען זיך ניט שטעלען אָדער געהן.

אין א גרויסע צאהל פון דיזע פעלע ווערען אויך די הענד פאראליזירט. אין אזא צושטאנד וויל דאס קינד ניט ליידען ווען מען ריהרט דאס אן, עס וויל ליגען רוהיג, און ווען מען שטערט עס שרייט עס.

אין א טאג אדער צוויי ארום פיהלט זיך דאס קינד בעסער. עס פאנגט אן צו בעוועגען מיט די הענטלאך, און מען בעמערקט ווי איין פוס איז וועניגער פאראליזירט ווי די אנדערע. שמערצען האט דאס קינד דאן בלויז ווען מען דריקט דאס פאראליזירטע פיסעל, זאנסט איז עס פריי פון שמערצען.

אין פערלויף פון צעהן אדער פערצעהן טעג ערהאלט זיך דאס קינד כמעט אין גאנצען פון דער קראנקהייט אויסער וואס איין פוס בלייבט פאראליזירט און הייגנט נאך כמעט ווי טויט. די מוסקולען פון דיזען פוס פאנגען אן צו וועלקען, ווערען דין און אויסגעדארט.

עס זיינען פאראן מילדע פעלע פון דער קינדער־פאראליזיס קראנקהייט, וואו בלויז איין גליד ווערט אנגעגריפען און די פאראליזיס בעשרענקט זיך בלויז צו איין סעט מוסקולען פון איין פוס. אין מאנכע פעלע איז די פאראליזיס אזא לייכטע און געהט אזוי שנעל פאראיבער, דאס מען בעמערקט עס גאר ניט און ווען עס איז ניט די צייט פון אן עפידעמיע דענקט מען, אז דאס קינד ־אט זיך עטוואס צוגעקיהלט. עס זיינען אויך דא פיעל ערנסטע אטאקעס פון קינדער פאראליזיס, וואו די נערוועז פון מארך ווערען אנגעגריפען אדער די מוסקולען פון'ם אטהעמונגס־מעכאניזם ווערען פאראליזירט. אזעלכע פעלע זיינען זעהר לעבענס־געפעהרליך. כמעט אלע קינדער, וועמען'ס מוסקולען פון'ם אטהעמונגס־מעכאניזם ווערען פאראליזירט, שטארבען.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

די אויסזיכטען פון קראנקען הענדעט זיך אן דעם, ווי שטארק דער אנגריף פון דער קראנקהייט איז. די גרעסטע געפאהר פאר'ן קראנקען איז, ווען די מוסקולען פון זיין אטהעמונגס־מעכאניזם ווערען פאראליזירט. אויב א קראנקער האט בשלום דורכגעמאכט די ערשטע אייניגע טעג פון דער פאראליזיס קראנקהייט און זיין אטהעמונגס־מעכאניזם איז ניט בעריהרט געווארען, זיינען זיינע אויסזיכטען גוטע, אויב עס ווארפען זיך איהם ניט צו זעלכע קראנקהייטען ווי לונגען־ענטצינדונג אדער זיין פערדייאונגס־מאשינערי (דער מאגען און די קישקעס) ווערט ניט קאליע.

צו ענדע פון דער צווייטער אָדער דריטער וואָך פון דער קראנקה
פאנגען אָן די פאראליזירטע מוסקולען זיך צו בעסערען. פון דאן אָן בי
ענדע פון אַ יאָהר אָדער אַנדערהאלבען יאָהר זיינען נאָך דאָ אויסזיכ
דאָס די נאטור זעלבסט וועט פעררוכטען דעם שאדען. אין פערלויף
דיזער צייט ווערען אַ טייל פון די פאראליזירטע מוסקולען צוריק ט
און די, וואָס האָבען שוין אָנגעפאנגען אָפצושטארבען און איינצודארען,
ווינען צוריק אַ טייל פון זייער פריהערדיגע טעטיגקייט.

צו ענדע פון דיזער פעריאָדע הערט אויף דער פערבעסערונגס-פ
צעס און די מוסקולען, וועלכע זיינען געבליבען פאראליזירט, וועלען
פערבלייבען.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

אין דער ערשטער שטופע פון דער קראנקהייט ווערט דער קראנ
בעהאנדעלט אונגעפעהר אויף דער זעלבער ארט און ווייזע ווי עס ווע
בעהאנדעלט די, וואָס ליידען פון אַנדערע פיבער-קראנקהייטען, ווי מאָז
שארלאך און ד. גל. ווען די ערשטע צוויי-דריי וואָכען זיינען פאראי
דארף מען אָנפאנגען בעהאנדלען די מוסקולען מיט מאסאזש און עלעקט
שע סטימולירונג, אום צו פערהיטען זיי זאָלען ניט פערוועלקען און א
דארען.

די פאראליזירטע גלידער דארף מען האלטען ווארעם אָנגעטאָן, ס
ציעל ווען אין דרויסען איז קאלט. צו פערהיטען די פאראליזירטע גלי
זאָלען ניט אויסגעקרימט ווערען דארף מען זיי האלטען אין אַ נאָרמאלע ל
מיט דער הילף פון פערשיידענע אייזערנע אינסטרומענטען (ברייסעס).
מאנכע פעלע, ווען די צייט פון פערבעסערונג איז שוין פאָראיבער (צו ע
פון צווייטען יאָהר פון דער קראנקהייט) און בלויז איינינע מוסקולען זיי
פאראליזירט ווערענד אנדערע מוסקולען פון זעלבען פוס אָדער פון דער
בער האנד זיינען געזונד, קען מען דורך אַן אָפּעראציאָן פעראייניגען
קראנקע צו די געזונדע מוסקולען.

זייט דער לעצטער גרויסער עפּידעמיע אין ניו יאָרק זיינען פי
עקספּערימענטען געמאכט געוואָרען אין דער האָפנונג צו געפינען אַ סער
וואָס זאָל פערהיטען אָדער בעקעמפען דיזע קראנקהייט. מיר האָבען
פריהער בעמערקט, אז דאָס בלוט פון אַ קראנקען, וועלכער האָט זיך
האָלט פון דער קינדער-פאראליזיס קראנקהייט, ענטהאלט אַ געוויסען

גען־גיפט געגען די מיקראָבען, וואָס פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט. א פערזוך ווערט דארום געמאַכט צו שאַפען אַזא סערום אום צו בעשיצען קינ־דער געגען קריגען די קראַנקהייט, ווען זיי קומען אין בעריהרונג מיט אַ.על כע קינדער, וועלכע ליידען שוין פון קינדער־פּאַראַליזיס. די סערום־פּראַגע איז אָבער נאָך פּאָרלויפיג אין דער עקספּערימענט־שטופע און עס איז נאָך צו פריה צו זאָגען עטוואָס בעשטימטעס וועגען דעם.

מאמפּס.

מאַמפּס איז אַן עפּידעמישע קראַנקהייט, פון וועלכער דער הויפּ
סימן איז אַן ענטצינדונג פון די שפּייעכץ־דריזען, וועלכע געפינען זיך א
די באַקען, אונטער די אויערען.

די שפּייעכץ פון אונזער מויל ווערט געשאַפען פון פינף קליינע דר
זען אָדער שפּייעכץ פעקטאָרים. איינע געפינט זיך אונטער דער צונג, צוו
געפינען זיך פון ביידע זייטען מאָרדע און צוויי — אין די באַקען, אונט
די אויערען. פון יעדען פון דיזע דריזען ציהט זיך א קאַנאַל, וואָס עפּענ
זיך אין מויל און דורך דיזע קאַנאַלען שיקען די שפּייעכץ פעקטאָרים זי
ערע פּראָדוקטען אין מויל אריין.

אין דער קראַנקהייט, וואָס מען רופט מאַמפּס, ווערען ענטצונד
די שפּייעכץ פעקטאָרים, וועלכע געפינען זיך אין די באַקען.

די קראַנקהייט איז אַן אַנשטעקענדע. זי פערשפּרייט זיך לייכט פ
איין מענשען צום אנדערען דירעקט אָדער דורך געגענשטענדע, וואָס
קראַנקע שטעקען פריהער אָן און אנדערע געזונדע מענשען געברויכען נא
הער. מאַנכעס מאָל פערשפּרייט זיך די קראַנקהייט אזוי שנעל און שטעל
אָן אזוי פיעל מענשען, דאָס זי נעהמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַן עפּידעמי

גענוי וואָס עס פעראורזאַכט די קראַנקהייט איז נאָך ניט פעסטג
שטעלט, אָבוואָל עס איז שוין מעהר קיין צווייפעל ניט, דאָס די קראַנקהיי
ווערט פעראורזאַכט פון מיקראָבען, און אין פיעלע פעלע פון דער קראַנ
הייט האָט מען געפונען געוויסע מיקראָבען, וואָס מען דענקט, דאָס ז
זיינען די פעראורזאַכער פון די מאַמפּס.

די קראַנקהייט גרייפט אָן מעהרסטענס יונגע מענשען. בייבים א
קליינע קינדער ליידען זעלטען פון מאַמפּס, אָבער אָנפאַנגענדיג פון פי
יאָהר און העכער בעגעגענט מען די קראַנקהייט זעהר אָפט. מענער לייד
פון איהר אָפטער ווי פרויען.

ווען איינער שטעקט זיך אָן מיט די מיקראָבען פון דיזער קראנקהייט דויערט עס פון צוויי ביז דריי וואָכען ביז די ערשטע סמנים בעווייזען זיך. אין פערלויף פון דיזער צייט גרייטען זיך די מיקראָבען צו צו זייער אטאקע, און אין פערלויף פון דיזער פּאָרבערייטונגס־פעריאָדע איז דער קראנקער אין גאנצען פריי פון סמנים און ווייס גאָר ניט דאָס ער איז קראנק. דאן פאנגט ער אָן זיך צו פיהלען עטוואָס ניט מיט אַלעמען, ער האָט א לייכטען פיבער און אויף'ן זייט פון געזיכט, פונקט אונטער'ן אויער, דערפיהלט ער א לייכטען שמערץ.

זיך צוקוקענדיג צום פלאַץ, וואו דער וועהטאָג איז, קען מען צו יענער צייט בעמערקען א לייכטע געשווילעכץ. דיזע געשווילעכץ ווערט אלץ גרעסער ביז אין אכט און פערציג שטונדען ארום ווערט די גאנצע זייט פון געזיכט געשוואָלען. די געשווילעכץ ציהט זיך פון אונטער'ן אויער ביז ארונטער צו דער ענדע פון באק און פערשפּרייט זיך פון דער פאָדערשטער העלפט פון באק ביז אין מיטען פון נאקען. דאָס לעפעלע פון אויער ווערט פון דער געשווילעכץ ארויפגעשפּארט און ארויסגעשטופּט פאָראויס.

אין דער צייט פון דיזער געשווילעכץ קען דער קראנקער זעהר ווייניג עסען. אין מויל און אין האלז איז איהם רויט און אָפּט מאָל געשוואָלען. שלינגען, רעדען און אפילו בלויז עפענען דאָס מויל איז שמערצליך. די שמערצען זיינען אייגענטליך ניט זעהר גרויס, נאָר די אונאנגענעהמליכקייט. וואָס דער קראנקער פיהלט, איז זעהר גרויס. דיזע געשווילעכץ האלט אָן פון זיבען ביז צעהן טעג און דאן געהט זי לאנגזאם אָפּ און דער קראנקער ערהאָלט זיך. מאנכעס מאָל, ווען די געשווילאכץ געהט שוין אין גאנצען אָפּ פון איין זייט געזיכט, פאנגט די קראנקהייט אויף'סניי זיך אָן אין דער צווייטער זייט געזיכט און די גאנצע געשיכטע ווידערהאָלט זיך. אין מאנכע פעלע ווערען ביידע זייטען געזיכט אָנגעגריפען גלייכצייטיג און דער גאנצער נאקען ווערט שטארק געשוואָלען. די אונאנגענעהמליכקייט איז דאן פיעל גרעסער ווי ווען בלויז איין זייט איז אָנגעגריפען. אין אזעלכע פעלע ווערען געוועהנליך אויך די אנדערע שפּייעכץ־פּראָדוצירענדע דריזען אָנגעגריפען און דער קראנקער ליידעט פיעל מעהר.

אין אויסנאהמס פעלע נעהמט די קראנקהייט אָן א זעהר ערנסטע פאָרמע. דער קראנקער קריגט א הויכען פיבער און געפינט זיך אין א בעוואוסטלאָזען צושטאנד. אין אזעלכע פעלע פאנגט די קראנקהייט זיך אָן

מיט א שטארקען קאָפּ־וועהטאָג, גרויסע שמערצען, ברעכען און א הויכ
פיבער.

די קראנקהייט קומט זעלטען צוויי מאָל צום זעלבען פערזאָן. אָב
אין אויסנאהמס פעלע קען זי נאָך אמאָל אטאקירען דעם זעלבען קראנק
אין א וואָך ארום נאָך דעם, ווי דער ערשטער אָנגריף ענדיגט זיך.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

אין די מעהרסטע פעלע איז די אטאקע פון דער קראנקהייט א לייכט
און דער קראנקער ערהאָלט זיך זעהר שנעל. אין מאנכע פעלע, ספּעציע
ווען די קראנקהייט גרייפט אָן אן ערוואקסען איננגעל אָדער מיידעל, ווער
אויף די געשלעכטס־טיילען אָנגעגריפען.

אין אויסנאהמס פעלע קען זיך ענטוויקלען אלס א נאָכוועהעניש גי
הירען ענטציגדונג, נירען ענטצינדונג אָדער אן ענטצינדונג פון די אויגע
געררוען. אזעלכע פעלע זיינען אָבער גאנץ זעלטענע.

וואס צו טאן אין פאל פון מאמפּס.

ווען דאָס קינד קריגט שוין די קראנקהייט דארף מען עס האלטען א
בעט און אָפּגעזונדערט פון אנדערע קינדער פאר דריי וואָכען צייט. מ
דארף אכטונג געבען, אז דער מאָגען פון קינד זאָל זיין אין אָרדנונג, א
אזוי ווי עס איז שווער פאר'ן קינד צו קייען דארף מען איהם געבען בלו
פליסענדע שפּייז, ווי מילך און זופּען. אויב דער פיבער איז ניט זעהר הוי
דארף מען דעם קראנקען צורוה לאָזען. קאלטע אָדער הייסע קאָמפּרעס
(קינדער האָבען ליבער הייסע קאָמפּרעסען) צו דער געשוואָלענער באק וועל
העלפען פערקלענערען די שמערצען. א דאָקטאָר דארף מען יעדענפאל
רופען, און אויב די שמערצען זיינען צו שטארקע, דער פיבער צו הויך אָדע
אירגענד וועלכע קאָמפּליקאציעס ווארפען זיך צו וועט שוין דער דאָקטאָ
אויף דעם אכטונג געבען.

טייפויד פיבער.

טייפויד פיבער איז א קראנקהייט, וואָס ווערט פערורזאכט פון א פעציעלען סאָרט באצילען, וועלכע מען רופט „טייפויד באצילען". א לענ-רע צייט האָבען די דאָקטוירים ניט געוואוסט די אמת'ע אורזאכע פון די-ר קראנקהייט און זיינען געווען אונמעכטיג צו טאָן עטוואָס געגען איהר. בער זייט מען האָט ענטדעקט די טייפויד באצילען און מען האָט אויסגע-ינען ווי אזוי דיזע באצילען פערשפרייטען זיך פון איין מענשען צום אנדע-ען איז די צאָהל טייפויד קרבנות פיעל פערקלענערט געוואָרען, א דאנק די ירקזאמע מיטלען, וואָס ווערען געברויכט צו פערמיידען די קראנקהייט.

פון דעסטוועגען איז נאָך ביי היינטיגען טאָג טייפויד פיבער איינע ן די ווייט פערשפרייטעסטע קראנקהייטען. די טייפויד באצילען פאָלגען אָך דעם מענשען, וואו נאָר ער געפינט זיך. קיין טייל פון אונזער ערד-געל, וואָס איז נאָר בעוואוינט פון מענשען, איז ניט זיכער געגען טייפויד. ן די טראָפּישע געגענדען, אין די נאָרדליכע אָדער זידליכע געגענדען, אויף הויכע בערג און אין די טיפע טהאָלען, איבעראל זיינען די טייפויד בא-ילען טרייע נאָכפאָלגער פון די מענשען, וואָס פאסען ניט שטארק אויף יך ריינליכקייט.

אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא ווערען יעדען יאָהר רום דריי הונדערט מיט פופציג טויזענד מענשען קראנק אויף טייפויד בער און ארום פינף און דרייסיג טויזענד מענשען (צעהן פראָצענט פון קראנקע) שטארבען.

טייפויד איז דארום א גאנץ ערנסטע קראנקהייט, וועגען וועלכע עס ינט זיך צו וויסען אום מען זאָל קענען זי אויף ווי ווייט נאָר מעגליך יסמיידען.

עס איז ווערט גלייך אין אָנפאנג צו בעמערקען, דאָס טייפויד און יפוס זיינען צוויי בעזונדערע קראנקהייטען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט

איינע מיט די אנדערע, ניט נאָר דער פּראָסטער עולם, נאָר אפילו דאָקטוירי
פלעגען אמאָל דענקען, אז דאָס איז די זעלבע קראַנקהייט. מען האָט שו
אָבער לאַנג צוריק אויסגעפונען, אז דאָס איז א טעות.

די קרבנות פון טייפויד פיבער.

מאנכע אנדערע קראַנקהייטען אטאַקירען מעהרסטענס אזעלכע מע
שען, וואָס זיינען פיזיש שוואַך, אויסגעמוטשעט, וועמען'ס ווידערשטאַנד'ס
קראַפט געגען די באַצילען איז פיעל אָפּגעשוואַכט. אין דיזען זין איז טי
פויד אַן אויסנאַהמע. די באַצילען פון דיזער קראַנקהייט שרעקען זיך ני
אָפּ אפילו פאַר'ן געזונדסטען מענשען. זיי אטאַקירען כמעט יעדען מענש
אין וועמען'ס קערפּער זיי כאַפּען זיך אריין. בלויז איבער א קליינע צאָ
מענשען האָבען די טייפויד באַצילען קיין שליטה ניט. וואָרום דאָס איז אז
איז נאָך פאָרלויפיג א געהיימניס, אָבער א פאַקט איז עס אז מאנכע מענש
קענען האָבען טייפויד באַצילען אין זייער קערפּער, אָנשטעקען אנדערע מי
דיזער קראַנקהייט און דאָך אליין זיין געזונד.

די טייפויד באַצילען האָבען ניט קיין בעשטימטען סיזאָן. זיי טו
זיך זייער ארבייט א גאַנץ יאָהר, אָבער אין אמעריקא און אין אייראָפּאַ א
די צאָהל טייפויד קרבנות פיעל גרעסער אין הערבסט ווי אין אַן אנדער צי
פון יאָהר. די באַצילען אטאַקירען אויך מענשען פון יעדען עלטער, אָב
אם מעהרסטענס גרייפען זיי אָן מענשען אין עלטער פון פופצעהן ביז דרי
סיג יאָהר.

די טייפויד באַצילען קענען ניט איבערשפּרינגען פון איין מענש
צום אנדערען. זיי קענען אויך ניט איבערפליהען דורך דער לופט. מ
קען זיך דארום ניט אָננעהמען די קראַנקהייט, ווען מען אטהעמט די זעלב
לופט אין זעלבען צימער, וואו דער קראַנקער געפינט זיך אָדער ווען מ
שטעהט נאָהענט צו זיין בעט. א גענויע און זאָרגפעלטיגע אונטערזוכונג פ
טויזענדע טייפויד פעלע צוזאמען מיט אונצעהליגע עקספּערימענטען, האָב
בעוויזען, דאָס די באַצילען גרייכען אונזער קערפּער בלויז דורך איין וועג -
דורך'ן מויל.

דער קראַנקער, וואָס ליידעט פון טייפויד פיבער, גיט ארויס פון ז
מיליאָנען באַצילען. דיזע באַצילען געפינען זיך הויפּטזעכליך אין זיין א
פאַל מאַטעריאַל און אין זיין אורין, און העסליך און דערווידער ווי דאָס אי

איז עס אָבער אַ פאַקט, דאָס די שפּייז, וואָס מיר עסען, ווערט פעראונ-רייניגט פון דיזע באַצילען און צוזאַמען מיט אונזער שפּייז גרייכען די באַ-צילען די אינערליכע טיילען פון אונזער קערפּער.

טייפויד פיבער איז דאַרום ניט נאָר אַ שעדליכע און זעהר געפעהר-ליכע קראַנקהייט, נאָר אויך אַ העסליכע אונריינע קראַנקהייט, ווייל דער הויפּט וועג, דורך וועלכען מיר קריגען די קראַנקהייט איז אונריינליכקייט.

די הענד פון קראַנקען זיינען זעהר גוטע אַגענטען פון דער קראַנקהייט. ביי מאַנכע פּאַציענטען, וואָס פּאַסען ניט שטאַרק אויף אויף ריינליכקייט, זיי-נען די הענט פּשוט'ע נעסטען פון טייפויד באַצילען, וואָס פערפעסטען יעדע זאַך, מיט וועלכע זיי קומען אין בעריהרונג.

אַט דאַרום איז מעגליך, דאָס יעדע זאַך, וואָס קומט אין בעריהרונג מיט'ן קראַנקען, זאָל פערשפּרייטען טייפויד באַצילען. אויב איינער האַלט דיזע זאַכען אין האַנד אָדער קומט אין בעריהרונג מיט'ן קראַנקען זעלבסט און נאַכהער רייניגט ער ניט זיינע הענד דורך וואַשען זיי אין אַ דיסאינפעק-ציאָנס־וואַסער (אַ וואַסער, וואָס ענטהאַלט אַ כעמישען מאַטעריאַל, וואָס טויטעט די טייפויד באַצילען), קען דיזער פּערזאָן נאַכהער פערפעסטען די שפּייז, וואָס ער האַלט אין די הענד און צוזאַמען מיט די שפּייז אויך אַרונ-טערשלינגען די באַצילען.

דאָס איז דער דירעקטער וועג, דורך וועלכען די טייפויד באַצילען פער-שפּרייטען זיך פון קראַנקען צום געזונדען מענשען. דאָס איז אָבער ניט דער איינציגער וועג. עס זיינען דאָ אַ סך אינדירעקטע וועגען, דורך וועלכע די טייפויד באַצילען פערשפּרייטען זיך.

טייפויד אַגענטען.

די בעסטע אַגענטען, וואָס העלפען פערשפּרייטען די טייפויד באַצילען זיינען די מענשען זעלבסט. ווען איינער, וואָס ליידעט פון טייפויד, ווערט געזונד איז ער נאָך אַ לאַנגע צייט ניט פריי פון די באַצילען. פאַר וואָכען אָדער מאָנאַטען נאָכאַנאַנד נאָך דעם, ווי ער ערהאָלט זיך פון דער קראַנק-הייט, געפינען זיך טייפויד באַצילען אין זיין אורין און אין זיין אָפּפאַל מאַ-טעריאַל. צווישען די, וואָס געהען אַרום די קראַנקע, געפינען זיך אויך אַזעל-כע, וואָס שטעקען זיך אָן מיט די באַצילען, און אָבוואָל זיי אַליין ווערען ניט קראַנק גיבען זיי אָבער אַרויס פון זיך מיליאָנען טייפויד באַצילען.

אזעלכע מענשען, אויב זיי זיינען שפייז-הענדלער, פרוכט-פעדלער אָדער מענשען, וואָס ארבייטען אין דעירים און געהען ארום די בהמות, שטע-קען זיי אָן די שפייז, וואָס זיי האַלטען אין זייערע הענט, מיט טייפויד באצילען און די, וואָס עסען דיזע שפייז, ווערען קראַנק.

אין ניו יאָרק געפינט זיך אן איירישע קעכין, וועלכע האָט דעם צו-נאָמען „טייפויד מערי". דיזע קעכין שיינט צו זיין אן אונערשעפּליכער קוואַל פון טייפויד באצילען און זי האָט שוין הונדערטע מענשען אָנגעשטעקט מיט דיזער קראַנקהייט דורך פערפּעסטען די שפּייז, וואָס זי גרייט צו פאַר זיי.

איינינע מאָל איז זי שוין געווען ארעסטירט און פערשפּארט אין א האָספּיטאַל, ביז זי האָט פערשפּראָכען צו ווערען אויס קעכין און זיך מעהר גיט צוריהרען צו שפּייז, וואָס אנדערע מענשען דארפען עסען. אָבער אזוי שנעל ווי מען בעפרייט זי, פערשווינדט זי ערגעץ און מען הערט פון איהר ניט, ביז עס טרעפען זיך ערגעץ-וואו איינינע טייפויד פעלע און די בעאמטע פון די באָארד אָוו העלטה ווייסען שוין, דאָס מערי האָט איהר וואָרט ניט געהאַלטען. מערי איז, ווי עס שיינט, אונקורירבאר און וועט ביז'ן טויט זיין א פעקטאָרי פון טייפויד באצילען.

דיזע טייפויד פערשפּרייטער, זיך פיהלענדיג געזונד, געהען ארום פראַנק און פריי. זייער אורין און אָפּפאַל מאטעריאַל, ספּעציעל אין די גע-גענדען, וואו עס געפינען זיך ניט קיין וואסער-לייטונגען און סיוער-סיסטעם (קאַנאַלען, דורך וועלכע די אונריינע וואסער רינט אָפּ), ווערט פריהער אָדער שפּעטער ארונטערגעשווענקט אין'ם טייך אָדער קוואַל, פון וואַנען מען שעפּט טרינק-וואסער, און דאָס וואסער ענטהאַלט דאן די טייפויד באצילען.

דורך טרינקען דיזעם וואסער, דורך וואשען מיט דיזעם וואסער גרינ-צייג, וואָס מען עסט רויהערהייד, דורך וואשען מילך-קענס אָדער מילך-באָטעלס מיט דער פערפּעסטעטער וואסער, גרייכען די באצילען דעם מענ-שען און צוזאמען מיט דער שפּייז כאַפּען זיי זי אריין אין קערפּער. אָי-סטערס אָדער פיש, וואָס קומען פון א טייך, וואָס איז פערפּעסטעט פון טייפויד באצילען, קענען אויך פעראורזאכען די קראַנקהייטען.

א זעהר וויכטיגע קלאַס אגענטען פון די טייפויד באצילען אין די פליגען-פאַמיליע. ספּעציעל אין די קליינע שטעדט און דערפלאַך, וואו עס איז ניטאָ קיין סיוערס און די פליגען האָבען א פרייען צוטריט צו די טאָי-לעטס, נעהמען זיי אויף באצילען אויף זייערע האָריגע קערפּערס און פלי-הענדיג פון זייער מאָהלצייט דירעקט צום טיש און קריכענדיג אויף די

שפייז, וואָס שטעהט אויף'ן טיש, פערפעסטען זיי די שפייז, וואָס די מענשען עסען.

אין צייט פון שפּאניש־אמעריקאנער קריג האָט א רעגירונגס־קאָמיסיע געמאכט א ספּעציעלע אונטערזוכונג וועגען דער ראָלע, וואָס פליגען שפּילען אלס טייפויד אגענטען און זיי האָבען אויסגעפונען, דאָס פליגען פערשפּרייטען טייפויד אויף דער ארט און ווייזע ווי מיר האָבען נאָך וואָס דערמאָנט.

די באצילען אין קערפּער.

ווען די באצילען פון טייפויד קומען אריין אין קערפּער שלאָגען זיי זיך דורך א וועג אין אונזער בלוט. דאָס בלוט צופיהרט זיי איבער'ן גאנצען קערפּער. די גיפט, וואָס זיי פּראָדוצירען שטעקט אָן אַלע טיילען פון קערפּער און א קאמף אויף לעבען און טויט פאנגט זיך אָן צווישען אונזערע קערפּער־צעלען און די באצילען. די קערפּער־צעלען פאנגען גלייך אָן אויסצוארבייטען א געגען־גיפט צו בעזעמפען דעם גיפט פון די באצילען און אין דער זעלבער צייט ווירקט דער באצילען־גיפט אויף די צעלען. אויב די באצילען געלינגט צו פערגיפטען די צעלען איידער די לעצטע קענען שאפען גענוג געגען־גיפט שטארבט דער מענש. אויב די קערפּער־צעלען געלינגט בעצייטענס אויסצואַרבייטען גענוג געגען־גיפט ערהאָלט זיך דער מענש פון דער קראנקהייט. ער בלייבט אָבער שטארק אָפּגעצערט און אָפּגעשוואכט.

די ערשטע איינינע טעג נאָך דעם, ווי די באצילען כאפּען זיך אריין אין קערפּער, זיינען זיי ניט גענוג אין צאָהל צו קענען פעראורזאַכען די קראנקהייט. זיי בעשעפטיגען זיך דארום מיט פּראָדוצירען זייער גיפט און פערמעהרען זיך. אין פערלויף פון דיזער פּעריאָדע, וואָס דויערט פון דריי ביז דריי און צוואנציג טעג, פיהלט דער מענש „ניט מיט אַלעמען". ער ליידעט פון קאָפּ־וועהטאָג, עטוואָס איבעלקייט, ער פערלירט דעם אַפּעטיט און איז איבערהויפּט לא עליכם'דיג.

ערשט, ווען די באצילען האָבען שוין אָנגעזאמעלט א גענוגענדע ארמעע, אטאקירען זיי דעם קערפּער מיט זייער פולער מאכט און דער קאמף אויף לעבען און טויט פאנגט זיך אָן אין פולען ערנסט.

דיזער קאמף, וואָס דויערט פון פיער ביז אכט וואָכען צייט, קען אָננעהמען אזוי פיעל פערשיידענע פאָרמען, דאָס עס איז כמעט אונמעג-

ליך זיי צו בעשרייבען אין דיזען בעשרענקטען פּלאַץ. די סמנים זיינען אזוי פערשיידען אין פערשיידענע פעלע, דאָס צו דערקענען א טייפויד פאַל אין אָנפאנג פון דער קראנקהייט איז אָפט א שווערע אויפגאַבע אפילו פאר׳ן געניטען דאָקטאָר. שוין ניט רעדענדיג פון איינפאכען לעזער.

דער גאַנג פון דער קראנקהייט איז אויך פערשיידען און עס איז כמעט אונמעגליך צו זאָגען, ווען איינער ווערט קראנק אויף טייפויד, צו זיין פאַל וועט זיין א לייכטער אָדער אן ערנסטער. די קראנקהייט געדויערט געוועהנליך פון פיער ביז אכט וואָכען צייט. אונטער דער צייט ליידעט דער קראנקער פון א הויכען גראַד פיבער, זיין קערפּער איז דורכגעזאַפּט מיט׳ן גיפט פון די באַצילען און אויף דער צווייטער אָדער דריטער וואָך פון זיין קראנקהייט איז ער ווי בעטויבט און ווייס ניט אויף וואָס פיר א וועלט ער איז. דער פיבער צעהרט איהם שרעקליך אויס און אויב ער איז פון פריהער אויך געווען א שוואכער מענש זיינען זיינע אויסזיכטען אויסצוהאַלטען די קראנקהייט פיעל שוואכער, ווי די אויסזיכטען פון א מענשען, וועלכער איז פריהער געווען געזונד.

די טייפויד באַצילען האָבען א ספּעציעלע נייגונג צו געוויסע טיילען פון אונזערע קישקעס, און איינע פון די זעהר ערנסטע געפאהרען פון דער קראנקהייט איז, דאָס די קישקעס זאָלען דורכגעלעכערט ווערען. אין אזא פאַל, אויב מען בעמערקט עס בעצייטענס און מען מאַכט דעם פּאַציענט גלייך אן אָפּערייש‎אָן צו פעררינכטען די דורכגעלעכערטע קישקעס, האָט ער נאָך א האָפנונג צו בלייבען לעבען, זאָנסט זיינען זיינע אויסזיכטען געזונד צו ווערען גאַנץ שוואכע.

אויך די, וואָס בלייבען לעבען, זיינען פאר א לענגערע צייט זעהר אָפּגעשוואכט און אָפּגעצעהרט און זיי ערהאָלען זיך זעהר לאַנגזאַם פון דיזער ערנסטער קראנקהייט. אין פערלויף פון דיזער ערהאָלונגס־פּעריאָדע דארף דער פּאַציענט זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט׳ן עסען און שטרענג אויספאָלגען דעם דאָקטאָר׳ס אָרדער אין דיזער הינזיכט. דער קערפּער, וואָס איז נאָר וואָס איבערגעקומען אזא שווערע קראנקהייט, איז ניט בכח צו עסען אַלעס, וואָס א געזונדער מענש עסט און אויב מען איז ניט פאָרזיכטיג גענוג, זיינען דאָ גאַנצע אַרמעען פערשיידענע קראנקהייטען, וואָס קענען אין יענער צייט צופאַלען.

דאָס גליק איז נאָר, וואָס בלויז איינער פון צעהן מענשען, וואָס איז אויסגעזעצט דער געפאהר צו קריגען די קראנקהייט, קריגט זי ווירקליך.

דאָס הייסט, אז ניין פון יעדע צעהן פעלע איז דער קערפּער אימשטאנדע צו פערניכטען די באצילען איידער יענע האָבען א געלעגענהייט צו פערורזאכען פיעל שאדען, און כמעט אין ניין פון יעדע צעהן פעלע, וואָס ווערען יע אָנגעגריפען פון די באצילען, איז דער קערפער מיט דער הילף פון דאָקטאָר אימשטאנדע בייצוקומען דיזע קליינע מחבלים.

ווי אזוי מען קען זיך בּעווארענען געגען טייפויד.

שטודירענדיג די טייפויד קראנקען פעלע אום אויסצוגעפינען ווי אזוי צו בעקעמפען דיזע קראנקהייט, האָט מען בעמערקט, דאָס די מעהרסטע פון די, וואָס האָבען איין מאָל די קראנקהייט, זיינען בעוואָרענט געגען א צווייטער אטאקע, אם ווענינגסטענס פאר אייניגע יאָהר צייט. בלויז איינער פון פופציג טייפויד קראנקע האָט א צווייטע אטאקע און אויך אין דיזע פעלע איז די אטאקע א גאנץ מילדע.

דאָס מיינט אלזאָ, אז אין'ם בלוט פון די, וואָס ערהאָלען זיך פון טייפויד, געפינט זיך א געניגענדע מאָס געגען-גיפט, וואָס קען מאכען אונשעדליך די טייפויד-באצילען, אויב יענע זאָלען זיך נאָך אמאָל ארייננכאפּען אין קערפּער. עקספערימענטען מיט'ן בלוט פון פערזאָנען, וואָס ערהאָלען זיך פון טייפויד פיבער, האָבען בעוויזען, אז דאָס איז ווירקליך אזוי.

דיזע ענטדעקונג האָט בעשטעטיגט די מיינונג, דאָס ווערהענד די קראנקהייט געהט אָן ארבייטען די קערפּער-צעלען אויס א געגען-גיפט געגען די טייפויד באצילען און דאָס לעבען פון קראנקען ווענדעט זיך אָן דעם צו זיין קערפּער קען פּראָדוצירען גענוג געגען-גיפט אויף צו מאכען די באצילען מיט זייער גיפט אונשעדליך. אויב דאָס געלינגט דעם קערפּער און די באצילען מיט זייער גיפט ווערען פערניכטעט, פערבלייבט דער געגען-גיפט נאָך א לענגערע צייט אין קערפּער און איז אימשטאנד צו פערניכטען די באצילען, וואָס כאפּען זיך נאָכהער אריין אין קערפּער.

דיזער צושטאנד קען פערגליכען ווערען צו א לאנד, וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעפיהרט אָן ערפאָלגרייכע מלחמה און האָט נאָך ניט אויפגעלעזט איהר ארמעע. אזוי לאנג ווי דיזע ארמעע עקזיסטירט איז דאָס לאנד אימשטאנדע צוריקצושטויסען יעדען נייעם איבערפאָל פון שׂונא.

קומענדיג צו דיזען שלום האָט מען אָנגעפאנגען צו זוכען מיטלען, ווי אזוי אויסצונוצען דיזען צושטאנד אויף צו היילען טייפויד קראנקע

אָדער בעוואָרענען געגען דער קראַנקהייט מענשען, וואָס זיינען אויסגעזעצט דער געפאַהר זי צו קריגען.

אין אָנפאַנג האָט מען פּרובירט איינשפּריצען אין טייפויד קראַנקע א בלוט־סערום פון אזעלכע, וואָס האָבען זיך ערהאָלט פון דער קראַנקהייט. דער געדאַנק דערביי איז געווען, דאָס אזוי ווי דער בלוט־סערום ענטהאַלט געגען־גיפט געגען די טייפויד באַצילען, וועט מען דורך איינשפּריצען דעם סערום אין'ם קראַנקען, איהם געבען א דאָזע פון'ם געגען־גיפט. מאַנכע האָבען געמעלדעט גוטע רעזולטאַטען פון דיזען סערום, די מעהרסטע דאָק־טוירים דענקען אָבער, דאָס עס האָט א קליינעם ווערט; שוין פּשוט דער־פאַר, וואָס מען גיט דערמיט דעם קראַנקען א צו קליינע דאָזע קריגס־מאַ־טעריאַל צו בעקעמפּפען די טייפויד באַצילען.

אין יאָהר 1896 האָבען איינינע דאָקטוירים בעוויזען, דאָס ווען מען שפּריצט איין אין א געזונדען מענשען טויטע טייפויד באַצילען, איז דיזער פּערזאָן בעוואָרענט פון קריגען די קראַנקהייט. אין די מעהרסטע פעלע האָבען די טייפויד באַצילען קיין שום ווירקונג ניט אויף אזא פּער־זאָן און זיי קענען איהם קיין שאדען ניט פערורזאַכען. מען האָט דיזען פּלאַן פּרובירט אויף פיעלע מענשען, ספּעציעל אויף סאָלדאַטען, וואָס פלע־גען ביז דאַן זעהר פיעל ליידען פון טייפויד און מען האָט זיך איבערציינגט, דאָס עס איז ווירקליך א גוטעס מיטעל. ניט נאָר בעשיצט עס די מעהרסטע מענשען פון קריגען טייפויד, נאָר אפילו צווישען די וואָס קריגען יע די קראַנקהייט איז די צאָהל טויטען־פעלע פיעל קלענער, ווי צווישען די, וואָס קריגען ניט די איינשפּריצונג.

די טויטע באַצילען ווערען אָנגערופען וועקסין און דאָס איינשפּרי־צען די טויטע באַצילען הייסט אויף ענגליש „וועקסינייישאָן". אין דער אמעריקאַנער אַרמעע האָט מען איינגעפיהרט דיזע סאָרט „וועקסינייישאָן" אין יאָהר 1909. מיט א יאָהר פריהער, אין 1908, זיינען פון יעדע טוי־זענד סאָלדאַטען עטוואָס מעהר ווי דריי געווען קראַנק אויף טייפויד, אין יאָהר 1913, פיער נאָך דעם, ווי מען האָט איינגעפיהרט געצוואונגענע „וועקסינייישאָן", זיינען בלויז דריי פון יעדע הונדערט טויזענד סאָלדאַטען געווען קראַנק פון טייפויד.

די מיליאָנען סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער לעצ־טער מלחמה, זיינען כמעט געווען אין גאַנצען פריי פון טייפויד. בלויז אין אזעלכע צוריקגעשטאַנענע פלעצער ווי מאַצעדאָניא, אַלבאַניען און אויף די

באלקאנען האָבען זיך אין אָנפאנג מלחמה בעוויזען טייפויד־פעלע, אָבער אזוי שנעל ווי די אמעריקאנער סאניטארע קאָמיסיע איז אָנגעקומען אהין איז די קראנקהייט אויסגעראָטעט געוואָרען.

ווי אזוי קענען טויטע באצילען בעשיצען געגען טייפויד קראנקהייט, ווען איהר פרעגען?

דער ענטפער איז דאָס די טויטע באצילען וועקען די קערפער־צעלען זיי זאָלען פראָדוצירען דעם געגען־גיפט צו די טייפויד באצילען. אום צו פערשטעהן ווי אזוי דאָס ארבייט לאָ'מיר אָננעהמען פאָלגענדען ביישפּיל:

א לאנד, וואָס איז ניט צוגעגרייט צו מלחמה, ווען עס ווערט פּלוצלינג איבערפאלען פון א שטארקען שונא, קען עס זיך געגען איהם ניט וועהרען. עס געדויערט א לענגערע צייט איידער עס געלינגט אזא לאנד צו אָרגאניזירען א שטארקע ארמעע און אין פערלויף פון דער צייט קען דער שונא פערכאפּען אלעס אין זיינע הענד. ווען אָבער א לאנד ווערט פריהער איבערפאלען פון א שוואכען שונא אָדער ווען די ערשטע רעגימענטען פון שונא'ס ארמעע בעשטעהט פון קאליקעס, מענשען, וואָס קענען זיך ניט שלאָגען און קענען לייכט בעזיגט ווערען, האָט דאָס לאנד גענוג צייט צו אָרגאניזירען א שטארקע ארמעע און ווען דעם שונא'ס מחנות קומען דאן איז דאָס לאנד גרייט זיי צו בעגעגענען און זיי בעקעמפען.

דאָס זעלבע איז דער פאל מיט די טויטע טייפויד באצילען, וואָס מען שפּריצט ארונטער הינטער דער הויט פון'ם מענשען. דיזע באצילען זיינען ניט אימשטאנדע צו טאָן ־פיעל שאדען, ווייל זיי זיינען טויט און קענען קיין גיפט ניט פראָדוצירען. זעהר אנוועזענהייט רעגט אָבער אויף די קערפער־צעלען און צווינגט זיי אויסצואַרבייטען דעם געגען־גיפט פונקט ווי עס וואָלטען געווען אין קערפער לעבעדיגע באצילען. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, פערבלייבט דיזער געגען־גיפט א לענגערע צייט אין קערפער און איז בערייט צו בעגעגענען און פערניכטען די לעבעדיגע טייפויד באצילען אויב יענע זאָל געלינגען זיך ארייצוכאַפּען אין'ם קערפער.

זייט 1913 שיקט דער דעפּארטמענט אָוו העלטה פון ניו יאָרק דאָקטוירים אין די הייזער, וואו עס געפינען זיך טייפויד קראנקע און דיזע דאָקטוירים וועקסינירען אלע מיטגלידער פון דער פאמיליע פון'ם קראנקען און אלע וואָס קומען מיט'ן קראנקען אין בעריהרונג. עס איז נאָך פאָרלויפיג קיין מוז ניט זיך צו לאָזען וועקסינירען, און פיעלע ווילען דאָס טאקע ניט ליידען, אָבער דער פאקט, אז טויזענדע מענשען־לעבענס זיינען

שוין דורך דעם גערעטעט געוואָרען איז דער בעסטער בעוויז פאַר די ווירק-זאַמקייט פון דיזען מיטעל.

ווי זיך אויסצוהיטען פון קריגען טייפויד.

פון דעם, וואָס מיר האָבען ביז יעצט געזעהען וועגען דער אַרט און וויזע ווי אַזוי די טייפויד באַצילען פערשפּרייטען זיך, איז לייכט איינצו-זעהן, אַז די מיטלען ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער ערנסטער קראַנקהייט איז ר י י נ ל י כ ק י י ט. פּערזענליכע ריינליכקייט און ריינליכקייט פון די שפּייז, וואָס מיר עסען און די וואַסער, וואָס מיר טרינקען.

אַ גרויסע טייל אין דעם קאַמף געגען טייפויד נעהמען אויף זיך די „באָאַרדס אָוו העלטה" פון די פערשיידענע שטעדט. עס איז זייער אויפ-גאַבע צו זעהן, דאָס די איינוואוינער זאָלען קריגען ריינע וואַסער, אַז די וואַסער־קוואַלען זאָלען ניט פערונרייניגט ווערען דורך מענשליכע אָפּ-פאַל מאַטעריאַלען. עס איז די פליכט פון די באָאַרד אָוו העלטה אויסצו-געפינען די וואָס פערשפּרייטען אַרום זיך טייפויד באַצילען און דאָס פער-היטען. עס איז די פליכט פון די, וואָס דאַרפען אַכטונג געבען אויף די גע-זונדהייט פון פאָלק, אויפצופּאַסען אויף די טייפויד קראַנקע און זעהן, דאָס אַנדערע זאָלען זיך פון דיזע קראַנקע ניט אָנשטעקען.

די „באָאַרדס אָוו העלטה" פון די פערשיידענע שטעדט זיינען אָבער מאַכטלאָז אין דיזען קאַמף אָהן דער הילפע פון די איינצעלנע איינוואוינער פון זייערע שטעדט. ווען יעדער איינער זאָל פערשטעהן ווי גרויס עס איז די געפאַהר פון טייפויד און זאָל מיט אַלע זיינע קרעפטען העלפען אין'ם קאַמף געגען טייפויד וואָלט דיזע קראַנקהייט אין אַ גאַנץ קורצע צייט פערשוואונדען.

וואָס קען דער איינציגער פּערזאָן טאָן אום זיך אויסצוהיטען פון קריגען טייפויד, ווענט איהר פרעגען?

אָט וואָס די באָארד אָוו העלטה פון ניו יאָרק זאָגט וועגען דעם:

האַלט אויף אייער געזונד און טרינקט קיין אַלקאָהאָלישע געטרענקע.

אַ געזונדער מענש איז ניט בעוואָרענט געגען קריגען די קראַנקהייט, ער קען זי אָבער לייכטער אויסהאַלטען ווי אַ שוואַכער פּערזאָן.

האַלט אייער הויז און אייער קערפּער ריין.

וואַשט אייערע הענד פאַר יעדען מאָהלצייט.

טרינקט בלויז די בעסטע און ריינסטע מילך, און אויב איהר זייט ניט זיכער, דאָס די מילך איז ריין, קאָכט זי איידער איהר געברויכט זי.

טרינקט בלויז ריינע וואסער, און אויב איהר האָט נאָר אירגענד וועלכען צווייפעל וועגען איהר ריינליכקייט, קאָכט זי איבער.

עסט בלויז ריינע און גוטע שפייז. פריש געקאָכטע שפייז איז די זיכערסטע, ווייל די היץ טויטעט די טייפויד באצילען (אָבער די היץ פון טהעע אָדער קאָפע איז ניט גענוג צו טויטען די טייפויד באצילען אויב זיי געפינען זיך אין די מילך אָדער קרים (שמאנט), וואָס מען געברויכט מיט די טהעע אָדער קאָפע). היט זיך פון סאלאד אָדער רויהע גרינצייג סיי־דען איהר זייט זיכער, דאָס זיי קומען פון א ריינעם פלאץ. וואשט אָפּ דאָס אייז איידער איהר לעגט עס אריין אין אייז־באקס (אייז־קאסטען) און האלט דעם אייז־באקס ריין. לעגט ניט קיין אייז אין'ם וואסער, וואָס איהר טרינקט אָדער אויף די שפייז, וואָס איהר עסט. דאָס אייז קען זיין אָנגעשטעקט מיט באצילען. קויפט שפייז נאָר אין גוטע ריינע סטאָרס.

עסט ניט אין קיינע שמוציגע רעסטאָראנטס.

האלט אייער הויז ריין פון פליגען. ספּעציעל גיט אכטונג, דאָס די פליגען זאָלען ניט האָבען קיין צוטריט צו אייער שפייז.

טייפויד פיבער איז ספּעציעל פערשפּרייט אין דער פּראָווינץ, וואו עס זיינען ניטאָ קיינע סיוערס (רעהרען, דורך וועלכע די אונריינע וואסער און שמוץ ווערט אוועקגעפיהרט פון די הייזער), קיין וואסערלייטונג און עס איז אונמעגליך שטרענג אכטונג צו געבען אויף'ן געזונד פון אלע איינוואוי־נער. זייט דארום פאָרזיכטיג ווען איהר פאָהרט אין פּראָווינץ. עסט בלויז ריינע שפייז און טרינקט ניט פון א פרעמדען קוואל סיידען איהר זייט זיכער, אז דאָס וואסער איז ריין. א גרויסע צאָהל טייפויד פעלע ווערען יעדען אָנפאנג הערבסט פערשלעפּט פון די פּראָווינץ־פּלעצער.

זייט פאָרזיכטיג אין אייער אומגאנג מיט פריינד, וואָס האָבען געלי־טען פון טייפויד. עס איז זעהר מעגליך, דאָס זיי פערשפּרייטען נאָך טיי־פויד באצילען.

אויב איהר וואוינט אין א נאכבארשאפט, וואו עס געפינען זיך איי־ניגע טייפויד פעלע, געברויכט בלויז געקאָכטע וואסער צו טרינקען. קאָכט די מילך איידער איהר געברויכט זי, עסט ניט קיין שום רויהע שפייז. פריש געקאָכטע הייסע שפייז איז די זיכערסטע.

אויב טייפויד פיבער הערשט אין אייער הויז און איהר זייט אויס גענעצט דעם געפאהר צו ווערען אַנגעשטעקט מיט די באצילען, לאָזט זי איינשפריצען „אנטי־טייפויד וועקסין" צו זיין זיכער, דאָס אין פאַל די באַ צילען וועלען יע אריינקומען אין אייער קערפער וועט זייער גיפט אויף איי קיין ווירקונג ניט האָבען.

וואס צו טאן פאר'ן טייפויד קראנקען.

דאָס בעסטע פאר'ן קראנקען זעלבסט, פאר זיינע שכנים און פאַ דער גאנצער געזעלשאפט איז, דאָס דער קראנקער זאָל צוגענומען ווערע אין האָספּיטאַל. דאָרטען איז מעגליך צו האלטען דעם קראנקען אָפּגע זונדערט, בעסער אכטונג געבען אויף איהם און אויך בעסער אכטונג גע בען, דאָס אנדערע זאָלען זיך פון איהם ניט אָנשטעקען.

אויב מען וויל דעם קראנקען ניט שיקען אין א האָספּיטאָל, שרייב פאָר די באָארד אָוו העלטה פון ניו יאָרק פאָלגענדע כללים ווי איהם צ בעהאנדלען, אום אנדערע זאָלען זיך פון איהם ניט אָנשטעקען.

דער קראנקער מוז זיך געפינען אין א בעזונדערען צימער און מו האָבען פאר זיך א בעזונדער בעט און בעטגעוואנד. ער טאָר ניט פארלאָזע דיזען צימער ביז די באָארד אָוו העלטה שטימט איין דערצו.

דער קראנקער מוז האָבען א נוירס, וואָס זאָל אויף איהם אכטונ געבען און דיזע נוירס טאָר ניט קאָכען, צוגרייטען אָדער דערלאנגען שפּיי פאר די אנדערע מיטגלידער פון דער פאמיליע, טאָר ניט וואשען דאָס גע פעס און דארף ניט צוקומען צום אייז־באקס, וואו עס געפינט זיך שפּייז.

דאָס צימער, אין וועלכען דער קראנקער געפינט זיך, מוז זיין זעהר ריין און פריי פון פליגען.

די אורין און אָפּפאָל מאטעריאל פון קראנקען מוז בעדעקט ווערע מיט „קלאָרייד אָוו ליים", „קוויק ליים", סאָדא, קרעסאָל אָדער אן אנדער „דיסאינפעקטאנט" און געהאלטען ווערען א שטונדע צייט איידער מען גיסט עס אויס אין טאָילעט. אין פערלויף פון דיזער שטונדע ווערען די באצילען געטויטעט פון דעם דיסאינפעקציאָנס מאטעריאל. אויך דאָס וואסער, וואָס ווערט געברויכט אויף צו וואשען דעם קראנקען, די שפּייעכץ פון קראנקען און אין פאל דער קראנקער ברעכט מוז אויך דאָס, וואָס ער ברעכט אויס, דיסאינפעקטירט ווערען.

אלעס, וואָס עס קומט אין בעריהרונג מיט'ן קראנקען, דארף, אויב
עגליך, פערברענט ווערען. די וועש און בעטגעוואנד דארף דיסאינפעק-
ירט ווערען איידער מען נעהמט עס ארויס פון קראנקען צימער. עס איז
יעל גלייכער, דאָס אפילו נאכהער זאָל אויך דאָס וועש פון קראנקען גע-
אשען ווערען בעזונדער.

דער קראנקער דארף האָבען א ספּעציעלען סעט געשיר פאר זיך.
יין אנדערער דארף ניט געברויכען די גלעזער, טעלער, לעפעל, גאָפּעל, וואָס
ער קראנקער געברויכט.

קיינע געסט טאָרען ניט בעזוכען דעם קראנקען, ווייל זיי קענען זיך
ליין אָנשטעקען מיט דער קראנקהייט און זי אויך פערשפּרייטען צווישען
נדערע.

די מיטגלידער פון קראנקען'ס פאמיליע און אלע, וואָס וואוינען אין
י זעלבע צימערען, דארפען וועקסינירט ווערען, אום זיי צו פערהיטען פון
ער קראנקהייט.

אויב עמיצער פון קראנקען'ס פאמיליע אָדער איינער, וואָס וואוינט
יי זיי, איז בעשעפטיגט ביי עסענוואַרג מוז ער זיך ארויסציהען פון הויז
יז דער קראנקער ווערט געזונד, אָדער ער מוז אויפגעבען זיין בעשעפ־
יגונג פאר דיזער צייט. די באָארד אָוו העלטה פיהרט שטרענג דורך
יזען בעשלוס.

אין א וואָך אָדער צוויי ארום נאָך דעם, ווי דער קראנקער האָט זיך
רהאָלט פון טייפויד פיבער, ווערט זיין אורין און אָפּפאַל מאטעריאל אונ-
נטערזוכט פון די באָארד אָוו העלטה און אויב זיי זיינען פריי פון טייפויד־
אצילען, ווערט ער ערקלערט אלס געזונד.

דער צימער, אין וועלכען דער קראנקער האָט זיך געפונען, דארף
ט אויסגעריינירט און דורכגעלופטערט ווערען, איידער אנדערע מענשען
אנגען אָן דאָרטען צו וואוינען. די קישענס, מאטראַצען און אנדערע בעט-
וואנט דארף אויסגעוואשען ווערען אין א דיסאינפעקציאָנס־וואסער און
לופטערט ווערען פאר אם וועניגסטענס דריי טעג צייט, איידער אנדערע
ענשען געברויכען זיי. דאָס זעלבע דארף געטאָן ווערען אין פאל דער
ר קראנקער שטארבט אָדער ווערט צוגענומען אין האָספּיטאל.

דער לעזער האָט שוין וואהרשיינליך בעמערקט, דאָס וועגען די בע-
אנדלונג פון קראנקען, וואָס ליידעט פון טייפויד, ווערט דאָ ניט דערמאָנט.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די בעהאַנדלונג פון'ם קראַנקען דאַרף זיין א
די הענד פון א קאָמפּעטענטען דאָקטאָר. דאָס גלייכסטע פאַר אַזאַ קראַ
קען איז צו זיין אין א האָספּיטאַל, אויב ניט מוז ער האָבען א דאָקטאָ
און א נוירס ביי זיך אין הויז. וואָס שנעלער ער קומט אונטער דער אויפ
זיכט פון א דאָקטאָר אַלץ בעסער. אליין זיך בעהאַנדלען אין אַזאַ פאַ
איז לעבענס־געפעהרליך, ניט נאָר פאַר'ן קראַנקען, נאָר אויך פאַר די
וואָס קומען מיט איהם אין בעריהרונג.

מאלעריא.

קדחת, מאַלעריאַ, איז שוין גאָר אַן ערנסטע קראַנקהייט — ווי אַזוי די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט און ווי אַזוי זי ווערט פערשפּרייט פון איין מענשען צום אַנדערען — די ראָלע, וואָס מאַסקיטאָס שפּילען אין פערשפּרייטען די קראַנקהייט.

„פורים איז קיין יום טוב ניט און קדחת איז קיין קרענק ניט", זאָגט אַן אַלטעם אידישעם גלייכוואָרט. דער פּערפאַסער פון דיזען גלייכוואָרט האָט וואהרשיינליך קיין מאָל פון קדחת ניט געליטען, זאָנסט וואָלט ער גע-וואוסט, דאָס עס איז א זעהר־זעהר ערנסטע קראַנקהייט, ווי עס קען עדות זאָגען יעדער, וואָס האָט ווען עס איז פון דיזער קראַנקהייט געליטען.

קדחת, אָדער מאַלאַריא איז איינע פון די עלטסטע קראַנקהייטען, פון וועלכע מיר וויסען. עס איז שוין אויך איינע פון די וועניגע קראַנק-הייטען, געגען וועלכע מיר האָבען א זיכערע רפואה.

נאָך מיט פינף הונדערט יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס איז מיט צוויי טויזענד מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק, האָט היפּאָ-קראַטעס, וועלכער ווערט בעטראַכט פאַר'ן פאָטער פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, בעשריבען די פערשיידענע פאָרמען פון מאַלאַריא און האָט דאַן ערקלערט, דאָס נאָך זיין מיינונג קומט די קראַנקהייט פון טרינקען אונרייניע וואַסער.

פיעל שפּעטער מיט 125 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, האָט דר. וואַראָ, ערקלערט, דאָס נאָך זיין מיינונג ווערט די קראַנקהייט פעראורזאַכט פון קליינע אונזיכטבאַרע חיה'לעך. אין יענער צייט האָט מען נאָך גאָר ניט געוואוסט, דאָס עס עקזיסטירען באַצילען און אַזוי ווי דער מיקראָסקאָפּ האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט, איז געווען אונמעגליך צו בעווייזען צו די בעהויפּטונג פון דר. וואַראָ איז אמת אָדער נישט.

אז מאלאריא ווערט פעראורזאכט פון געוויסע קליינינקע בעש
פעניסען האָט מען געגלויבט א לאנגע צייט, אָבער ערשט אין יאָהר 880
מיט צוויי טויזענד יאָהר נאָך דעם, ווי דר. ווארא האָט ערקלערט, דאָס נא
זיין מיינונג ווערט די קראנקהייט פעראורזאכט פון קליינינקע חיה'לע
האָט א געוויסער דר. לאָווערען, א פראנצויזישער ארמעע-דאָקטאָר א
אלזשיר, בעשריבען די פאראזיטען, וואָס געפינען זיך אין'ם בלוט פון
קראנקע און וואָס פעראורזאכען מאלאריא.

זיין מיינונג איז באלד בעשטעטיגט געוואָרען פון אנדערע פאָרש
און מען האָט זיך גלייך גענומען שטודירען דעם כאראקטער, דאָס לעב
און די געוואוינהייטען פון דיזע פאראזיטען. ביי היינטיגען טאָג ווייס
מיר מעהר וועגען די ענטוויקלונג און די פאראזיטישע ארבייט פון די
מיקראָבען, ווי פון אירגענד וועלכע אנדערע פאראזיטען, פון וועלכע מע
שען ליידען.

וואו די קראנקהייט עקזיסטירט.

מאלעריא איז פערשפרייט כמעט אויף דער גאנצער וועלט אויס
אין די גאָר קאלטע געגענדען. ספּעציעל איז די קראנקהייט פערשפריי
אין נידריגע געגענדען, וואָס געפינען זיך ביי די ברעגעס פון ים אָדער פ
גרויסע טייכען און אין א מיטעלמעסיגען קלימאט. אין די נאָרדליכע טי
פון אמעריקא איז די קראנקהייט פערשפרייט ארום די ברעגעס פון אטלא
טישען ים און אין מאנכע טיילען פון אונזער פאסיפישען ברעג. שטא
פערשפרייט איז מאלאריא אין די זידליכע שטאאטען, ספּעציעל אין ד
וואָס געפינען זיך ארום מעקסיקאנישען גאָלף (בוכטע), ארום די ברעגע
פון מיסיסיפּי טייך און אין די וועסטליכע שטאאטען, וואָס געפינען ז
אין די נידעריגע פלעצער ביי די ברעגעס פון גרויסע טייכען.

קענעדע איז דאָס איינציגע לאנד אין נאָרד אמעריקא, וואָס שיינ
צו זיין פריי פון מאלאריא. צענטראל אמעריקא, קיובא, די וועסט אינדיע
(יעצטיגע אמעריקאנער וואוירדזשין-אינזלען) האָבען א היבש ביסעל מ
לאריא פאראזיטען און א שטענדיגע גרויסע צאָהל קראנקע.

אין זיד אמעריקא איז כמעט דער גאנצער אטלאנטישער ברעג פע
פעסטעט פון מאלאריא. קאָלאָמביא, ווענעזועלא, גוואיאנא, בראזיליע
עקוואדאָר, פּערו און טשילי האָבען יעדע א היבשע פּאָרציע פון דיזער א
שיקעניש.



ווי אזוי דער מאלעריא פאראזיט ענטוויקעלט זיך אין א רויטע בלוט צעלע און פארניכטעט דיזע צעלע.

די קראנקהייט איז אויך ניט קיין ריין אמעריקאנישע. אייראפא, אזיען און אפריקא האבען אויך א היבשע ביסעל מאלעריא. די שעדליכסטע און געפעהרליכסטע פארמען פון מאלעריא געפינט מען אין די זומפיגע געגענדען פון אפריקא.

די אורזאכע ווארום די קראנקהייט איז אם מעהרסטען פערשפרייט אין די נידעריגע פלעצער, ביי די ברעגעס פון טייכען און אין זומפיגע גע-גענדען איז דערפאר, וואס אין דיזע געגענדען לעבט א געוויסע סארט מאסקיטא, וואס הייסט אויף דער וויסענשאפטליכער שפראך „אנאפעלים" און דיזע מאסקיטא העלפט פערשפרייטען די קראנקהייט פון איין מענשען צום אנדערען.

די אורזאכע פון דער קראנקהייט.

אין'ם בלוט פון'ם מענשען, וואס ליידעט פון מאלעריא, ווען מען עקזאמענירט עס מיט א מיקראסקאפ, וואס פערגרעסערט דאס בילד העכער טויזענד מאל, געפינט מען קליינינקע פאראזיטען, וואס לעבען אין די רויטע בלוט־קייקעלאך.

דאס בילד 1, וואס מיר דרוקען דא, ציינט די פערשיידענע שטופען, וואס איין קלאס פון דיזע פאראזיטען מאכט דורך אין אונזער בלוט. אין אנפאנג זעהען די פאראזיטען אוים ווי קליינע רינגען און יעדער רינג האט א רויטען פונקט אין מיטען אדער ביי דער זייט פון רינג (זעה ציינכנונג אויף'ן בילד) דיזע רינגען כאפען זיך אריין אין די רויטע בלוט־קייקעלאך, צו איין רינג אין יעדען רויטען בלוט־קייקעלע, און פאנגען אן צו וואקסען און אויפפרעסען דעם הויפט־מאטעריאל, פון וועלכען דיזע בלוט־צעלען זיינען צוזאמענגעשטעלט.

אויף דיזען בילד קען מען זעהן די פערשיידענע שטופען, דורך וועלכע די פאראזיטען געהען דורך אין זייער ענטוויקלונג, ווי זיי וואקסען אויף'ן חשבון פון די בלוט־צעלען, אין וועלכע זיי געפינען זיך, און אויך ווייזט דאס ווי פון דעם איינעם קליינינקען פאראזיט האט זיך ענטוויקעלט א גרויסער פאראזיט, וואס פערנעהמט די גאנצע בלוט־צעלע. ווען דיזע שטופע ווערט עררייכט צוטיילט זיך דער איין גרויסער פאראזיט אויף פילע קליינינקע רינגעלאך און די בלוט־צעלע פלאצט.

די פיעלע קליינע פאראזיטען ווערען דאן ארויסגעשליידערט אין'ם בלוט־שטראם. א טייל פון זיי ווערען פערניכטעט, א טייל ווערען אויפ-

געפרעסען פון אונזערע ווייסע בלוט־צעלען, וואָס זוכען צו פערניכטען די פאַראַזיטען און איינינע כאַפּען זיך אריין אין נייע רויטע בלוט־קייקע־לאַך און פאַנגען אָן דעם פּראָצעס פון דאָס ניי.

דיזע קליינע פּאַראַזיטען אין מענשען׳ס בלוט האָבען קיין געשלעכט, נאָר ווען די רויטע בלוט־צעלען פּלאַצען, ענטוויקעלט זיך אַ קליינע צאָהל פון די פריש־געשאַפענע פּאַראַזיטען אין מענליכע און ווייבליכע בעשע־פעניסע און זיי שווימען ארום אין׳ם בלוט־שטראָם, וואַרטענדיג אויף אַ געלעגענהייט זיי זאָלען זיך קענען אריינכאַפּען אין׳ם קערפּער פון דער מאָסקיטאָ, וואָס הייסט „אַנאָפעלים“.

ווי אזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך.

מאַלעריאַ איז ניט קיין אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט אין זעלבען זין ווי דיפטעריא, טייפויד אָדער טובערקולאָזיס. די פּאַראַזיטען פון דיזער קראַנקהייט געפינען זיך בלויז אין דעם בלוט פון קראַנקען און ניט אין קיין אנדער טייל פון קערפּער. אום זיך אָנצושטעקען מיט דער קראַנקהייט מוז אַ טייל פון׳ם קראַנקען׳ס בלוט אריינקומען אין׳ם בלוט פון אַ געזונדען מענשען, און אויך דאַן איז עס צווייפעלהאַפט, אויב די פּאַראַזיטען וואָלטען זיך געקענט ענטוויקלען אין׳ם בלוט פון צווייטען מענשען.

אַ לאַנגע צייט האָט מען טאַקע ניט פערשטאַנען ווי אזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך, און מען האָט געדענקט, אז שולדיג אין דעם איז פיליכט אונריינע וואַסער, אָדער שלעכטע שפּייז, וואָס די מענשען עסען.

ערשט ווען מען האָט גענויער גענומען בעטראַכטען די קראַנקע און שטודירען זייער אומגעבונג, האָט מען בעמערקט, דאָס עס איז דאָ אַ גרויסע שייכות צווישען דאָס פערשפּרייטען זיך פון דער קראַנקהייט און די אַנ־וועזענהייט ארום די קראַנקע פון געוויסע סאָרטען מאָסקיטאָס.

מען האָט זיך גלייך גענומען צו די מאָסקיטאָס און נאָך אַ לאַנגע און זאָרגפעליגע אונטערזוכונג האָט מען ענדליך אויסגעפונען, דאָס דיזע מאָס־קיטאָס זיינען די איינציגע אַגענטען, וואָס פערשפּרייטען די קראַנקהייט פון איין מענשען צום אנדערען.

ווען די זי מאָסקיטאָ, פון דעם מאָסקיטאָ שטאַם אַנאָפעלים, בייסט אַ מענשען, וואָס ליידעט פון מאַלעריאַ, זויגט זי איין אין זיך אַ טייל פון קראַנקען׳ס בלוט. צוזאַמען מיט דיזען בלוט נעהמט די מאָסקיטאָ אויף

אויף איינינגע פון די סעקסועלע פאראזיטען, וואס שווימען ארום אין קראנ-קען׳ס בלוט.

אין׳ם מאגען פון דער מאסקיטא קומען זיך צוזאמען די זכרים מיט די נקבות פון דיזע פאראזיטען און דאן גראבען זיי זיך איין אין די וועגט פון דער מאסקיטא׳ס מאגען, מיט צוויי טעג שפעטער פאנגען זיך אן צו ענטוויקלען אין די וועגט פון דער מאסקיטא׳ס מאגען קליינינקע פאראזי-טען, וואס זיינען עהנליך צו די, וואס געפינען זיך אין׳ם מענשען׳ס בלוט. דיזע ענטוויקלונג דויערט אונגעפעהר זיבען טעג. ביי דיזער צייט זיינען די פאראזיטען שוין גרויס און צוטיילט אויף פיעלע קליינינקע טיילען. ווען דיזע שטופע ווערט ערנייכט פלאצט דאס הייטעל, אין וועלכע דיזע פאראזיטען געפינען זיך.

אונצעהליגע קליינינקע פאראזיטען פילען דאן אן דעם קערפער פון דער מאסקיטא און זיי שלאגען זיך דורך א וועג צו איהר מויל. ווען א מאסקיטא בייסט א מענשען זויגט זי אויס א ביסעל בלוט און בעצאהלט דערפאר מיט איהר סליונע וואס זי לאזט איבער אין דער וואונד. ווען די מאסקיטא, וואס איז פערפעסטעט מיט מאלעריא, בייסט א געזונדען מענ-שען, לאזט זי איבער אין דער וואונד א טייל פון איהר שפייעכץ, וואס איז פול מיט די מאלעריא־פאראזיטען. דיזע פאראזיטען געהען דורך די וואונד און גרייכען די בלוט־צירקולאציאן. אין׳ם בלוט כאפען די פאראזיטען זיך אריין אין די רויטע בלוט־צעלען און פאנגען אן זייער צושטערונגס־ארבייט, ווי שוין פריהער בעשריבען.

אויף אזא ארט זיינען די מאסקיטאס די איינציגע אגענטען פון דער קראנקהייט און זיי פערשפרייטען זי פון איין מענשען צום אנדערען, און ווען עס זאל מעגליך זיין צו פערניכטען אלע מאסקיטאס וואלט מאלעריא פערשוואונדען פון דער וועלט.

פערשיידענע פארמען פון דער קראנקהייט.

עס זיינען דא אם וועניגסטען דריי קלאסען מיקראבען, וואס פער-אורזאכען מאלעריא און יעדע פון דיזע סארטען מיקראבען פעראורזאכט א קראנקהייט, וואס איז עטוואס אנדערש פון די קראנקהייטען, וואס די אנדערע צוויי קלאסען פאראזיטען פעראורזאכען.

אויף דער וויסענשאפטליכער שפראך האבען דיזע פאראזיטען בע-זונדערע נעמען. אבער פאר אונזער צוועק וועט זיין גענוג ווען מיר וועלען

זיי בעצייכנען מיט נומערען איינס, צוויי און דריי, און בעשרייבען די פער־שיידענע סמנים פון מאַלעריא, וואָס דיזע פאראזיטען פעראורזאַכען.
איינצעלהייטען האָבען א ווערט בלויז פאר'ן דאָקטאָר, וואָס דאַרף קורירען די קראַנקהייט. דיזע צייליען ווערען אָבער געשריבען פאר ניט דאָקטוירים און אן אויבערפלעכליכע בעקאַנטשאַפט פון די סמנים פון מאַ־לעריא און איהרע פערשיידענע פאָרמען וועט פאר אונז גענוג זיין.

די סימנים פון מאלעריא.

ווען א מענש ווערט געביסען פון א מאָסקיטאָ און קריגט פון איהר א פּאָרציע מאַלעריא פאראזיטען ווערט ער ניט גלייך קראַנק. דיזע פּאַראַ־זיטען זיינען געוועהנליך ווייניג אין צאָהל. זיי פערניכטען בלויז אייניגע רויטע בלוט־צעלען און דער שאָדען, וואָס זיי פעראורזאַכען אין אָנפאנג איז ניט גרויס גענוג צו שאַפען דייטליכע סמנים פון קראַנקהייט.
עס דויערט געוועהנליך א געוויסע צייט איידער אין'ם בלוט פון אזא מענשען זאמלען זיך אָן א גרויסע צאָהל פּאראזיטען און א היבשע צאָהל בלוט־צעלען ווערען פערניכטעט, און ערשט דאן דערפיהלט דער מענש דייטליכע סמנים פון דער קראַנקהייט.
ווי לאַנג דיזע פעריאָדע געדויערט איז ניט גענוי בעקאַנט. עקספּע־רימענטען צייגען, דאָס פון 35 שטונדען ביז פופצעהן טעג קען דויערען איידער דער מענש ווערט קראַנק. פאַקטיש ווייסען מיר, דאָס מאַנכע מענ־שען דערפיהלען די קראַנקהייט ערשט אין מאָנאַטען ארום נאָך דעם, ווי זיי האָבען פערלאָזען א מאַלעריא־געגענד.
ווען די קראַנקהייט איז שוין פאָלקאָם ענטוויקעלט צייגט זי זיך אין אטאַקעס פון קעלט און היץ. דער קראַנקער דערפיהלט געוועהנליך דאָס אָנקומען פון אן אטאַקע. ער פיהלט זיך פויל, שלעפעריג, ער געגעצט און ציהט זיך ווי איינער, וואָס וויל שלאָפען, נאָר ער האָט ניט די געלעגענהייט דערצו. אָפטמאָל פיהלט ער א שטאַרקען קאָפּ־וועה, אן אונאַנגענעהמען געפיהל אין מאָגען, און צייטענווייז פיהלט ער אויך א איבעלקייט און ער ברעכט.
בילעכווייז פאַנגט ער אָן צו פיהלען קאַלט און הויבט אָן צו ציטערען. זיין געזיכט ווערט קאַלט און בלוי. עס פאַנגט איהם אָן צו קלאַ־פען א צאָהן אָן א צאָהן און עס ווארפט איהם פון קעלט „ווי אין קדחת".

אין מאנכע אטאקעס איז דאָס ציטערען אזוי שטארק, אז דאָס בעטעל, אויף וועלכער דער קראנקער ליגט, ציטערט אזש. אין דיזער צייט ליידעט געוועהנליך דער קראנקער פון א שרעקליכען קאָפּ-וועהטאָג און אָפטמאָל ברעכט ער „מיט דער גרינער גאל".

דער קראנקער פיהלט ווירקליך קאלט און ווען מען בעריהרט זיין הויט איז זי פיעל קעלטער, ווי פון א געזונטען מענשען. אָבער אין דער זעלבער צייט האלט זיין אינערליכע טעמפעראטור אין איין שטייגען, און ווי דער „טהערמאָמעטער" (דער אינסטרומענט צו מעסטען היץ) צייגט שטייגט זיין אינערליכע טעמפעראטור אָפט אזוי הויך ווי 104 אָדער 105 גראד פארענהייט (די נאָרמאלע טעמפעראטור איז 98 מיט זעקס צעהנטעל גראד פארענהייט).

דיזע אטאקע פון קעלט דויערט פון צעהן, צוועלף מינוטען ביז א שטונדע אָדער מעהר. דאן ווערט דער קראנקער ביסלעכווייז רוהיגער, ער פיהלט זיך ווארעמער. די בלויקעט און קעלט פון געזיכט און הויט פערשווינדעט. אייניגע מאָל לויפט א שטראָם היץ דורך זיין קערפער און דאן דערפיהלט דער קראנקער ווי איהם איז שטארק הייס.

דער קאָנטראסט פון דער פריהערדיגער לאגע, ווען דעם קראנקען האָט געוואָרפען פון קעלט, מיט דעם יעצטיגען צושטאנד ווען איהם איז הייס, איז א מערקווירדיגע. זיין געזיכט ווערט פערפלאמט און רויט, די הויט ווערט שטארק הייס און רויט גלייך ווי די גאנצע הויט וואָלט ענט-צינדען געוואָרען. דאָס הארץ קלאפט שטארק און דער קראנקער בעקלאָגט זיך אָפט, דאָס ער פיהלט, ווי עמיצער וואָלט מיט האמערס איהם געקלאפט אין קאָפּ אריין. ציטענווייז איז דער פאציענט אין א האלב-ווילדען בע-וואוסטלאָזען צושטאנד, רעדט פאר פייער און פאר וואסער און ווייס ניט וואָס ער טוט. אין אזא צייט דארף מען איהם שטארק היטען, ווייל ער קען נאָך ארויסשפרינגען דורך א פענסטער און געטויטעט ווערען.

דיזע פעריאָדע פון היץ דויערט געוועהנליך פון א האלבע שטונדע ביז דריי אָדער פיער שטונדען. די גאנצע צייט ליידעט דער קראנקער פון א שטארקען דורשט און טרינקט אָהן אויפהער קאלטעס וואסער, אויב מען גיט איהם נאָר.

ביסלעכווייז בעווייזען זיך גרויסע טראָפּענס שווייס אויף'ן קראנ-קען'ס שטערען און אין א ווײלע ארום איז זיין גאנצער קערפער בעדעקט מיט שווייס. די אונאנגענעהמליכקייט, וואָס די היץ האָט פעראורזאכט

פערשווינדעט, דער קאָפּ הערט אויף וועה טאָן און אין א שטונדע אָדער צוויי ארום פערזינקט ער אין א לאַנגען ערפרישענדען שלאָף. דאָס שוויצען איז ניט אין יעדען פאַל גלייך, מאַנכעס מאָל באָדט זיך דער קראַנקער פשוט אין שוויס, און אנדערס מאָל איז דאָס שוויצען ניט זעהר פיעל.

ווען דער קראַנקער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף פיהלט ער זיך ווידער געזונד, און אויב די קראַנקהייט איז נאָך ניט בעזונדערס ערנסט אָדער עקזיסטירט ערשט א קורצע צייט, קען ער פאָרטזעצען זיין ארבייט ביז א צווייטע אטאַקע פון היץ און קעלט קומט אָן.

דער גאַנצער „פּאַראָקסיזם" פון קעלט, היץ און שוויצען דויערט פון צעהן ביז צוועלף שטונדען. אמאָל וועניגער. עקזאַמענירענדיג דאָס בלוט פון קראַנקען אין פערלויף פון דער אטאַקע און אין דער צייט צווישען איין אטאַקע און דער אנדערער, האָט מען אויסגעפונען, אז די אטאַקע פון קעלט און היץ קומט פונקט אין דער צייט, ווען א גרויסע צאָהל רויטע בלוט־קיי־קעלעך פּלאַצען און מיליאָנען פרישע פּאַראַזיטען ווערען ארויסגעשליידערט אין'ם בלוט־שטראָם.

די צייט צווישען איין אטאַקע און דער אנדערער ווענדעט זיך אָן דעם סאָרט פּאַראַזיטען, וואָס געפינט זיך אין'ם בלוט פון קראַנקען. מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, דאָס עס געפינען זיך פערשיידענע סאָרטען מאַלעריא פּאַראַזיטען און די קראַנקהייטען, וואָס זיי פּעראורזאַכען אונטערשיידען זיך עטוואָס איינע פון די אנדערע.

איין קלאַס מאַלעריא פּאַראַזיטען ענטוויקעלט זיך אין'ם בלוט יעדע 48 שטונדען. יעדען דריטען טאָג פּלאַצט די בלוט־צעלע, אין וועלכע די פּאַראַזיטען וואַקסען און שיקען ארויס אין'ם בלוט נייע מחנות פּאַראַזיטען. די אטאַקע פון קעלט און היץ קומט דארום צו אזא פּאַציענט יעדען דריטען טאָג. מאַנכע קראַנקע ווערען געביסען פון צוויי מאָסקיטאָס אין צוויי בעזונדערע טעג און זיי ווערען אָנגעשטעקט מיט צוויי סעטס פון די־זע פּאַראַזיטען. אזעלכע פּאַציענטען קריגען זייערע אטאַקעס יעדען טאָג. איין טאָג ווערט די אטאַקע פּעראורזאַכט פון איין סעט פּאַראַזיטען און דעם צווייטען טאָג איז דער צווייטער סעט פּאַראַזיטען דער פּעראורזאַכער פון דער אטאַקע.

פאַראַן א צווייטער סאָרט מאַלעריא פּאַראַזיט, וועמען עס דויערט צוויי און זיבעציג שטונדען איידער ער מאַכט דורך די זעלבע ענטוויקלונגס־שטופּע אין'ם בלוט פון מענשען, וועלכע דער ערשטער סאָרט פּאַראַ-

זיטען מאכט דורך אין אכט און פערציג שטונדען. ווען א מענש ווערט אַנגעשטעקט מיט דיזען סאָרט פּאַראזיט קריגט ער זיינע אטאקעס יעדען פערטען טאָג. דיזע אטאקעס זיינען אויך מילדער ווי די אטאקעס פון ערשטען סאָרט מאלעריא פּאַראזיטען.

פאראן אויך א דריטער סאָרט מאלעריא פּאַראזיט, וואָס עקזיסטירט מעהרסטענס אין די מילדע קלימאטען און אטאקירט זיינע קרבנות מעהר-סטענס ענדע זומער אָדער אָנפאנג הערבסט. דיזע פאָרמע פון דער קראנק-הייט, וואָס דיזער פּאַראזיט פּעראורזאכט ווערט דארום גערופען „הערבסט פיבער".

די סימפּטאָמען פון דיזער קראנקהייט זיינען ניט אַלע מאָל די זעל-בע. אין מאנכע פעלע קומען די אטאקעס יעדע אכט און פערציג שטונדען, אין אנדערע פעלע איז די צייט צווישען איין אטאקע און דער אנדערער לענגער און אונרעגעלמעסיג.

די אטאקע זעלבסט דויערט ארום צוואנציג שטונדען אָנשטאָט צעהן, ווי אין'ם אויבען בעשריבענעם פאַל. די קעלט אטאקע איז פיעל לייכטער, און אָפטמאָל איז זי אין גאנצען אבווע־ענד. די פעריאָדע פון היץ פאנגט זיך אָן לאנגזאם אָנשטאָט פּלוצלינג. די היץ שטייגט ניט מיט אמאָל, נאָר ביסלעכווייז און זי פאַלט אויך ניט פּלוצלינג, נאָר לאנגזאם. דער פּאַציענט, צווישען איין אטאקע און דער אנדערער, איז ניט אין גאנצען פריי פון דער קראנקהייט, נאָר זעהט די גאנצע צייט אויס קרענקליך, אָדער דער פיבער אָנשטאָט צו פערשווינדען אין אייניגע שטונדען צייט האלט אָן ביז צעהן טעג, און די קראנקהייט איז זעהר עהנליך צו טייפויד פיבער.

ווען מען עקזאמינירט אָבער דאָס בלוט פון אזא פּאַציענט קען מען געפינען די מאלעריא פּאַראזיטען, וואָס פעראורזאכען דיזע פאָרמע פון דער קראנקהייט.

אין די מילדע פאָרמען פון דער קראנקהייט דויערען די אטאקעס פון צעהן ביז פערצעהן טעג און הערען דאַן אויף. אין אזעלכע פעלע קען די קראנקהייט צוריק קומען דורך אַן עקסידענט אָדער אַן אנדער קראנק-הייט, אפילו ווען ער קריגט ניט נאָך א מאָל געביסען פון א מאָסקיטאָ. אין אנדערע פעלע קען די קראנקהייט אָנהאלטען פאַר יאָהרען.

די פּאַראזיטען האלטען אין איין צושטערען די בלוט־צעלען און דער פּאַציענט ווערט שנעל בלוט־אָרים. דורך פערניכטען די רויטע קייקעלעך

ווערט א טייל פון'ם רויטען מאטעריאל פון דיזע בלוט־צעלען איינגעזאפט אין קערפער און דער קראנקער פאנגט אָן ליידען פון געלזוכט.

פאראן אויך זעהר ערנסטע פאָרמען פון מאלעריא, וואָס זיינען זעהר געפעהרליך פאר'ן מענשען. דיזע ברייננגען אָפט זעהר ערנסטע נאָכוועהע־נישע אָדער פעראורזאכען שנעל דעם טויט פון'ם אונגליקליכען קרבן.

איידער מען האָט אויסגעפונען די ריכטיגע רפואה געגען מאלעריא פלעגען פיעל מענשען שטארבען פו דער קראנקהייט. די פאראזיטען פון מאלעריא פערניכטען ניט נאָר א גרויסע צאָהל רויטע בלוט־קייקעלעך, נאָר זיי פראָדוצירען וואהרשיינליך אויך א געוויסען גיפט, וואָס פערשפרייט זיך אין'ם קערפער פון'ם קראנקען. דער רעזולטאט איז, דאָס דער קראנ־קער ווערט שטארק בלוטארעם, זיין מילץ ווערט גרויס און אָנגעשוואָלען און איז אין געפאהר צו פלאצען, נירען קראנקהייט, נערוועז קראנקהייט און אנדערע קערפערליכע קראנקהייטען פאָלגען אין א גרויסע צאָהל פעלע. נאָך א לענגערע צייט קראנק זיין ווערען די מאלעריא פאראזיטען „מיד" פון זייער ארבייט און זיי רוהען זיך אָפּ. דער מענש ערהאָלט זיך דאן פון זיין קראנקהייט און שיינט צו ווערען אין גאנצען געזונד. אָבער אין א צייט ארום ווערען די פאראזיטען ווידער טעטיג, אפילו ווען דער קראנקער ווערט ניט נאָך א מאָל געביסען פון א מאָסקיטאָ רופט זיך אויך די קראנק־הייט נאָך א מאָל אָפּ.

מיר האָבען אָבער יעצט א רפואה געגען מאלעריא, וואָס פערניכ־טעט די פאראזיטען אין'ם בלוט פון די קראנקע און זיי קענען מעהר קיין שאָדען ניט פעראורזאכען. דער קראנקער ווערט פאָלשטענדיג גענעזען פון דער קראנקהייט סיידען ער ווערט נאָך א מאָל געביסען פון א מאָסקיטאָ און ווערט אויף'ס ניי אָנגעשטעקט מיט מאלעריא.

די זיכערסטע רפואה צו מאלעריא.

עס זיינען דאָ זעהר ווייניג קראנקהייטען, געגען וועלכע מיר האָבען א זיכערע און ווירקזאמע רפואה. און איינע פון דיזע קראנקהייטען איז מאלעריא.

געגען מאלעריא האָבען מיר א רפואה, וואָס „נעהמט די קראנקהייט פשוט צו ווי מיט'ן האנד". די קראנקהייט פערשווינדעט ווי דורך א צויי־בער. די מאלעריא מיקראָבען ווערען פערגיפטעט און דער פאציענט ער־

האלט זיך זעהר שנעל פון זיין קראנקהייט. דיזע צוויבער־רפואה געגען מאלעריא איז „קווינין", כינא.

אז קווינין איז א זיכערע רפואה געגען מאלעריא האט מען געוואוסט נאך לאנג איידער מען האט געוואוסט פון וואס מאלעריא ווערט פעראור־זאכט, נאך לאנג איידער דער מיקראסקאפ איז ערפונדען געווארען, און נאך איידער מען האט געוואוסט, דאס געוויסע קראנקהייטען ווערען פער־אורזאכט פון קליינע פאראזיטען, וואס מען קען מיט'ן נאקעטען אויג ניט זעהן.

די געשיכטע ווי אזוי מען האט אויסגעפונען, דאס כינא איז א רפואה געגען מאלעריא און ווי אזוי דיזע רפואה איז איינגעפיהרט געווארען אין'ם צעטעל פון רפואות, מיט וועלכע דאקטוירים היילען קראנקהייטען, איז א גאנץ אינטערעסאנטע און שטעלט מיט זיך פאר א ראמאנטישעם קאפיטעל אין דער געשיכטע פון מעדיצין.

אין די ערשטע העלפט פון 17טען יאהרהונדערט, ווען די שפאניער האבען ערָאבערט דאס לאנד פערו, אין זיד אמעריקא, האבען פיעלע פון די שפאניער געליטען פון מאלעריא. אין יאהר 1638 האט זיך אין פערו געפונען די שפאנישע גרעפין טשינקאן און זי האט זעהר שטארק געליטען פון מאלעריא. די אינדיאנער האבען העכסט וואהרשיינליך רחמנות גע־האט אויף דער קראנקער גרעפין און זיי האבען געלאזט וויסען די שפאניער, דאס די קארע פון געוויסע בוימער איז א זיכערע רפואה צו דער קראנקהייט, פון וועלכע די „ווייסע גרעפין" ליידעט.

ניט האבענדיג קיין אנדערע רפואה האט די גרעפין טשינקאן איינ־געשטימט צו פרובירען די אינדיאנער מעדיצין און צו איהר גרעסטער ער־שטוינונג און פרייד איז זי ווירקליך גאנץ שנעל גענעזען געווארען פון דער קראנקהייט.

אזוי ערפרעהט איז גרעפין טשינקאן געוועזן מיט דיזער ענטדעקונג, דאס אויף איהר רייזע אהיים האט זי מיטגענומען א פעקעלע קארע פון דיזע בוימער און האט געזוכט צו פועל'ן ביי די שפאנישע דאקטוירים זיי זאלען פרובירען איהר רפואה צו מאלעריא.

אין יענער צייט אבער האבען די גלחים געהאט די הויפט דעה ניט נאר אויף די נשמות פון מענשען נאר אויך אויף זייערע קערפערס. און די גלחים האבען שטרענג פערדאמט דעם געברויך פון דיזער גענעזענדינע־

רישע רפואה, וואָס איז געווים אַן ערפינדונג פון טייפעל צו פערפיהו
פרומע, גאָטספאָרכטיגע מענשען.

גרעפין טשינקאָן האָט זיך געמוזט בענוגענען מיט היילען איה
אייגענע מענשען, די פויערים, וואָס האָבען געוואוינט אויף איהרע גיט
און די, וואָס פלעגען קומען צו איהר אין געהיים נאָך דער פערבאָטענ
רפואה.

ארום פופציג יאָהר זיינען אַזוי פאַראיבער. אונטער דער צייט ז
נען פיעלע מענשען אויסגעהיילט געוואָרען פון מאַלעריאַ מיט דער הי
פון דער קאָרע פון די פערו בוימער, טראָטץ דעם חרם, וואָס די גלחים ה
בען אויף דיזער רפואה ארויפגעלעגט. איינזעהענדיג, דאָס זייער ח
ווערט ניט שטארק אָפּגעהיט האָבען די יעזואיטען פעררופען א ספּעציע
קאָנסוליום פון די גדולים פון דער קאַטוילישער קירכע און יענע האָבען פ
מעל ערקלערט, דאָס די קאָרע פון די בוימער פון פערו איז ניט קיין פו
דוקט פון טייפעל און יעדער אמת-גלויביגער, וואָס ליידעט פון מאַלער
מעג זיך לאָזען בעהאַנדלען מיט דיזער רפואה.

דערמיט האָבען די יעזואיטען בלויז נאָך א מאָל בעשטעטיגט זיי
אַלטע פּאָליסי, אַז וואָס מען קען ניט פערניכטען דאַרף מען נעהמען א
טער אייגענעם איינפלוס. אום צו מאַכען דיזע פּאָליסי אין דיזען פ
פאָלשטענדיג האָבען זיי דיזע קאָרע פון די בוימער פון פערו, וואָס
האָבען ביז דאַן פערדאַמט און אין חרם געלעגט, א נאָמען געגעבען
„יעזואיטען קאָרע".

ערשט שפּעטער מיט פיעלע יאָהרען, ווען די יעזואיטען האָבען ש
פערלאָרען א טייל פון זייער מאַכט, האָט מען איינגעזעהן די אונגערע
טיגקייט, וואָס מען בעגעהט מיט רופען דיזע קאָרע „יעזואיטען קאָר
און צו עהרע פון גרעפין טשינקאָנאַ, וועלכע האָט די ערשטע געבראַ
דיזע רפואה קיין איירעפּאַ, האָט מען די רפואה א נאָמען געגעבען „ס
קאָנאַ קאָרא" און דעם פּולווער, וואָס מען קריגט ארויס פון דיזער קאָר
האָט מען א נאָמען געגעבען „קווינין" (אָדער קווייניג, ווי מאַנכע רעד
אויס דאָס וואָרט. אין אידיש — בינאַ).

דיזע רפואה איז געוואָרען איינע פון די שטאַרקסטע וואַפען פון
ערשטע קאָלאָניסטען אין עראָבערען די נייע ניט קולטיווירטע געגענד
מאַלעריאַ איז געווען דער גרעסטער שונא פון די פּיאָנירען און ווען נ

יזע רפואה וואָלטען מיר זיכער ניט געקענט אזוי לייכט עראָבערען די
אלעריא פערפעסטעטע געגענדען.

צוליב מאַלעריא מעהר ווי צוליב אירגענד וועלכע אנדערע אורזאכען
גנען ווייסע מענשען נאָך ביז היינטיגען טאָג קוים עקזיסטירען אין טראָ-
ישע געגענדען; צוליב מאַלעריא, מעהר ווי צוליב אירגענד וועלכע אנ-
ערע אורזאכען, האָט די פראנצויזישע פאנאמא קאנאל קאָמפּאַניע גע-
יזט אויפגעבען איהר ארבייט פון גראָבען דעם פאנאמא-קאנאל.

פאר געגויע דריי הונדערט יאָהר איז קווינין געברויכט געוואָרען אלס
פואה צו מאַלעריא איידער מען האָט אויסגעפונען די אמת'ע אורזאכע פון
ר קראנקהייט. מען האָט געוואוסט, דאָס קווינין, ווען געגעבען בעציי-
גנס, וועט אויסהיילען די ליידענדע פון מאַלעריא אין ניי פון יעדע צעהן
לע, אָבער ווי אזוי די קראנקהייט ווערט פעראורזאכט און ווי אזוי קווי-
ן העלפט צו דער קראנקהייט האָט מען ניט געוואוסט.

ערשט אין יאָהר 1880 האָט דער פראנצויזישער ארמעע-דאָקטאָר
ווערען ענטדעקט די פאראזיטען אין'ם בלוט פון די, וואָס ליידען פון
אלעריא און זייט דאן איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, דאָס דיזע פאראַ-
טען פעראורזאכען די קראנקהייט.

ווי אזוי דיזע פאראזיטען קומען אין'ם בלוט פון די קראנקע און ווי
וי זיי פערשפרייטען זיך פון איין מענשען צום אנדערען האָט מען נאָך
ץ ניט געוואוסט. ווי דער נאָמען פון דער קראנקהייט מאַלעריא (שלעכ-
לופט) צייגט האָט מען נאָך אלץ געגלויבט, דאָס די קראנקהייט פער-
פרייט זיך דורך שלעכטער לופט.

אין יאָהר 1882 האָט אן אמעריקאנער דאָקטאָר, מיט'ן נאָמען קינג,
וואשינגטאָן פערעפענטליכט אן אויספיהרליכען סטייטמענט, אין וועל-
ן ער צייגט די שייכות צווישען מאָסקיטאָס און מאַלעריא. אין יאָהר
18 האָט דר. דאָנאלד ראָס פון די „אינדיען מעדיקאל סורוויים" דער-
נט די מאַלעריא פאראזיטען אין'ם קערפער פון א מאָסקיטאָ.

ער האָט פּרובירט אָנשטעקען פויגעל און אנדערע חיות מיט מא
יא דורך דעם, וואָס ער האָט געלאָזט מאַלעריא מאָסקיטאָס בייסען די-
חיות. דאָס איז איהם אָבער ניט געלונגען.

צוויי איטאַליענישע וויסענשאפטסלייטע ביגנאמי און גראָסי, האָבען
שלאָסען צו מאכען די זעלבע עקספערימענטען אויף מענשען. עס האָ-
זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען פרייוויליג זיך אָנגענומען צו זיין

מאַלעריאַ קרבנות. מען האָט געלאָזט מאַלעריאַ מאָסקיטאָס זיי בייס
און אין פערלויף פון זעקס ביז צעהן טעג זיינען זיי צו אכט פון יעדע צע
געביסענע מענשען קראַנק געוואָרען פון מאַלעריאַ.

דאָס האָט בעשטעטיגט די בעהויפּטונג, דאָס מאָסקיטאָס פערשפּרי
טען די קראַנקהייט דורך בייסען פריהער קראַנקע און נאכהער געזונדע מע
שען. עס האָט געבראַכט די שטאַרקסטע בעווייזע געגען דער מאָסקיט
וואָס פערשפּרייט מאַלעריאַ.

די מאלעריא מאסקיטא.

„אַלע יונים האָבען איין פּנים” זאָגט אַ אידיש גלייכווערטעל און
מעהרסטע מענשען, ספּעציעל די, וואָס ווערען געביסען פון מאָסקיטאָ
דענקען דאָס אַלע מאָסקיטאָס זיינען גלייך. דער פאַקט איז, דאָס או
צווישען מאָסקיטאָס געפינען זיך פערשיידענע ראַסען און שבטים, און צוו
שען איין סאָרט מאָסקיטאָס און אַן אַנדערער איז פּונקט אַזאַ גרויסער או
טערשייד, ווי צווישען אַן אייראָפּעער פון דער קאַווקאַזישער ראַסע און
האַלב ווילדען שוואַרצען פון די טיפע אַפריקאַנישע וועלדער.

בלויז איין סאָרט מאָסקיטאָס פערשפּרייטען מאַלעריאַ, די מאָסק
טאָס, וואָס בעלאַנגען צום שבט אַנאָפעלים.

דיזע מאָסקיטאָס קען מען דערקענען דורך זייערע געפלעקטע פליגע
און דורך דעם, וואָס, ווען זיי רוהען, איז זייער קערפּער ניט אין אַ גליי
(האָריזאָנטאַל) ליניע מיט דעם פלאַץ, אויף וועלכען זיי שטעהען, נאָ
דער הינטערשטער טייל קערפּער איז פיעל העכער.

בלויז די מאַדאַם מאָסקיטאָ איז די בייסערין. דער מאַן בענוגענ
זיך מיט טאָן הויז ארבייט און אַטענדען צו אַנדערע נויטווענדיגקייט
די זי איז די יעגערין.

אויף יאַגד פליהט מאַדאַם אַנאָפעלים אַרום ערשט אין אָבענ
זי פליהט ניט ווייט, בלויז אַ פּאָר הונדערט יאַרד פון פלאַץ, וואו איהר נעס
געפינט זיך. זי פליהט אויך גאַנץ נידעריג. די מענשען, וואָס וואוינ
אויף'ן פּערטען אָדער פינפטען שטאָק, אפילו אין אַ מאַלעריאַ געגענ
מעגען האַלטען זייערע פענסטער אָפען און ניט פערשטעלט מיט סקרינ
די מאַלעריאַ מאָסקיטאָס וועלען ניט פליהען אַזוי הויך. בייטאָג איז מ
זיכער געגען דיזע מאָסקיטאָס, ווייל מאַדאַם אַנאָפעלים פאַנגט אָן איר

[ט]אג ארבייט ערשט אין אבענד. דיזע מאָסקיטאָס ווערען ניט פערניכטעט [א]ין קאלטען וועטער. זייערע אייער לעגען זיי אין קליינע לוזשעס ריינע [ו]אסער ארום די הייזער און אין ווינטער צייט קענען זיי עקזיסטירען אין [ו]וארעמע הייזער. זיי קענען בייסען אויך ווינטער צייט און אָנשטעקען [מ]ענשען מיט מאלעריא דאן, ווען מען דענקט, דאס אלע מאָסקיטאָס זיינען [ש]וין אויסגעשטאָרבען.

געוועהנליכע מאָסקיטאָס האָבען געוועבטע אָנשטאָט געפלעקטע פלי-[ג]על. ווען זיי רוהען איז זייער קערפּער אויף א גלייכע ליניע (האָריזאָנטאַל) [מ]יט דעם פּלאץ, אויף וועלכען זיי רוהען. זיי פליהען בייטאָג און ביינאכט, [פ]ליהען גאנץ ווייט פון זייערע נעסטען און פליהען אויך זעהר הויך.

וויסענדיג די געוואוינהייטען און דעם כאראקטער פון די מאלעריא [מ]אָסקיטאָס האָט מען אויסגעארבייט א זעהר געלונגענעם סטראטעגישען [פ]לאן, ווי דיזע מאָסקיטאָס צו פערניכטען און ווי צו פערהיטען מענשען [פ]ון קריגען דיזע קראנקהייט און איבעראל, וואו דיזער פּלאן איז דורכגע-[פ]יהרט געוואָרען איז דער קאמף געגען מאלעריא געווען אן ערפּאָלג.

[ד]ער קאמף געגען מאלעריא, און ווי זיך אויסצוהיטען פון דער קראנקהייט.

דער אמת'ער קאמף געגען מאלעריא האָט זיך אָנגעפאנגען ערשט, [ו]ווען מען האָט זיך דערוואוסט אויף זיכער, דאס די אנאָפעלים מאָסקיטאָ [א]יז דער אגענט (אָדער בעסער געזאָגט די אגענטין, ווייל עס איז די זי [ו]ואס בייסט דעם מענשען), וואס פערשפּרייט מאלעריא.

מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, דאס שטודירענדיג די אנאָפע-[ל]יס מאָסקיטאָ האָט מען אויסגעפונען, דאס זי פליהט מעהרסטענס בלויז [ב]יינאכט און ניט זעהר הויך. דורך פערשטעלען די פענסטער מיט „מאָסקי-[ט]אָ־נעצען" און זיך געפינען אין הויז הינטער דיזע נעצען פון זינט עס [ו]ווערט נאכט ביז עס ווערט טאָג קען מען אויסמיידען די צו גאָהענטע בע-[ג]אנטשאפט מיט מאדאם אנאָפעלים.

דאָס איז געווען דער ערשטער קאמפס־מיטעל געגען די מאָסקיטאָס, [ו]ואס איז אָנגעווענדעט געוואָרען ביים גראָבען דעם פּאנאמא־קאנאל, ווען [ד]י אמעריקאנער ארמעע־אינזשינירען האָבען איבערגענומען די ארבייט,

און דיזעס שוץ־מיטעל געגען די מאָסקיטאָס האָט זיך אויסגעצייכנט אַ
אַ גרויסער ערפאָלג.

זיך בעהאַלטען פון שונא איז אָבער ניט אַלע מאָל געגוג, ספּעצי
איז עס ניט קיין שמייכלענדע שטאָלצע טאַקטיק, ווען מענשען מוזען זיך ב
האַלטען פון מאָסקיטאָס. מען האָט דאַרום אָנגעפאַנגען צו זוכען מיטל
ווי אַזוי צו פערניכטען די מאָסקיטאָס.

זוכענדיג דיזע ווירקזאַמע מיטלען האָט מען אויסגעפונען, דאָס מאָ
קיטאָס לעגען זייערע אייער אין שטעהענדעס ניט טיפעס וואַסער. די
אייער שווימען אַרום אויף'ן וואַסער, פערוואַנדלען זיך אין „לאַרווע",
איבערגאַנגס־שטופע צווישען איי און פול ענטוויקעלטען אינסעקט, א
דאַן פערוואַנדלען זיי זיך אין פולע אינסעקטען.

נאָך אַ לאַנגע זאָרגפעלטיגע שטודיום וועגען דעם לעבען פון די מאָ
קיטאָס אין אַלע שטופען פון זייער ענטוויקלונג האָט מען אויסגעפונ
דאָס עס דויערט געוועהנליך דריי מאָנאַטען איידער עס ענטוויקלען ז
ערוואַקסענע אַנאָפעלים מאָסקיטאָס פון די אייער, וואָס מאַדאַם אַנאָפעל
לעגט אין וואַסער, דאָס די „לאַרווע" מוזען האָבען פרישע לופט צו אָטה
מען און זיי קומען דאַרום צו דער אויבערפלעכע פון'ם וואַסער, אין וועלכ
זיי ענטוויקלען זיך, אום צו שעפּען פרישע לופט. מען האָט אויך אויסג
פונען, אַז ווען דאָס וואַסער, אין וועלכען עס געפינען זיך די אייער פ
מאַדאַם אַנאָפעלים, טריקענט אויס, שטאַרבען די אייער, אָדער ווען ע
געפינען זיך פיש אין'ם וואַסער פרעסען די פיש אויף די מאָסקיטאָ אייע

מיט דיזע פאַקטען האָט מען זיך בענוצט אין די מאַלעריאַ פערפּעס
טעטע געגענדען אום אויסצוראָטען די מאָסקיטאָ פעסט. און כמעט איבע
אַל, וואו דער קאַמף איז געפיהרט געוואָרען ערנסט, זיינען די אַנאָפעלי
מאָסקיטאָס פערטיליגט געוואָרען און די מאַלעריאַ פעסט איז פערשוואו
דען געוואָרען.

די אַנאָפעלים מאָסקיטאָ פליהט ניט ווייט פון'ם פּלאַץ, וואו זי האָ
זיך אויף. די מאָסקיטאָ נעסטען מוזען זיך דאַרום אין יעדען פאַל געפינ
ניט ווייט פון'ם פּלאַץ, וואו די מענשען ווערען געביסען. אום אויסצור
טען דיזע מאָסקיטאָס דאַרף מען דאַרום אויסטריקענען אַלע לוזשעס א
קליינע זומפּען, וואָס געפינען זיך אין דער נאָכבאַרשאַפט.

אין אַזוי [illegible] ווי מען האָט אָנגעפאַנגען אויסטריקענען די לוזשע
און פער[illegible] די [illegible]. אָדער גראָבען קליינע קאַנאַלען און פערוואַנ

די שטעהענדע לוזשעס אין א פליסענדען שטראם, זיינען די מאסקיטאס
רען וועניגער.

עס זיינען אבער דא גרעסערע שטעהענדע וואסערען, וואס מען קען
פערשיטען אדער עס דארף קאסטען צופיעל געלד זיי אויסצוטריקענען.
יזען פאל איז געגוג צו בעגיסען דיזע לוזשעס מיט קעראסין אדער אן
ר איל, וואס זאל בעדעקען דאס גאנצע וואסער.

מיר האבען שוין פריהער געזעהן, דאס די „לארווע" (די איבערגאנס-
ע פון איי צום אינסעקט) מוזען אטהעמען. זיי קריגען זייער פרישע
דורך דער אויבערפלעכע פון וואסער. ווען דער וואסער ווערט
בעדעקט מיט א דינע הייטעל פון איל קען קיין פרישע לופט ניט צו-
צו דיזע האלב-ענטוויקעלטע אינסעקטען און זיי ווערען דערשטיקט.
וואס אנבעלאנגט די אייער פון די מאסקיטאס האבען מיר שוין גע-
דאס פיש גלייכען זיי אלס שפייז און אין א וואסער, וואו עס געפי-
יך פיש קענען קיין מאסקיטאס ניט וואקסען.

געברויכענדיג דיזע אויסגערעכענטע מיטלען אין'ם קאמף געגען די
עלים מאסקיטא איז געלונגען אויסצורייניגען פיעלע געגענדען, וואס
פריהער געווען איינפאכע פעסט פלעצער, אין וועלכע קיין ווייסער
האט ניט געקענט לעבען.

ווי אזוי קען א מענש זיך אויסהיטען פון מאלעריא? פון אונזער
נטשאפט מיט דיזער קראנקהייט און מיט דער ארט און וויזע ווי אזוי
רשפרייט זיך קענען מיר שוין לייכט איינזעהן, דאס עס איז זעהר
פאר אן איינצעלנעם, וואס לעבט אין א מאלעריא געגענד, צו זיין
פון דיזער קראנקהייט. אין דיזען פאל מוז די גאנצע בעפעלקערונג
מען טרייען פטור ווערען פון דער פעסט. אלע זומפען און לוזשעס
אויסגעטריקענט ווערען אדער דאס וואסער דארף בעגאסען ווערען
קעראסין אדער פעטראלעאום. און אויף אזא ארט פערניכטען די
יטאס.

וואס דארף טאן דער איינצעלנער מענש, וואס לעבט אין א מאלעריא
ד? ער דארף ניט שלאפען ביינאכט אין דרויסען און די פענסטער פון
שלאף-צימער דארפען זיין פערשטעלט מיט מאסקיטא נעצען. פון
עס ווערט נאכט ביז אין דער פריה דארף ער, אויב נאר מעגליך בליי-
אין דער היים הינטער די מאסקיטא נעצען אנשטאט ארומצוגעהן אין
און אזוי שנעל, ווי ער דערפיהלט די ערשטע סמנים פון דער קראנק-

הייט, דאַרף ער גלייך געהן צו א דאָקטאָר זיך לאָזען זיין בלוט עק
נירען צו עס געפינען זיך דאָרטען ניט די מאלעריא פאַראַזיטען און
יע וועט דער דאָקטאָר איהם שוין בעהאנדלען.

יעדער, וואָס ליידעט שוין פון מאלעריא מוז א געוויסע צייט
לאנג ווי די פאַראַזיטען געפינען זיך אין זיין בלוט) זיין בעשיצט
דאָס מאָסקיטאָס זאָלען צו איהם ניט האָבען קיין צוטריט. יעדער,
ליידעט פון מאלעריא איז א קוואַל פון דער קראַנקהייט און קען אָנש
פיעלע אנדערע, אויב די מאָסקיטאָס האָבען נאָר א צוטריט צו זיין

ווען די מאָסקיטאָס קענען צו איהם ניט צוקומען איז דער
קער אונשעדליך פאַר אלע, וואָס קומען מיט איהם אין בעריהרונג.

מאלעריא איז אויך ניט קיין גאַנץ אָפּטע אָבער אויך ניט קיין
זעלטענע ערשיינונג אין אונזער געגענד. די זומפּען אין ניו דזשורז
זאָרגען די ארומיגע געגענד מיט אנאָפעלים מאָסקיטאָס. צום גליק ווי
ניט זעהר פיעל מענשען אין דער נאַכבאַרשאַפט פון יענע זומפּען א
מיר האָבען שוין געזעהן, פליהען ניט דיזע מאָסקיטאָס זעהר וויי
זייער הוים.

„קאלדס" (פערקעלטונג).

ווי זיך אויסצוהיטען און וואָס צו טאָן ווען איהר האָט שוין אַ קאָלד.

א שטאַרקער שונא, וואָס קומט אָפען ארוים מיט זיין אטאקע, איז פטמאָל ניט אזוי געפעהרליך, ווי דער פיינד, וואָס גנב'עט זיך אריין צו ונז דורך א הינטער טיר, מאכט אן אָנשטעל פון א נעבעכעל, און ווען מיר יטען זיך ניט פאר איהם עפענט ער ברייט פאנאנדער טיר און טויער פון ונזערע פעסטונגען און לאָזט אריין צו אונז אונזערע ביטערסטע שונאים.

אזא פיינד איז דער „קאָלד" (פערקעלטונג). מילד און אונשולדיג י א נעבעכעל, איז דער קאָלד איינער פון אונזערע געפעהרליכסטע שונאים ון ברייננגט אונז אָפט פיעל מעהר שאָדען, ווי אן ערנסטע קראַנקהייט.

"קאָלדס" זיינען אזא געוועהנליכע ערשיינונג אין אונזער לעבען, אָס עס איז זעלטען צו געפינען א מענשען, וואָס זאָל ניט אם ווענינגסטענס יינמאָל א יאָהר ליידען פון א פערקעלטונג.

מיר זיינען שוין אזוי צוגעוואוינט געוואָרען צו א „קאָלד", דאָס מיר יינען גענויגט איהם צו בעטראכטען אלס אן „איבערגאנג". פון וועלכען ס איז זיך שווער אויסצוהיטען און עס לוינט זיך גאָר ניט די מיה, וואָס ס דארף קאָסטען זיך אויסצוהיטען פון א קאָלד אָדער זיך קורירען, ווען ער קאָלד האָט אייך שוין געכאפט.

און דאָך איז א קאָלד אן ערנסטע קראנקהייט, ניט אזוי פאר זיך ליין, ווי אלס אָנפאנג פאר אנדערע „מעהר ערנסטע" קראנקהייטען. אָפט- אָל איז דער קאָלד בלויז דער אָנזאָגער פון אן ערנסטע קראנקהייט, וואָס אלט זיך אין ענטוויקלען. דער קאָלד זעלבסט איז דאן בלויז די ערשטע טופע פון יענער ערנסטער קראנקהייט. אין די מעהרסטע פעלע דינט דער אָלד בלויז אויף אָפצושוואכען דעם מענשען און מאכען פריי דעם וועג אר אנדערע קראנקהייטען, וואָס וואָלטען זאָנסט איהם ניט געקענט ייקומען.

א גרויסע, זעהר א גרויסע צאָהל קראנקהייטען וואָלטען פער-שוואונדען פון דער וועלט, ווען אַלע מענשען וואָלטען אכטונג געגעבען אויף זייערע נעזער און אויסגעהיט זיך פון קאָלדס.

עס איז זעהר זעלטען צו טרעפען א מענשען, וואָס האָט קיינמאָל ניט געליטען פון א קאָלד, און עס איז אויך זעהר זעלטען צו טרעפען א פאָלקאָם געזונדען מענשען.

אום צו וויסען ווי אזוי זיך אויסצוהיטען פון קאָלדס און וואָס צו טאָן ווען דער קאָלד איז שוין דאָ, איז נויטיג פאר אונז זיך פריהער צו בעקענען מיט א העכסט אינטערעסאנטען און וויכטיגען גליד פון אונזער קערפער — אונזער נאָז.

אונזער נאז.

וואָס פאר א ראָלע שפּילט די נאָז אין אונזער קערפער, וואָס איז די אויפגאבע פון דיזען גליד, וואָס זיצט אין סאמע פראָנט פון אונזער פנים און לויפט שטענדיג פאָראויס, וואוהין נאָר מיר קעהרען און ווענדען זיך?

מאנכע גלויבען, אז די נאָז איז געשאפען מיט דעם איינציגען צוועק אום געוויסע קהל'שע קאָפּ-לעפעל זאָלען קענען פיהרען אַלעמען ביי דער נאָז, אנדערע דענקען, אז די נאָז איז געשאפען אום מען זאָל זי קענען אריינשטעקען איבעראַל וואו מען דארף ניט, ווידער אנדערע זיינען איבערצייגט, דאָס זיי האָבען א נאָז בלויז אום צו קענען דערשמעקען אן עבירה ביי יענעם אפילו ווען זי ליגט בעהאַלטען בחדרי חדרים.

אָבער דאָס איז די געזעלשאפטליכע זייט פון דער נאָז. וואָס אונז אינטערעסירט דאָ איז די פונקציאָנעלע זייט פון דיזען גליד פון אונזער קערפער. די אויפגאבע, וואָס די נאָז האָט צו ערפילען אין אונזער לעבען.

אונזער נאָז האָט א דאָפּעלטע אויפגאבע צו ערפילען. זיצענדיג אין סאמע פאָרענט פון געזיכט מיט דער אָפענער טיהר פונקט איבער אונזער מויל און מיט דער הינטער טיהר נעבען מארך, איז דער נאָז לייכטער צו דערפיהלען דעם גערוך פון יעדע זאַך, וואָס קומט צו נאָהענט צו אונזער מויל. זיך געפינענדיג ניט ווייט פון מארך, איז דער נאָז לייכט צו טעלעגראפירען צום מארך דעם בעטרעפענדען גערוך און אין פאַל דער מארך איז ניט צופרידען דערמיט, קומט אָן זיין בעפעל ניט צו עסען אָדער טרינקען דעם בעטרעפענדען ארטיקעל נאָך איידער דאָס בעריהרט אונזערע ליפּען.

א ראַנק דיזער וואכזאמקייט פון דער נאָז מיידען מיר אויס צו עסען פּיעלע פערפוילטע, האַלב־אויפגעלעזטע שפּייז־אַרטיקלען, ווייל דער שלעכטער גערוך פון דיזע שפּייז ווערט גלייך געבראַכט דורך דער נאָז צום מאַרך. די נערוועז, וואָס האָבען די אויפגאַבע צו ברייננגען דעם גערוך צום מאַרך, געפינען זיך אין דער אויבערשטער טייל פון אונזער נאָז, און ווען מיר לייַדען פון א קאַלד און די נאָז־לעכער זיינען פערשטאָפּט, קען דער גערוך ניט צוקומען צו דיזע נערוועז און דער חוש פון שמעקען פעהלט אונז דאַן.

א גרויסע טייל פון'ם געשמאַק, וואָס מיר פיהלען אין שפּייז, קומט דורך „שמעקען" און ניט דורך פיהלען א „טעם" אין דעם וואָס מיר עסען. ווען איינער ליידעט פון א קאַלד פערליהרט ער דעם גערוך פון די שפּייז און דארום פיהלט ער ווענינ געשמאַק אין די שפּייז וואָס ער עסט.

אָבער שמעקען איז ניט די איינציגע און ניט די וויכטיגסטע אויפגאַבע, וואָס אונזער נאָז האָט צו ערפילען. זייט מיר האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו ציוויליזירען האָבען מיר זיך אויסגעלערענט אָפּצונאַרען אונזער נאָז, און צופערטיגען אונזער שפּייז אזוי, דאָס יעדער אונאַנגענעהמער גערוך זאָל פערשווינדען. מיר געברויכען אויך די נאָז גאַנץ ווענינ אויף צו דערשמעקען פון ווייטען, ווי דער הונט אָדער אַנדערע חיות טוען. אונזער חוש הריח איז דארום פיעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען און די אויפגאַבע פון שמעקען איז געוואָרען א פונקציאָן פון א גאַנץ קנאַפּער וויכטיגקייט.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון אונזער נאָז.

די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון אונזער נאָז איז צו פיהרען לופט פון דרויסען צו אונזערע לונגען און צוריק אַרויס פון אונזערע לונגען.

די דרויסען לופט איז פיעל קעלטער פון דער לופט, וואָס געפינט זיך אין אונזערע לונגען און, ספּעציעל אין גרויסע שטעדט, איז די לופט בעלאָדען מיט פיעל שטויב און אַלערליי מיקראָבען. די נאָז וואַרעמט אָן די דרויסען לופט איידער די לופט קומט צו צו אונזערע לונגען און זיפּט זי אויך דורך, פערהאַלטענדיג א גרויסע טייל פון די שטויב און באַצילען.

אום צו קענען ערפילען דיזע צוויי אויפגאַבעס אָנוואַרעמען און דורכזיפּען די לופט, איז אונזער נאָז בעזאָרגט מיט א פייכטער שליימיגער אינערליכער הויט און מיט פיעלע קליינע פיינע האָר. דיזער הויט איז

זעהר רייך אין פיינע בלוט־רעהרען, דורך וועלכע עס שטראָמט שטענדיג וואַרעמע בלוט. די דרויסען לופט קומט אין בעריהרונג מיט דיזע וואַרעמע בלוט־רעהרען און ווערט אָנגעוואַרעמט.

די צעלען, וואָס שטעלען צוזאַמען די אינערליכע הויט פון דער נאָז, גיבען ארויס פון זיך א שליימיגע פליסיגקייט, וואָס האַלט זיך אויף א קורצע צייט אויף די האָר פון דער נאָז און פערכאַפּט די שטויב און די מיקראָבען, וואָס געפינען זיך אין דער לופט, וואָס געהט דורך די נאָז־לעכער. פון צייט צו צייט רייניגען מיר די נאָז און שליידערען ארויס די שליים צוזאַמען מיט׳ן שטויב און אַנדערע אונריינליכקייטען, וואָס קלייבען זיך דאָרטען אָן. די אינערליכע הויט פון דער נאָז ווערט דאַן ריין און גיט ארויס פון זיך א פרישע שליימיגע פליסיגקייט, וואָס זעצט פאָרט די ארבייט פון רייניגען די לופט.

ווי א טרייער שומר, וואָס בעוואַכט דעם טויער פון א פעסטונג צו פערהיטען, אַז א שונא זאָל ניט קענען בעפאַלען די שטאָדט, אזוי וואַכט אונזער נאָז ביים טויער, וואָס פיהרט צו די אינערליכע טיילען פון אונזער קערפּער. אזוי לאַנג ווי אונזער נאָז ערפילט איהר אויפגאַבע ווי עס דאַרף צו זיין ווערען אונזערע לונגען געהאַלטען ריין. קוים אָבער ווערט די נאָז פערשטאָפּט קען זי מעהר ניט דורכזיפּען די לופט, וואָס מיר אטעמען.

ווען מיר ליידען פון א פערקעלטונג ווערט אונזער „סטים־היט און פילטער־פּלענט" (דער מעכאַניזם פון דער נאָז) קאַליע. די צעלען, וואָס פּראָדוצירען שליים ווערען אויפגערייצט, אָנגעשוואָלען און זיי פּראָדוצירען א געדיכטע, קלעפּיקע שליים, פון וועלכע עס איז כמעט אונמעגליך פּטור צו ווערען דורך „שנייצען די נאָז".

אין די גוטע צייטען זיינען אויך די נאָז־לעכער ניט זעהר ברייט. מיט א קאַרעטע קען מען אין זיי זיכער ניט דורכפאָהרען, הייגט ווען די צעלען פון דער אינערליכער הויט ווערען נאָך געשוואָלען און בעדעקט מיט א דיקער קלעפּיגער שליים, ווערט דער דורכגאַנג אין דער נאָז אזוי פערשפּאַרט, דאָס די לופט קען ניט דורכגעהן.

אָנשטאָט צו אטהעמען דורך דער נאָז אטהעמען מיר דאַן דורך׳ן מויל. אונזער האַלז האָט ניט קיין ספּעציעלען מעכאַניזם אויף צו וואַרעמען און רייניגען די לופט און די קאַלטע, מיט שטויב און מיקראָבען בעלאָדענע

לופט געפינט דאָן א פרייען צוטריט צו אונזער האלז און לונגען. די גרעס-טע טייל פון דיזע מיקראָבען זיינען אונשעדליכע, אָבער מאנכע פון זיי זיינען זעהר שעדליכע און דער רעזולטאט איז — פערשיידענע ערנסטע האלז און לונגען=קראנקהייטען.

אין דער פערשטאָפּטער נאָז איז דערווייל א גאנצער פּיקניק (יום טוב). געוועהנליך געפינען זיך פיעלע באצילען אויף דער שליימיגער הויט פון דער נאָז. דיזע באצילען, ווי מיר האָבען פריהער ערקלערט, ווערען פערהאלטען פון דער לופט, וואָס געהט דורך די נאָז. אונטער נאָרמאלע אומשטענדען ווערען דיזע מיקראָבען ארויסגעשליידערט פון דער נאָז איידער זיי האָבען צייט צו פעראורזאכען שאדען, אָבער ווען די נאָז ווערט פערשטאָפּט, פאנגט זיך אָן א פּיקניק פאר די מיקראָבען. שפּייז האָבען זיי גענוג, ווארעמקייט אויך, ארויסשליידערען זיי קען מען ניט, ווייל דער וועג איז פערשפּארט, זיי פאנגען דארום אָן צו פרעסען, זויפען און פערמעהרען זיך. דאָס פעראורזאכט אַן ענטצינדונג אין דער אינערליכער הויט פון אונזער נאָז און מאכט די לאגע נאָך ערגער.

עפענונגען אין די ווענד פון אונזער נאָז פיהרען צו די „סיינוסעס“, עפענונגען אין די באקען און שטערן=ביינער. די ענטצינדונג קען זיך דא-רום לייכט פערשפּרייטען. דער קאָפּ=וועהטאָג, וואָס עס ליידעט דער, וואָס איז פערקעלטערט, קומט דערפון, וואָס די ענטצינדונג אין דער נאָז האָט זיך פערשפּרייט צום שטערן=ביין. מאנכע שעדליכע שטאָפען, וואָס ווערען פּראָדוצירט אויף די פּלעצער, וואו די ענטצינדונג איז, ווערען איינ-געזאפּט אין'ם בלוט און צופיהרט איבער'ן גאנצען קערפּער, פעראורזאכענ-דיג היץ און אנדערע סימנים פון א קראנקהייט, וואָס בעריהרט דעם גאנ-צען קערפּער.

דער שאדען, וואָס א „קאָלד“ ברייננט פאר'ן קערפּער, קען פערגליכען ווערען מיט דעם שאדען, וואָס עס וואָלט געבראכט פאר א בעלאגערטער שטאָדט, ווען די ארמעע, וואָס בעוואכט דעם טויער פון דער פעסטונג, וואָלט פּאראליזירט געוואָרען. דער שונא וואָלט געקראָגען א פרייען איינ-טריט אין דער בעלאגערטער שטאָדט. ווען מיר האָבען א „קאָלד“ ווערט די נאָז, דער וועכטער ביים טויער פון אונזער קערפּער, אונפעהיג צו ערפילען איהר אויפגאבע, און דער שונא — די קראנקהייט=ברייננענדע מיקראָבען — קריגט א פרייעז איינטריט אין אונזער קערפּער.

ווי זיך אויסצוהיטען פון א „קאלד".

מאנכע מענשען ליידען פון א פעהלער אין דער ארכיטעקטור פון זייער נאָז. ביי מאנכע איז דאָס ווענטעל, וואָס צוטיילט די אינערליכע עפענונג פון אונזער נאָז אין צוויי טיילען, אזוי אויסגעבויגען אָדער אזוי אויסגעקרימט, דאָס פון דער לייכסטער ענדערונג אין דער בלוט-צירקולאציאָן אין זייער הויט, ווערט די אינערליכע הויט פון זייער נאָז אָנגעשוואָלען און די נאָז-לעכער פערשטאָפּט. ביי מאנכע מענשען וואקסען געוויסע זאכען אין דער נאָז, וואָס דארפען דאָרטען ניט וואקסען. און דאָס פיהרט אָפּט צו קאָלדס. אזעלכע מענשען ווערען פיליייכט קיין מאָל ניט פּטור ווערען פון זייערע קאָלדס ווי פאָרזיכטיג זיי זאָלען ניט זיין. די איינציגע האָפנונג פיר דיזע מענשען איז לאָזען פעררירכטען זייער נאָז דורך אַן אָפּעראציאָן.

אָבער די, וואָס האָבען נאָרמאלע נעזער און קריגען אָפּט קאָלדס, קענען זיך לייכט איינגעוואוינען זיך אויסהיטען פון פערקעלטונג. געוועהנליך פערקיהלען זיך אזעלכע מענשען פון א צוג-לופט. זייער הויט איז ניט געוואוינט צו קעלט. די נערוועז, וואָס געפינען זיך אין דער הויט זיינען אזוי „צובאלעוועט", דאָס ביים קלענסטען ווינטעלע דערשרעקען זיי זיך. די אימפּולסען פון דיזע נערוועז פעראורזאכען א פּאניק אין דעם טייל פון נערוועז-סיסטעם, וואָס קאָנטראָלירט די בלוט-רעהרען. דאָס פערטרייבט די בלוט פון דער הויט און פעראורזאכט א ענגשאפט פון בלוט אין די דינע רעהרען פון דער אינערליכער הויט פון דער נאָז. דיזע הויט ווערט אָנגעשוואָלען און דער רעזולטאט איז א קאָלד.

וואָס דיזע מענשען דארפען טאָן איז צוגעוואוינען זייער הויט צו קעלט, אויסלערנען די נערוועז פון זייער הויט ניט צו זיין אזעלכע שרעקעדיגע. פערדלאָך, וואָס ווערען ערצויגען אין א דאָרף, שרעקען זיך זעהר פאר קארס און אויטאָמאָבילס ביי זייער ערשטען וויזיט אין א שטאָדט. דאָס איינציגע מיטעל, ווי אזוי צוגעוואוינען אזא פערדעל צום שטאָדט-לעבען, איז עס צווינגען זיך צו צוגעוואוינען זיך צו קארס און אויטאָמאָבילס. דאָס זעלבע איז מיט אונזערע „עדעל ערצויגענע" נערוועז פון דער הויט. אויב זיי האָבען מורא פאר קעלט דארף מען זיי צוגעוואוינען צו קעלט.

דאָס דארף אָבער געטאָן ווערען לאַנגזאם און פאָרזיכטיג.

דער ערשטער וועג ווי דאָס צו טאָן איז צו זיין וואָס מעהר אויף דער פרישער לופט. איינגעוואוינען די הויט פון קערפער צו פרישער לופט, וועו דיזע לופט איז ניט צו קאַלט, שטאַרקט עס די הויט און גיט איהר א מעגליכקייט אויסצוהאַלטען אַלערליי ענדערונגען אין וועטער. די הויט פון אונזער פנים איז אַלע מאָל אָפּגעדעקט און קומט אין דירעקטער בעריהרונג מיט דער דרויסען־לופט אפילו אין שטאַרקסטען פראָסט, און דיזע הויט איז דאַרום די שטאַרקסטע פון אונזער קערפער.

אָבער צוליב סאָציאַלע און אַנדערע אורזאַכען קענען מיר ניט געהן נאַקעט. די גרעסטע טייל פון אונזער קערפער מוז בלייבען פערדעקט און מיר דאַרפען דאַרום זעהן, דאָס די קליידער זאָלען זיין וואָס לייכטער און וואָס מעהר לופט זאָל קענען דורך זיי צוקומען צו דער הויט. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל ווינטער־צייט. דעם גאַנצען טאָג פערברייניגען די מעהרסטע מענשען אין שטובער, סטאָרס, פעקטאָרים אָדער אָפּיסעס. די אַטמאָספערע אין דיזע פּלעצער איז א וואַרעמע, א זומערדיגע און דאָס טראָגען וואַרעמע ווינטערדיגע אונטערוועש שוואַכט אָפּ די הויט אַזוי פיעל, דאָס דער שוואַכסטער ווינטעלע פעראורזאַכט פערקעלטונג. דאָס בעסטע פאַר מענשען, וואָס פערברייניגען זייערע טעג ניט אין דרויסען איז צו מאַכען ווינטער לייכטע קליידער און אָנטאָן וואַרעמע אויבערקליידער ווען זיי געהען ארויס אין גאַס אויף דער קעלט.

אויס דער זעלבער אויבען־דערמאָהנטער אורזאַכע איז אויך שעדליך צו איבערהייצען די צימערען, אין וועלכע מען וואוינט. ארום 70 גראַד פאַרענהייט איז די בעסטע טעמפּעראַטור פאַר דער וואוינונג. א העכערע טעמפּעראַטור שוואַכט אָפּ אונזער הויט און זעצט אונז אויס דער געפאַהר צו קריגען אָפט „קאַלדס".

אַן אויסגעצייכענטעס מיטעל ווי צוגעוואוינען די הויט צו קעלט איז דורך קאַלטע בעדער. דער וואָס איז ניט געוואוינט צו קאַלטע וואַסער קען אָנפאַנגען זיך צוגעוואוינען דורך ספּאָנדזשען יעדען פריהמאָרגען דעם קערפער מיט קאַלטע וואַסער. א האַנד, צום ביישפּיל, ווערט פריהער געספּאָנדזשט מיט קאַלטע וואַסער און אָפּגעטריקענט מיט א האַנדטוך. נאַכהער ווערט די צווייטע האַנד געספּאָנדזשט און אָפּגעטריקענט, נאַכהער די פּלייצעס, נאַכהער די ברוסט, דער בויך א. ז. וו. אויף אַזא אופן ווערט דער גאַנצער קערפער געוואַשען מיט קאַלטע וואַסער.

נאָך אזא ספאַנדזש-באָד איז נויטיג גוט דורכצוריייבען דעם קערפּער מיט א טערקישען האַנדטוך ביז די הויט קריגט צוריק איהר רויטליכען קאָליר און מען פּיהלט זיך וואַרעם. אויף אזא אופן קען מען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינען צו קאַלטע בעדער און די הויט ווערט צוגעוואוינט „זיך ניט צו שרעקען“ פאַר פּלוצלינגע קעלט.

פערשטאָפּונג איז אַן אויסגעצייכענטער אגענט פאַר „קאַלדס“ און די, וואָס ליידען פון מאָגען פערשטאָפּונג קריגען „קאָלדס“ אַלס צוגאָב. אום אויסצומיידען א פערקיהלונג מוז מען דאַרום אויסמיידען צו ליידען פון פערשטאָפּונג.

איבערעסען זיך פיהרט אָפּט צו „קאָלדס“. עס וואָלט פערנומען צופיעל פון דיזען בעשרענקטען פּלאַץ צו ערקלערען ווי אזוי צופיעל עסען ווירקט אויף דער אינערליכער הויט פון נאָז, אָבער אז דאָס איז אזוי איז שוין פיעלע מאָל בעוויזען געוואָרען.

דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט צופיעל ארבייט. ווען דער קערפּער איז מיעד און אויסגעמאַטערט איז זיין ווידערשטאַנדס-קראַפט געגען די מיקראָבען זעהר שוואַך און ער איז דאַן אויסגעזעצט דער געפאַהר צו קריגען „קאָלדס“ אָדער פיעל ערנסטערע קראַנקהייטען.

עס איז אויך נויטיג צו זיין פאָרזיכטיג אין אומגעהן מיט מענשען, וואָס ליידען פון א „קאָלד“. אזעלכע מענשען האָבען געוועהנליך די קאָלד-באַצילען אין זייער נאָז או ווען זיי ניסען אָדער הוסטען פערשפּרייטען זיי דיזע באַצילען אויף אַלעס און אַלעמען, וואָס געפינט זיך אַרום זיי.

אויב איהר ליידעט פון א פערקעלטונג און ניסט, האַלט א נאָז-טיכעל פאַר אייער נאָז ווען איהר ניסט, פערהיט, אז איהר זאָלט ניט פערשפּרייטען די קאָלד-באַצילען אַרום זיך און אָנשטעקען אַנדערע מיט אייער קראַנקהייט. קושט ניט קיינעם וואָס האָט א „קאָלד“. קושען זיך איז איינע פון די דירעקטע וועגען, דורך וועלכע די קאָלד-באַצילען פערשפּרייטען זיך פון איין מענשען צום אַנדערען.

דער סך הכל פון דעם אַלעמען איז דאָס, אום אויסצומיידען „קאָלדס“, מוז די נאָז קודם כל זיין נאָרמאַל. אונזער הויט דאַרף זיין צוגעוואוינט צו פרישע לופט. דאָס קענען מיר אויספיהרען דורך זיין און לעבען אזוי פיעל ווי נאָר מעגליך אויף דער פרישער לופט. טראָגען לייכטע קליידער, ניט צופיעל איבערהייצען אונזערע וואוינונגען און די צימערען, וואו מיר פערברייננגען די גרעסטע טייל פון טאָג, און דורך קאַלטע בעדער. מיר

מוזען אויך האַלטען אונזער מאָגען אין אָרדנונג, ניט עסען צופיעל און ניט
אַרבייטען אַזוי שווער, דאָס אונזער קערפּער זאָל ווערען אויסגעמאַטערט
און זיך אויסהיטען פון אָנשטעקען זיך מיט אַ קאָלד פון די, וואָס האָבען
איהם שוין.

ווי צו בעקעמפען אַ „קאַלד" ווען מען האט איהם שוין.

ווען מען האָט שוין געכאַפּט אַ קאָלד, אָדער בעסער געזאָגט, ווען
דער קאָלד האָט אייך שוין געכאַפּט (ווען מען האָט זיך שוין פערקעלטערט)
דאַרפט איהר אַזוי ווייט ווי נאָר מעגליך אויסמיידען אַ צוג־לופט. דער
קערפּער מוז דאַן געהאַלטען ווערען וואַרעם, ספּעציעל מוזען די פיס געהאַל-
טען ווערען וואַרעם.

אויב איהר קענט אויספיהרען איז גלייכער בלייבען צו בעט אַ טאָג.
אויב דאָס איז אונמעגליך איז גוט צו בלייבען די גרעסטע טייל פון טאָג
אין אַ הויז אָנשטאָט אין דרויסען. אויב אין דרויסען איז שעהן און וואַרעם
און דער פּערזאָן, וואָס האָט אַ קאָלד איז גוט בעשיצט געגען ווינטען, וועט
דאָס פערברייינגען אויף דער פרישער לופט איהם העלפען פּטור ווערען
פון קאָלד, ..ויב אָבער אין דרויסען איז קאַלט און פייכט וועט דער קאָלד
זיכער ערגער ווערען.

די מעהרסטע מענשען האָבען שוין גענוג ערפאַהרונגס מיט קאָלדס
צו קענען דערקענען ווען זיי האָבע זיך צוגעקיהלט. די מעהרסטע מענשען
דערפיהלען, אַז זיי האָבען אַ קאָלד אַזוי שנעל, ווי זיי פאַנגען אָן צו ניסען
און מיט איינינע שטונדען איידער דער „קאַטער" פאַנגט זיך אָן.

אין אַזאַ פאַל קענען מיר סטאָפּען דעם קאָלד איידער ער געהט
ווייטער. אויב איהר פיהלט, אַז איהר האָט זיך צוגעקיהלט און עטוואָס
אונאַנגענעהמליכעם רייצט די אינערליכע הויט פון אייער נאָז און מאַכט
אייך צו ניסען, טוט פאָלגענדעס:

נעהמט אַ מאָסטאַרד (זענעפט) פוס־באָד. גיסט אָן אַ גרויסע שיסעל
מיט הייסע וואַסער און טוט אַריין אַ טעע־לעפעלע געלע מאָסטאַרד (מאָס-
טאַרד קענט איהר קריגען אין יעדע גראָסערי סטאָר פאַר איינינע סענט).
וואַשט עס גוט אויס און האַלטביידע פיס אין דער הייסער וואַסער פאַר
אַנגעפעהר צעהן אָדער צוואַנציג מינוטען, אָדער ביז די פיס ווערען רויט,
וואַשט גוט אָפּ די פיס און געהט שלאָפען, און פאַר'ן שלאָפען געהן טרינקט
אויס אַ הייס גלאַז מילך אָדער אַ הייסע גלאַז וואַסער מיט לעמאָן־זאַפט

און דעקט זיך גוט איין אין בעט. איבער נאכט וועט איהר זיך גוט דורכ
שוויצען און אין די מעהרסטע פעלע, וועט דער קאָלד ביז אין דער פריה פער
שווינדען. „איהר וועט דעם קאָלד אויסשוויצען”.

אין פאַל אייער מאָגען איז ניט אין אָרדנונג, אויב איהר מוזט אָפּ
נעהמען א אָפּפיהר־מיטעל, נעהמט א האלבען אונץ ביטער־זאַלץ פאר׳
געהן שלאָפען.

אויב איהר כאפּט זיך ניט בעצייטענס און דער קאָלד איז שוין אזו
ווייט פערגאנגען, אז איהר האָט א קאטער, ווען פון נאָז און פון די אויגע
האלט אין איין רינען או די נאָז איז אזוי פערלעגט, אז איהר זייט געצוואונ
גען צו אטהעמען דורך׳ן מויל, דאן וועט אייך די אויבענדערמאָהנטע מיטע
ניט העלפען. געהט צו א דאָקטאָר און יענער וועט אייך געבען עטוואָ
מיט וואָס צו שפּריצען אָדער אויסוואשען אייער נאָז.

אויב דער קאָלד האלט אָן לענגער ווי דריי פיער טעג, טראָץ דיז
בעהאנדלונג, לאָזט א דאָקטאָר אונטערזוכען אייער נאָז. אָפּטמאָל איז
קאָלד בלויז אַן אָנפאנג פון א פיעל ערנסטערער קראנקהייט און טאָר ני
פערנאכלעסיגט ווערען.

ע ס ע ן. עס איז גלייכער צו עסען וואָס ווייניגער, ווען מען האָ
א קאָלד. איבערהיפּערען א מאָלצייט, אָדער עסען בלויז פרוכט און גרינ
צייג און פערטרינקען מיט א סך וואסער און דערצו האלטען דעם מאָגע
אָפען וועט העלפען דעם קערפּער גיך בייצוקומען דעם קאָלד און עס ווע
צו קיין ערנסטערע קראנקהייט ניט קומען.

„קאָלדס” פערשאַפען אונז ניט נאָר אונאנגענעהמליכקייטען אוי
א ווײלע, נאָר זיי זיינען אויך זעהר קאָסטבאר. ניט איין טאָג ארבייט או
ניט איין דאָלאר געהט פערלאָרען צ יב אזא „לייכטע” קראנקהייט, ווי
קאָלד און אָפּטמאָל איז דער קאָלד בלויז אַן אָנפאנג פון אַן ערנסטע
קראנקהייט. עס לוינט זיך דארום אפילו בלויז פון א פינאנציעלען שטאנד
פונקט זיך אויסהיטען פון קאָלדס.

„מאדאם לא גריפּ“ אדער אינפלוענזא.

א לייכטע קראַנקהייט מיט גאַנץ ערנסטע רעזולטאַטען — ווי אַזוי די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט — די פערשיידענע פאָרמען פון דער קראַנקהייט.

צו יעדע זאך דארף מען האָבען מזל, אפילו צו קראַנקהייטען. פאַראַן קראַנקהייטען, פאַר וועלכע מענשען שרעקען זיך, ווי פאַר א ניט־גוטען, און ביים קלענסטען פערדאכט, דאָס זיי לײדען פון איינע פון דיזע קראַנקהייטען, לויפען זיי גלייך צו א דאָקטאָר און ווענדען אָן אַלערליי מיטלען געזונד צו ווערען. פאַראַן אויך אַנדערע קראַנקהייטען, מאנכע פון זיי גאַנץ ערנסטע, וואָס האָבען א נאָמען אַלס „לייכטע קראַנקהייטען“, אָן אי־בערגאַנג, אזא, וואָס איז ניט זעהר ערנסט, און וועגען וועלכע עס לוינט זיך ניט צו מאכען א טאַראַראַם.

צו דער צאָהל פון דיזע לייכטע קראַנקהייטען קען צוגערעכענט ווע־רען אינפלוענזא, אָדער די גריפּ.

די גריפּ איז אַן ערנסטע קראַנקהייט, פיעל ערנסטער ווי דער דורכ שניטליכער עולם דענקט. זי איז א זעהר געפעהרליכע שוין דערפאַר, וואָס מיר האָבען ניט קיין רפואה צו איהר. דאָס איינציגע, וואָס מיר קענען טאָן איז טרייען צו פערהיטען, דאָס די, וואָס זיינען שוין אָנגעגריפּע פון דיזער קראַנקהייט, זאָלען ניט אָנשטעקען אנדערע און טרייען ווירקען אויף די געזונדע זיי זאָלען זיך אויסהיטען פון קריגען די גריפּ פו די, וואָס האָ־בען שוין דיזע קראַנקהייט. דער בעסטער וועג ווי דאָס צו טאָן איז, ווי מיר שיינט, בעקענען דעם עולם מיט דעם כאראקטער און די געפאהרען פון דיזער „לייכטער“ קראַנקהייט.

די ביאגראפיע פון „מאדאם לא גריפּ“.

אינפלוענזא, אָדער „מאַדאַם לאַ גריפּ“, ווי די פראַנצויזען האָבען דיזע קראַנקהייט א נאָמען געגעבען, איז א זעהר ווייט־פערשפרייטע קראַנק־הייט, וואָס ווערט פעראורזאַכט פון א ספּעציעלען סאָרט באַצילען; אינ־

פלוענזא-באצילען רופט מען זיי. אָבער די קראנקהייט איז געווען בעקאנ
נאָך לאנג איידער מען האָט גאָר איבערהויפּט געוואוסט וועגען די עקזיס
טענץ פון באצילען.

שוין אין 16טען יאָהרהונדערט האָט א פּאנדעמיע (אַן עפּידעמיע, וואָ
פערשפּרייט זיך איבער דער גאנצער וועלט) ארומגעכאפּט פיעל לענדע
און געפאָדערט צעהנדליגע טויזענדע קרבנות. זייט דאַן איז די גריפּ גע
בליבען ביי אונז א שטענדיגער גאסט. פון צייט צו צייט פערשפּרייט ז
זיך אין א געוויסען לאנד און שפּאצירט פון שטאָדט צו שטאָדט, איבער
לאָזענדיג נאָך זיך פיעלע טויטע און א היבש ביסעל פערוואונדעטע. ציי
טענווייז, ווען דיזע קליינע שפּאציר-גענגע ווערען איהר צו לאנגוויילי
מאכט זי א רייזע ארום דער וועלט און איהרע קרבנות צעהלען זיך דא
אין די צעהנדליגע טויזענרער.

אין פערלויף פון לעצטען יאָהרהונדערט האָט „מאדאַם לא גריפּ” פיע
מאָל ארומגעשפּאצירט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט. דער ערשטער שפּא
ציר אָדער פּאנדעמיע, ווי דאָס הייסט אויף דער וויסענשאפטליכער שפּראך
איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1830. דריי יאָהר האָט דאַן געדויערט בי
די גריפּ האָט געענדיגט איהר רייזע ארום דער וועלט און פונקט אזוי פיע
צייט האָט זי זיך אָפּגערוהט.

מיט דריי יאָהר שפּעטער אין יאָהר 1836 האָט אויסגעבראָכען
צווייטע פּאנדעמיע פון די גריפּ. אין יאָהר 1847 איז פאָרגעקומען א דרי
טע, און א פערטע רייזע ארום דער וועלט האָט „מאדאַם לא גריפּ” גע
מאכט אין יאָהר 1889. אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא קו
מען אָפט פאָר עפּידעמיעס, ווען די קראנקהייט פערשפּרייט זיך איבער איי
ניגע שטאאטען. אזא עפּידעמיע איז פאָרגעקומען ערשט א פּאָר יאָה
צוריק.

אין יאָהר 1918 האָט די אינפלוענזא נאָך אמאָל געמאכט א שפּאצי
איבער דער גאנצער וועלט און האָט אין פערלויף פון איניגע מאָנאטען גע
טויטעט מעהר מענשען, ווי די גרעסטע פון אלע וועלט-מלחמות האָט גע
טויטעט אין פערלויף פון פיר יאָהר צייט. דיזע נייעסטע עפּידעמיע האָ
זיך אָנגעפאנגען אין שפּאניען און איז דארום געווען בעקאנט אלס שפּא
נישע אינפלוענזא.

אין מאנכע שטעדט, וואו די גריפּ הערשט, פערכאפּט זי ארום פערצי
פּראָצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג. און אין אלע לענדער, וואָס

בעזוכט, לאָזט זי איבער איהרע אגענטען, וואָס זאָרגען שוין דאַפיר, אז די גריפּ זאָל חלילה ניט אין גאַנצען פערשווינדען ביז זי וועט מאַכען איהר בעקסטען שפּאַציר איבער דער וועלט.

„מאַדאַם לאַ גריפּ" האָט קיין רעספּעקט פאַר'ן וועטער. זי קען קומען אין יעדע צייט פון יאָהר, אָבער אַם מעהרסטען גלייכט זי צו קומען צו גאַסט ווינטער צייט און אין פריהלינג. זי מיידעט ניט אויס קיין קלי-מאַט. היץ אָדער קעלט שרעקען זי ניט אָפּ. זי בעזוכט הייסע, קאַלטע און מעסיגע (מילדע) קלימאַטען און אין יעדע געגענד פערברייינגט זי פון איין ביז אַכט וואָכען צייט.

די גריפּ אַליין איז ניט זעהר לעבענס־געפעהרליך. בלויז איינער פון צוויי הונדערט אינפלוענזאַ־קראַנקע שטאַרבט, ווען ער האָט בלויז די גריפּ אָהן אַ צומישונג פון אירגענד וועלכע אַנדערע קראַנקהייט. די צרה איז אָבער, וואָס אין די מעהרסטע פעלע ברייינגט די גריפּ מיט זיך אַ גאַנצען קאַראַוואַן נאָכפאָלגער, ווי בראָנקייטים, לונגען־ענטצינדונג, האַרץ־קראַנק-הייט, אויערען־ענטצינדונג און אַנדערע ערנסטע קראַנקהייטען, און דיזע זיינען שוין יע לעבענס־געפעהרליך.

ווי אזוי די גריפּ ענטוויקעלט זיך.

ווען איינער שטעקט זיך אָן מיט די באַצילען פון דיזער קראַנקהייט דויערט עס געוועהליך פון איין ביז פיער טעג צייט ביז ער דערפיהלט זיין קראַנקהייט און ביז די סמנים פון דער קראַנקהייט בעווייזען זיך. דאָס איז דערפאַר, וואָס די ערשטע בריגאַדע באַצילען, וואָס אַטאַקירען דעם פּערזאָן, זיינען צו שוואַך אין צאָהל צו קענען שאַפען גענוג גיפט, וואָס זאָל פער-אורזאַכען די אַלע שמערצען, וואָס די קראַנקהייט פערשאַפט, ווען זי איז פאָלשטענדיג ענטוויקעלט.

אין די איניגע טעג צייט, וואָס עס דויערט, איידער די ערשטע סמנים פון דער קראַנקהייט בעווייזען זיך, פערמעהרען זיך די באַצילען און פּראָ-דוצירען גענוג גיפט צו פערפּלייצען דעם גאַנצען קערפּער און דאַן ערשט דערפיהלט דער אָנגעגריפענער פּערזאָן, דאָס ער איז קראַנק.

דער אָנגריף קומט געוועהנליך פּלוצלינג. דער קראַנקער דערפיהלט אַ שטאַרקען קאָפּ־וועהטאָג, שמערצען אין אַלע איברים, עס פיבערט איהם. אָפטמאָל פיהלט דער קראַנקער אַן איבעלקייט צו ברעכען און ער ברעכט זאַקע גאַנץ אָפט. אָבוואָל ער טוט ניט קיין ארבייט פיהלט ער זיך זעהר

אָפּגעשוואכט און שטאַרק אויסגעמאַטערט. אין מאַנכע פעלע זיינען פיבע
און אויסערגעוועהנליכע אויסגעמאַטערטקייט, וואָס דער קראַנקער פיהלט
די איינציגע סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט.

אויב קיין אַנדער קראַנקהייט וואַרפט זיך ניט צו דויערט די קראַנק
הייט פון צוויי ביז דריי טעג צייט. דער קערפּער ארבייט דאַן אויס געגנ
געגנען־גיפט צו דעם גיפט פון די גריפּ־באַצילען און די סימפּטאָמען פון דע
קראַנקהייט פערשווינדען.

פערשיידענע פאָרמען פון אינפלוּענזא.

ניט אין אַלע פעלע פון גריפּ זיינען די סמנים פון דער קראַנקהייט ד
זעלבע. ניט אַלע איהרע קרבנות גרייפט „מאַדאם לא גריפּ" אָן אויף
זעלבען אופן. ביי מאַנכע גרייפט די קראַנקהייט אָן הויפּטזעכליך דע
אַטהעמונגס־מעכאַניזם: די נאָז און האַלז, ביי מאַנכע דעם מאָגען און ד
קישקעס, ביי מאַנכע גרייפט די גריפּ אָן דעם נערווען־סיסטעם, און אי
מאַנכע פעלע איז דער אָנגריף פון דיזער קראַנקהייט עהנליך צו אַן אַטאַק
פון „רהומאַטיזם".

אין יעדען פון דיזע קלאַסען קראַנקע זיינען די סמנים פערשיידע
יעדע פאָרמע פון די גריפּ אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל פון די אַנדער
און ווען עס הערשט ניט קיין גריפּ־עפּידעמיע נעהמט מען געוועהנליך
די פערשיידענע פאָרמען פון אינפלוענזאַ פיר בעזונדערע קראַנקהייטען.

אין דער ערשטער פאָרמע פאַנגט די קראַנקהייט זיך אָן ווי אַ שטאַ
קע „פערקעלטונג". דער קראַנקער ניסט פיעל, דער נאָז איז איהם פעו
שטאָפּט, דער קאָפּ איז איהם שווער, ווי אָנגעפילט מיט בליי, אין האַלז טו
וועה, די אויגען זיינען „אָנגעגאָסען" און רויט.

אויב קיין אַנדער קראַנקהייט פאַלט ניט צו ווייזען זיך ניט קי
אַנדערע סמנים און נאָך איינ׳גע טעג צייט ערהאָלט זיך דער פערזאָן פ
זיין קראַנקהייט.

זעהר אָפט ענטוויקעלט זיך אָבער אין דיזען קאַטאַר צושטאַנד אוי
לונגען ענטצינדונג און די מעהרסטע, וואָס שטאַרבען פון דיזער פאָרמע פ
די גריפּ, שטאַרבען פון „בראָנקייטיס" אָדער לונגען־ענטצינדונג.

אין דער צווייטער פאָרמע פון דער גריפּ דערפיהלט דער קראַנקע
פּלוצלינג שרעקליכע קרעמפּפען אין בויך און אַ שטאַרקע איבעלקייט. א
אַ קורצע צייט אַרום פאַנגט ער אָן צו ברעכען. דער בויך ווערט אויפגע

בלאָזען און ווערט אזוי עמפּפינדליך, דאָס די לייכסטע בעריהרונג פער-אורזאכט שמערצען. אין מאנכע פעלע זיינען די בויך־שמערצען עהנליך צו די, וואָס מען פיהלט, ווען מען ליידעט פון אפּענדיסיטיס און אָפט קען מען א טעות האָבען און אויף איינעם, וואָס ליידעט אויף דיזער פאָרמע גריפּ, קען דענקען, דאָס ער ליידעט פון אן ענטצינדונג אין זיין אפּענדיקס.

די דריטע פאָרמע פון די גריפּ אטאקירט דעם נערוועך־סיסטעם פון איהר קרבן. דער קראנקער דערפיהלט פּלוצלינג שטארקע קאָפּ־שמערצען און וועהטאָגען איבער'ן גאנצען קערפּער. די וועהטאָגען שיינען צו זיין אין די סאמע ביינער און דער קראנקער פיהלט זיך ערשעפּפּט און אָפּגע-שוואכט. ביי מאנכע קראנקע ווערען די אויגען אָנגעגריפען און זיי קענען ניט פערליידען די שיין, אנדערע קראנקע זיינען אזוי נערוועז, דאָס זיי קע-נען קיין הויכען קול ניט פערליידען. ביי מאנכע ווערען די מוסקולען פון האלז אזוי שטייף צוזאמענגעצויגען, דאָס זיי קענען דעם קאָפּ ניט בעווע-גען, אנדערע ליידען פון קאָנוואולסיעס און זאָגאר פון א לייכטע פאָרמע פון וואהנזין.

געוועהנליך געדויערט דיזער צושטאנד בלויז איניגע טעג צייט און נאכהער פאנגט דער קראנקער אָן זיך צו ערהאָלען. אָבער אין דער צייט פון דער ערהאָלונג קען ער זעהר לייכט קריגען א נייע און ערנסטע קראנקהייט.

נאכוועהענישען פון די גריפּ.

די גריפּ, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז א זעהר ערנסטע קראנק-הייט. גענוג ערנסט מיט דער שטארקער אונאנגענעהמליכקייט, וואָס דער קראנקער פיהלט בעת ער איז קראנק, אָבער נאָך ערנסטער איז זי מיט די נאכוועהענישען, וואָס זי בריינגט מיט זיך אין א גרויסע צאָהל פעלע.

געזונדע מענשען, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס זיינען אלע מאָל קער-פערליך שטארק און פאסען אויף אויף זייער געזונד, קומען געוועהנליך אָפּ מיט א לייכטען קאטאר, און אויב זיי געהען גלייך צו בעט און רוהען זיך אויס איניגע טעג, ווערען זיי אין די מעהרסטע פעלע צוריק געזונד אין איניגע טעג ארום.

אין פיעלע פעלע אָבער, ספּעציעל ווען דער, וואָס ליידעט פון די גריפּ, פאָלגט ניט דעם ראט פון דאָקטאָר און רוהט זיך ניט אויס, בריינגט די גריפּ מיט זיך גאנץ ערנסטע נאָכוועהענישען.

די לייכטסטע נאָכוועהעניש פון דיזער קראַנקהייט איז צו האָבען די גריפּ יעדען יאָהר, און פאַר די איינציגע טעג אונאַנגענעהמליכקייט צו פערבלייבען אין בעט, וואָס דער קראַנקער וויל זיך איינשפּאָרען אין דעם ערשטען פאַל, האָט ער צו ליידען פון דער זעלבער קראַנקהייט יעדען יאָהר.

די הויפּט-געפאַהר פון די גריפּ בעשטעהט אין דעם, וואָס דיזע קראַנקהייט שוואַכט אָפּ די ווידערשטאַנדס-קראַפט פון אונזער קערפּער און זעצט אונז אויס דער געפאַהר פון קריגען פערשיידענע קראַנקהייטען, וואָס „וואַרפען זיך אונטער". אַן ענטצינדונג פון מיטעלען טייל פון אויער, וואָס איז אַן ערנסטע קראַנקהייט, אַן ענטצינדונג אין די אויגען און אַן ענטצינדונג פון מאַנכע נערווען (ניוריטיס) קומען מאַנכעס מאָל אַלעס פאָלגע פון אינפלוענזאַ.

פיעלע מענשען טראָגען זיך ארום מיט „ניומאָניא" (לונגען ענטצינדונג) באַצילען אין זייערע העלזער. אזוי לאַנג ווי זיי זיינען געזונד האָבען דיזע באַצילען איבער זיי קיין שליטה ניט. די גריפּ שוואַכט אָבער אָפּ די ווידערשטאַנד-קראַפט פון קערפּער. זי עפענט פריי די טויערען פאַר דיזע באַצילען און דער רעזולטאַט איז, דאָס דער קראַנקער איז אין גרויס געפאַהר צו קריגען לונגען ענטצינדונג. ניומאָניא אין אזא פאַל איז א זעהר ערנסטע קראַנקהייט.

עס איז פאַראַן נאָך א נאָכוועהעניש פון אינפלוענזאַ, א פיעל געפעהרליכערע ווי די אַנדערע דערפאַר, וואָס זי גנב'עט זיך אריין צו איהר קרבן און טוט איהר ארבייט שטילערהייד אזוי, דאָס דער קראַנקער ווייס גאָרניט דערפון, און ווען ער דערוויסט זיך איז שוין געוועהנליך צו שפּעט, ער בלייבט א קראַנקער אויף זיין גאַנצען לעבען. דיזע נאָכוועהעניש איז — האַרץ-קראַנקהייט.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

די אויסזיכטען פון קראַנקען געזונד צו ווערען זיינען גאַנץ גוטע, ספּעציעל אין די פעלע, וואו עס „וואַרפט זיך ניט צו" קיין אַנדער קראַנקהייט. פאַר עלטערע און שוואַכע מענשען איז אינפלוענזאַ א זעהר ערנסטע קראַנקהייט, ווייל לונגען ענטצינדונג איז אַן אָפטע נאָכוועהעניש ביי אזעלכע קראַנקע און דיזע צווייטע קראַנקהייט פעראורזאַכט דעם טויט אין פיעלע פעלע פון אינפלוענזאַ.

וואס צו טאן אין פאל פון אינפלוענזא.

ווען איינער קריגט די גריפ דארף ער זיך בעטראכטען פאר אן ערנ-
טען קראנקען. ער דארף זיך גלייך לעגען צו בעט און שיקען רופען א
אקטאר. איידער דער דאקטאר קומט קען דער קראנקער שוין אנפאנגען
י בעהאנדלונג דערמיט, וואס ער וועט נעהמען אן אבפיהר=מיטעל (צוויי
ס=לעפעל קאסטאר איל פאר אן ערוואקסענעם מענשען). ער דארף אויך
נהמען א הייסע „מאסטארד" (זענעפט) פוס=באד.

דיזע פוס=באד ווערט געמאכט ווי פאלגט: אין א הייסע שיסעל
אסער טוט מען אריין א טעע=לעפעלע געלען מאסטערד (זענעפט). דער
ראנקער מאכט זיך דאן גרייט צו געהן צו בעט און זיצענדיג אויף'ן בעט
אלט ער די פיס אין הייסע וואסער פאר צעהן אדער פופצעהן מינוטען
ז די פיס ווערען רויט. די פיס דארפען דאן גוט אפגעטריקענט ווערען
ן דער קראנקער דארף זיך לעגען צו בעט און זיך גוט איינדעקען. עס
ז אויך ראטזאם אין אזא פאל אויסצוטרינקען א הייסע גלאז וואסער, אין
עלכע מען טוט אריין עטוואס לעמאן=זאפט און עטוואס צוקער צו מאכען
ס מעהר בע'טעם'ט. עס איז גלייכער צו נעהמען די פוס=באד נאך דעם,
די קאסטאר איל ווירקט אום מען זאל ניט דארפען אויפשטעהן פון בעט,
ען דאס אבפיהר=מיטעל פאנגט אן צו ווירקען.

דיזע „פארלויפיגע בעהאנדלונג" איז אין מאנכע לייכטע פעלע אלעס,
אס דארף געטאן ווערען פאר'ן קראנקען, און אויב ער פערבלייבט אייניגע
עג אין בעט און רוהט זיך אויס ווערט ער אין גאנצען פריי פון דער אנ-
יקעניש. אין ערנסטערע פעלע איז דאס אבפיהר=מיטעל און די הייסע
ס=באד א גוטער אנפאנג און עס העלפט פיעל דעם דאקטאר אין דער
יטערער בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

אין פערלויף פון דער קראנקהייט דארף דער קראנקער זיין אפגעזונ-
רט פון אלעמען. אינפלוענזא איז אן אנשטעקענדע קראנקהייט און דער
אס ליידעט פון איהר, ווען ער ניסט, הוסט אדער שפייט, פערשפרייט ארום
די אינפלוענזא מיקראבען, וואס שטעקען אן אנדערע מענשען מיט דער
לבער קראנקהייט. דאס גלייכסטע וואלט געווען, ווען מען זאל קענען
זונדערען יעדען, וואס ליידעט פון דיזער קראנקהייט פונקט ווי מען האלט
געזונדערט יעדען, וואס ליידעט פון סקארלעט פיבער (שארלאך) אדער
נליכע אנשטעקענדע קראנקהייטען.

עס איז אויך זעהר נויטיג, דאָס די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהיי
זאָל דער חולה שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר. ווי לייכ
עס זאָל ניט זיין די פאָרמע, אין וועלכע די קראַנקהייט עקזיסטירט איז גלי
כער, דאָס דער דאָקטאָר זאָל אכטונג געבען אויף'ן קראַנקען און זאָל, אוי
מעגליך, פערהיטען דאָס עס זאָלען זיך ניט אונטערוואַרפען קיין אנדער
פיעל ערנסטערע קראַנקהייטען.

אויב די גריפּ איז אין איהר מעהר ערנסטע פאָרמע און דער קראַנ
קער ליידעט פיעל, איז איבעריג איהם צו זאָגען, דאָס ער נויטיגט זיך אי
א דאָקטאָר'ס בעהאַנדלונג. עס איז אָבער יע נויטיג איהם צו וואָרנען
דאָס ער זאָל זיך ניט בעטראַכטען פאַר פאָלשטענדיג קורירט אזוי שנעל וו
זיינע שמערצען פערשווינדען. רוה, פאָלשטענדיגע רוה פאַר א צייט, אויך
נאָך דעם, ווי די הויפּט־סמנים פון דער קראַנקהייט פערשווינדען, איז נוי
טיג אום צו פערהיטען דעם קראַנקען, פון ערנסטע קאָמפּליקאַציעס.

די גריפּ איז פערוויגט אלס א לייכטע קראַנקהייט. אין דער אמת'
אָבער, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, איז זי א זעהר ערנסטע קראַנקהיי
מיט זעהר ערנסטע פאָלגען, קיין דירעקטע וואָפען געגען די מיקראָבען, וואָס
פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט האָבען מיר ניט. ווען דיזע מיקראָבען גריי
פען אָן א מענשען פאַנגט אָן דער אָנגעגריפענער קערפּער זעלבסט א קאַמף
מיט זיינע שונאים מיקראָבען. אויב דער קערפער בעזיצט א שטאַרקע ווי
דערשטאַנדס־קראַפט בעקעמפט ער די מיקראָבען און ווערט געזונד, אויב
ניט, קריגען די אינפלוענזא־באַצילען א פרייע האַנד און זיי שאַלטעווען ווי
פיעל זעהר האַרץ געלוסט.

אלעם וואָס מיר קענען טאָן איז צו העלפען דעם קערפּער אין דיזען
קאַמף. מיר קענען עטוואָס אָפּשוואַכען די ווירקונג פון די מיקראָבען. מיר
קענען עטוואָס פערגרעסערען די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון קערפּער, או
מיר קענען געוויסערמאַסען פערקלענערען די מאָס ארבייט, וואָס דער קער
פער דאַרף טאָן אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, אום ער זאָל קענען פער
ברויכען מעהר ענערגיע אויף'ן קאַמף מיט די אינפלוענזא־באַצילען. דיזע
הילף, וואָס מיר גיבען דעם קערפּער אין זיין קאַמף מיט די באַצילען דריקט
זיך אויס אין רוה (אום צו פערקלענערען די מאָס ארבייט, וואָס דער קערפּער
דאַרף טאָן), די רעגולירונג פון די שפּייז, וואָס דער קערפּער דאַרף קריגען
האַלטען דעם קערפּער אזוי ריין (אינערליך), ווי נאָר מעגליך און אין געבע
דעם קראַנקען געוויסע מעדיצינען, וואָס זאָלען שטילען זיינע שמערצע

און אָפּשוואכען די ווירקונג פון׳ם גיפט, וואָס די מיקראָבען פערשפרייטען אין קערפּער.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז דיזע הילפס־ארבייט פאר׳ן קערפּער איז זיין נויטפאל קען אם בעסטען דורכגעפיהרט ווערען פון א דאָקטאָר און די קאָסטען פון דאָקטאָר׳ס בעהאנדלונג דארף בעטראכט ווערען פאר אז „אינשורענס פרעמיום״ צו פערזיכערען זיך געגען ערנסטע פאָלגען פון דער קראנקהייט. און דאָך קענען פיעלע מענשען דאָס ניט איינזעהן, און ווען זיי ווערען קראנק פּרובירען זיי פריהער אלערליי באבסקע רפואות, און ווען דער שאָדען איז שוין אזוי גרויס, דאָס עס איז שוין אונמעגליך עטוואָס צו טאָן, רופען זיי א דאָקטאָר. איין וויזיט פון דאָקטאָר ביים אָנפאנג פון דער קראנקהייט, ווען עס איז נאָך דאָ א האָפנונג צו קענען פערהינדערען, דאָס די קראנקהייט זאָל זיך ניט ענטוויקלען, איז פיעל מעהר ווערט, ווי פיעלע וויזיטען פון דאָקטאָר, ווען די קראנקהייט איז שוין אין פולען גאנג.

בראנקייטיס.

וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז — ווער עס ליידעט פון איהר אַם מעהרסטען — די פערשיידענע סאָרטען פון בראָנקייטיס — די סימנים פון דער קראַנקהייט — וואָס צו טאָן אין פאַל פון בראָנקייטיס.

צווישען די קראַנקהייט, וואָס זיינען ווייט פערשפּרייט, ספּעציעל אַנ-פאַנג פריהלינג און ענדע הערבסט, פערנעהמט „בראָנקייטיס" אָדער „בראָנ-קיטיס" (ביידע נעמען זיינען ריכטיג) אַ גאַנץ בכבוד'ן פּלאַץ. פון בראָנ-קיטיס ליידען זעהר פיעל מענשען. קינד און קייט, יונג און אַלט, מענער און פרויען, אַלע, אַלע שטעלען צו זייער צאָהל קרבנות אויף'ן מזבח פון בראָנ-קיטיס, און די קראַנקהייט איז דארום געוואָרען אַ הויז-וואָרט אין יעדער פאַמיליע.

בראָנקיטיס פערנעהמט אַ פּלאַץ אויף'ן מיטען וועג צווישען אַן איינ-פאַכע פערקעלטונג און לונגען ענטצינדונג. בראָנקיטיס אַלס קראַנקהייט איז ערנסטער ווי אַ לייכטע פערקעלטונג און וועניגער ערנסט, ווי לונגען ענט-צינדונג. דערפאַר אָבער האָט זי אַ שטאַרקע נייגונג צו ווערען אַ כראָנישע קראַנקהייט און דאַן איז זעהר שווער זיך פון איהר אָפּצוטשעפּען.

עס איז דארום כדאי זיך צו בעקענען מיט דיזער קראַנקהייט. עס איז ווערט אויסצוגעפינען, וואָס זי איז, ווי אַזוי זי ווערט פעראורזאַכט, ווי ערנסט זי איז, ווי אַזוי זיך פון איהר אויסצוהיטען, אויב מעגליך, און וואָס צו טאָן, ווען עס איז ניט געלונגען זיך פון איהר אויסצוהיטען.

וואס בראנקייטיס איז.

דאָס וואָרט בראָנקייטיס מיינט אַן ענטצינדונג פון די בראָנקיי לופט-רעהרען אָדער בעסער געזאָגט, אַן ענטצינדונג אין דער אינערליכער שליים-הויט, וואָס דינט אַלס אַ „ליינינג" (אונטערשלאַג) פאַר דיזע לופט-רעהרען

אום בעסער צו פערשטעהן, וואָס דאָס מיינט, דארפען מיר פריהער וויסען וואָס די בראָנקיי זיינען און וואָס פאר א ראָלע זיי שפּילען אין אונזער קערפּער.

די סיסטעם פון לופט־רעהרען, דורך וועלכע די לופט, וואָס מיר אָטע־מען איין, גרייכט אונזערע לונגען, בעשטעהט פון איין גרויסען לופט־רעהר, וואָס ציהט זיך דורך אונזער האַלז ביז דעם אָנפאַנג פון אונזער ברוסט־קאַס־טען. דיזע גרויסע רעהר רופט מען „טרעקיאָ" אָדער גרויסע לופט־רעהר. געגענאיבער די אויבערשטע טייל פון אונזער ברוסט־ביין צוטיילט זיך דיזע איינציגע רעהר אויף צוויי צווייגען, פאר יעדען לונג איינע. אזוי שנעל ווי דיזע צוויי עטוואָס קלענערע לופט־רעהרען גרייכען די לונגען, צוטיילען זיי זיך אויף קלענערע און קלענערע צווייגען ביז זיי דערגרייכען אלע ווינקעלאך פון די לונגען.

דיזער פערצווייגטער סיסטעם פון די לופט־רעהרען קען פערגליכען ווערען צו א בוים, פון וועמעס שטאָם עס וואקסען ארוים צוויי הויפּט־צוויי־גען און פון דיזע וואקסען ארוים נייע און קלענערע צווייגען בעדעקט מיט בלעטער. די „טרעקיאָ", אָדער גרויסע לופט־רעהר, קען פערגליכען ווערען צום שטאָם פון דיזען בוים, וועהרענד די גרעסערע און קלענערע צווייגען קענען פערגליכען ווערען צו די קלענערע לופט־רעהרען, וואָס טיילען זיך אָפּ פון דער הויפּט לופט־רעהר און דיזע צווייג־רעהרען ווערען אָנגערופען „בראָנקיי".

אלע לופט־רעהרען זיינען אינעווענינג בעדעקט מיט א שליים־הויט, ועמעס אויפגאַבע עס איז אָנצואווארעמען די לופט, וואָס געהט צו די לונ־ען און, אויב מעגליך, אויך פערהאַלטען שטויב און אנדערע אונגעווינשטע עגענשטענדע אין דער לופט, ווען זיי איז געלונגען דורכצוגעהן די נאָז און ־אַרטען ניט פערהאַלטען ווערען.

דיזע הויט אונטער נאָרמאַלע צושטענדע פּראָדוצירט אויף א זעהר קליינע מאָס שליימיגע פליסיגקייט, וואָס איז גענוג צו האַלטען דיזע הויט ־ייכט. אין פאַל אָבער ווען דיזע הויט ווערט ענטצונדען פּראָדוצירט זי ־זוי פיעל פון דיזער שליימיגער פליסיגקייט, דאָס די לופט־רעהרען ווערען ־ערטרונקען און דער וועג פאר דער לופט צו די לונגען ווערט פערשטעלט. ־ער קראַנקער קען דאַן פּשוט ניט אָטעמען.

אַן ענטצינדונג פון דיזער אינערליכער הויט פון לופט־רעהרען ווערט
אָנגערופען בראָנקיטיס.

פערשיידענע פארמען פון בראנקייטיס.

עס זיינען דאָ פערשיידענע פאָרמען פון בראָנקיטיס, אָבער אַלע פאָר
מען פון דער קראַנקהייט ווערען קודם כל צוטיילט אין צוויי הויפּט־קלאַסען
אין ערשטען קלאַס ווערט אריינגערעכענט די „אקיוטע", די שטארקע, אָדער
שארפע אָנגריפע פון דער קראַנקהייט, וואָס דויערען בלויז אַ קורצע צייט
און אין צווייטען קלאַס ווערען אריינגערעכענט די כראָנישע פאָרמען פון די
זער קראַנקהייט. מיר וועלען זיך צוערשט בעקענען מיט דער „אקיוטער"
שאַרפער און קורץ דויערנדער פאָרמע פון בראָנקיטיס.

דיזע פאָרמע פון בראָנקיטיס קומט אָפטמאָל אַלס פאָלגע פון אַ פער
קעלטונג. די פערקעלטונג, וואָס ווערט געוועהנליך בעצייכענט מיט'ן נאָ
מען „קאָלד", איז אַן ענטצינדונג אין דער אינערליכער הויט פון דער נאָז
אויב דיזע ענטצינדונג פערשפּרייט זיך און גרייפט אָן אויך די אינערליכ
הויט פון די לופט־רעהרען ליידעט דיזער פערזאָן אויך פון בראָנקיטיס.

בראָנקיטיס קומט אויך אָפטמאָל אַלס פאָלגע פון מאָזלען, ביים אַנ
פאַנג פון טייפויד פיבער און מאַלעריא (קדחת). מענשען, וואָס ליידען פו
אַסטמאַ אָדער קייך־הוסט, ליידען אויך אָפטמאָל פון בראָנקיטיס. מענשען
ביי וועמען דער רוקען־ביין איז איינגעבויגען, זיינען זעהר עמפּפינדליך צ
בראָנקיטיס.

ווי שוין פריהער בעמערקט ווערט די צאָהל ליידענדע פון בראָנקיטיס
שטאַרק פערמעהרט אָנפאַנג פריהלינג און ענדע הערבסט. דאָס איז דער
פאַר, וואָס אין דיזע צייטען ענדערען זיך די וועטערן און מעהר מענשע
פערקיהלען זיך. דאָס פערקיהלען זיך אַליין ברייננגט אָבער ניט די קראַנק
הייט, ווייל בראָנקיטיס ווערט פעראורזאַכט פון געוויסע מיקראָבען און ד
פערקיהלונג שאַפט בלויז דעם גינסטיגען באָדען פאַר דיזע מיקראָבען.

די קראַנקהייט גרייפט אָן מענשען פון יעדען עלטער, אָבער יונגע
קינדער און אַלטע לייט ליידען פון איהר אַם מעהרסטען. מאַנכע מענשע
זיינען, ווי עס שיינט, זעהר עמפּפינדליך צו בראָנקייטיס, ווייל ביי דער קלענ
סטער פערקיהלונג, וואָס געהט ביי אַנדערע מענשען לייכט פאָראיבער, קרי
גען זיי באַלד בראָנקייטיס.

דער גלויבען, דאָס פרישע לופט פעראורזאַכט דיזע קראַנקהייט, איז פאַלש. דער בעסטער בעווייז דאַפיר איז דער פאַקט, דאָס מענשען, וועלכע זיינען שטענדיג אויף דער פרישער לופט, ליידען זעלטען ווען פון א פער-קעלטונג און נאָך זעלטענער פון בראָנקייטיס.

די סימנים פון בראַנקייטיס.

ווען בראָנקייטיס קומט פון א פערקיהלונג פאַנגט די קראַנקהייט זיך אָן ווי א געוועהנליכער „קאָלד", נאָר אנשטאָט די קראַנקהייט זאָל ווערען לייכטער ענטוויקעלט זיך ביים קראַנקען א הייזעריגקייט. אין מאַנכע פע-לע איז די הייזעריגקייט גאַנץ לייכט, אין אַנדערע פעלע קען דער קראַנקער קוים א וואָרט אויסרעדען. א געפיהל פון א דריקעניש און א שווערקייט בעפאַלט איהם און ער פיהלט שטאַרקע שמערצען אין דער פלייצע אין די ביינער און איבער'ן גאַנצען קערפּער. אין דער זעלבער צייט פיהלט דער קראַנקער ווי עטוואָס וואָלט איהם געדריקט אונטער'ן האַרצען אָדער בעסער געזאָגט אין ברוסט-קאַסטען, אונטער'ן ברוסט-ביין.

אויב די קראַנקהייט איז אין א לייכטע פאָרמע האָט דער קראַנקער זעהר וועניג פיבער, אָבער אין אַן ערנסטען פאַל פון דער קראַנקהייט ליי-דעט דער קראַנקער אויף פון א הויכען גראַד פיבער.

דער הוסט איז אין אָנפאַנג טרוקען און האָט א כאַראַקטעריסטישען קלאַנג. נאָכהער פאַנגט אָן דער קראַנקער ארויפצוברייננגען עטוואָס שליים מיט יעדעס מאָל הוסטען. דער הוסט קומט אָן אין „פּאַראָקסיזמס", דאָס הייסט א קורצע צייט איז דער קראַנקער פריי פון הוסט און דאַן בעפאַלט איהם דער הוסט פאַר אַ קורצע צייט און עס איז אונמעגליך פטור צו ווערען פון איהם.

אין איינינע טעג אַרום פאַנגט אָן דער קראַנקער ארויפצוברייננגען פיעל שליים יעדעס מאָל ווען ער הוסט און ער פיהלט דאַן א גרויסע ערלייכ-טערונג. די שליים בעשטעהט מעהרסטענס פון די ווייסע בלוט-צעלען, וואָס מען טרעפט אין מאַטעריא.

עס זיינען אויך דאָ געוויסע סימנים, וועלכע דער קראַנקער זעלבסט קען ניט בעמערקען. דיזע סימנים קען דער דאָקטאָר אויסגעפינען, ווען ער אונטערזוכט דעם קראַנקען און הערט זיך צו צום קראַנקען'ס ברוסט-קאַסטען.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

דער גאנג פון דער קראנקהייט און די אויסזיכטען פון קראנקען ווענדען זיך אָן די אומשטאנדען, אונטער וועלכע די קראנקהייט האָט זיך אָנגעפאנגען.

ביי געזונדע ערוואקסענע מענשען פאלט די היץ אין פערלויף פון א וואָך צייט און דער־הוסט ווערט פיעל לייכטער אָדער פערשווינדעט אין גאנצען און אין פערלויף פון צוויי וואָכען צייט איז די קראנקהייט פאָראיבער.

ביי יונגע קינדער איז די קראנקהייט פיעל ערנסטער. די הויפט־געפאהר אין אזא פאל בעשטעהט אין דעם, וואָס די ענטציגדונג פערשפרייט זיך אויך צו די גאָר קליינע לופט־רעהרען, וועלכע ווערען פערשטאָפּט מיט שליים און דאָס קען פיהרען צו דער ענטוויקלונג פון „בראנקאָ־ניומאָניא" (לונגען־ענטצינדונג). די זעלבע געפאהר איז אויך אין'ם פאל פון אלטע און שוואכע מענשען, וועלכע קענען ניט ארויסהוסטען דעם שליים, וואָס זאמעלט זיך אָן אין די לופט־רעהרען, און דאָס פיהרט געוועהנליך צו לונגען־ענטצינדונג.

וואס צו טאן אין פאל פון בראנקייטיס.

די כללים ווי זיך אויסצוהיטען פון קריגען בראָנקייטיס זיינען די זעלבע ווי אין'ם פאל פון אן איינפאכע פערקעלטונג און עס איז דארום איבעריג זיי דאָ צו ווידערהאָלען. די בעהאנדלונג פון א פאל פון איינפאכע בראָנקייטיס ביי א יונגען געזונטען ערוואקסענעם מענשען איז אויך די זעלבע ווי אין פאל פון א פערקעלטונג. א הייסע זענעפט (מאָסטערד) פוס־באָד, אָדער א ווארעמע וואנע, אויסטרינקען א הייסע גלאָז לעמאָנאדע און גוט דורכשוויצען זיך ביינאכט וועט בריינגען ערלייכטערונג אין אזא פאל. אָפטמאָל איז א מאָסטרד פלאסטער צוגעלייגט צום ברוסט־קאסטען זעהר גוט.

מאנכע מענשען זיינען געוועהנט צו געהן אין א טערקישע באָד יעדעם מאָל ווען זיי דערפיהלען, דאָס זיי האָבען זיך פערקיהלט. א טערקישע באָד איז טאקע גוט אויף צו „ברעכען" א פערקעלטונג, אָבער דאָס געהן אהיים פון דער טערקישער באָד פיהרט אָפטמאָל צו א שטארקערער פערקעלטונג און צו זעהר ערנסטע פעלע פון בראָנקייטיס. צו געהן אין

ּ טערקישע באָד ווען מען איז פערקעלטערט איז דארום זעהר ריזיקאַליש
ּיידען מען קען געהן פון דער באָד גלייך אין בעט אריין.

יונגע קינדער און עלטערע מענשען, ווען זיי קריגען בראָנקייטיס,
ּארפען פערבלייבען אין הויז ווי ערנסטע קראַנקע און אין יעדען פאַל,
ּואו די טעמפעראַטור שטייגט, דארפען זיי בלייבען צו בעט.

דורך געוויסע מעדיצינישע בעהאַנדלונג איז מעגליך צו פערלייכ-
ּטערען דעם הוסט און מאכען דעם קראנקען׳ס צושטאנד וועניגער אונאַנ-
ּגענעהם. עס איז אויך מעגליך, אין פיעלע פעלע, צו פערהיטען, דאָס די
ּקראַנקהייט זאָל זיך ניט פערשפרייטען און אויך אָנגרייפען די לונגען. צו
ּדיזען צוועק מוז דער קראַנקער שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

בראָנקייטיס ענטוויקעלט זיך אויך אַלס א פאָלגע, אין פיעלע פעלע,
ּפון מאָזלען, טייפויד פיבער, קייך=הוסט און אינפלוענזא. די בעהאַנדלונג
ּפון דער קראנקהייט אין אַזעלכע פעלע איז די זעלבע, ווי אין א געוועהנליכען
ּפאַל פון בראָנקיטיס.

כראָנישע בראָנקייטיס.

כראָנישע בראָנקייטיס קען קומען אַלס פאָלגע פון אָפטע שאַרפּע
ּ(אַקיוטע) אטאַקעס פון בראָנקייטיס, עס קען זיך אויך לאַנגזאַם ענטוויק-
ּלען אין פעלע פון כראָנישע האַרץ=קראַנקהייטען, כראָנישע לונגען= אָדער
ּנירען=קראַנקהייטען, אָדער אין פאָדאַגרא. די כראָנישע פאָרמע פון בראָנ-
ּקייטיס קען זיך אויך ענטוויקלען דורך איינאָטעמען א לאַנגע צייט שטויב
ּאָדער גאַזען. מען טרעפט דארום אָפט דיזע קראַנקהייט ביי שטיין=אַר-
ּבייטער, וועבער, שלייפער, בעקער, מילנער און מיינערס.

א זעהר גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון כראָנישע בראָנ-
ּקייטיס שפּילט אַלקאָהאָל, און די, וואָס זיינען נאָהענטע בעקאַנטע מיט׳ן
ּביטערען טראָפּען, שליסען פריהער אָדער שפּעטער אויך די בעקאַנטשאַפט
ּמיט כראָנישע בראָנקייטיס.

דיזע קראַנקהייט טרעפט מען מעהרסטענס ביי אַלטע לייט. זעהר
ּעלטען טרעפט מען זי ביי יונגע מענשען. דער כראָנישער ווינטער=הוסט,
ּוואָס קומט אַזוי רעגעלמעסיג יעדען ווינטער צו מאַנכע עלטערע מענשען,
ּאיז איינער פון די סמנים, דאָס דיזע מענשען ליידען פון כראָנישע בראָנ-
ּקייטיס.

די סימנים פון דער קראַנקהייט.

כראָנישע בראָנקייטיס ביי אַלטע לייט קומט געוועהנליך צוזאַמען מיט האַרץ־קראַנקהייט, פּאָדאַגראַ אָדער עמפיזעמאַ (אַ צושטאַנד, אין וועלכען די לופט־זעקעלאַך פון די לונגען זיינען צוצויגען און אָנגעפּיהלט מיט לופט, אַזוי, דאָס זעהר ווייניג לופט קען אַרויסגעאָטעמט ווערען, און דער קראַנקער ליידעט דאַרום פון אַ קורצען אָטעם).

די הויפּט־סמנים פון דער קראַנקהייט זיינען דאַרום ווי פאָלגט:

אַ קורצער אָטעם. מאַכע קראַנקע דערפיהלען, אַז זיי זיינען קורץ אָטעמדיג ערשט ווען זיי שטרענגען זיך אָן. אַזעלכע מענשען אָטעמען שווער און סאָפּען, ווען זיי קומט אויס צו געהן באַרג אַרויף אָדער אויף שטיגען. אַנדערע, ווידער, ליידען פון אַ קורצען אָטעם אַפילו ווען זיי שטרענגען זיך ניט אָן. דיזער קורצער אָטעם ווערט פעראורזאַכט ניט פון די בראָנקייטיס, נאָר פון דער עמפיזעמאַ אָדער האַרץ־קראַנקהייט, פון וועלכער דער זעלבער קראַנקער ליידעט.

הוסטען. דאָס הוסטען איז ניט גלייך ביי אַלע קראַנקע און ענדערט זיך אין די פערשיידענע צייטען פון יאָהר. אין פערלויף פון די זומער מאָנאַטען זיינען די קראַנקע כמעט אין גאַנצען פריי פון'ם הוסט, אָבער יעדער ווינטער קעהרט זיך דער הוסט אום מיט דער זעלבער שטאַרקייט און לאָזט ניט אָפּ זיין קרבן אַ גאַנצען ווינטער. מאַנכע קראַנקע ליידען פון הוסט בלויז אין דער פריה, אַנדערע, ווידער, ליידען אַם מעהרסטען ביינאַכט. מאַנכע ליידען פון אַ טרוקענעם הוסט, די מעהרסטע קראַנקע אָבער ברייננגען אַרויף שליים ביים הוסטען.

דער אַלגעמיינער געזונהייטס־צושטאַנד פון די, וואָס ליידען פון כראָנישע בראָנקייטיס, איז אין פיעלע פעלע אַ גוטער. זעלטען ווען האָבען די קראַנקע פיבער. און זומער־צייט, ווען דער הוסט לאָזט זיי נאָך, שיינען זיי צו זיין גאַנץ געזונדע מענשען.

פערשיידענע פאָרמען פון דער קראַנקהייט.

די כראָנישע בראָנקייטיס, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס בעשריבען, טרעפט מען געוועהנליך ביי עלטערע מענשען, וועלכע ליידען גלייכצייטיג אויך פון כראָנישע האַרץ־ אָדער נירען־קראַנקהייטען, עס גיבען אויך אַנדערע פאָרמען פון דער זעלבער קראַנקהייט, וואָס זיינען ווערט צו דערמאָהנען.

עס איז דאָ א פאָרמע פון כראָנישע בראָנקייטיס, וואָס גרייפט אָן אם מייסטען פרויען אין עלטער פון צוואנציג ביז דרייסיג יאָהר. אין מאנכע פון דיזע פעלע קומט דער הוסט נאָך אן אינפלוענזא. דאָס הוסטען האלט אן א לאנגע צייט, אָבער דער אלגעמיינער געזונדהייטס־צושטאנד פון די הוסטענדע שיינט ווענינ צו ליידען דערפון.

עס איז דאָ א פאָרמע פון טרוקענעם קאטאר, וואָס גרייפט אם מעהר־סטען אָן עלטערע מענשען, וועלכע ליידען אויך פון עמפיזעמא. זעהר אָפט בעפאלט דיזע קראנקע א שטארקער הוסט, וואָס מוטשעט זיי זעהר אויס. דער הוסט איז אָבער א טרוקענער און די קראנקע קענען ניט ארויפ־ברייננען קיין שליים.

עס גיט אויך א פאָרמע פון דער קראנקהייט, אין וועלכע די שליים, וואָס די קראנקע ברייננען ארויף ביים הוסטען, איז פול מיט מאטעריע און עס האָט א זעהר שלעכטען גערוך. אזעלכע קראנקע פערלירען אויך פיעל געוויכט, אָבוואָהל די קראנקע איז א כראָנישע און האלט אָן א לענ־גערע צייט.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

כראָנישע בראָנקייטיס איז אין די מעהרסטע פעלע אונקורירבאר. די קראנקהייט האלט אָן אין פערלויף פון גאנצען לעבען און שיידעט זיך מיט איהר קרבן ערשט ביים לעצטען אטעמונג.

ביי יונגע לייט איז די לאגע א מעהר האָפנונגספאָלע. ביי פיעלע יונגע לייט, וועלכע ליידען פון כראָנישע בראָנקייטיס, פערשווינדען די סימנים אין גאנצען ווען זיי ווערען עלטער, מיטעליעהריגע מענשען ער־האָלען זיך פיעל זעלטענער פון דער קראנקהייט. די מעהרסטע פון זיי קענען אָבער אויסלעבען אלע זייערע יאָהרען אין פערהעלטניסמעסיגער בע־קוועמליכקייט, און קענען פיהרען א ניצליכען לעבען. אין די ערנסטערע פעלע פון דער קראנקהייט ווארפען זיך געוועהנליך אונטער ערנסטע קאָמ־פליקאציעס, ווי אלגעמיינע עמפיזעמא אָדער לונגען און הארץ־קראנקהייט.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, דאָס אין די מעהרסטע פעלע איז כראָנישע בראָנקייטיס אונקורירבאר. עס איז ניטאָ קיין מעדיצין, וואָס

זאָל קענען פּאָלשטענדיג אויסהיילען דיזע קראַנקהייט. מען קען אָבער פיעל פערלייכטערען דעם קראַנקען'ס צושטאַנד.

דאָס ערשטע פון הויפּט־וויכטיגקייט פאַר'ן קראַנקען איז אויסצומייידען א קאַלטען, נאַסען און טומאַנעם קלימאַט. אין אַזא קלימאַט ענטוויקלען זיך די מעהרסטע פעלע פון בראָנקייטיס.

אויב דער קראַנקער איז פערמעגליך און קען עס אויספיהרען, איז גלייכער פאַר איהם צו פאַרברייננגען די ווינטער־מאָנאַטען נעבען ברעג פון ים, אין א מילדען קלימאַט. ער קען דאָס אויספיהרען דורך פאָהרען אויף'ן ווינטער נאָך בערמיודא, דזשאַמעיקא, קיובא, פלאָרידא, אָדער די זידליכע טייל פון קאַליפאָרניא. אין אייראָפּא געפינט מען אַזעלכע פּלעצער ארום די ברעגעס פון מיטעללענדישען ים, אין סיציליען, מאַדעירא, די קאַנארי אינזלען און די „אייל אָוו ווייט" אין ענגלאַנד.

אויב דער קראַנקער איז אָרעם און קען זיך ניט פערגינען אוועקצופאָהרען פון דער היים, דאַרף ער אָנווענדען אַלע מעגליכע מיטלען צו פערבעסערען דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון זיין געזונד. ער דאַרף פערברייננגען אַזוי פיעל, ווי נאָר מעגליך אויף דער פרישער לופט. ער דאַרף טראָגען דינע, אָבער וואַרעמע קליידער (וואָלענע) צו פערהיטען זיך פון א צוקיהלונג. און דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג אין פריהלינג און אין הערבסט ווען די צייטען בייטען זיך. ווינטער צייט דאַרף ער זיך היטען ניט צו אָטעמען דורך'ן מויל נאָר דורך דער נאָז. די קאַלטע לופט, וואָס קומט אריין דורך'ן מויל צו די לופט־רעהרען, פערפּראַוואָקט אָפט אַן אַנפאַל פון הוסטען, ווערענד די לופט, וואָס געהט דורך דער נאָז, ווערט פריהער אָנגעוואַרעמט איידער זי דערגרייכט די לופט־רעהרען.

דער קראַנקער, וועלכער ליידעט פון כראָנישע בראָנקייטיס, דאַרף עסען גענוג אום אויפצוהאַלטען זיין געזונד, ער דאַרף אָבער אויסמיידען צופיעל עסען. קאָד ליווער אָיל (פיש־איל) איז זעהר גוט פאַר די קראַנקע, וועמען עס שאַדעט ניט צום אַפּעטיט אָדער צו זייער פערדייאונג פון זייער שפּייז.

א גענויע אונטערזוכונג דאַרף געמאַכט ווערען פון די אַנדערע קראַנקהייטען, פון וועלכע דער בראָנקייטיס־קראַנקער ליידעט און ער דאַרף בעהאַנדעלט ווערען אויך פאַר יענע קראַנקהייטען. דאָס נאַטירליך קען געטאָן ווערען פון א דאָקטאָר.

א דאָקטאָר האָט אויך געוויסע מיטלען, דורך וועלכע צו פערלייכ-
ערען דאָס הוסטען פון קראנקען און פערהיטען איהם פון זייטיגע צופעל-
ע, צו וועלכע אזא קראנקער איז אויסגעזעצט. עס איז דארום איבעריג
ו זאָגען, דאָס עס איז נויטיג פאר יעדען ליידענדען פון בראָנקייטיס צו
טעהן אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

לונגען־ענטצינדונג.

דער מלאך המות האָט פיעלע וועגען, דורך וועלכע ער רויבט זיינע
אָפּפער, פיעלע שלוחים, דורך וועלכע ער שיקט דעם טויט אויף זיינע מענ-
שען־קרבנות. טובערקולאָזיס אָדער שווינדזוכט איז דער הויפּט־אַגענט,
דער הויפּט־גענעראל, וואָס שטעלט צו דעם „קעניג טויט" ניט וועניגער
ווי א מיליאָן קרבנות יעדען יאָהר. זיין ערשטער ארויסהעלפער אָדער דער
קאַפּיטאַן פון מלאך המות איז „לונגען־ענטצינדונג", אָדער „קעפּטען
ניומאָניא".

לונגען־ענטצינדונג רויבט מעהר מענשען־לעבענס ווי אלע געפעהר-
ליך אַנשטעקענדע קראַנקהייטען צוזאַמענגענומען. הונדערטע טויזענדע
מענשען שטאַרבען יעדען יאָהר פון לונגען־ענטצינדונג.

„קאַפּיטאַן ניומאָניא" שוינט ניט קיין קליינע קינדער און האָט קיין
איינזעהעניש פאַר גרייז־גרויע מענשען. קינדער און זקנים ליידען אַ
מעהרסטען פון דיזער געפעהרליכער קראַנקהייט, אָבער אויך מיטעליעהרי
גע ערוואַקסענע מענשען זיינען ניט בעוואָרענט געגען לונגען־ענטצינדונ
און טויזענדע „געזונדע" שטאַרקע מענשען, אין סאַמע בליהונג פון זייער
לעבען פאַלען יעדען יאָהר קרבנות אויף'ן שלאַכטפעלד פון „ניומאָניא".

אַנדערע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, ווען מען האָט זיי איין מאָל
ארבייט דער קערפּער אויס אַ געוויסען ווידערשטאַנד געגען די מיקראָבען
וואָס פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט און אַם וועניגסטענס פאַר אַ געוויס
צייט איז דער מענש בעוואָרענט געגען אַ צווייטע אַטאַקע פון דער זעל
בער קראַנקהייט. דאָס איז דער פאַל מיט מאָזלען, פּאָקען און אַנדערע
קראַנקהייטען.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט לונגען־ענטצינדונג. ניט נאָר בע
וואָרענט ניט איין אַטאַקע געגען אַ צווייטער, נאָר פאַרקעהרט, איין אַטאַ

ע פון לונגען־ענטצינדונג שוואכט אזוי אָפּ דעם מענשען, דאָס ער קען
ייכט קריגען א צווייטע אטאקע.

די מיקראָבען, וואָס פעראורזאכען לונגען־ענטצינדונג, זיינען פול אי-
נעראַל. זיי געפינען זיך אין דער לופט, וואָס מיר אטעמען, און פיעלע
עזונדע מענשען טראָגען זיך ארום מיט „ניומאָניא״־באצילען אין האלז,
בוואָהל זיי זיינען ניט קראַנק. זיך אויסצוהיטען פון דיזע באצילען איז
מעט אן אונמעגליכקייט און דארום טאקע ברעכט אויס א ניומאָניא־עפּי-
עמיע כמעט יעדען ווינטער און פריהלינג.

אויב אזוי, וועלען מאנכע פרעגען, טו וואָרום ליידען ניט אלע מענ-
שען פון לונגען־ענטצינדונג? וואָרום היטען זיך מאנכע מענשען אויס פון
יזער קראַנקהייט? און וואָרום איז די קראַנקהייט ניט די זעלבע אין אלע
פעלע? וואָרום ווערען פיעלע מענשען, וואָס ליידען פון לונגען־ענטצינדונג,
צוריק געזונד וועהרענד אנדערע שטארבען פון דיזער קראַנקהייט? ווי אזוי
קען מען זיך אויסהיטען פון לונגען־ענטצינדונג, און וואָס קען מען טאָן
ווען מען האָט שוין די געפעהרליכע קראַנקהייט?

אום צו קריגען א ריכטיגען ענטפער אויף דיזע פראַגען, דארפען מיר
יך פריהער בעקענען מיט אונזערע לונגען אין זייער נאָרמאלען צושטאנד,
וי אזוי אונזערע לונגען ערפילען זייער אויפגאבע און וואָס עס פאַסירט
מיט זיי ווען זיי ווערען ענטצונדען.

אונזערע לונגען.

די לונגען זיינען צוויי גרויסע זעק, וואָס געפינען זיך אין אונזער
ברוסט־קאסטען. זיי פילען אויס כמעט דעם גאנצען ברוסט־קאסטען, לאָ-
זענדיג קוים פּלאַץ גענוג פאר אונזער הארץ, ושט, אָדער שפּייז-רעהר,
וואָס ציהט זיך פון מויל צום מאָגען, און פאר אייניגע בלוט־רעהרען און
נערווען.

א בעגריף וועגען דער ארכיטעקטור פון די לונגען קען מען האָבען
ווען מען פערגלייכט די לונגען מיט דער ארכיטעקטור פון א בוים. דער
שטאם פון בוים קען פערגלייכט ווערען צו דער לופט־רעהר, די גרעסערע
צווייגען קענען פערגליכען ווערען צו די קלענערע לופט־רעהרען, וואָס טיי-
לען זיך אָפּ פון דער הויפּט לופט־רעהר און די בלעטער זיינען קליינינקע
לופט־זעקעלאך. א בוים זויגט איין שפּייז פון דער ערד דורך זיינע וואָרצ-
לען און אטעמט איין לופט דורך זיינע בלעטער. די שפּייז, וואָס דער בוים

קריגט פון דער ערד, געהט דורך דעם שטאַם, די גרעסערע און קלענערע
צווייגען ביז עס קומט צו די בלעטער. עס מוזען דארום זיין קאַנאַלען, וואָס
ציהען זיך דורך׳ן שטאַם און דורך אַלע צווייגען ביז צו די בלעטער. די
לופט, וואָס די בלעטער אָטעמען איין געהט דורך די זעלבע קאַנאַלען נאָר
אין אַ פערקעהרטער ריכטונג: פון די בלעטער געהט די לופט צו די
קליינע צווייגעלאַך, דאַן צו די גרעסערע צווייגען און ענדליך צום שטאַם
און צו די וואָרצלען.

אַן עהנליכער מעכאַניזם עקזיסטירט אויך אין אונזערע לונגען. די
צוויי לונגען, וואָס מיר האָבען, בעשטעהען פון מיליאָנען קליינינקע לופט-
זעקעלאַך, פונקט ווי גרויסע בוימער בעשטעהען פון מיליאָנען איינצעלנע
בלעטער. פון דיזע לופט-זעקעלאַך ציהען זיך קליינינקע דינינקע רעהרען
וועלכע פעראייניגען זיך אין אַלץ גרעסערע און גרעסערע רעהרען, פונקט
ווי די צווייגעלאַך פון אַ בוים פעראייניגען זיך אין אַלץ גרעסערע או
גרעסערע צווייגען.

דיזע פעראייניגונג פון לופט-רעהרען געהט אָן ביז אַלע לופט-רעהרע
פון איין לונג פעראייניגען זיך אין איין גרויסער רעהר. הינטער דער אוי
בערשטער טייל פון אונזער ברוסט-ביין פעראייניגען זיך די צוויי רעהרע
פון אונזערע צוויי לונגען אין איין גרויסער לופט-רעהר, וואָס ווערט בע
צייכענט מיט׳ן נאָמען „טרעקיאַ", אָדער הויפּט לופט-רעהר און דיזע ציה
זיך ביז צו דער אויבערשטער טייל פון אונזער האַלז.

ווען מיר אָטעמען איין לופט דורך דער נאָז, לויפט דער לופט-שטראָ
דורך דער הינטערשטער טייל פון דער נאָז און גרייכט די טייל פון אונזע
האַלז, וואָס איהר קענט זעהן אין הינטערגרונד פון אונזער מויל. דאָ
טען טרעפט דער לופט-שטראָם אַן אָפענע רעהר און כאַפּט זיך אַהין אריין.

דיזע עפענונג איז דער אָנפאַנג פון דער גרויסער לופט-רעהר. או
די רעהר זאָל זיין שטענדיג אָפען איז זי בעזאָרגט מיט רייפען פון „קאַ
טילעדזש" (כראָמשקע), וואָס מאַכען שטייף די פאָדערשטע און די זיי
טען טיילען פון דער רעהר. ווען מיר עסען אָדער טרינקען ווערט די אוי
בערשטע עפענונג פון דער רעהר פערשטעלט אום די שפּייז אָדער דאָ
וואסער זאָל זיך ניט אריינכאַפּען אין איהר.

דיזע איינציגע לופט-רעהר ציהט זיך, ווי מיר האָבען שוין געזעה
ביז צו די אויבערשטע טייל פון אונזער ברוסט-קאַסטען. געגענאיבער ד
צווייטע פּאָר ריפּען צוטיילט זיך דיזע רעהר אין צוויי צווייגען, אַ צווי

אר יעדע לונג. דיזע עטוואָס קלענערע רעהרען, אויף זייער וועג דורך די
ונגען, גיבען ארויס פון זיך נאָך קלענערע רעהרען און אזוי פערצווייגט זיך
יזע סיסטעמע פון לופט־רעהרען אין אלץ קלענערע און דינערע רעהרעלאַך,
יז זיי ענדיגען זיך אין גרופּעס איינפאַכע לופט־זעקעלאַך.

די לופט, וואָס מיר אַטעמען איין, געהט דורך דיזע רעהרען ביז זי
ערגרייכט די לופט־זעקלאַך און דערמיט ענדיגט זיך אונזער איינאַטעמען.
ען מיר אַטעמען אויס פערלאָזט די לופט אונזערע לופט־זעקעלאַך און
טראָמט ארויס דורך די קלענערע און גרעסערע לופט־רעהרען ביז זי דער-
ייכט אונזער נאָז און פערלאָזט אונזער קערפּער.

די קלייניגקע לופט־זעקלאַך זיינען אָפּגעטיילט בלויז מיט א דיניג-
ע הייטעלע פון קליינע בלוט־רעהרען, דורך וועלכע דאָס הארץ פּאָמפּט
ורך דאָס גאַנצע בלוט פון קערפּער יעדע 27 סעקונדען. דורך די דינינקע
ייטעלאַך, וואָס טיילט אָפּ די לופט פון'ם בלוט־שטראָם, גיט דאָס בלוט
פּ איינינע שעדליכע גאַזען, וואָס עס האָט איינגעזאַמעלט שטראָמענדיג
ורך'ן קערפּער און עס נעהמט אויף פרישע לופט אָדער זויער־שטאָף אויף
ו צופיהרען צו די ביליאָנען צעלען, פון וועלכע אונזער קערפּער איז צו-
אַמענגעשטעלט.

אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס? וועט איהר פרעגען. דאָס איז
עהר לייכט צו פערשטעהן. יעדער פון אונז וויים, דאָס אום קוילען זאָלען
ענען ברענען אין אַן אויוועז, מוז דער אויוועז זיין בעזאָרגט מיט א קוי-
ען, דורך וועלכען עס ציהט זיך א צוג לופט צו די ברענענדע קויהלען.
ען דער קוימען איז פארמאַכט און קיין פרישע לופט קומט ניט צו צו די
ויהלען קענען זיי ניט ברענען. ווען דער קוימען ווערט פערמאַכט איי-
ער די קויהלען ווערען אין גאַנצען אויסגעברענט ווערט א „טשאד" אין
ויז. די שעדליכע גאַזען, וואָס ווערען פּראָדוצירט בעת די קויהלען ברע-
ען פיהלען אָן דאָס הויז און פערגיפטען די איינוואוינער, אויב יענע רעטען
ך ניט בעצייטענס.

דער קוימען האָט דארום א צווייפאַכע אויפגאַבע צו ערפילען. ער
אַרף בעזאָרגען די קויהלען מיט פרישע לופט אום זיי זאָלען קענען ברענען,
ון ער דאַרף אוועקפיהרען די שעדליכע גאַזען, וואָס ווערען געשאַפען ווען
י קויהלען ברענען. אין אונזער קערפּער ברענט אויך א שטענדיגעס פייער,
בוואָהל אָהן א פלאַם. די שפּייז, וואָס מיר עסען איז דער ברען־מאַטע-
יאַל. דאָס פייער, וואָס ברענט אין אונזער קערפּער, גיט אונז וואַרעמקייט

און ענערגיע צו בעוועגען זיך און טאָן ארבייט. אום דאָס פייער אין אונ־
זער קערפּער זאָל קענען שטענדיג אָנהאַלטען און ניט פערלאָשען ווערען
מוזען די צעלען פון אונזער קערפּער קריגען א שטענדיגען שטראָם פון פריי־
שע לופט. אזוי ווי ביים ברענען אין אונזער קערפּער ווערען אויך פּראָדו־
צירט שעדליכע גאַזען מוזען זיי ארויסגעפיהרט ווערען פון קערפּער צו פער־
היטען אונז פון פערגיפטונג. אונזער קערפּער נויטיגט זיך דארום אין א
קוימען פונקט ווי א געוועהנליכער אויווען, און אונזערע לונגען ערפילען
דיזע אויפגאַבע פון קוימען.

יעדעס מאָל וואָס מיר אטעמען איין נעהמען מיר אויף פרישע לופט.
דיזע לופט דערגרייכט אונזערע לופט־זעקעלאך און א טייל פון'ם זויער־
שטאָף אין דער לופט ווערט אויפגענומען פון אונזערע רויטע בלוט־קייקע־
לאך און צופיהרט איבער'ן גאַנצען קערפּער. אויף זייער רייזע צוריק צו די
לונגען נעהמען די רויטע בלוט־קייקעלאך אויף די שעדליכע גאַזען, וואָס
ווערען פּראָדוצירט פון'ם ברען־מאַטעריאַל אין אונזער קערפּער און זיי לאָ־
זען איבער דיזע גאַזען אין די לופט־זעקעלאך פון די לונגען. יעדעס מאָל
וואָס מיר אטעמען אויס, בעפרייען מיר דעם קערפּער פון דיזע שעדליכע
גאַזען.

אונזערע לונגען ערפילען דארום א וויכטיגע אויפגאַבע אין אונזער
קערפּער. ווען ניט זיי וואָלט דער לעבענס־פלאַם אין אונזער קערפּער ניט
געקענט ברענען.

וואָס פעראורזאַכט לונגען־ענטצינדונג.

יעצט לאָמיר זעהן, וואָס עס פּאַסירט מיט אונזערע לונגען אין דעם
צושטאַנד פון ענטצינדונג.

מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט, דאָס די באַצילען, וואָס פעראור־
זאַכען לונגען ענטצינדונג, געפינען זיך אין דער לופט און אין פיעלע פעל
געפינט מען זיי אויך אין אונזער האַלז. אזוי לאַנג ווי מיר זיינען געזונ
האָט אונזער קערפּער א געוויסען ווידערשטאַנדס־קראַפט, וואָס דערלאָז
ניט דיזע באַצילען צו טאָן זייער צושטערונגס־ארבייט. די אינערליכ
הויט פון אונזער האַלז איז ווי א שטאַרקע פעסטונג, דורך וועלכע ד
שונאים, די באַצילען, קענען ניט דורכגעהן. קוים אָבער ווערען מיר אָפּ
געשוואַכט, קוים ווערט אונזער קערפּער אויסגעמאַטערט, דאַן ווערט אונ

זער ווידערשטאנד שוואכער, די „פעסטונג" קען מעהר ניט אויסהאלטען די אטאקעס פון די באצילען און מיר ווערען קראנק.

וואס שוואכט אפּ אונזער ווידערשטאדס־קראפט געגען די באצילען פון לונגען־ענטצינדונג? א קראנקהייט, וואס מאטערט אויס דעם קערפער, ווי טייפויד פיבער, אינפלוענזא, נירען־קראנקהייט, צוקער־קראנקהייט א. ז. וו., צו שווערע ארבייט, פערקעלטונג, ספּעציעל אין נאסען וועטער, אין מאנכע פעלע אויך א וואונד.

ווען אונזער ווידערשטאנדס־קראפט ווערט אפּגעשוואכט רייסען זיך די „ניומאָניא"־באצילען אריין אין אונזער בלוט און פאנגען זיך דאָרטען אָן צו פארמעהרען. דער קערפער רופט דאן דורך'ן בלוט זיין גאנצע רעזערוו־ארמעע און פאנגט אָן א קאמף אויף לעבען און טויט מיט די באצילען. דיזער קאמף גיט אונז דעם פיבער, דאס שוידערען, די קעלט און ז. וו. וואס מיר פיהלען ביים אָנפאנג פון לונגען־ענטצינדונג. אונטערדעסען צירקולירט דאס בלוט דורך'ן קערפער און צופיהרט איבער אלע אברים די באצילען און די גיפטען, וואס זיי פּראָדוצירען. וואס שטארקער דיזע גיפטען זיינען און וואס מעהר אפּגעשוואכט דער מענש איז אלץ וועניגער קען ער אויסהאלטען דיזע פערגיפטונג. וואס שוואכער די גיפטען זיינען און וואס נאָרמאלער און געזונדער דער מענש איז געווען איידער ער איז קראנק געוואָרען אלץ גיכער קען ער בייקומען די באצילען און צוריק געזונד ווערען.

אונטערדעסען געהט אָן אין די לונגען זעלבסט א העפטיגער קאמף צווישען די לונגען און די באצילען. אזוי שנעל ווי די גיפטען אָדער באצילען אטאקירען די צעלען פון די לונגען פאנגט זיך דאָרטען אָן אן „ענטצינדונג". די בלוט־רעהרען, וואס געפינען זיך אין די לונגען עפענען שפּאַרינעס אין זייערע ווענד און לאָזען דורך א געוויסע מאָס סערום — די וואַסער־טייל פון בלוט, און אויך די בלוט־קייקעלאך, וואס דינען אלס סאָלדאטען צו בעקעמפען דעם שונא. די לופט־זעקעלאך פון די לונגען, וואס דינען אין א נאָרמאלע צייט אויף צו פיהרען לופט צו די בלוט־רעהרען, ווערען יעצט אליין אָנגעפילט מיט סערום און מיט בלוט־צעלען. באלד נאָך דעם קומט אויך ארויס אין די לופט־זעקעלאך די טייל פון'ם בלוט, וואס, ווען עס ווערט פערקי..., ווערט עס פערהארטעוועט אין פעדים — די „פייברין" אָדער פעדים־שטאָף פון'ם בלוט. די אָנגעגריפענע טייל פון דער לונג (אין לאָבאר ניומאָניא ווערט געוועהנליך בלויז א טייל פון איין

לונג אָנגעגריפען), ווערט דאן פון א לופט־זאק פערוואנדעלט אין א הארטע לונג פול מיט בלוט, דורך וועלכע קיין לופט קען ניט דורכגעהן.

אין פערלויף פון דיזער צייט האלטען די באצילען אין איין שאפען טאָקסינס אָדער גיפטען און אין צושיקען דיזע גיפטען דורך'ן קערפער. דער קערפער האלט אויך אין אויסארבייטען געגען־גיפטען און אין קעמפען געגען דעם שעדליכען איינפלוס פון די באצילען און זייערע גיפטען.

אויב אלעס געהט צו אין אָרדענונג, אויב דער קראנקער האָט נאָך גענוג ווידערשטאנדס־קראפט אין זיך, אויב די באצילען זיינען ניט צו־שטארק פאר'ן קערפער אָדער דער קערפער האָט נאָך גענוג ריזזירוו (זא־פאס) געזונד, געלינגט איהם אין פערלויף פון פינף, זיבען אָדער ניין טעג אויסצוארבייטען גענוג געגען־גיפט אויף צו פערניכטען דעם גיפט פון די ניומאָניא־באצילען. ווען דאָס געלינגט, מאכט דער פאציענט דורך דעם קריזיס פון דער קראנקהייט. פון דאן פאנגט דער קערפער זיך אָן צו ערהאָלען.

דער קריזיס.

אום צו פערשטעהן דיזען „קריזיס" קען מען איהם פערגלייכען מיט דעם קריטישען מאָמענט פון א שלאכט צווישען צוויי ארמעען. דער קאמף פלאקערט אויף'ן גאנצען שלאכטפעלד. ביידע צדדים ווענדען אָן זייערע לעצטע קרעפטען אויף צו זיגען, מענשען פאלען אויף'ן שלאכטפעלד ווי די פליגען, בלוט גיסט זיך טייכענווייז. די פערטיידיגונגס־ארמעע איז שוין אָפּגעשוואכט, דאָס לעצטע ביסעל ריזזירוו־סאָלדאטען בעטייליגען זיך אין קאמף און דיזע קעמפען ווי פערצווייפעלט, אויב דער שונא זאָל קענען נאָך לענגער אויסהאלטען איז די שלאכט א פערלאָרענע.

אָבער אָט שאלט דער טרומפייט פון שונא. דער פיינד ציהט זיך צוריק, ער אנטלויפט אָדער גיט זיך אונטער. אין איין מאָמענט איז א מעג־ליכע נידערלאגע פערוואנדעלט געוואָרען אין זיכערען זיג. די ארמעע איז נאָך פונקט אזוי אויסגעמאטערט ווי פריהער, אָבער די געפאהר איז שוין פאָראיבער. אלעס וואָס בלייבט יעצט צו טאָן איז אָפּצוריינינגען די שלאכט־פעלדער און צוריק אויפבויען די חרוב'ע שטעדט.

דאָס זעלבע פאסירט אין אונזער קערפער אין צייט פון'ם קריזיס. קורץ פאר דעם קריזיס איז דער קאמף צווישען די פערטיידיגונגס־קרעפטען פון קערפער און די גיפטען פון די ניומאָניא־באצילען אם שטארקסטען און

דער קראַנקער איז אין יענער צייט מעהר קראַנק אָדער שטאַרקער קראַנק, ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער צייט פון זיין קראַנקהייט. אויב דעם קערפּער געלינגט צו בעזיגען דעם שונא — די באַצילען און זייער גיפט, האָט ער בשלום דורכגעמאַכט דעם קריזיס. אַזוי שנעל ווי דער שונא גיט זיך אונטער הערט דער קאַמף אויף און דער פּאַציענט, אַן אויסגעמאַטער־טער פון׳ם שווערען קאַמף, שלאָפט רוהיג איין.

דער ווייטערער גאַנג פון דער קראַנקהייט בעשטעהט אין אָפּרייניגען דעם שלאַכטפעלד און פעררעכטען דעם שאָדען, וואָס די באַצילען און זיי־ערע גיפטען האָבען פעראורזאַכט דעם קערפּער.

די גרעסטע צאָהל טויטע און פערוואונדעטע פון דיזער ניומאָניאַ־מלחמה געפינען זיך אויף׳ן שלאַכטפעלד אין די לונגען. אין צייט פון׳ם קריזיס זיינען די אָנגעגריפענע טיילען פון די לונגען פערהאַרטעוועט פול מיט בלוט און מיט צעלען פון די לונגען זעלבסט. ווען דער קריזיס איז פאָראיבער און דער קערפּער האָט געזיגט פאַנגט די פערהאַרטעוועטע טייל לונג אָן זיך צוריקקעהרען צו איהר נאָרמאַלען צושטאַנד. די פעדים־שטאָ־פען (פייברין) פון׳ם בלוט ווערען ביסלעכווייז אויפגעלעזט, דער סערום ווערט צוריק איינגעזאַפּט אין׳ם בלוט, די באַצילען ווערען אויפגעפרעסען און די בלוט־צעלען ווערען אָפּגעראַמט. די בלוט־צעלען — די סאָלדאַטען פון דעם קערפּער׳ס פערטיידיגונגס־אַרמעע, ווערען צוטיילט אין איינציגע קלאַסען. די געזונדע און די וואָס זיינען בלויז לייכט פערוואונדעט, ווערען צוריק איינגעזאַפּט אין׳ם בלוט און זיי שליסען זיך צוריק אָן אָן דער רע־גולאַר אַרמעע. די טויטע, די שטאַרבענדע און די שווער פערוואונדעטע בלוט־צעלען ווערען אין שטיקער צוריסען, דאָס בלוט זויגט זיי איין, פיהרט זיי צו זייער אייביגער רוה, וואו זיי ווערען אויפגעלעזט און פון זייערע מאַטעריאַלען ווערען נייע בלוט־צעלען געשאַפען.

דאָס אַלעס פּאַסירט אין אַ געוועהנליך ניט קאָמפּליצירטען פּאַל פון לונגען־ענטצינדונג ווען עס פּאַסירט ביי אַ מענשען, וועלכער איז געוועזען געזונד איידער די קראַנקהייט האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי איהם. אין פיעלע פעלע אָבער ענטוויקעלט זיך לונגען־ענטצינדונג וועהרענד דער מענש ווערט אָפּגעשוואַכט פון אַן אַנדער קראַנקהייט, די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון קראַנקען איז דאַן פיעל קלענער און ער קען ניט אַזוי שנעל בייקומען די ניומאָניאַ־באַצילען מיט זייערע טאָקסינס (גיפטען). עס פּאַסירט אויך, אַז דער מענש, וואָס קריגט לונגען־ענטצינדונג איז אַן אַלקאָהאָליקער, גע־

וואוינט צו טרינקען וואָס פאר איהם איז אונגעזונד. אין אזא פאַל גע-דוערט די קראנקהייט פיעל לענגער און דער רעזולטאט איז ניט אַלע מאָל גינסטיג פאר'ן מענשען.

אין פיעלע פעלע ברייננט די קראנקהייט גאנץ ערנסטע קאָמפּלי-קאציעס.

„פּליוריסי" (וואסער אויף די לונגען), איז איינע פון דיזע נאָכוועה-עגישען פון לונגען-ענטצינדונג. מאנכע מאָל ווערט די וואסער פערוואנ-דעלט אין מאטעריע און דאן איז די לאגע א פיעל ערנסטערע. הארץ-קראנקהייט און נירען-קראנקהייט קען קומען אלס פאָלגע פון לונגען-ענט-צינדונג און פיעלע אנדערע קראנקהייטען קומען אמאָל, אָבוואָהל ניט זעהר אָפט, אלס פאָלגע פון דער ענטצינדונג פון די לונגען.

די סימנים פון לונגען-ענטצינדונג.

עס זיינען פאראן צוויי בעשטימטע סאָרטען לונגען-ענטצינדונגען און איינע אונטערשיידעט זיך פון דער צווייטער ניט נאָר אין די סמנים פון דער קראנקהייט, נאָר אויך אין דער ערנסטקייט פון דער קראנקהייט און אין די אויסזיכטען פאר'ן קראנקען געזונד צו ווערען.

איין סאָרט לונגען-ענטצינדונג ווערט אָנגערופען „לאָבאר ניומאָניא". אין דיזער קראנקהייט ווערט געוועהנליך בלויז איין גאנצע טייל (איין „לאָב") פון איין לונג אָנגעגריפען. די צווייטע סאָרט קראנקהייט ווערט אָנגע-רופען „בראָנקאָ ניומאָניא". אין דיזער קראנקהייט ווערען קליינע טיילען פוןביידע לונגען ארום די לופט-רעהרען אָנגעגריפען, (דיזע לופט-רעהרען הייסען בראָנקיי). מיר וועלען בעטראכטען דיזע צוויי סאָרטען לונגען-ענטצינדונגען אלס בעזונדערע קראנקהייטען און וועלען צוערשט בעטראכ-טען די סמנים פון „לאָבאר ניומאָניא".

דיזע קראנקהייט גרייפט אָן מעהרסטענס ערוואקסענע מענשען. די מעהרסטע פעלע פאסירען אין די ווינטער און פריהלינג-מאָנאטען. מענער ליידען פון דיזער קראנקהייט מעהר ווי פרויען. דאָס איז ניט דערפאר, וואָס די „ניומאָניא"-באצילען האָבען אָבשיי פאר א פרוי, נאָר דערפאר, וואָס מענער געפינען זיך מעהר אונטער די אומשטענדען, וואָס העלפען בריינ-גען אָן אטאקע פון לונגען-ענטצינדונג. טרינקען צופיעל שנאַפּס, זיין צו-פיעל אויסגעמאטערט און ערשעפּט פון שווערע ארבייט און אין דער זעל-

בער צייט זיך צוקיהלען, אָדער זיין אויסגעמאַטערט פון אַן אנדער קראַנק-הייט העלפּט די „ניומאָניא״־באַצילען אין זייער ארבייט. יעדע זאַך, וואָס שוואַכט אָפּ די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון קערפּער, קען העלפען בריינ-גען לונגען־ענטצינדונג.

די קראַנקהייט קומט געוועהנליך פּלוצלינג. דער קראַנקער פיהלט זיך פיבעריש און יעדעס מאָל, ווען ער אָטעמט טיף, דערפיהלט ער אַ שארפען שטאָך אין זייט. די היץ האַלט אין שטייגען און אין פערלויף פון 24 שטונדען צייט קען זי גרייכען ביז צו 104 אָדער 105 גראַד פארענ-הייט. דער קראַנקער פיהלט זיך דאַן אַזוי שוואַך, דאָס ער מוז בלייבען ליגען אין בעט.

געוועהנליך ליגט דער קראַנקער אויף דער אָנגעגריפענער זייט אום מיט דעם געוויכט פון זיין קערפּער צו סטאָפּען די בעוועגונגען פון דער אָנגעגריפענער לונג. דאָס פּנים איז איהם פערפלאַמט און די ליפען בלוי. ער קען ניט אָטעמען טיף, ווייל יעדער טיפער אָטעם־צוג שמערעצט איהם, אָטעמט ער דערפאַר זעהר שנעל און ניט טיף. אין פיעלע פעלע צושפּריי-טען זיך די נאָזלעכער מיט יעדען איינאָטעמען אין אַ פערזוך אריינצונעה-מען וואָס מעהר לופט, זיין פּולס איז אויך שנעלער ווי געוועהנליך, אָבער וועהרענד ביי אַ געזונדען מענשען שלאָגט דער פּולס פיר מאָל צו יעדען אָטעמצוג, קומט אוים ביי ניומאָניא־קראַנקע דריי אָדער בלויז צוויי שלע-גען צו יעדען אָטעמצוג אַזוי שנעל אָטעמט ער.

פון אָנפאַנג אָן באַלד ווי ער ווערט קראַנק ליידעט ער פון אַ קורצען טרוקענעם הוסט. שפּעטער פאַנגט ער אָן ארויפצובריינגען שליים געמישט מיט בלוט. זיין צונג איז טרוקען און בעדעקט. זיין פערדייאונגס־מע-כאַניזם ארבייט ניט זעהר גוט און דער קראַנקער ליידעט פון פערשטאָפּונג. אין זעהר ערנסטע פעלע איז דער קראַנקער אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד און רעדט פון היץ.

דיזער צושטאַנד האַלט אָן פון פינף ביז צעהן טעג. וואָס עס קומט פאָר אין די לונגען אין פערלויף פון דיזער צייט האָבען מיר שוין געזעהן. מיר האָבען שוין אויך ערקלערט וואָס עס קומט פאָר אין דער צייט פון קריזיס, ווען די הויפּט־געפאַהר פון דער קראַנקהייט פערשווינדעט.

באַלד נאָך׳ן קריזיס פאַלט די טעמפּעראַטור און דער קראַנקער פאַנגט אָן זיך צו ערהאָלען.

ניט אין אַלע פעלע פון לונגען־ענטצינדונג ענדיגט זיך די קראַנקהייט אויף אַזאַ אופן. ביי אַלטע לייט קומט די קראַנקהייט אָפּט אָן לאַנגזאַם אָנשטאָט פלוצלינג. די טעמפּעראַטור פון קראַנקען איז ניט זעהר הויך, דער פּולס איז ניט זעהר שנעל. אין פיעלע פעלע בריינגט דער קראַנקער ניט אַרויף קיין שליים בעפלעקט מיט בלוט. אין די מעהרסטע פעלע איז דער קראַנקער אין אַ האַלב בעוואוסטלאָזען צושטאַנד. די קראַנקהייט מאַ-טערט איהם שטאַרק אויס און ער שטאַרבט פון ערשעפּונג. ער האָט פּשוט קיינע כוחות ניט איבערצוטראָגען די קראַנקהייט.

ביי קליינע קינדער פאַנגט די קראַנקהייט זיך אָפּטמאָל אָן מיט ברע-כען און קאָנוואולסיעס. קאָפּוועהטאָג און האַלב־בעוואוסטלאָזיגקייט זיי-נען זעהר פּראָמינענטע סימנים און די קראַנקהייט זעהט אויס ווי אַ מאַרך־ענטצינדונג (מענינדזשיטיס). די טעמפּעראַטור פון קינד איז זעהר הויך. די קראַנקהייט ענדיגט זיך אָבער זעהר שנעל און אויב דאָס קינד איז געווען געזונד איידער עס האָט געקראָגען לונגען־ענטצינדונג וועט עס כמעט זי-כער געזונד ווערען.

פאַראַן אויך אַ פאָרמע פון לונגען־ענטצינדונג, וואו די סימפּטאָמען זיינען ענליך צו די סימפּטאָמען פון טייפויד (דיזע סימפּטאָמען האָבען מיר שוין בעשריבען אין'ם קאַפּיטעל וועגען טייפויד פיבער). דיזע פאָר-מע פון דער קראַנקהייט איז זעהר אַן ערנסטע און אַ גרויסע צאָהל קראַנקע שטאַרבען.

ביי שכורים איז לונגען־ענטצינדונג אַ זעהר געפעהרליכע קראַנק-הייט. די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון זייער קערפּער איז זעהר אָפּגעשוואַכ פון'ם אַלקאָהאָל און אַ זעהר גרויסער צאָהל דינער פון „באַכּכוס" פאַלע קרבנות אויף'ן אַלטאַר פון „קעפּטען ניומאָניאַ".

„בראָנקאָ־ניומאָניאַ", ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, איז אַ גאַנץ בעזונדערע קראַנקהייט, וואָס פאַנגט זיך אָן אַלס ענטצינדונג פון די קליינע לופט־רעהרען (די בראָנקיי) אין די לונגען. דיזע קראַנקהייט גרייפּ אָן מעהרסטענס זעהר יונגע קינדער און זעהר אַלטע לייט. די קראַנקהייט קען קומען פּלוצלינג צו אַ פּערזאָן, וואָס איז פריהער ניט געווען קראַנק אָבער אין די מעהרסטע פעלע קומט זי אַלס אַ פאָלגע פון אַן אַנדער קראַנקהייט.

ביי קינדער קומט דיזע קראַנקהייט געוועהנליך אַלס אַ פאָלגע פון קייך־הוסט, מאָזלען, אינפלוענזא און דיפטעריא.

געגוי ווען די קראנקהייט פאנגט זיך אן איז אפטמאל שווער צו זאגען, ווייל די ערשטע סמנים פון בראנקא ניומאניא ווערען געוועהנליך מאסקירט פון די סמנים פון דער ערשטער קראנקהייט, פון וועלכער בראנ-קא ניומאניא איז א פאלגע. די קראנקהייט פאנגט זיך אן לאנגזאם אנ-שטאט פלוצלינג. דער קראנקער איז שרעקליך אויסגעמאטערט, הוסט, און די טעמפעראטור איז הויך און אונרעגעלמעסיג. יעדער הוסט, וואס ער טוט שמערצט איהם. ער אטעמט שנעל און פלאך און זיין פולס איז זעהר שנעל, אנשטאט צו זיין פערפלאמט, איז זיין פנים בלייך און די ליפען זיי-נען בלוי.ביידע לונגען אנשטאט איינע זיינען אנגעגריפען.

עס זיינען דא אויך סמנים, וואס נאר א דאקטאר קען אויסגעפינען דורך עקזאמענירען דעם קראנקען'ס ברוסט-קאסטען און דיזע סימנים זיי-נען גאנץ פערשיידען אין ביידע קראנקהייטען.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

„דאקטאר, וועט ער בלייבען לעבען?" איז די וויכטיגסטע פראגע, וואס מען שטעלט דעם דאקטאר אין יעדען פאל פון לונגען-ענטצינדונג. און פאר דער פאמיליע פון קראנקען איז דער ענטפער אויף דיזער פראגע וויכטיגער פון אלע אנדערע זאכען, וואס האבען א שייכות מיט'ן חולה.

דער ענטפער אויף דיזער פראגע איז ווי פאלגט:

אויב דער קראנקער איז א יונגער מענש, וואס טרינקט ניט קיין אל-קאהאלישע געטרענקע און איז געווען געזונד איידער ער האט געקראגען די לונגען-ענטצינדונג, זיינען די אויסזיכטען פאר איהם זעהר גוטע. פאר על-טערע מענשען, וואס זיינען העכער זעכציג יאהר אלט, זיינען די אויסזיכ-טען געזונד צו ווערען פיעל ערנסטער. פאר שכורים איז לונגען-ענטצינ-דונג א זעהר געפעהרליכע קראנקהייט. ניט פיעלע פון זיי לעבען איבער אן אטאקע פון לונגען-ענטצינדונג. און אונטער שכורים מיינען מיר ניט נאר די, וואס וואלגערען זיך אין די רינשטאקס פון שכרות, נאר אויך די, וואס זיינען געוואוינט צו נעהמען צו „קאפעטשקעס" יעדען טאג און זיי קענען זיך אהן זייער קאפעטשקע ניט בעגעהן.

אויב איינער, וואס ליידעט פון לונגען-ענטצינדונג, האט נאך אין דער זעלבער צייט אויך א הארץ אדער נירען-קראנקהייט זיינען זיינע אויסזיכ-טען געזונד צו ווערען ניט קיין זעהר גלענצענדע.

ווי זיך אויסצוהיטען פון לונגען-ענטצינדונג.

אין יאָהר 1904 האָט די באָארד אָוו העלטה פון דער שטאָדט ני
יאָרק בעשטימט א ספּעציעלע קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשען וועגען או
מיטלען ווי צו בעקעמפען דיזע ווייט פערשפּרייטע קראַנקהייט.

דיזע קאָמיסיע האָט אויסגעפונען פיעלע אינטערעסאַנטע זאכען וועגען
גען לונגען-ענטצינדונג. צווישען אנדערעס האָט זי אויך אויסגעפונען דאָס
אויסער דעם מענשליכען קערפּער אויף דער פרייער טרוקענער לופט או
אין זונען-שיין ווערען די מיקראָבען, וואָס פעראורזאכען לונגען-ענטצינ
דונג, זעהר שנעל פערניכטעט.

דאָס פערשפּרייטען זיך פון די באצילען פון איין מענשען צום אנ
דערען קומט פאָר מעהרסטענס אויף א דירעקטען אופן. די שפּייעכץ או
סלינע פון דעם קראַנקען איז פול מיט די מיקראָבען און ווען ער הוסט
ניסט אָדער אפילו ווען ער רעדט פערשפּרייט ער ארום זיך קליינינקע טראָ
פּעלאך שפּייעכץ און אין דיזע טראָפּעלאך געפינען זיך ניומאָניא-מיקראָבען

אויב איינער שטעהט נאָהענט צו אזא קראַנקען ווען ער הוסט, ניס
אָדער רעדט, און קליינע טראָפּענס פון יענעם'ס שפּייעכץ פאַלען אויף דיזע
מענשען'ס ליפּען, מויל אָדער נאָז, ווערט דיזער פערזאָן אנגעשטעקט מי
די מיקראָבען פון לונגען-ענטצינדונג.

א צווייטער דירעקטער וועג, דורך וועלכען די מיקראָבען פון ניו
מאָניא פערשפּרייטען זיך פון איין מענשען צום אנדערען, איז דורך קושע
איינעם, וואָס ליידעט שוין פון דער קראַנקהייט. דאָס מויל און די ליפּע
פון'ם קראַנקען זיינען בעדעקט מיט מיקראָבען און דורך'ן קושען דעם קראַנ
קען'ס ליפּען נעהמט מען זיך אָן מיט דער קראַנקהייט.

די קאָמיסיע האָט אויסגעפונען, דאָס אין האַלז פון פיעלע געזונדע
מענשען געפינען זיך די מיקראָבען, וואָס פעראורזאכען לונגען-ענטצינדונג
אזוי לאַנג ווי דיזע מענשען זיינען קערפּערליך געזונד און שטאַרק האָבע
דיזע מיקראָבען אויף זיי קיין ווירקונג ניט. אזוי שנעל אָבער ווי דער
מענש, וואָס טראָגט זיך ארום מיט די ניומאָניא-מיקראָבען, ווערט אָפּגע-
שוואכט ווערט זיין ווידערשטאַנדס-קראַפט געגען די מיקראָבען קלענער
די מיקראָבען פערמעהרען זיך דאַן, שאַפען פיעל גיפט, וועלכע זיי פער-
שפּרייטען איבער'ן גאַנצען קערפּער. און דער מענש ווערט קראַנק.

מיר ווייסען נאָך פאָרלויפיג ניט גענוי דורך וועלכע מיטלען דעם
ענשען'ס ווידערשטאנדס-קראַפט ווערט אָפּגעשוואַכט און ווי אזוי זי צו
ערגרעסערען. וואָס מיר ווייסען יע איז, דאָס ווען מענשען געפינען זיך
ין א צו-קאַלטער אָדער צו-הייסער אומגעבונג, ווען מענשען לעבען אין
ערשטיקטער, ניט-פרישער לופט, ווען זיי טרינקען פיעל אַלקאָהאָלישע
שקאות אָדער ווערען אָפּגעצערט פון פריהערדיגע קראַנקהייטען, קענען
יי ניט אויסהאַלטען די אטאקע פון די מיקראָבען און ווערען קראַנק.
ט דערפאר זעהען מיר אזוי פיעל ניומאָניא פעלע ווינטער-צייט און אין
נפאנג פריהלינג ווען די וועטערען זיינען שלעכטע, ווען מענשען וואוינען
ין שטארק אָנגעהייצטע הייזער און די ענדערונגען פון די הייזער צו די
ראָסטיגע לופט פון דרויסען איז א זעהר גרויסע.

די מיטלען, דורך וועלכע מען קען זיך אויסהיטען פון לונגען-ענט-
ינדונג, זיינען דארום פאָלגענדע:

ערשטענס אזוי ווי באַצילען פערשפרייטען זיך פון איין מענשען צום
נדערען דורך קליינע טראָפּעלאָך שפּייעכץ אָדער שלים, וואָס דער קראַנ-
ער פערשפרייט ארום זיך דורך רעדען, הוסטען אָדער ניסען, דארף מען
יך היטען ניט צו שטעהן צו נאָהענט צו אזא קראַנקען'ס מויל און איבער-
ויפּט ניט צו נאָהענט צום קראַנקען אויב מעגליך. די באַצילען פערשפריי-
ען זיך אויך פון איין מענשען צום אנדערן דורך קושען, ווי מיר האָבען
שוין פריהער ערקלערט, און אויב מען קען זיך ניט אָפּהאַלטען פון קושען
געזונדען מענשען דארף מען אם ווייניגסטען ניט קושען א קראַנקען. די-
ע דינים פון פערזענליכע ריינליכקייט איז ניט אזוי שווער דורכצופיהרען.

צווייטענס מענשען, וואָס זיינען פאָלקאָם געזונד און בעזיצען א גע-
ונענדע ווידערשטאנד-קראַפט, ליידען געוועהנליך ווייניגער פון לונגען ענט-
ינדונג, און אין פאַל זיי ווערען שוין קראַנק איז פאַר זיי לייכטער אויס-
והאַלטען די קראַנקהייט.

ווי אזוי אויפצוהאַלטען א שטארקע ווידערשטאנד-קראַפט אין קער-
ער איז א פּראָבלעמע, וואָס דארף נאָך געלעזט ווערען. מיר ווייסען שוין
בער פון אייניגע אורזאַכען, וואָס פערניכטען דעם מענשען'ס ווידער-
טאנדס-קראַפט צו לונגען-ענטצינדונג און צו די מעהרסטע אנדערע קראַנק-
ייטען. מאנכע פון דיזע אורזאַכען זיינען: זייער שטארקע היץ אָדער

קעלט, דאָס לעבען אין פערשטיקטע לופט, דאָס טרינקען אלקאָהאָלישע גע
טרענקע און מאנכע אנשטעקענדע קראנקהייטען.

די ערקלערונג ווי אזוי אזעלכע זאכען פיהרען צו לונגען־ענטצינדונ
איז א גאנץ איינפאכע. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס די באצי
לען געפינען זיך אין האלז פון פיעלע געזונדע מענשען. אזוי לאנג ווי די
זע מענשען זיינען געזונד האָבען די באצילען קיין שליטה ניט איבער זיי
קוים אָבער קיהלען זיך דיזע מענשען צו אָדער זייער קערפּער ווערט אָפּ
געשוואכט דורך טרינקען צופיעל אלקאָהאָלישע געטרענקע, קען דער קער
פּער זיך מעהר ניט וועהרען געגען די באצילען און די לעצטע פאנגען אָן צ
פּראָדוצירען זייערע גיפטען. דער רעזולטאט איז לונגען־ענטצינדונג.

אויפהאלטען דאָס געזונד, ניט לעבען אין א פערשטיקטע לופט, ני
טרינקען קיין אלקאָהאָלישע געטרענקע און זיך אויסהיטען פון די, ווא
האָבען שוין די קראנקהייט, זיינען די איינציגע מיטלען, דורך וועלכע מ
קען זיך אויסהיטען פון קריגען לונגען־ענטצינדונג.

אויב איינער האָט זיך אָבער ניט איינגעהיט און ער ווערט קראנ
מוז ער זיך גלייך שטעלען אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר. לונגע
ענטצינדונג איז א זעהר ערנסטע קראנקהייט, מיט זעהר ערנסטע פאָלג
און וואָס שנעלער דער קראנקער איז אונטער דער אויפזיכט פון א דאָ
טאָר אלץ בעסער.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

לויט די נייעסטע פאָרשונגען האָט מען אויסגעפונען, דאָס די מי
קראָבען, וואָס פעראורזאכען לונגען־ענטצינדונג, זיינען ניט אלע גלייך
ביז יעצט האָט מען אויסגעפונען פיער פערשיידענע סאָרטען מיקראָבי
און געגען איינע פון דיזע סאָרטען מיקראָבען האָט מען אויסגעפונען
סערום, וואָס ענטהאלט א געגען־גיפט געגען זיי.

אויב א ליידענדער פון לונגען־ענטצינדונג האָט זיין קראנקהייט
פערדאנקען דיזען ערשטען קלאַס מיקראָבען קען מען איהם איינשפּריצ
א געוויסען סערום און איהם דערמיט העלפען שנעלער געזונד צו ווערע
אין די מעהרסטע פעלע אָבער מוז מען לאָזען די קראנקהייט געהן איהר
וועג. פרישע לופט, קיין סאָלידע שפּייז, פיעל וואסער און מעדיצינס, וואָ
זאָלען פערלייכטערען די ליידען פון קראנקען און מאכען איהם פיהלען אז
בעקוועם ווי נאָר מעגליך איז אלעס, וואָס מען קען טאָן פאַר'ן קראנקען.

פרישע, קיהלע, בעוועגליכע לופט איז פיעל וויכטיגער פאר'ן קראנ-
[ק]ען, וואס ליידעט פון לונגען-ענטצינדונג ווי אלעם אנדערעס, וואס מיר
[ק]ענען טאן פאר איהם. עס איז נאטירליך איבעריג צו בעמערקען, דאס דער
[ק]ראנקער מוז זיך די גאנצע צייט געפינען אונטער דער אויפזיכט פון א
[ד]אקטאר, וועלכער וועט טרייען צו פערלייכטערען זיינע ליידען און פער-
[ה]יטען איהם פון ערנסטע קאמפליקאציעס.

טובערקולאזיס (קאנסאמפשאן).

**וואָס די קראַנקהייט איז — פון וואַנען זי נעהמט זיך — ווי אַזוי זיך אויס-
צוהיטען פון איהר — און וואָס צו טאָן ווען איינער
לייִדעט שוין פון דיזער קראַנקהייט.**

„צוויי מאָל יעדע מינוט לעשט זיך דיזעס ליכט אויס און יעדעס מאָ
ווען עס ווערט פערלאָשען, שטארבט ערגעץ וואו אויף דער וועלט א מענ
פון קאָנסאָמפּשאָן. צוויי מענשען שטארבען יעדע מינוט, הונדערט מי
צוואַנציג מענשען יעדע שטונדע, 2880 מענשען — יעדען טאָג, א מיליאָ
מענשען שטארבען יעדען יאָהר פון קאָנסאָמפּשאָן".

א סקרוך איז דורכגעלאָפען מיין לייב, ווען איך האָב איבערגעלעזן
דיזע אויפשריפט. דאָס איז געווען אין איינע פון די טובערקולאָזיס אויס
שטעלונגען, דורך וועלכע די ניו יאָרקער באארד אָוו העלטה זוכט צו ב
לערנען דעם עולם ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער געפעהרליכער ווייס
פעסט.

און דאָס ליכט איבער דיזע אויפשריפט האָט זיך פּונקט יעדע האַלב
מינוט אויסגעלאָשען. און יעדעס מאָל האָט זיך עטוואָס אין מיר אָפּגעריס
און א געהיימע שטימע האָט יעדעס מאָל מיר געעגבערט אין מוח „נאָך אי
נער געשטאָרבען", „נאָך איינער געשטאָרבען".

קאָנסאָמפּשאָן. דאָס איינציגע וואָרט איז גענוג ארויסצורופען א
געדאנק פון יעדען פון אונז א בעשטימטעס און דייטליכעס בילד. די קראנ
הייט איז אזוי ווייט פערשפרייט, דאָס עס איז ניטאָ קיין איינציגער, וו
האָט ניט צווישען זיינע אייגענע בעקאַנטע קרבנות פון דיזער ווייסער פעס

אכציג פּראָצענט פון אלע מענשען, ספּעציעל צווישען די איינוואוינ
פון גרויסע שטעדט, זיינען ניט פריי פון דיזער קראנקהייט. גליקליכע
ווייזע איז די קראנקהייט אין די מעהרסטע מענשען ניט גענוג ענטוויקעל

י באַצילען, וואָס פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט, זיינען ערגעץ וואו איינ-
עשלאָסען אין אונזער קערפּער און אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען געזונד, אַזוי
לאַנג ווי אונזער קערפּער האָט גענוג ווידערשטאַנדס־קראַפט אין זיך קע-
ען דיזע באַצילען אונז קיין גרויסען שאָדען ניט טאָן. אָבער ווי נאָר מיר
ווערען אָפּגעשוואַכט, אַזוי שנעל ווי דער ווידערשטאַנד־קראַפט פון אונ-
ער קערפּער ווערט קלענער, טשוכען זיך דיזע באַצילען אויס פון שלאָף,
פיהלען ניט מעהר קיין שטערונג פאַר זייער ענטוויקלונג און פאַנגען אָן זיי-
נר צושטערונגס־אַרבייט.

עס איז דאַרום פון העכסטער וויכטיגקייט, דאָס יעדער פון אונז
אָל זיין בעקאַנט מיט דעם גאַנג און ענטוויקלונג פון דיזער קראַנקהייט
און וויסען וואָס מיר קענען טאָן אום זיך אויסצוהיטען פון איהר און וואָס
מיר דאַרפען טאָן, ווען מיר האָבען שוין געקראָגען די קראַנקהייט, צו פער-
היטען זי זאָל זיך ניט מעהר ענטוויקלען.

ליידער בעציהען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג די מעהרסטע „געזונדע"
מענשען צו די קאָנסאָמפּטיוו ווי צו די קרעציגע, און מיידען אויס צו שטעהן
אין זייערע פיער איילען. דער רעזולטאַט איז, דאָס די קאָנסאָמפּטיוו זו-
כען צו פערבאָרגען זייער קראַנקהייט, זיי בעהאַלטען זיך דערמיט, און ווען
איינער פערדעכטיגט, דאָס ער ליידעט פון דער ווייסער פּעסט, מיידעט ער
אויס צו געהן צו אַ דאָקטאָר טאָמער וועט יענער בעשטעטיגען דאָס וואָס
נר אַליין פערדעכטיגט.

דער רעזולטאַט דערפון איז, דאָס פיעלע, וואָס וואָלטען געקענט לייכט
אָפּשטעלען די ענטוויקלונג פון זייער קראַנקהייט, ווען זיי וואָלטען דאָס
פריה אָנגעפאַנגען, פערנאַכלעסיגען דאָס און פערבאָרגען זייער צושטאַנד
אַזוי לאַנג ווי מעגליך. ווען עס איז שוין מעהר ניט מעגליך צו פערבאָר-
ען איז שוין געוועהנליך אויך צו שפּעט צו טאָן עטוואָס פאַר'ן אונגליקליכען.

און אין דער זעלבער צייט, דערפאַר וואָס ער האָט זיך געהיט, מען
אָל איהם חלילה ניט חושד זיין, דאָס ער טראָגט אין זיין קערפּער פערבאָר-
ען גאַנצע אַרמעען פון טובערקולאָזיס באַצילען, האָט ער אויך אָנגעשטעקט
נדערע מענשען מיט זיין קראַנקהייט.

דער שטילער חרם פון די „געזונדע" אויף די קאָנסאָמפּטיווס אין
ער האָפענונג, דאָס זיי די „געזונדע" וועלען זיך ניט אָנשטעקען פון די
קראַנקע איז דאַרום אַן אונגליק פאַר ביידען. עס צווינגט די קראַנקע צו
פערנאַכלעסיגען זייער קראַנקהייט ביז עס איז צו שפּעט זיי צו העלפען,

און אין דער זעלבער צייט צווינגט עס די קראַנקע זיך ניט צו היטען און אַנשטעקען פיעלע פון די, מיט וועלכע זיי קומען אין בעריהרונג.

ניט ווילענדיג און פיליייכט אַליין ניט וויסענדיג נעהמען די קאָנסאָמפּ-טיווס אַ שרעקליכע ראַכע אָן די „געזונדע" פאַר דעם, וואָס מען היט זיך פאַר זיי ווי פאַר קרעציגע און דאָס העלפט אימער צו פערגרעסערען די צאָהל קרבנות פון דער ווייסער פּעסט.

אויב מיר זאָל געלינגען אויף וויפיעל עס איז אויפצוקלערען דיזען טעות, צו בעקענען כאָטש אייניגע לעזער פון דיזע ציילען נעהנטער מיט דער נאַטור פון דיזער קראַנקהייט, ווי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון איהר און וואָס צו טאָן אין פאַל איינער איז שוין אַ קרבן פון דער ווייסער פּעסט, וועל איך בעטראַכטען מיין אַרבייט אַלס אַן ערפאָלג.

ווען מען רעדט פון קאָנסאָמפּשאָן אָדער טובערקולאָזיס פערשטעהט דער געוועהנליכער לעזער, דאָס די קראַנקהייט איז אין די לונגען. אין דער אמת'ן איז לונגען-טובערקולאָזיס בלויז אַ טייל פון דער קראַנקהייט, וואָס ווערט בעצייכענט מיט דעם נאָמען טובערקולאָזיס.

די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט פון אַ געוויסען סאָרט באַצילע און דיזע באַצילען קענען אַטאַקירען אירגענד וועלכען טייל פון אונזע קערפּער.

אויף יעדען פּלאַץ, וואו אַ גרופּע באַצילען געפינען זיך, צושטערע זיי די געוועבען פון קערפּער און פעראורזאַכען אַ וואונד. די געוועבע אַרום דיזען פּלאַץ פּאָרמירען אַ שטאַרקע וואַנד אין אַ פערזוך צו פער שפּאַרען די באַצילען און זיי ניט לאָזען זיך פערשפּרייטען און אָנטאָן נאָ מעהר שאָדען, ווי זיי האָבען שוין אָנגעטאָן. די וואונד צוזאַמען מיט די זער פערהאַרטעוועטער וואַנד זעהט אויס ווי אַ קליינע פערהאַרטעוועט בלעזעל (אויף ענגליש טובערקעל) און דאַרום ווערט דיזע קראַנקהייט גע רופען „טובערקולאָזיס". דעם צווייטען נאָמען „קאָנסאָמפּשאָן" אָדע „שווינדזוכט", ווי די דייטשער רופען עס, האָט דיזע קראַנקהייט דערפאַ וואָס איהרע קרבנות ווערען שנעל אויסגעצערט און פערלירען זעהר פיע פלייש פון זייער קערפּער.

ווי שוין געזאָגט קענען די באַצילען אַטאַקירען אירגענד וועלכען טיי פון אונזער קערפּער און מיר האָבען טאַקע פיעלע סאָרטען טובערקולאָזיס

קראַנקע, גרופּירט לויט דעם טייל פון קערפּער, וואו די קראַנקהייט גע-
פינט זיך.

דאָ אָבער וועלען מיר רעדען פון לונגען־טובערקולאָזיס, ווייל בלויז
דיזע צווייג פון דער ווייסער פּעסט פערשטעהען אונזערע לעזער, ווען זיי
רעדען וועגען טובערקולאָזיס.

אונזערע לונגען.

אום צו פערשטעהן די ערנסטקייט פון לונגען־טובערקולאָזיס איז נוי-
טיג צוערשט האָבען אַ קלאָרען בעגריף וועגען אונזערע לונגען, וואָס זיי
זיינען, וואָס איז זייער אויפגאַבע און ווי אַזוי זיי ערפיהלען דיזע אויפגאַבע.

אין דעם קאַפּיטעל וועגען לונגען־ענטצינדונג האָבען מיר שוין גע-
האַט די געלעגענהייט צו בעשרייבען עטוואָס גענוי אונזערע לונגען. אום
צו פערשפּאָרען דעם לעזער די אַרבייט פון אויפזוכען יענע בעשרייבונג
וועלען מיר דאָ אין קורצען ווידערהאָלען אונזער בעשרייבונג וועגען די
לונגען.

מיר זיינען זיכער, דאָס יעדער פון אונזערע לעזער ווייס וואָס עס
הייסט אַ „טשאַד". אַן אויוועז, אום ער זאָל קענען גוט ברענען, מוז האָ-
בען אַ קוימען, דורך וועלכען עס ציהט זיך אַ לופט־צוג צו די קויהלען. ווען
דער קוימען איז פערמאַכט און קיין לופט קומט ניט צו צו די קויהלען קע-
נען זיי ניט ברענען. ווען דער קוימען איז פערשטאָפּט, אָדער ווערט פער-
מאַכט איידער די קויהלען האָבען אין גאַנצען אויסגעברענט, ווערט אַ טשאַד
אין הויז. די שעדליכע גאַזען, וואָס ווערען פּראָדוצירט בעת די קויהלען
ברענען, פילען אָן דאָס הויז און פערגיפטען די איינוואוינער, אויב יענע
רעטען זיך ניט בעצייטענס.

דער קוימען האָט דאַרום אַ צווייפאַכע אויפגאַבע: בעזאָרגען דעם
אויוועז מיט פרישע לופט אום די קויהלען זאָלען קענען ברענען און אוועק-
פיהרען די שעדליכע גאַזען, וואָס ווערען פּראָדוצירט ביים ברענען.

אונזערע לונגען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ קוימען פאַר אונזער
קערפּער. אין אונזער קערפּער ברענט אויך אַ שטענדיגעט פייער, אָבוואָהל
אָהן אַ פלאַם. די שפּייז, וואָס מיר עסען זיינען די קויהלען. דורך דיזען
פייער קריגען מיר אונזער ווארעמקייט און די ענערגיע צו בעוועגען זיך
און טאָן אַרבייט. אום דאָס פייער אין אונזער קערפּער זאָל קענען שטענ-
דיג אָנהאַלטען און ניט פערלאָשען ווערען מוזען מיר קריגען אַ שטענדיגען

שטראָם פון פרישע לופט. אזוי ווי ביים ברענען אין אונזער קערפּער ווע-רען אויך פּראָדוצירט שעדליכע גאזען מוזען זיי ארויסגעפיהרט ווערען פון קערפּער צו פערהיטען אונז פון פערגיפטונג. אונזער קערפּער נויטיגט זיך דארום אין א קוימען פונקט ווי א געוועהנליכער אויווען, און אונזערע לונ-גען ערפילען דיזע אויפגאבע פון קוימען און טאקע אויף דעם זעלבען שטייגער.

ווי אזוי טוען זיי דאָס? וועט איהר פרעגען. אָט ווי אזוי:

די לונגען זיינען צוויי גרויסע זעק, וואָס געפינען זיך אין ברוסט-קאסטען. זיי פילען אוים כמעט די גאנצע אויבערשטע העלפט פון אונ-זער קערפּער, לאָזענדיג קוים פּלאַץ געגוג פאר'ן הארץ און ושט (עסאָפאגוס) אָדער שפּייז-רעהר, וואָס ציהט זיך פון מויל צום מאָגען. יעדע לונג בעשטעהט פון פיעלע קלייניגקע צוויי-גאָרענדיגע זעקלאך. די אונטערשטע טיילען פון דיזע זעקלאך שטעהען אין פערבינדונג מיט די בלוט-אָדערען פון הארצען און דאָס גאנצע בלוט פון קערפּער שטראָמט דורך דורך זיי יעדע 27 סע-קונדען. די אויבערשטע טיילען פון די זעקלאך שטעהען אין פערבינ-דונג מיט דער גרויסער לופט-רעהר, וואָס ציהט זיך פון מויל ביז צו די לונגען.

צווישען די צוויי טיילען פון יעדען זעקעלע געפינט זיך א דינינקע הייטעלע און דורך דיזע הייטעלע גיט דאָס בלוט אָפּ די שעדליכע גאזען, וואָס עס נעהמט צונויף שטראָמענדיג דורך'ן קערפּער און נעהמט אויף פרישע לופט מיט פיעל זויער-שטאָף אויף צו צוטיילען צו די צעלען פון קערפּער, ווען דאָס בלוט מאַכט די נעקסטע רייזע דורך די בלוט-רעהרען.

יעדעס מאָל וואָס מיר אטעמען איין נעהמען מיר אויף פרישע לופט פאר'ן בלוט אין די לונגען, יעדעס מאָל וואָס מיר אטעמען אוים ווערען מיר פּטור פון א טייל פון די שעדליכע גאזען, וואָס דאָס בלוט האָט צוזא-מענגענומען פון קערפּער און געבראכט צו די לונגען.

ווען די לופט-זעקלאך פון די לונגען ווערען פערשטאָפּט האָבען מיר אין אונזער קערפּער דעם זעלבען צושטאנד ווי אין אן אויווען ווען דער קוימען ווערט פערשטאָפּט — דאָס פייער קען ניט ברענען און די שעדליכע גאזען פון אויווען פעראורזאַכען א טשאד און דערשטיקען אָדער פערגיפטען די איינוואוינער פון הויז — דאָס פייער פון אונזער קערפּער קען ניט ברע-נען און די שעדליכע גאזען, וואָס דער קערפּער פּראָדוצירט דערשטיקען

אָדער פערגיפטעטן די צעלען פון אונזער קערפּער. די ענדע פון אויוועןאיז, דאָס ער וועט פערלאָשען, די ענדע פון דעם קערפּער אין זעלבען צו-שטאנד איז — ער שטארבט.

אונזער בילד פון די לונגען, וועט אָבער ניט זיין פאָלקאָם אָהן אַ קור-צע בעשרייבונג ווי אזוי די איינציגע לופט־זעקעלאך שטעהען אין פער-בינדונג מיט דער גרויסער לופט־רעהר, וואָס געפינט זיך אין אונזער האלז.

ווען מיר אטעמען איין לופט דורך דער נאָז לויפט דער שטראָם דורך די אונטערשטע טייל נאָז און גרייכט די טייל פון אונזער האלז, וואָס איהר קענט זעהן אין אונטערגרונד פון מויל. דאָרטען טרעפט דער לופט־שטראָם אן אָפענער רעהר און אזוי ווי דאָס איז די איינציגע עפענונג אין יענעם פּלאַץ מוז די לופט זיך אהין ארייננכאפּען.

דיזע עפענונג איז דער אָנפאנג פון דער גרויסער לופט־רעהר. אום די רעהר זאָל זיין שטענדיג אָפען איז זי בעזאָרגט מיט רייפען פון „קאר-טילעדזש” (כראָמשקע), וואָס מאכען שטייף די פאָדערשטע און זייטיגע טיילען פון דער רעהר. ווען מיר עסען אָדער טרינקען ווערט די אויבער-שטע עפענונג פון דער רעהר פערשטעלט אום די שפּייז אָדער וואסער זאָל זיך ניט ארייננכאפּען אין איהר.

דיזע איינציגע לופט־רעהר ציהט זיך ביז די אויבערשטע טייל פון אונזער ברוסט־קאסטען. געגענאיבער די צווייטע פּאָר ריפּען צוטיילט זיך דיזע רעהר אין צוויי צווייגען, אַ צווייג פאר יעדע לונג. דיזע עטוואָס קלע-נערע רעהרען, אויף זייער וועג דורך די לונגען גיבען ארויס פון זיך פיעלע קלענערע רעהרען, יענע גיבען ארויס פון זיך נאָך קלענערע רעהרען און אזוי פערצווייגט זיך דיזע סיסטעמע פון לופט־רעהרען אין אלץ קלענערע און דינערע רעהרלאך ביז זיי ענדיגען זיך אין גרופּעס איינפאכע לופט־זעקע-לאך ווי מיר האָבען אויבען בעשריבען.

די אינערליכע טיילען פון דיזע לופט־רעהרען זיינען בעזאָרגט מיט אַ שליימיגע הויט, וואָס האלט אין איין ארויסגעבען פון זיך אַ שליימיגע פליסיגקייט צו האלטען שטענדיג פייכט דעם וועג, דורך וועלכען די לופט געהט דורך.

די צעלען פון דיזער שליימיגער הויט זיינען אויך בעזאָרגט מיט קליינע הערעלאך, וואָס שטעקען ארויס אין דער רעהר ווי גראבליעס און

כאַפּען אויף שטיקלאַך שטויב און אויך מאַנכע באַצילען, וואָס די לופט האָט פערשלעפּט.

פון וואַנען נעהמט זיך קאָנסאַמפּשאַן?

מיר ווייסען שוין יעצט, דאָס טובערקולאָזיס ווערט פעראורזאַכט פון אַזעלכע קליינינקע בעשעפּעניסע, וואָס מיר רופען באַצילען. אָבער פון וואַנען נעהמען זיך דיזע באַצילען? וואו געפינט זיך ערגעץ דער אונער-שעפּפליכער קוואַל, פון וואַנען דיזע באַצילען קומען? ווער בעזאָרגט עס דיזע קליינע מחבלים אין אַזאַ ריעזיגע צאָהל צו טויטען מיליאָנען מענשען?

ווי אַזוי די ערשטע באַצילען זיינען בעשאַפען געוואָרען אָדער האָ-בען זיך ענטוויקעלט דאָס ווייסען מיר ניט. פּונקט ווי מיר ווייסען ניט ווי אַזוי דאָס ערשטע איי, פון וועלכע די ערשטע הון איז געקומען, האָט זיך בעוויזען אויף דער וועלט. וואָס מיר ווייסען יע איז, דאָס דער קוואַל פון וואַנען די באַצילען קומען יעצט, געפינט זיך אין די קערפּערס פון די מענשען, וואָס ליידען פון דער קראַנקהייט. די מענשען זעלבסט שטעלען צו די באַצילען פאַר זייער אייגענער פערניכטונג.

איינער, וואָס ליידעט פון טובערקולאָזיס אין די לונגען, טראָגט אַרום אין זיינע לונגען מיליאָנען פון די באַצילען און האַלט אין איין שאַ-פען נייע מיליאָנען אויף'ן אָרט פון די, וואָס פערלאָזען זיין קערפּער. דיזע באַצילען געפינען זיך אויך אין די ליחות, „שפּייעכץ" פון'ם קראַנקען, און ווען ער איז ניט פאָרזיכטיג מיט זיין הוסטען און שפּייט וואו ער גע-פינט זיך אין גאַס אָדער הויז שיקט ער אַרוים אין דער פרייער וועלט צוזאַמען מיט זיין שפּייעכץ און מיט די פייכטקייט פון זיין מויל ביים הוס-טען גאַנצע רעגימענטען באַצילען. דיזע מישען זיך אוים מיט'ן שטויב און דער ווינד צוטראָגט זיי אויף זיינע פליגעל און ברייננגט זיי צו אונז אַלס מתנה פון דעם אונפאָרזיכטיגען קראַנקען.

ווי אַזוי די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך.

דיזע שטויב צוזאַמען מיט די באַצילען אָטעמען מיר איין, ספּעציעל ווען מיר געפינען זיך נאָהענט צו די נאַכלעסיגע מענשען, וואָס ליידען פון דער קראַנקהייט. די צעלען מיט די הערעלאַך, וואָס שטעקען אַרוים ווי גראַבליעס פון די ווענד פון אונזער לופט-רעהר, טרייען צו פערהאַלטען דעם שטויב מיט די באַצילען. אָבער ניט אַלע מאָל געלינגט עס זיי. דיזע באַצילען,

דאַרפט איהר וויסען, זיינען זעהר קליין און ערשט, ווען מען פערגרעסערט זיי טויזענד מאָל מיט א מיקראָסקאָפּ, קען מען זיי קוים דערזעהן.

די באַצילען גנב'ענען זיך דאָרום דורך די לופט־רעהר און בעהאַלטען זיך אין די לופט־זעקעלאך פון די לונגען אָדער אין די ענגערע קליינינקע לופט־רעהרען נאָהענט צו די לופט־זעקעלאך.

אין די לונגען פיהלען זיי זיך גאַנץ בעקוועם. די וואַרעמקייט פון קערפּער איז פּאַר זיי פּונקט ווי געוואונשען, זיי האָבען אויך גענוג פרישע לופט און שפּייז, און זיי לעב'ען א גוטען טאָג און פערמעהרען זיך מיט אַן אונגעהייערע שנעלקייט. דאַביי פרעסען זיי אויף און צושטערען די געוועבע פון די לונגען און זאמלען אָן אין זייערע קערפּערס געוויסע גיפטען. דאָס לעבען פון די באַצילען איז זעהר קורץ און ווען זיי שטאַרבען ווערען די גיפטיגע מאַטעריאַלען פון זייערע קערפּערס פערשפּרייט דורך'ן בלוט פון אונזער אייגענעם קערפּער.

ווען די באַארד אָוו העלטה און אַלע די, וואָס בעקעמפען טובערקולאָזיס, וואַרנען ניט צו שפּייען אין עפענטליכע פּלעצער איז דאָס אַלזא ניט קיין קאַפּריז פון זייער זייט. דאָס נאַכלעסיגע שפּייען אין עפענטליכע פּלעצער און אפילו אין פּריוואַטע הייזער איז דער הויפּט־קוואַל, דורך וועלכע די באַצילען, וואָס פעראורזאַכען קאָנסאָמפּשאָן, פערשפּרייטען זיך פון איין מענשען צום אַנדערען.

א צווייטער וועג ווי די טובערקולאָזיס־באַצילען אַטאַקירען אונז, ספּעציעל די קליינע קינדער, איז דורך די מילך פון די בהמות, וואָס ליידען פון טובערקולאָזיס.

די באַצילען, וואָס פעראורזאַכען טובערקולאָזיס אין בהמות, זיינען עטוואָס אַנדערש ווי די, וואָס פעראורזאַכען די זעלבע קראַנקהייט ביי מענשען. אויף ערוואַקסענע מענשען האָבען דיזע באַצילען פון די בהמות קיין ווירקונג ניט, אָבער אויף קינדער ווירקען זיי יע, און ווען א קינד ווערט נעהאָדעוועט מיט מילך פון א בהמה, וואָס ליידעט פון קאָנסאָמפּשאָן, איז דאָס קינד אין גרויס געפאַהר קראַנק צו ווערען פון טובערקולאָזיס.

אין דיזע פאַל קומען די באַצילען צוערשט אין מויל, מאָגען און קישקעס און פון דאָרטען ווערען זיי צופיהרט איבער די אַנדערע טיילען פון קערפּער.

ווען די שטאָדט און סטייט־בעאמטע זיינען דאָרום שטרענג מיט דער אויפּפּאַסונג אויף מילך־פאַרמס און אויף אַלע, וואָס האַנדלען מיט

מילך. ווען זיי פערדאמען אמאָל און פערניכטען א סען מילך ביי אן אָרע־מען גראָסערי מאן מיינט ניט, אז זייער איינציגער צוועק איז צו רואינירען דעם אָרעמען מילך־הענדלער. בעטראַכט זיי ניט אלס אייערע שונאים, פערקעהרט איהר דאַרפט זיי העלפען אין זייער פערזוך צו פערהיטען אונ־זערע קליינע קינדער פון די פערשיידענע קראנקהייטען, וואָס זיי קענען קריגען דורך אונריינע מילך.

קינדער גלייכען אויך צו קריכען אויף דער ערד און נעהמען אין מויל אריין יעדע זאַך, וואָס זיי געפינען. אין א הויז, וואו עס געפינט זיך א קאָנסאָמפּטיוו, וואָס איז ניט פאָרזיכטיג און שפייט וואו ער שטעהט און געהט, איז זיכער, אז דאָס קינד וועט פריהער אָדער שפּעטער נעהמען אין מויל עטוואָס, וואָס וועט האָבען אויף זיך באצילען פון קראנקען'ס ליחות אָדער שפייעכץ. אין דיזען פאַל קריגט דאָס קינד אין מאָגען באצילען, וואָס פעראורזאכען טובערקולאָזיס אין מענשען ניט אין בהמות. די גע־פאהר פאר'ן קינד אין דיזען פאַל איז פיעל גרעסער.

ערוואקסענע מענשען קענען אויך קריגען טובערקולאָזיס באצילען דורך עסען שפייז, וואָס קומט פון קאָנסאָמפּטיוו בהמות, אָדער שפּייז. וואָס איז פערפעסטעט געוואָרען דורך די הענט פון נאַכלעסיגע קאָנסאָמפּ־טיוו מענשען, זיכער, בעקער א. ד. גל.

פערשיידענע פאָרמען פון לונגען־טובערקולאָזיס.

ניט אלע קאָנסאָמפּטיווס זיינען גלייך קראנק און ניט אלע, וועמעס לונגען ווערען אָנגעגריפען פון די טובערקולאָזיס באצילען, האָבען די זעל־בע ענדע.

פאראן א פאָרמע פון דער קראנקהייט, וואָס שיינט אויסצוקלייבען־גראָדע די געזונדע און שטאַרקע מענשען, וואָס וואָלטען דאכט זיך געדאַרפט קענען ווידערשטעהן די אטאַקעס פון אלע סאָרטען באצילען. די וועג, דורך וועלכע דיזע פאָרמע פון דער קראנקהייט גרייפט אָן דעם מענשען איז, ווען ער „כאפט" א קאַלטען צוג־ווינט אין צייט ווען זיין קערפּער איז בע־דעקט מיט שוויים.

אין אָנפאנג שיינט עס צו זיין אן איינפאכע לונגען־ענטצינדונג און ערשט אין צעהן צוועלף טעג ארום געפינט מען אוים די אמת'ע נאַטור פון דער קראנקהייט. אָבער דער קראנקער איז שוין דאן יעדענפאלס א פער־

לאַרענער. פון צוויי ביז פיער וואָכען איז די לענגסטע צייט, וואָס דער אונגליקליכער ציהט ביז ער ווערט ערלייזט פון זיינע ליידען.

פאַראַן אַ צווייטע פאָרמע פון לונגען־טובערקולאָזיס, וואָס מען בע־צייכענט מיט׳ן נאָמען „גאַלאָפּינג קאָנסאָמפּשאָן". דער נאָמען אַליין זאָגט דייטליך, דאָס די קראַנקהייט דויערט ניט לאַנג. די הויפּט־כאַראַקטערים־טיק פון דיזער פאָרמע טובערקולאָזיס איז, דאָס דער אונגליקליכער ווערט שרעקליך שנעל אויסגעצערט. פון טאָג צו טאָג פערלירט ער געוויכט, ער געהט פּשוט אויס פאַר אייערע אויגען.

די מעהרסטע קאָנסאָמפּטיווס ליידען אָבער פון אַ פאָרמע טובער־קולאָזיס, וואָס די דאָקטוירים בעצייכענען מיט׳ן נאָמען כראָניש. און מיט דיזע וועלען מיר זיך אינטערעסירען אויף דיזען פּלאַץ. די אונגליק־ליכע פון די ערשטע צוויי קלאַסען קענען מיר ווענינ וואָס העלפען. העכ־סטענס קען מען פערלייכטערען זייערע ליידען אין דער קורצער צייט, וואָס זיי איז נאָך געבליבען צו מוטשען זיך אויף דיזער וועלט. די כראָנישע קראַנקע אָבער קענען, אונטער גינסטיגע אומשטענדען, לעבען פיעלע יאָה־רען, אריבערלעבען פיעלע געזונדע מענשען, אויב זיי ווייסען זיך נאָר ווי אָפּצוהיטען. עס זיינען אויך דיזע כראָנישע קראַנקע, ווען זיי ווייסען זיך ניט ווי אָפּצוהיטען, וואָס זיינען די בעסטע אגענטען פון קאָנסאָמפּשאָן מלאך המות און די גרעסטע געפאַהר פאַר זייערע מיטמענשען, ווייל אין די פיעלע יאָהרען פון זייער לעבען האָבען זיי אַ געלעגענהייט אָנצושטעקען הונדערטע מענשען, מיט וועמען זיי קומען אין בעריהרונג.

די ערשטע סימנים פון דער קראַנקהייט.

ווען מען זאָגט אַ דורכשניטליכען פּראָסטען מענשען, דאָס אַ גע־וויסער פערזאָן ליידעט פון קאָנסאָמפּשאָן, איז די ערשטע פראַגע, וואָס ער שטעלט אייך: „שפּייט דער פערזאָן מיט בלוט?".

„שפּייען מיט בלוט" אָדער אַ בלוט־שטורץ איז ביים פּראָסטען עולם אָנגענומען אַלס דער ערשטער און זיכערסטער סמן פון טובערקולאָזיס און אַזוי לאַנג ווי איינער שפּייט נאָך ניט מיט בלוט איז ער נאָך ניט ערנסט קראַנק.

דער אמת איז, דאָס אַ בלוט־שטורץ איז זעלטען ווען דער ערשטער, ניט אַלע מאָל דער וויכטיגסטער, און מאַנכעס מאָל איבערהויפּט גאָר קיין סימן ניט פון דיזער קראַנקהייט. דאָס איינציגע גוטעס, וואָס קומט אַרויס

פון דיזער בלוט־שטורץ איינרעדעניש איז, דאָס ווען איינער דערזעהט ביי זיך א בלוט־שטורץ, ווי קליין דאָס זאָל ניט זיין, ווי וועניג בלוט ער זאָל ניט פערלירען, דערשרעקט ער זיך גלייך און לויפט צו א דאָקטאָר. אין מאנכע פעלע איז אלזאָ דער בלוט־שטורץ אן אמת'ער גליק פאר'ן פאציענט.

אין פיעלע פעלע, ספּעציעל ביי אזעלכע מענשען, וואָס קענען זיך ניט ערלויבען צו מאכען א וועזען פון יעדע לייכטע קראנקהייט, אָדער סטאָ-פען פון דער ארבייט און בעזוכען א דאָקטאָר יעדעס מאָל, ווען זיי פיהלען עפּעס ניט מיט אלעמען, גנב'עט זיך דיזע קראנקהייט אריין אונבעמערקט. דער קראנקער פיהלט, אז ער איז ניט געזונד, אָבער וואָס איהם פעהלט קען ער בעשטימט ניט זאָגען, ער קען ניט אָנצייגען אויף קיין איינציגען אבר, וואָס זאָל איהם וועה טאָן מעהר ווי אן אנדערער און דענקט, אז ער איז פשוט פויל צו דער ארבייט.

ווען ער דערפיהלט שוין א וועהטאָג, וואָס איז שטארק גענוג, דאָס ער בעשליסט צו געהן צו א דאָקטאָר, האָט שוין די קראנקהייט געוועהנליך ווייט פּראָגרעסירט און די באצילען האָבען שוין געמאכט א היבשען חרבן אין זיינע לונגען.

אין די מעהרסטע פעלע פאנגט זיך די קראנקהייט אָן מיט אן איינ-פאכען „קאָלד". דער צוקונפטיגער קאָנסאָמפּטיוו ליידעט, ווי ער גלויבט, פון א פערנאכלעסיגטען קאָלד, פון וועלכען ער קען ניט פּטור ווערען.

ביי דער קלענסטער געלעגענהייט, וואָס שאדעט קיינעם ניט, „כאפּט ער א קאָלד". דאן אזוי שנעל ווי ער קיהלט זיך שטארק צו, ספּעציעל אין א נאסען וועטער, פאנגט ער אָן שטארק צו הוסטען. דאָס הוסטען פער-שאפט איהם זעהר פיעל אונאנגענעהמליכקייטען און ער געהט געוועהנליך צו א דאָקטאָר בעטען א מיטעל צו סטאָפּען דאָס הוסטען. דער דאָקטאָר עקזאמענירט די לונגען פון זיין פאציענט און געפינט דאָרטען סמנים פון טובערקולאָזיס.

די ערשטע סמנים פון דיזער קראנקהייט זיינען אָפטמאָל אזעלכע, וואָס האָבען דאכט זיך קיין שום שייכות ניט צו די לונגען. די קראנקהייט קען זיך אָנפאנגען מיט סמנים פון מאָגען־טראָבעל, דער קראנקער ברעכט, זיין מאָגען קען ניט פערטראָגען קיין שפּייז און דער קראנקער זוכט געוועהנ-ליך א רפואה צום מאָגען און וויים ניט, אז דער מאָגען־טראָבעל איז בלויז אן אויסדרוק פון דער קראנקהייט, וואָס ער האָט אין די לונגען.

אין אנדערע פעלע פאנגט זיך די טובערקולאָזיס אָן מיט סימנים פון מאלעריא. דער קראנקער האָט פיבער, אָבער אָבוואָהל די אינערליכע היץ פון זיין קערפּער איז פיעל העכער ווי געוועהנליך, ווארפט איהם א ציטער אָן א ציטער פאר קעלט. דיזער צושטאנד האלט אָן א קורצע צייט און דאן ווערט איהם ווארעמער, א שוויים בעדעקט זיין גאנצען קערפּער, מאנכעס מאָל באָדט ער זיך איינפאך אין שוויים און ער שלאָפט דאן איין.

דיזער צושטאנד ווידערהאָלט זיך יעדען טאָג אָדער יעדע צוויי טעג און די דאָקטוירים פערדעכטיגען געוועהנליך, דאָס דער קראנקער ליידעט פון מאלעריא און בעהאנדלען איהם פאר דיזער קראנקהייט. אמאָל טרעפט טאקע, אז מאלעריא און טובערקולאָזיס פאנגען זיך גלייכצייטיג אָן, אין פיעלע פעלע אָבער ווערט דער פיבער, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר מאלעריא, פערורזאכט פון טובערקולאָזיס באצילען.

דער ערשטער סימן פון טובערקולאָזיס קען אויך זיין א הייזעריגקייט, ווען די באצילען גרייפען פריהער אָן דעם האלז און די שטים־בענדער (די פאלדען פון האלז, וואָס וויברירען בעת מיר רעדען).

אָפטמאָל דערוויסט זיך דער פאציענט, דאָס ער איז קראנק ערשט דאן, ווען ער האָט א בלוט־שטורץ. געוועהנליך פאסירט דער ערשטער בלוט־שטורץ ביינאכט. אָהן שום ווארנונג דערפיהלט דער פערזאָן, דאָס זיין מויל ווערט פול מיט א ווארעמע געזאלצענע פליסיגקייט. די אָנזיכט פון בלוט דערשרעקט זעהר יעדען קראנקען, ספּעציעל די וואָס גלויבען, דאָס א בלוט־שטורץ איז דער ערגסטער סימן פון טובערקולאָזיס.

שרעק און אנגסט איז זעהר שעדליך פאר די וואָס ליידען פון שווינד־זוכט, און דארום וועל איך גלייך דאָ ערקלערען, דאָס א בלוט־שטורץ ביים אָנפאנג פון דער קראנקהייט איז זעהר זעלטען לעבענס־געפעהרליך. און איבערהויפּט קען א בלוט־שטורץ קומען פון אנדערע קראנקהייטען ניט נאָר פון טובערקולאָזיס.

אָבער ווען א בלוט־שטורץ ווערט יע פערורזאכט פון דיזער קראנק־הייט איז דאָס א זיכערער בעוויז, דאָס די קראנקהייט עקזיסטירט שוין א לענגערע צייט, ווייל אום דאָס בלוט פון די קליינע בלוט־אָדערען אין די לונגען זאָל זיך דורכשלאָגען א וועג ביז צום מויל, מוזען פריהער דורכ־געבראָכען ווערען די דינינקע ווענטעלאך, וואָס טיילען אָפּ די לופט־זעקט־לאך פון די קליינע בלוט־רעהרען פון די לונגען, און עס מוז נעהמען צייט איידער עס פאסירט. סיידען דער פערזאָן ליידעט פון א שטארקען הוסט,

און דורך די אָנשטרענגונג פון'ם שטענדיגען הוסטען פלאַצען די דינע וועג
טעלאַך. דאָס בלוט פילט דאן אָן די לופט־זעקעלאַך און צוזאַמען מיט ד'
לופט, וואָס מיר אָטעמען אויס געהט דאָס בלוט פון די קליינע לופט־זעק
לאַך דורך די קלענערע און גרעסערע לופט־רעהרען ביז עס גרייכט אונ
זער מויל.

עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע וועגען ווי אַזוי דיזע קראַנקהייט קען זיך
צערשט בעוויזען, עס וואָלט אָבער געווען שוין צופיעל זיך אַריינצולאָ
זען אין איינצעלהייטען זיי אַלע אויסצורעכענען. יענע סמנים זיינען יע
דענפאַלס בלויז פאַר געניטע דאָקטוירים צו דערקענען און פאַר דעם פשוט'
לעזער האָבען זיי קיין ווערט ניט.

די הויפּט־סימנים פון דער קראַנקהייט.

עס איז שווער אָנצוצייגען אויף איינעם אָדער איינגע פון די פיעל
סימנים פון קאָנסאָמפּשאָן און זאָגען אָט דיזע און ניט קיין אַנדערע זיינע
די זיכערע סימנים פון דער קראַנקהייט און יעדער, וואָס צייגט דיזע סימנים
איז אַ זיכערער קאָנסאָמפּטיוו. די ערשטע סימנים פון דער קראַנקהייט זיי
נען, ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעצייגט, אַזוי פערשיידען, דער גאַנ
פון דער קראַנקהייט איז אַזוי ניט עהנליך אין אַלע פעלע, דאָס בלויז נאָך
אַ גענויער אונטערזוכונג אָדער נאָך איינגע אונטערזוכונגען קען אַ דאָק
טאָר מיט בעשטימטהייט זאָגען: ביי דיזען מענשען ענטוויקעלט זיך יעצ
דיזע קראַנקהייט, וואָס מיר רופען קאָנסאָמפּשאָן.

ספּעציעל ווען מען נעהמט אין אַכט, וואָס עס מיינט פאַ
אַ מענשען זיך צו דערוויסען, דאָס ער ליידעט פון דער ווייסער פּעסט
דאַרף מען זיכער זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט'ן ארויסגעבען דיזען אורטייל
וואָס קען מיינען אַ רואינע פאַר'ן פּערזאָן און פיליכט אויך פאַר זיי
פאַמיליע.

אין דער זעלבער צייט איז אָבער וויכטיג, אַז די ריכטיגע „דייענ
נאָזיס" זאָל געמאַכט ווערען וואָס אַם פריהסטען, ווייל ווען די קראַנקהיי
ווערט פערכאַפּט ביים אָנפאַנג פון איהר ענטוויקלונג איז ניט שווער אי
גאַנצען אויסצוהיילען דעם קראַנקען.

דער דאָקטאָר געפינט זיך דארום אין אַ זעהר אונאַנגענעהמער לאַגע
ווען ער פערדעכטיגט בלויז, דאָס זיין פּאַציענט ליידעט פון טובערקולאָזי
אין די לונגען און ער קען ניט אויסגעפינען דורך זיין אונטערזוכונג גענו

מנים, וואָס זאָלען דיזען פערדאַכט בעשטעטיגען. דאָס וועט אייך פּי-
יכט אויף ערקלערען וואָרום איין דאָקטאָר וועט אמאָל ערקלערען א פּאַ-
ענט פאַר קאָנסאָמפּטיוו, וועהרענד א צווייטער דאָקטאָר וועט דעם זעל-
ן פּאַציענט אין זעלבען טאָג ערקלערען, דאָס ער האָט ניט קיין סימן
ן דער קראַנקהייט. דער ערשטער דאָקטאָר וויל זיין אויף דער זיכערער
ט. ער דענקט, אַז די גוטע שפּייז, פרישע לופט און א ריינערע אומ-
בונג, וואָס זיין פּאַציענט וועט געניסען, וועלען איהם יעדענפאַלס ניט
אַדען. דער צווייטער דאָקטאָר וויל פערמיידען דעם פּאַציענט אומזיסטע
גסט און ליידען, וואָס זיין, דעם דאָקטאָר'ס, אורטייל וועט פערשאַפען
ם אונגליקליכען און ער וויל פריהער זיכער זיין, דאָס דער פּאַציענט ליי-
ט פון דער קראַנקהייט איידער ער ערלויבט זיך דאָס צו זאָגען מיט גע-
סהייט.

עס זיינען דאָ אָבער איניגע סמנים, וואָס דער פּאַציענט זעלבסט
ן לייכט בעמערקען און וואָס וועלען כמעט יעדען דאָקטאָר מאַכען מעהר
בלויז פערדעכטיגען דיזע קראַנקהייט. ווען א פּערזאָן פיהלט זיך ניט
ט אלעמען, שוואַך, מוטלאָז, אָהן אַפּעטיט, און אין אלגעמיין עפּעס ווי
ניט-אויסגעשלאָפענער און ער האָט דערצו קיין ספּעציעלע אורזאַכע ניט,
ן ער האלט נאָך דערצו אין איין פערלירען געוויכט, פיהלט זיך פיבעריש
רען אבענד און שוויצט זעהר ווען ער שלאָפט, דיזער מענש דאַרף גלייך
הן צו א ספּעציאַליסט אין לונגען-קראַנקהייטען. אין די מעהרסטע פּע-
וועט זיך אַרויסצייגען, דאָס דער מענש טראָגט זיך אַרום מיט גאַנצע
גימענטען טובערקולאָזיס באַצילען אין זיינע לונגען.

מעדיצינישע בעהאַנדלונג פאַר קאָנסאַמפּטיווס.

זייט מענשען זיינען בעקאַנט מיט דיזער קראַנקהייט נאָך איידער מען
ט געוואוסט, דאָס טובערקולאָזיס ווערט פעראורזאַכט פון א בעשטימטען
רט באַצילען, נאָך איידער מען האָט איבערהויפּט געוואוסט, דאָס עס
קזיסטירען אזעלכע בעשעפענישען ווי באַצילען, האָבען מענשען שוין גע-
ט מיטלען ווי אזוי צו בעקעמפען דיזע קראַנקהייט.

הונדערטע טויזענדע וויסענשאַפטס-מענשען האָבען מקריב געווען זיי-
גאַנצעס לעבען אויפצוזוכען מיטלען ווי צו קורירען טובערקולאָזיס, אָבער
דער אָהן ערפאָלג.

דער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי, זאָגט אַ גלייכוואָר
און די הונדערטע טויזענדע ליידענדע פון דער ווייסער פּעסט זיינען אַלע מאָ
געווען בערייט זיך אָנצוכאַפּען אָן יעדע נייע זאַך, וואָס האָט זיי פערשפּר
כען הילף. זיי זיינען אויך בערייט גוט צו בעצאָהלען פאַר יעדע ני
„רפואה" צו קאָנסאָמפּשאָן.

ספּעציעל צוליב דעם לעצטען פּונקט זיינען פון צייט צו צייט ער
שינען „ערפינדער" פון אַ „זיכערע רפואה" פאַר טובערקולאָזיס. יעדע פ
דיזע „זיכערע רפואות" האָט זיך נאָך אַ גענויע אונטערזוכונג ארויסגעציי
צו זיין ווערטלאָז, וואָס אנבעלאַנגט דאָס היילען פון טובערקולאָזיס — מאַ
כע „רפואות" האָבען זיך גראָדע ארויסגעצייגט צו זיין ווערטפאָל פאַר זי
ערע ערפינדער.

אויך יעצט געפינט מען אויף דעם אַפּטייק־מאַרק ארום פינף הו
דערט פערשיידענע מעדיצינען, וואָס, ווען מען זאָל גלויבען די מאַנופע
ט'שורערס, קענען פאָלקאָם געזונד מאַכען יעדען קאָנסאָמפּטיוו.

שטאַרק ווי עס ווילט זיך ניט ענטווישען די אונגליקליכע, וואָס לי
דען פון דיזער קראַנקהייט, מוזען מיר אָבער דאָ ערקלערען, דאָס ביז יעצ
האָט די מעדיצינישע וויסענשאַפט נאָך ניט אויסגעפונען קיין איינצי
מעדיצין, אין דער פאָרמע פון אַ פּיל אָדער וואַסער, וואָס זאָל העלפען ג
גען די טובערקולאָזיס־באַצילען. אַלע מעדיצינען, וואָס מען פערקויפ
אַלס „זיכערע רפואה געגען טובערקולאָזיס" זיינען ווערטלאָז אָדער פּש
שעדליך. אין יעדען פאַל ראַטען מיר יעדען אונגליקליכען, וואָס ליידע
פון טובערקולאָזיס, צו וויכען פון דיזע רפואות ווי פון אַ פּעסט.

אָט האָט איהר אַ ביישפּיל פון אַזאַ זיכערע רפואה געגען טובערק
לאָזיס:

די באָארד אָוו העלטה האָט מיט אַ צייט צוריק פערקלאָגט די מ
נופעקטשורערס פון אַ געוויסע מעדיצין, וואָס ווערט פערקויפט אַלס אַ „
כערע רפואה" פאַר קאָנסאָמפּשאָן (טובערקולאָזיס אין די לונגען). ד
פּרייז, וואָס די מאַנופעקטשורערס פערלאַנגען, פאַר אַ קליין פלעשעלע
זייער מעדיצין איז פופצעהן דאָלאַר (די קאָסטען צו מאַנופעקטשורען אַ
באָטעלע מעדיצין, ווי מען האָט אויסגעפונגען, איז ניין סענט). אָבער וו
פאַר אַ ראָלע שפּילט פופצעהן דאָלאַר פאַר אַ „זיכערע רפואה" פאַר ד
שרעקליכער ווייסער פּלאָג? די צעהנדליגע טויזענדע קאָנסאָמפּטיווס וו

לען מיט צופרידענהייט בעצאָהלען אייניגע מאָל צו פופצעהן דאָלאַר פאַר אזא מעדיצין. די מאנופעקטשורערס האָבען דארום געפונען א פּרוכטבאַ- רען מארק פאר זייער „רפואה" און האָבען געשארט געלט מיט די לאָפּעטעס.

א כעמישע אונטערזוכונג פון זייער וואונדערבארע מעדיצין האָט בעוויזען, אז זי האָט אזא ווירקונג צו היילען לונגען-טובערקולאָזיס, ווי די בעריהרונג פון קעניג'ס מאנטעל האָט א ווירקונג צו היילען קרעציגע. די „אינסטראַקשאָנס", וואָס בעגלייטען די וואונדערבארע קאָנסאָמפּשאָן רפואה, האָבען אָבער יע א שייכות צו טובערקולאָזיס.

אום געהאָלפען צו ווערען פון דיזער רפואה, זאָגט אייך דער מא- נופעקטשורער, מוזט איהר פּינקטליך אויספאָלגען די פאָלגענדע פאָר- שריפטען:

אם וועניגסטען דריי מאָל א טאָג דארפט איהר נעהמען צו אכט טראָ- פען מעדיצין אין א צוויי-דריי גלעזער פרישע מילך, און פערבייסען מיט נטליכע העכסט פרישע רויהע אייער. אויסער דעם מוזט איהר עסען גו- טע און נארהאַפטע שפּייז, זיין אויף דער פרישער לופט, ניט ארבייטען צו שווער און ניט אין א שטויביגער אומגעבונג, שלאָפען מוזט איהר ביי אָפענע פענסטער אָדער אויף דער פרייער לופט.

דיזע פאָרשריפטען זיינען די גאנצע און איינציגע טריטמענטס, וואָס די מעדיציניש וויסענשאַפט ווייס פאר קאָנסממפּשאָן. אויב איינער, וואָס ליידעט פון טובערקולאָזיס אין די לונגען, וועט זיי דורכפיהרען וועט ער זיכער פערלייכטערען זיין לאגע און אין מאנכע פעלע, אויב ער פאנגט דאָס אָן פריה גענוג איידער די קראנקהייט איז צו ווייט פערגאנגען, קען ער אויך האָפען אויף א פאָלשטענדיגע ערהאָלונג.

אין דיזען פאל איז די „זיכערע מעדיצין" אן איינפאכער שווינדעל. די מאנופעקטשורערס נארען בלויז אויס דאָס געלד ביים קראנקען, זיי שאטען איהם אָבער אין דער זעלבער צייט ניט צו פערנאכלעסיגען די אנ- דערע אמת'ע מיטלען, וואָס קענען איהם העלפען. ניט אלע פאטענט מע- דיצין מאנופעקטשורערס זיינען אָבער אזוי געוויסענהאַפט. פיעלע היי- סען אייך אין גאנצען זיך צו פערלאָזען אויף זייער ביסעל טינק-וואסער, און דער קראנקער פערנאכלעסיגט דערביי צו טאָן דאָס, וואָס וואָלט איהם זיכער, אויב ניט געהאָלפען, אם וועניגסטענס פערלייכטערט זיין לאגע און פערלענגערט זיין לעבען.

עס איז פאָרלויפיג ניטאָ קיין שום „מעדיצין“, וואָס זאָל ק
נען פערניכטען די טובערקולאָזים באַצילען אין מענשליכען קערפּע
עס איז פאָרלויפיג ניטאָ קיין שום „מעדיצין“ פאַר קאָנסאָמפּטיוו

פייק „קאָנסאַמפּשאָן־רפואות“.

אויב די אַלע קאָנסאָמפּשאָן־רפואות זיינען ווירקליך אזוי נוצלאָ ווי זשע קומט עס, וואָס אזוי פיעל מענשען קויפען זיי? וועלען מאַנ לעזער פרעגען. ווי קומט עס, וואָס יעדער מאַנופעקטשורער פון א קאָ סאָמפּשאָן־רפואה, האָט גאַנצע פּעק מיט בריף פון מענשען, וואָס ערקל רען, דאָס זיי האָבען געברויכט דיזע רפואה און זיינען געהאָלפען געוואָרע

די פראַגע איז זעהר א וויכטיגע און פערדינט א גענויען און קלאָר ענטפער.

אין די פעראייניגטע שטאַאטען גיבען מענשען אויס פופצעהן מי אָן דאָלאַר א יאָהר אויף דיזע „קאָנסאָמפּשאָן רפואות“. פינף הונדרע פערשיידענע פּילען, פּראָשקעס און קאָלירטע פלעשלאך וואַסער ווער פערקויפט אלס „זיכערע רפואות“ פאַר טובערקולאָזים, און ארום צו הונדערט פערשיידענע „דאָקטוירים“, „פּראָפעסאָרען“ און „אינסטיטושאָנ פערזיכערען דורך אדווערטייזמענטס, דאָס זיי קענען אייך רעטען פון ד ווייסער פּעסט, אויב איהר וועט נאָר זיי גוט בעצאָלען פאַר זייער „מעדיצי

אונפּאַרטייאישע אונטערזוכונגען פון דיזע רפואות האָבען בעוויז דאָס קיין איינציגע פון דיזע „רפואות“ קען עטוואָס העלפען נעגען ד טובערקולאָזים קראַנקהייט. אָן אמת'ע רפואה צו דיזער קראַנקהייט העלפען פערניכטען באַצילען אין'ם קערפּער אָהן דאביי צו שאַדען דעם ק פּער זעלבסט. זי מוז אויך העלפען אויפבויען די קערפּער־געוועבען, וואָס באַצילען האָבען שוין צושטערט. קיין איינציגע פון די אַדווערטייז קאָנסאָמפּשאָן־רפואות קען דאָס טאָן. דער וואָס בעהויפּטעט, דאָס קען מיט דיזע רפואות קורירען איינעם פון קאָנסאָמפּשאָן, מעג ער ז רופען „דאָקטאָר“ אָדער „פּראָפעסאָר“, איז א פּשוט'ער שווינדלער.

און ווי אזוי קען מען ערקלערען די אַלע בריף, וואָס די מעדיצ מאַנופעקטשורערס דרוקען? אויך דאָס איז ניט שווער.

איינע פון די כאַראַקטעריסטיקס פון קאָנסאָמפּטיווס איז זייער מעו ווירדיגער אָפּטימיזם וועגען זייער אייגענער לאַגע. ווי ערנסט קראַנק ד מענש זאָל ניט זיין איז ער פּעסט איבערצייגט, דאָס זיין צושטאַנד בעסע

יך. אפילו דאָקטוירים, וואָס זיינען קאָנסאָמפּטיווס, מענשען, וואָס וויי-סען גוט די ערנסטקייט פון זייער לאַגע, אויך זיי זיינען שטאַרקע אָפּטי-מיסטען ביז זייער לעצטען אטעם=צוג.

פיהרט א קאָנסאָמפּטיוו, וואָס איז ערנסט קראַנק צו א דאָקטאָר, אָל יענער איהם געבען א לעפעל זיסע וואסער און איהם פערזיכערען, אַז ואָס וועט איהם קורירען פון זיין קראַנקהייט און דער אונגליקליכער וועט יך ווירקליך פיהלען בעסער פאַר א קורצע צייט. זיין פיזישע לאַגע וועט יך טאַקע ניט בעסערען, אָבער זיין שטאַרקער ווילען געזונד צו ווערען און זיין גלויבען אין דער רפואה וועט גובר זיין די פיזישע ליידען און ער וועט זיך ווירקליך פיהלען ערלייכטערט. דאָס איז די קראַפט פון אונזער מערקווירדיגען אונפערשטענדליכען און פערצווייפעלטען ווילען, מיט וועלכען מיר האַלטען זיך אָן לעבען, ניט אכטענדיג ווי טרויעריג דאָס לעבען איז.

מיט דיזען אָפּטימיזם בענוצען זיך די מאַנופעקטשורערס פון דיזע פּייק=מעדיצינס. די גלענצענדע פערשפּרעכונגען אויף א זיכערע הילף, ואָס דער קראַנקער לעזט אין די אדווערטייזמענטס, די בריף פון אַנדערע, ואָס געברויכען די זעלבע מעדיצין און זיינען ווירקליך „געהאָלפען" גע-וואָרען צוזאַמען מיט זיין אייגענעם שטאַרקען גלויבען, דאָס ער וועט גע-זונד ווערען, ווירקט אויף'ן קראַנקען, דאָס ער זאָל זיך ווירקליך פיהלען בעסער אויף א קורצע צייט. און אין דיזער צייט שרייבען זיי די בריף צו די מאַנופעקטשורערס.

אונטערזוכונגען פון הונדערטע „טעסטימאָניאַלס" האָבען בעוויזען, דאָס די שרייבער האָבען אָדער קיין מאָל ניט געליטען פון קאָנסאָמפּשאָן און האָבען פּאָלגליך ניט געהאַט פון וואָס זיך צו קורירען, אויסער פון אַן איינרעדעניש, אָדער זיי האָבען יע געליטען פון קאָנסאָמפּשאָן און זיינען טאַקע... געשטאָרבען. די איינרעדעניש, דאָס זיי פיהלען זיך בעסער, האָט אָנגעהאַלטען בלויז א קורצע צייט. די באַצילען שרעקען זיך ניט פאַר פּייק=מעדיצינס און טוען זייער צושטערונגס=אַרבייט טראָץ דעם שטאַרקען אָפּטימיזם פון קראַנקען.

די איינציגע רפואה פאַר קאָנסאָמפּטיווס.

די האָפענונג צו געפינען א זיכערען הייל=מיטעל געגען די טובער-קולאָזיס באַצילען פונקט ווי מיר האָבען זיכערע מיטלען געגען די פּאַראַזי-טען, וואָס פעראורזאַכען מאַלעריא האָט מען נאָך דערווייל ניט אויס-

געגעבען. טויזענדע וויסענשאַפטס־מענער אין אַלע טיילען פון דער וועלט אַרבייטען אויף פערשיידענע עקספּערימענטען אין דער האָפענונג צו געפי- נען אַ מיטעל, וואָס זאָל קענען פערניכטען די באַצילען אין׳ם מענשליכען קערפּער אין דער זעלבער צייט ניט טויטען דעם קערפּער צוזאַמען מיט די באַצילען.

מאַנכע פון די פיעלע עקספּערימענטען שיינען צו זיין טיילוויז ער- פאָלגרייך און מיר מעגען האָפען, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועט מען אַזאַ מיטעל געפינען. פאָרלויפיג אָבער איז די איינציגע רפואה געגען טו- בערקולאָזיס צו שטאַרקען דעם קערפּער פון׳ם קראַנקען ער זאָל אויס- האַלטען זיין קאַמף מיט די באַצילען.

דיזע ערקלערונג וועט פיליכט פאַר מאַנכע זיין אונפערשטענדליך און פאַר די מעהרסטע לעזער וועט עס זיכער קלינגען ווי ווערטער אָהן אירגענד וועלכע בעדייטונג. „שטאַרקען דעם קערפּער פון קראַנקען", קלינגט זעהר שעהן, אָבער ווי אַזוי? מיט וואָס? און ווי אַזוי וועט עס העלפען צו רעטען איהם פון׳ם שיקזאַל, וואָס איז בעשטימט פאַר יעדען ליידענדען פון טובערקולאָזיס?

עס איז דאַרום נויטיג פאַר יעדען לעזער פון דיזע צייל[ען] צו האָבע[ן] אַ מעהר אָדער וועניגער קלאָרען בעגריף וועגען דעם אינערליכען צושטאַנד פון אַ מענשען, וואָס ליידעט פון קאָנסאָמפּשאָן.

לויט די נייעסטע מעדיצינישע פאָרשונגען אין דער פראַגע פון טו- בערקולאָזיס שיינט עס, דאָס די מעהרסטע מענשען ווערען אָנגעשטעקט מיט די טובערקולאָזיס באַצילען אין זייער פריהער יוגענד.

אויב די אַנשטעקונג איז שטאַרק גענוג און דאָס קינד איז אַ שוואַכעס שטאַרבט עס פון טובערקולאָזיס, ווען ניט ערהאַלט עס זיך פון דער אַטאַקע און די באַצילען בלייבען פערשטעקט ערגעץ וואו אין די לונגען, אָדער אין אַן אַנדער טייל פון קערפּער און וואַרטען אויף זייער געלעגענהייט צו קענען נאָך אַמאָל אַטאַקירען זייער בעל הבית.

אַזוי לאַנג ווי דער מענש בלייבט געזונד און זיין קערפּער האָט אין זיך גענוג ווידערשטאַנדס־קראַפט האָבען די באַצילען קיין שום שליטה ניט איבער איהם. זיי בלייבען איינגעשפּאַרט אין דעם פּלאַץ, וואו זיי געפינען זיך און קענען זיך ניט פערמעהרען און פערשפּרייטען צו אַנדערע טיילען פון קערפּער. זייער אַנוועזענהייט מאַכט אויף דעם מענשען זיכער געגען אַ נייע אויסערליכע אַנשטעקונג פון טובערקולאָזיס באַצילען.

דאָס הייסט, אז דער, וואָס האָט א „ביסעל טובערקולאָזיס" איז זי־כער ניט צו קריגען מעהר דורך אַן אנשטעקונג פון אנדערע פערזאָנען, אלעס וואָס ער דאַרף טאָן איז זעהן, דאָס זיינע אייגענע באַצילען, די וואָס געפינען זיך שוין אין זיין קערפּער, זאָלען בלייבען אונטעטיג.

דיזער פאקט ערקלערט פיליכט, וואָס אַבוואָהל אכטציג פּראָצענט פון אלע איינוואוינער פון גרויסע שטעדט זיינען אָנגעשטעקט פון טובערקולאָ־זיס, ליידען אָבער ניט אלע פון דיזער קראנקהייט, דאָס זייענדיג שטענ־דיג ארומגערינגעלט פון אזוי פיעל קאָנסאָמפּטיווס, בלייבען די מעהרסטע מענשען פערהעלטניסמעסיג פריי פון דיזער קראנקהייט.

אזוי שנעל אָבער ווי דער פּערזאָן ווערט אָפּגעשוואכט, ארבייט איבער זיינע קרעפטען, עסט ניט גענוג, אָדער שלאָפט ניט גענוג, א לענגערע צייט ווערט די נאטירליכע ווידערשטאנדס־קראפט, וואָס זיין קערפּער בעזיצט, פערקלענערט. די באַצילען, וואָס זיינען ביז יעצט געהאַלטען געוואָרען פערשפּארט, פּיהלען זיך בעפרייט פון זייער געפענגשאפט און פאנגען אָן אויסברייטען זייער טעטיגקייט. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל, ווען דער פּער־זאָן, אין דיזען אָפּגעשוואכטען צושטאנד, קיהלט זיך צו, אָדער קריגט אַן אנדער לייכטע קראנקהייט, וואָס העלפט אין גאנצען צו צוברעכען די פעס־טונג, וואָס דער קערפּער האָט אויסגעבויט נעגען די באַצילען. די טובער־קולאָזיס באַצילען האָבען פאר זיך א פרייען וועג און דער מענש ווערט אַנ־געשטעקט פון די באַצילען, וואָס ער האָט די גאנצע צייט ארומגעטראָגען אין זיין אייגענעם קערפּער.

דיזער פּונקט וועט פאר פיעלע מענשען קלאָר מאכען, ווי עס קומט, דאָס מאנכע מענשען געפינען אויס דאָס זיי ליידען פון טובערקולאָזיס, אָב־וואָהל זיי זיינען זיכער, דאָס זיי זיינען ניט געקומען אין קיין בעריהרונג מיט קאָנסאָמפּטיווס. אָנגעשטעקט זיינען דיזע מענשען געוואָרען נאָך מיט יאָהרען צוריק. זייער יעצטיגע קראנקהייט איז געקומען פון דעם, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעשטעקט מיט זייערע אייגענע באַצילען אזוי שנעל ווי זיי האָבען ערלויבט זייער קערפּער צו פערלירען זיין ווידערשטאנדס־קראפט.

דאָס בעסטע מיטעל ווי זיך אויסצוהיטען פון טובערקולאָזיס איז דארום אויפצוהאַלטען דאָס געזונד אום דער קערפּער זאָל קענען ווידער־שטעהן אַן אנשטעקונג פון זיינע אייגענע באַצילען אין פאַל ער קומט ניט

ווילענדיג און ניט וויסענדיג אין בעריהרונג מיט פרעמדע טובערקולאָזיס באַצילען.

דאָס זעלבע מיטעל ווערט אויך אָנגעווענדעט צו היילען די, וואָס האָבען זיך שוין אָנגעשטעקט פון דער קראַנקהייט. שטאַרקען דעם קערפּער פון פּאַציענט, אויפבויען צוריק זיין געזונד אום ער זאָל קענען ערפאָלגרייך בעקעמפען דעם שעדליכען איינפלוס פון די באַצילען איז די איינציגע ווירקזאַמע הילפע, וואָס די מעדיצינישע וויסענשאַפט וויים פאַר קאָנסאָמפּטיווס. און דאָס איז די איינציגע בעהאַנדלונג, וואָס די קאָנסאָמפּטיווס קריגען אין די טובערקולאָזיס סאַנאַטאָריומס.

שטאַרקען דעם קערפּער פון דעם קראַנקען, אויפבויען צוריק זיין פערלאָרענע ווידערשטאַנדס־קראַפט איז אָבער לייכטער צו זאָגען ווי צו טאָן. די הויפּט שווערינקייט ליגט אין דעם, וואָס מען קען ניט בעהאַנדלען יעדען קראַנקען לויט די זעלבע כּללים. בעהאַנדלונגען, וואָס זיינען גוט פאַר איינעם טויגען ניט פאַר א צווייטען.

עס איז דאַרום זעהר וויכטיג פאַר יעדען קראַנקען, אויב ער געפינט זיך ניט אין א סאַנאַטאָריום, צו שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א קאָמפּעטענטען דאָקטאָר, זיך לאָזען אָפּט אונטערזוכען און שטרענג אויספאָלגען אַלע אָרדערס, וואָס דער דאָקטאָר וועט איהם געבען.

דעם דאָקטאָר׳ס פּאָרשריפטען וועלען זיך בעציהען מעהרסטענס אויף שפּייז, לופט, רוה, עקסערסייז, קליידונג און עהנליכע זאַכען. מיר וועלען בעטראַכטען יעדע פון דיזע פּאָרשריפטען בעזונדער.

שפּייז פאַר קאָנסאָמפּטיווס.

דעם נאָמען קאָנסאָמפּשאָן האָט דיזע קראַנקהייט געקראָגען דערפאַר, וואָס די, וואָס ליידען פון טובערקולאָזיס, ווערען געוועהנליך שנעל אויסגעצערט. די קראַנקע פערלירען שנעל געוויכט און צוזאַמען מיט דעם אויך פיעל געזונד.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס די הויפּט געפאַהר פאַר׳ן קראַנקען איז, ווען זיין געזונד איז שוואַך און זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט פערקלענערט. די אויסצעהרונג העלפט דאַרום צו פערערגערען זיין צושטאַנד און מאַכט מעגליך פאַר די באַצילען צו פערשפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען קערפּער.

זעלבסטפערשטענדליך, אויב מיר ווילען בעקעמפען די באצילען און אָפּהאלטען די פערשפּרייטונג פון דער קראַנקהייט, מוזען מיר פערהיטען דעם פּאציענט פון אויסצעהרונג. דאָס קענען מיר טאָן דורך געבען דעם פּאציענט אזוי פיעל נארהאפטע שפּייז וויפיעל ער קען נאָר פערטראָגען.

ביים בריטען עולם האָט זיך אויסגעארבייט אַן אייגענע טעאָריע וועגען דיזער פאָרמע פון בעהאנדלען קאָנסאָמפּטיווס. ניט איינמאָל איז אונז אויסגעקומען צו הערען די בעמערקונג, דאָס „טובערקולאָזיס קען מען פערשטאָפּען מיט שפּייז”. דער וואָס האָט דאָס געזאָגט האָט ערנסט גע-גלויבט, דאָס די לעבער אין די לונגען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ווע-רען פערשטאָפּט, ווען דער קראַנקער עסט א סך. דיזער גלויבען איז נא-טירליך אַן אונזין. דאָס עסען א סך איז מיט דעם צוועק גוט צו מאכען, וואָס דער קערפּער פערלירט דורך דער קראַנקהייט און מאכען דעם קערפּער עקסטרא שטארק, ער זאָל קענען אויסהאלטען זיין קאמף מיט די באצילען, וואָס פרעסען איהם אויף.

און דארום טאקע איז ניט גענוג בלויז עסען א סך, נאָר מען דארף אויך וויסען וועלכע שפּייז צו עסען און וועלכע אויסצומיידען. די הויפּט זאך איז צו קריגען וואָס מעהר נארהאפטיגקייט אין א וואָס קלענערע מאָס שפּייז. מאנכע שפּייז זיינען גרויס און שווער, האָבען פיעל „קערפּער-מאַ-סע” אָבער זעהר ווייניג נארהאפטיגקייט אין זיך. אזא שפּייז פילט אָן דעם מאָגען און פערפערשאכט דעם קערפּער פיעל ארבייט זי צו פערדייען. דער קערפּער קריגט אָבער דערפון זעהר ווייניג, און סוף כל סוף איז די שפּייז אַן אויסגעגעבענע אנשטאָט אן איינגענומענע פאר'ן קערפּער.

אלס א כלל איז פליייש, פיש, אייער, מילך, קרים, ניס און עהנליכע שפּייז-ארטיקלען זעהר גוט פאר קאָנסאָמפּטיווס, אָבער ניט אלע קראַנקע קענען פערטראָגען די זעלבע סאָרט שפּייז אין דער זעלבער מאָס. א סך ווענדעט זיך אין דעם געשמאק פון דעם קראַנקען און אין די סאָרט שפּייז-צו וועלכע ער איז געוואוינט אָדער וועלכע ער גלייכט אם בעסטען.

אין דיזען זין איז א סאנאטאָריום ניט זעהר גוט פאר א קראַנקען, ווייל אין א סאנאטאָריום מוזען אלע קראַנקע עסען די זעלבע שפּייז צו זיי גלייכען זיי אָדער ניט. יעדער קראַנקער דארף אָבער געדענקען, דאָס אזוי שנעל ווי ער געפינט אויס, דאָס ער קען ניט פערטראָגען א געוויסע סאָרט שפּייז מוז ער גלייך וועגען דעם לאָזען וויסען זיין דאָקטאָר. די

שפייז, וואָס דער קראַנקער קען ניט פערטראָגען, ברייננט איהם קיי־נע נוצען, נאָר שאַדען.

פרישע לופט איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען פאַר יעדען מענ־שען און פאַר יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש (מיט דער אויסנאַהמע פון גע־וויסע באַצילען). פאַר א קאָנסומפּטיוו איז פרישע לופט נאָך פיעל וויכ־טיגער ווי פאַר א געזונדען מענשען.

דאָס איז דערפאַר, וואָס א טייל פון זיינע לונגען זיינען צושטערט און קענען ניט ערפילען זייער פליכט פון צושטעלען פרישע לופט, ספּעציעל זויער־שטאָף, פאַר דעם בלוט, וואָס צירקולירט דורך די לונגען, און דארום מוזען די געזונדע טיילען פון די לונגען צושטעלען א גרעסערע מאָס זויער־שטאָף אום צו קענען האַלטען דאָס בלוט פון קערפּער ריין.

נאָך שפּייז איז פרישע לופט די וויכטיגסטע זאַך פאַר א קאָנסאָמפּ־טיוו און יעדער ליידענדער פון דיזער קראַנקהייט מוז זיין אויף דער פרישער לופט אַזוי פיעל ווי נאָר מעגליך. אויב ער קען אויספיהרען צו זיין אין דער קאַנטרי, וואו די לופט איז פיעל ריינער ווי אין שטאָדט, איז געוויס גוט. אין שטאָדט זעלבסט איז די לופט נעבען א פּאַרק נאַטירליך ריינער, ווי אין א געדיכט־בעוואוינטער געגענד און וואָס העכער פון סטריט אַלץ ריינער איז די לופט.

אויב איינער איז געצוואונגען צו פערבלייבען אין שטאָדט מוז ער זעהן צו זיין וואָס ווייניגער אין הויז און וואָס מעהר אויף דער פרייער לופט. אויב מעגליך זאָל ער פערברייננען אַלע פיער און צוואַנציג שטונדען פון מעת לעת אויף דער פרייער לופט, אפילו ווען דאָס וועטער איז ניט אַזוי שעהן אָדער אנגענעהם.

עס איז א טעות צו מיינען, דאָס ווען עס רעגענט, שנייעט אָדער עס איז צו קאַלט אין דרויסען דאַרף א קאָנסאָמפּטיוו קראַנקער זיך געפינען אין הויז. אין יעדען וועטער איז גלייכער פאַר איהם צו זיין אין דרויסען ער דאַרף זיך נאָר געגוג וואַרעם אָנקליידען.

די פראַגע פון טראָגען לייכטע אָדער דיקע קליידער איז אויך א העכסט וויכטיגע, און אויך אין דיזען הינזיכט דאַרף דער קראַנקער האָבען דעם ראַט פון זיין דאָקטאָר. פאַר די, וואָס זיינען שטענדיג אין דער קעלט. איז גוט דיקע, וואַרעמע קליידער, אָבער פאַר די, וואָס קומען אָפט אַריין אין א הויז און בייטען אָפט זייער אומגעבונג פון דרויסיגע קעלט אויף דער שטוביגער וואַרעמקייט, איז דאָס שטענדיג טראָגען פון דיקע קליידער

שערליך. בעסער איז שוין אין אַזעלכע אומשטענדען טראָגען לייכטע קליי-דער און אָנטאָן אַן איבערראָק, ווען דער קראַנקער פערלאָזט דאָס הויז. ער וועט דאַן זיין עקסטרא וואָרעם אָנגעטאָן אין דרויסען און וועט טראָ-גען לייכטע קליידער אין הויז. אָבער, ווי געזאָגט, איז זעהר וויכטיג, דאָס דער קראַנקער זאָל זיך אין דיזער הינזיכט בעראַטען מיט אַ דאָקטאָר.

וואס פאר א קלימאט איז בעסער פאר א קאנסאמפטיוו?

די פראַגע פון קלימאַט איז פאַר פיעלע קראַנקע אַ וויכטיגע, פאַר מאַנכע איז זי די הויפּט־פראַגע. מאַנכע קראַנקע, וואָס שיינען צו זיין האָפפנונגסלאָז, ווען זיי געפינען זיך אין אַ געוויסען געגענד, ערהאָלען זיך וואונדערבאַר שנעל, ווען זיי בעזעצען זיך אין אַן אַנדער געגענד, אונטער אַן אַנדער קלימאַט.

אַמאָל האָט מען גערעכנעט, דאָס די פייכטע ים־לופט איז בעסער פאַר קאָנסאָמפּטיווס און מען האָט אַלע קראַנקע געשיקט וואוינען ביים ברעג ים. מאַנכע האָבען זיך זעהר גוט ערהאָלט, אַנדערע זיינען געוואָרען נאָך ערגער קראַנק. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען אָנגעפאַנגען שיקען קראַנקע אויף די בערג, ווייט פון ים און איינינגע טויזענד פוס הויך איבער דער אויבער-פלעכע פון ים. אויך דאָ האָט מען בעמערקט די זעלבע רעזולטאַטען. גוטע און שלעכטע צוזאַמען.

די פראַגע אויב אַ קאַלטער אָדער וואַרעמער קלימאַט איז בעסער פאַר די ליידענדע פון שווינדזוכט איז אויך פיעל דיסקוטירט געוואָרען. די אָנהענגער פון אַ וואַרעמען קלימאַט פאַר קאָנסאָמפּטיווס וועלען אייך אָנצייגען פיעלע פעלע פון קראַנקע, וואָס זיינען געהאָלפען געוואָרען, ווען זיי האָבען זיך בעזעצט אין אַ וואַרעמען געגענד, און פעלע, וואו קראַנקע זיינען ניט געהאָלפען געוואָרען, ווען זיי זיינען פערבליבען וואוינען אין אַ קאַלטען געגענד. דאָס זעלבע, נאָר פונקט פאַרקעהרט, וועלען אייך בע-ווייזען די, וואָס דענקען, דאָס קאָנסאָמפּטיווס דאַרפען געשיקט ווערען אויף די קאַלטע בערג פון קאָלאָראַדאָ.

דער אמת איז, דאָס עס איז ניטאָ קיין שום געגענד, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אַלע ליידענדע פון די שווינדזוכט און עס איז אונמעגליך צו מאַ-כען אַ כלל, וואָס זאָל גוט זיין פאַר אַלע ליידענדע פון דיזער קראַנקהייט.

די פראַגע פון קלימאַט מוז בעשטימט ווערען אין יעדען פאַל בע-זונדער. די בעסטע געגענד פאַר אַ קראַנקען איז די געגענד, וואו ער פיהלט

זיך בעקוועם. אויב ער פיהלט זיך בעסער ביים ברעג ים איז דאָרטען דער בעסטער פּלאַץ פאַר איהם, אויב ער פיהלט זיך בעסער אויף די בערג זאָל ער פאָהרען אהין. אויב ער האסט די קעלט און קען זי ניט פערטראָגען איז נאַריש און פערברעכעריש איהם צו שיקען אין א קאַלטער געגענד. דאָס זעלבע איז אויך די פראַגע פון א וואַרעמער געגענד.

איידער א קראַנקער בעשטימט צו פערלאָזען זיין היים און פאָהרען אין א ווייטער געגענד זיך קורירען דארף ער זיך פריהער גוט בעראַטען מיט זיין דאָקטאָר אום די אַלע אָנשטרענגונגען און הוצאות, וואָס די רייזע וועט איהם קאָסטען, זאָלען איהם ניט ברייננגען מעהר שאַדען ווי נוצען.

דארף יעדער קאנסאמפּטיוו געהן אין א סאניטאריום?

די פראַגע אויב יעדער קראַנקער, וואָס ליידעט פון די שווינדזוכט, דארף געהן אין א סאַנאַטאָריום אָדער מעג פערבלייבען אין דער היים איז אויך ניט לייכט צו פערענטפערען. אויב עס וואָלט מעגליך געווען יעדע־רען, וואָס איז עטוואָס בעריהרט פון דיזער קראַנקהייט, צו שיקען אין א סאַנאַטאָריום וואָלט די פראַגע פון קאָנסאָמפשאָן שנעל געקענט געלעזט ווע־רען. אָם וועניגסטענס וואָלטען די געזונדע דאַן געווען זיכער ניט אָנגע־שטעקט ווערען פון די קראַנקע.

אָבער דאָס איז אונמעגליך ווייל 80 פּראָצענט פון אונזער גאַנצער בעפעלקערונג וואָלט געדאַרפט געהן אין סאַנאַטאָריומס — כמעט אזוי פיעל ליידען פון דיזער קראַנקהייט. די מעהרסטע קראַנקע מוזען אַלזאָ בלייבען אין דער היים, ווייל עס איז איינפאַך פאַר זיי קיין פּלאַץ ניטאָ אין די סאַנאַטאָריומס.

סאַנאַטאָריום־בעהאַנדלונג האָט איהרע מעלות און איהרע חסרונות. די גרעסטע מעלה איז, וואָס דער קראַנקער איז שטענדיג אונטער דער אויפ־זיכט פון דאָקטוירים. ער געפינט זיך אין א פּלאַץ, וואָס איז איינגעריכט ספּעציעל פאַר אזעלכע קראַנקע ווי ער איז און אין דער זעלבער צייט איז ער אָפּגעשיידעט פון געזונדע מענשען, ווען ער וואָלט געקענט אָנ־שטעקען מיט זיין קראַנקהייט. דער גרעסטער חסרון פון א סאַנאַטאָריום איז, וואָס אַלע פּאַציענטען ווערען בעהאַנדעלט לויט די זעלבע רולס, קרי־גען די זעלבע שפּייז און ווערען ניט בעהאַנדעלט ווי בעזונדערע קראַנקע און, ווי מיר האָבען שוין פריהער ערקלערט, איז יעדער קאָנסאָמפּטיוו א געזעץ פאַר זיך אַליין און מוז בעהאַנדעלט ווערען אַלס א בעזונדערער פּאַל.

די פראגע צו אַ קראנקער זאָל געהן אין אַ סאנאטאָריום אָדער ניט דארף דארום בעשלאָסען ווערען לויט די אומשטענדען פון'ם פאציענט. אויב ער קען אין דער היים קריגען די זעלבע היגיענישע אומגעבונג, די זעל־בע ריינליכקייט און מעדיצינישע בעהאנדלונג ווי אין אַ סאנאטאָריום און אין דער זעלבער צייט קריגען די אינדיווידועלע אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר איז נאטירליך פאר איהם בעסער צו בלייבען אין דער היים. פאר אַ קבצן, וואָס קען דאָס ניט אויספיהרען, איז נאטירליך גלייכער צו געהן אין אַ סאנאטאָריום, אויב מען וויל איהם נאָר געהמען.

אַ סך צו זאָגען אין דיזער פראגע האָט אויך דעם פאציענט'ס גייס־טיגער צושטאנד. פיעלע מענשען ארט ניט צו געהן אין אַ סאנאטאָריום. די בעפרייאונג אם ווניגסטענס פאר אַ צייט פון עול פרנסה איז פאר זיי אַ גליק און זיי פיהלען זיך זעהר צופרידען צווישען די אנדערע קראנקע. אויף אנדערע ווידער ווירקט דאָס זעהר שלעכט. זיי פיהלען זיך נידער־געשלאָגען, מרה שחורה'דיג און דענקען, דאָס יעדער בעטראכט זיי אַלס אויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאפט. אזעלכע מענשען ווערען קיין מאָל ניט געזונד ווערען אין אַ סאנאטאָריום, וועהרענד ווען זיי בלייבען אין דער היים פיהלען זיי זיך גלייך מיט אַלע מענשען, פרייער, לעבעדיגער און פיעל געזינטער.

דער גייסטיגער צושטאנד פון דעם קראנקען שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם גאנג פון דער קראנקהייט, און דארום ווענדען די דאָקטוירים אָן אַלע מעגליכע מיטלען צו זעהן, אז די קראנקע זאָלען ניט זיין צופיעל פער־דאגה'ט, ניט צופיעל מרה שחורה'דיג, ניט צופיעל קלערען וועגען זייער קראנקהייט. אויב איינער האָט ליב מוזיק, איז די מוזיק אַ וויכטיגע טייל פון זיין „רפואה" און וועט איהם העלפען פיעל מעהר ווי אַ מעדיצין. דאָס זעלבע איז מיט די, וואָס האָבען ליב צו לעזען ליטעראטור אָדער האָ־בען פערגעניגען פון אירגענד וועלכע אנדערע צייט־פערטרייב.

רויכערען איז זעהר שעדליך פאר קאָנסאָמפּטיווס און דאָך, אונטער געוויסע אומשטענדען, וועט אַ דאָקטאָר ערלויבען אַ שווינדזוכטיגען צו רויכערען אין פאל דאָס פארבאָטען איהם דיזעס צו טאָן וועט צונעהמען ביים פאציענט אַ פערגעניגענדען צייט־פערטרייב און פערשאפען גייסטיגע שמערצען. מאנכע דאָקטוירים ערלויבען זאָגאר געוויסע פאציענטען צו טרינקען אַ גלאָז ביער ביים עסען, אויב זיי זיינען געוואוינט דערצו און דאָס העלפט זיי בעסער הנאה צו האָבען און פערדייען זייער שפּייז.

אויף די פראגע פון מאכען עקסערסייז אָדער רוהען דארף פערענט־פערט ווערען אין יעדען פאל בעזונדער, לויט די געוואוינהייט פון פאציענט און דעם צושטאנד, אין וועלכען ער געפינט זיך, בעת די פראגע קומט פאָר. דאָס זעלבע איז אויך מיט די פיעלע אנדערע קלענערע און גרעסערע פראגען, וואָס שווימען ארויף ביים איינאָרדערען דאָס לעבען פון א שווינדזוכטיגען. איך וועל דאָ נאָך אמאָל ווידערהאָלען, דאָס יעדער קראנקער שטעלט מיט זיך פאָר א בעזונדער פראָבלעם, וואָס מוז בעזונדער פערענטפערט ווערען, און דאָס קען ניט טאָן דער פאציענט אליין אָדער דער דאָקטאָר אליין, נאָר ביידע צוזאמען.

די אויסזיכטען פון קאנסאמפטיווס.

פון דעם, וואָס איך האָב שוין ביז יעצט געזאָגט וועט איהר פערשטעהן, דאָס עס איז אונמעגליך צו מאכען א כלל פאר אלע, וואָס ליידען פון טובערקולאָזיס אין בעצוג צו די אויסזיכטען, וואָס יעדער פון זיי האָט אויף געזונד צו ווערען. יעדער פאל האָט זיך זיין בעזונדערען וועג און קען זיך ענדיגען אויף זיין בעזונדערען שטייגער. אין אלגעמיין אָבער קען מען די ליידענדע פון דיזער קראנקהייט צוטיילען אין פינף בעזונדערע קלאסען:

אין ערשטען קלאס געהען אריין די, וואָס האָבען זיך אָנגעשטעקט פון דער קראנקהייט און האָבען זיך שנעל ערהאָלט גאָר אליין ניט וויסענדיג, דאָס זיי האָבען ווען עס איז געליטען פון טובערקולאָזיס.

אין צווייטען קלאס געהען אריין די, וואָס האָבען געהאט א לייכטע אנשטעקונג מיט ניט גאנץ ערנסטע סמנים פון טובערקולאָזיס און נאָך איי־ניגע מאָנאטען טריטמענט אָדער אָן ענדערונג אין קלימאט ווערען זיי געזונד.

אין דריטען קלאס ווערען פעררעכענט די, וואָס ציינען גאנץ דייט־ליכע סמנים פון שווינדזוכט, נאָר ערהאָלען זיך און ווערען פאָלשטענדיג געזונד נאָך דעם, ווי זיי קריגען א לענגערע צייט די טובערקולאָזיס טריט־מענט, וואָס איך האָב שוין פריהער דערמאָהנט.

אין פערטען קלאס ווערען פעררעכענט די, וואָס זיינען גאנץ ווייט פערגאנגען און האָבען שוין היבשע שטיקער פון זייערע לונגען אויפגעפרע־סען פון די באצילען. דער גאנג פון זייער קראנקהייט קען אָבער אָפּגע־האלטען ווערען און די קראנקע קענען נאָך לעבען פיעלע יאָהרען.

עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע, ביי וועמען די קראנקהייט האָט שוין אַזוי ווייט פּראָגרעסירט, דאָס זיי שטאַרבען ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס מען זאָל ניט טאָן פאַר זיי. דיזע ווערען פעררעכענט אין פינפטען קלאַס.

וואָס פריהער דער שווינדזוכטיגער געפינט אויס די אמת'ע נאַטור פון זיין קראנקהייט און וואָס פריהער ער פאַנגט אָן זיך קורירען לויט די פאָרשריפטען פון אַ קאָמפּעטענטען דאָקטאָר אַלץ בעסערע אויסזיכטען האָט ער צו זיין אין דער צווייטער קלאַס קראַנקע.

וואָס געגויער דער ערנסט־קראַנקער קאָנסאָמפּטיוו פאָלגט די פאָר־שריפטען פון זיין דאָקטאָר אין בעצוג צו דער טריטמענט אַלץ בעסערע אויסזיכטען האָט ער צו זיין אין דער דריטער קלאַס קראַנקע.

דער נאַכלעסיגער, דער וואָס וויל זיך און יענעם איינרעדען, האָס ער איז ניט ערנסט קראַנק, דער וואָס זוכט זיך צו היילען מיט באַבסקע רפואות, קען אין בעסטען פאַל בלויז האָפען, דאָס ער וועט זיין פון די, וואָס ווערען פעררעכענט אין פערטען קלאַס קאָנסאָמפּטיווס.

די וואָס זיינען פריהער געוועזן געזונד און קומען פון אַ פאַמיליע, וואו עס געפינען זיך קיינע שווינדזוכטיגע און דערצו האָבען זיי אויסגע-פונען גאַנץ שנעל די נאַטור פון זייער קראַנקהייט, אויב זיי פאָלגען נאָר די פאָרשריפטען פון זייער דאָקטאָר, געפינען זיך אין אַ ריינער אומגעבונג, עסען גוט, האָבען געגוג פרישע לופט א. ז. וו., האָבען זיי די בעסטע אויס-זיכטען אויף אַ שנעלער און גוטער ערהאָלונג.

מעגען שווינדזיכטיגע הייראַטען?

די פראַגע צו מעגען שווינדזוכטיגע הייראַטען איז זעהר שווער צו פערענטפערען, און אַ גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט נעהמט אויף זיך דער, וואָס פערענטפערט די פראַגע מיט „יע" אָדער „ניין".

איך וועל זיך דארום אין דיזען פאַל שטיצען אויף דער מיינונג פון אַ גרויסען אויטאָריטעט אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, פּראָפעסאָר וויליאַם אָזלער.

פאַר מענער, וואָס האָבען געליטען פון לונגען־טובערקולאָזיס און זיינען געזונד געוואָרען, זאָגט דר. אָזלער, איז דאָס הייראַטען ניט אַזוי שעדליך, אויב זיי זיינען נאָר יעצט געזונד און שטאַרק, געפינען זיך אין אַ געזונטער און ריינער אומגעבונג און אויב אין זייער פאַמיליע געפינען

זיך ניט פיעלע קאָנסאָמפּטיווס. אויך אונטער ריזע גינסטיגע בעדינגו
גען איז זייער הייראט ניט מעהר ווי אַן עקספּערימענט. עס קען זיך איי
געבען, דאָס זיי זאָלען בלייבען געזונד און ערציהען געזונדע קינדער, ע
קען אויך זיין פונקט פערקעהרט.

פאַר פרויען, וואָס האָבען געליטען פון שווינדזוכט, איז די פראַ
א פיעל ערנסטערע, דערפאַר וואָס שוואַנגערען און קינדער האָבען פע
שלימערט אַלע מאָל דעם צושטאַנד פון דער קראַנקער. אויב די פרוי האָ
בלויז אַ לייכטען אָנגריף אין איין פלאַץ אין אַ לונג, אויב זי איז געזונד א
קערפּערליך שטאַרק ענטוויקעלט, אויב זי קומט פון אַ פאַמיליע, וואָס א
ריין פון טובערקולאָזיס און זי געפינט זיך אין אַ ריינער אומגעבונג, מ
זי הייראַטען. אָבער אויב זי ליידעט נאָך אַלץ פון דער קראַנקהייט, או
איהר פאַמיליע איז ניט ריין פון טובערקולאָזיס און זי איז נאָך דער
קערפּערליך שוואַך און ניט גענוג ענטוויקעלט (פיזיש) טאָר זי אויף ק
פאַל ניט הייראַטען.

דאָס שוואַנגערן און קינדער האָבען וועט ברייננגען דערצו, דאַ
איהר קראַנקהייט וועט שנעל פּראָגרעסירען און איהר פערקירצען די יאָהר
ווי וויט ערנסט עס איז פאַר אַ מיידעל, וואָס ליידעט פון טובער
לאָזיס אין די לונגען, צו הייראַטען און האָבען קינדער, האָט דר. דובּ
אויסגעדריקט אין פאָלגענדע ווערטער: אויב אַ פרוי, וואָס ליידעט
טובערקולאָזיס הייראַט, וועט זי די ערשטע קינדבעט פיליכט דורכמאַכ
לייכט, די צווייטע — מיט גרויסע שוועריגקייט, די דריטע וועט זי ק
מאָל ניט דורכמאַכען, זי וועט פריהער בעצאָהלען מיט איהר לעבען פ
איהר שריט. און יעדע פרוי דאַרף געדענקען, דאָס עס איז מעגליך אָנ
פאַנגען שוואַנגערען אפילו, ווען זי איז אין די לעצטע שטופען פון קאָ
סאַמפּשאָן.

קען מען קריגען קאָנסאָמפּשאָן בירושה?

די פראַגע צו מען קען קריגען קאָנסאָמפּשאָן בירושה האָט ארויס
רופען פיעלע דיסקוסיאָנען צווישען דאָקטוירים און לויט די לעצטע פאָ
שונגען שיינט עס, דאָס אַזאַ זאַך איז יע מעגליך, אָבער עס איז זעהר, זע
זעלטען, אז דאָס זאָל פּאַסירען.

און דאָך זיינען די מעהרסטע קינדער פון עלטערען, וואָס ליידען
טובערקולאָזיס, אויך קאָנסאָמפּטיווס. דאָס איז דערפאַר, וואָס די קינד

פון אזעלכע עלטערן האָבען א שוואכען ווידערשטאנדס־קראפט געגען דער קראנקהייט און עס איז כמעט אונמעגליך איינצוהיטען, דאָס זיי זאָלען אין זייער יוגענד ניט אָנגעשטעקט ווערען מיט דער קראנקהייט פון זייערע שווינדזוכטיגע עלטערן.

אידישקייט און טובערקולאזים.

טובערקולאָזיס אטאקירט דעם מענשען אין יעדען עלטער. די קראנקהייט שוינט ניט די זויגלינגע און האָט קיין רעספּעקט פאר זקנים, אָבער אם מעהרסטען ליידען פון איהר מענשען אין עלטער פון 18 ביז 35 יאָהר.

די שווינדזוכט מאכט אויך קיין אונטערשייד אין געשלעכט, און וועניגסטענס אויף דיזען געביט זיינען פרויען גלייך מיט מענער. ראסען אונטערשייד שפּילט אָבער יע א גרויסע ראָלע. נעגער, ספּעציעל אין די זידליכע טייל פון די פעראייניגטע שטאאטען, פאלען לייכטע קרבנות פון דיזער קראנקהייט. די אינדיאנער פון נאָרד־אמעריקא שטארבען פיעל פון די שווינדזוכט, און דאָס זעלבע איז מיט די איירישע, ביי זיך אין איירלאנד און אין אמעריקא. אידען שטארבען וועניגער פון קאָנסאָמפּשאָן ווי אירגענד וועלכע אַנדערע ראַסע.

וואָרום דאָס איז אזוי איז שווער צו זאָגען. מאנכע דענקען, דאָס דער לאנגער גלות, דאָס וואָס די אידען וואוינען שוין אזוי לאנג אין גרויסע שטעדט, געדיכט צוזאמענגעפּאקט און אין ניט קיין גאנץ ריינע געטאָס, האָט אין׳ם בלוט פון׳ם אידען אויסגעארבייט א געוויסע ווידערשטאנדס־קראפט געגען די טובערקולאָזיס־באצילען. אנדערע ווידער גלויבען, אז דאָס וואָס די אידען עסען ניט קיין פלייש פון קראנקע בהמות, העלפט זיי אויס־צומיידען פיעלע פעלע פון טובערקולאָזיס.

ווי צו פערהיטען זיך פון דער קראנקהייט.

אין די לעצטע יאָהרען זייט מען האָט אָנגעפאנגען ענערגיש צו בע־קעמפען טובערקולאָזיס, איז די צאָהל קרבנות פיעל געפאלען. דאָס איז צו פערדאנקען מעהר פון אלעס דער אויפקלערונגס־ארבייט, וואָס די מעהר פּראָגרעסיווע שטאאטען און די ספּעציעלע אנטי־טובערקולאָזיס געזעלשאפ־טען פיהרען אָן. וואָס מעהר דער עולם ווערט בעקאנט מיט דער נאטור פון דיזער קראנקהייט, ווי זיך אויסצוהיטען פון איהר און ווי זיך צו קו־רירען, ווען איינער ליידעט שוין פון קאָנסאָמפּשאָן, אלץ וועניגער פער־

שפּרייט זיך דיזע קראַנקהייט און אַלץ מעהר קראַנקע ווערען גערעטעט איי-דער זייער קראַנקהייט פּראָגרעסירט צו ווייט.

א גרויסע ראָלע אין פערקלענערען די צאָהל שווינדזוכטיגע אָדער העלפען, דאָס זיי זאָלען זיך ניט אזוי שנעל פערמעהרען שפּילט אויך דער בעסערער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון פאָלק, די ריינע אומגעבונג און די מעהר סאַניטאַרע הייזער, אין וועלכע די אָרעמע לייט לעבען יעצט.

אויסראָטען אין גאַנצען די קראַנקהייט איז נאָך פאָרלויפיג א גאַנ וויטער טרוים, אָבער די צאָהל קאָנסאָמפּטיווס קען זעהר פיעל פערקלענער ווערען, ווען דער גרויסער עולם זאָל פערשטעהן די אמת'ע געפאַהר פו דיזער קראַנקהייט און ניט העלפען זי פערשפּרייטען.

די שפּייעכץ, ליחות פון איינעם, וואָס ליידעט פון טובערקולאָזיס ענטהאַלט פיעלע באַצילען, וואָס וועלען אָנשטעקען יעדען, ווער עס וועט האָ בען דאָס אונגליק זיי צו איינאַטעמען אָדער קומען מיט זיי אין בעריהרונ אויף אירגענד וועלכען אַנדערען אופן.

אויב יעדער קראַנקער זאָל זיין פאָרזיכטיג, ניט שפּייען אין די גאַ סען, נאָר אין א נאָזטיכעל און דאָס נאָזטיכעל פערברענען, וואָלט פער שוואונדען איינע פון די הויפּט קעוועלען, דורך וועלכע דיזע שרעקליכ קראַנקהייט פערשפּרייט זיך און קריגט אַלע מאָל נייע קרבנות.

ווען יעדער קראַנקער זאָל וויסען, דאָס יעדעס מאָל, וואָס ער שפּיי אויס אין אַן עפענטליכען פּלאַץ איז גלייך ווי ער וואָלט עמיצען אריינג שטאָכען א מעסער אין רוקען, ווען יעדער קראַנקער זאָל וויסען, דאָס מי אזא האנדלונג פערשפּרייט ער גיפט אין די גאַסען און פיליכט וועלען ד מיטגלידער פון זיין אייגענער פאַמיליע פאַלען אַלס קרבנות, וואָלט ער ז כער געווען גענוג פאָרזיכטיג דאָס ניט צו טאָן. נאָך אַלעמען איז עס גאָ ניט אזא שעהנע זאַך צו שפּייען, וואו מען שטעהט און געהט אָדער הוסט און ניסען אין דער וועלט אריין. פון אַן עטהישען שטאַנדפּונקט איז ע אויך פיעל שעהנער ווען דער, וואָס הוסט, ניסט אָדער שפּייט זאָל האַלט א נאָזטיכעל ביים מויל. אין פאַל פון א קאָנסאָמפּטיוו מוזען דיזע נאָ טיכלאך פערבּרענט ווערען, ווייל יעדער פון זיי איז א נעסט פון טובערק לאָזיס באַצילען.

די געשיר, וואָס דער קאָנסאָמפּטיוו געברויכט ביים עסען, זיינען געפאַהר פאַר געזונדע מענשען. די לעפעל אָדער גאָפעל, וואָס ער נעהמ אין מויל אריין, ווערען אָנגעשטעקט מיט טובערקולאָזיס באַצילען און דו

דעם לעפעל אָדער גאָפּעל שטעקט ער אָן די טעלער, פון וועלכע ער עסט. דאָס זעלבע איז מיט די גלעזער, פון וועלכע ער טרינקט.

אום אויסצומיידען די געפאהר, אין וועלכע עס געפינט זיך די פאַמיליע פון קאָנסאָמפּטיוו, מוז די געשיר, וואָס דער קראַנקער געברויכט, בעזונדער געוואַשען ווערען אין קאָכעדיגע וואסער. דאָס זעלבע מוז געטאָן ווערען מיט יעדע זאַך, וואָס קומט אין נאָהענטע בעריהרונג מיט'ן קראַנקען.

אויב דאָס ווערט אָפּגעהיט איז דער קאָנסאָמפּטיוו, ספּעציעל אין די ערשטע שטופען פון זיין קראַנקהייט, קיין געפאַהר ניט פאַר זיינע מיטמענשען, און מעג פאַרטזעצען זיין פריהערדיגעס לעבען אונטער די בעדינגונגען, וואָס מיר האָבען פריהער בעשריבען און אונטער די שטענדיגע אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

געזונדע מענשען קענען אויסמיידען קריגען קאָנסאָמפּשאָן, ווען זיי וועלען שטענדיג אכטונג געבען אויף זייער געזונד. עסען און שלאָפען אין צייט, האָבען גענוג פרישע לופט און ניט פערנאַכלעסיגען קיין שום קראַנקהייט, ניט אכטענדיג ווי לייכט זי זאָל ניט זיין.

וויסענדיג ווי גרויס עס איז די געפאהר צו ווערען א קאָנסאָמפּטיוו אזוי שנעל ווי דער קערפּער ווערט אָפּגעשוואכט איז עס איינפאַך פערברעכעריש צו פערנאַכלעסיגען אירגענד וועלכע קראַנקהייט, ספּעציעל די, וואָס ריהרען אָן דעם האַלז אָדער נאָז.

יעדער מענש, וואָס וויל זיין זיכער געגען קאָנסאָמפּשאָן, אויף ווי ווייט עס איז מעגליך צו זיין זיכער אונטער די אומשטענדען, אין וועלכע ער לעבט, דאַרף פון צייט צו צייט זיך לאָזען אונטערזוכען פון א דאָקטאָר, אָפּילו ווען ער פיהלט זיך ניט קראַנק. דורך דעם וועט ער קענען פערכאַפען יעדע ערנסטע קראַנקהייט זיינע, ווען זי פאַנגט זיך נאָר אָן צו ענטוויקלען, און כמעט יעדע קראַנקהייט, אויב מען פערכאַפּט זי נאָר פריה גענוג, קען קורירט ווערען, אָדער אם וועניגסטענס קען איהר ענטוויקלונג אָפּגעשטעלט ווערען.

די ענגלישע קראַנקהייט (ריקעטס).

וואָרום מען רופט דיזע קראַנקהייט די ענגלישע — וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס
איז — ווי אַזוי זי ווערט פעראורזאַכט — די סימנים פון דער קראַנק-
הייט — ווי אויסצוהיטען אַ קינד פון ריקעטס — וואָס צו
טאָן ווען אַ קינד קריגט שוין דיזע קראַנקהייט.

„ריקעטס", אָדער „ראַקיטיס", ווערט אָנגערופען די ענגלישע קראַנק-
הייט, אָדער די ענגלישע קרענק, ניט דערפאַר, וואָס זי עקזיסטירט בלויז
אין ענגלאַנד אָדער בלויז ענגלישע קינדער ליידען פון איהר, נאָר ווייל אַ
ענגלישער דאָקטאָר מיט'ן נאָמען גליסאָן האָט אין יאָהר 1650 דער ערשטער
גענוי בעשריבען די סמנים פון דיזער קראַנקהייט און ער האָט דער ערשטע
פאָרגעשלאָגען דעם נאָמען „ראַקיטיס".
ריקעטס איז אַ קראַנקהייט, פון וועלכע בלויז קליינע קינדער ליידע
און בלויז אַזעלכע קינדער, וואָס קריגען ניט גענוג נאַהרונג אין זייער שפּייז
עס איז ניט קיין אַנשטעקענדע קראַנקהייט, זי ווערט ניט פעראורזאַכט
פון מיקראָבען און קען זיך ניט פערשפּרייטען פון איין קינד צום אַנדערען
עס איז פּשוט אַ הונגער קראַנקהייט. דאָס קינד קריגט ניט געוויסע נאַה
רונגס־שטאָפען, אין וועלכע זיין קערפּער נויטיגט זיך און אַלס רעזולטאַט
דערפון ליידעט דער גאַנצער קערפּער, ספּעציעל די ביינער.
ריקעטס איז שוין אַן אַלטע קראַנקהייט און זי עקזיסטירט אין אַל
לענדער איבער דער גאַנצער וועלט. ספּעציעל ליידען פון דיזער קראַנק
הייט די קינדער פון אָרעמע לייט, וואָס וואוינען אין גרויסע שטעדט, וואו
נען אין ענגשאַפּט און הונגערן צו ביסלאַך.
די קראַנקהייט איז זעהר פערשפּרייט אין אייראָפּאַ ווי אין אַמעריקאַ
און אין קענדע, וואו די בעפעלקערונג איז ניט אַזוי געדיכט און די ענג

שאפט און ארמוט ניט אַזוי גרויס, זעהט מען די קראַנקהייט פערהעלטניס-
מעסיג זעלטען.

אין די פעראייניגטע שטאַאטען טרעפט מען פעלע פון ריקעטס
ספעציעל אין די גרויסע שטעדט אין די געדיכט־בעפעלקערטע אָרעמע קוואַר-
טאַלען. נעגער קינדער און קינדער פון איטאַליעניש עלטערן שיינען
צו ליידען פון ריקעטס מעהר ווי קינדער פון אנדערע ראַסען.

די אורזאַכען פון דער קראַנקהייט.

ווי שוין פריהער בעמערקט ווערט דיזע קראַנקהייט ניט פעראור-
זאַכט פון מיקראָבען. זי איז דאַרום ניט קיין אַנשטעקענדע. ענגע וואוי-
נונגען, פערשטיקטע און ניט פרישע לופט, צו ווענין זון־ליכט און די אַב-
וועזענהייט פון געוויסע נאַהרונגס־שטאָפען, ווערען פערעכענט אלס די
פעראורזאַכער פון ריקעטס.

מען בעמערקט אויך די קראַנקהייט זעהר אָפט ביי קינדער, וואָס
ווערען צו לאַנג געזויגען. ספעציעל בעמערקט מען דאָס ביי איטאַליענער
קינדער. די מעהרסטע פרויען גלויבען, דאָס אזוי לאַנג ווי זיי זויגען זיי-
ער קינד, קענען זיי ניט שוואַנגערען, אַבוואָהל זיי לעבען געשלעכטליך מיט
זייערע מענער (דיזער גלויבען איז אונבעגרינדעט. פיעלע פרויען פאַנגען
אָן נאָך אַמאָל צו שוואַנגערען איידער זיי אַנטוואוינען זייער קינד). מאַנ-
כע פרויען, ספעציעל די איטאַליענער זויגען דאַרום זייערע קינדער ביז
צוויי יאָהר אָדער נאָך מעהר. אַ קינד, ווען עס ווערט אַלט אַ יאָהר, קען עס
זיך שוין ניט צופרידענשטעלען בלויז מיט דער מוטער'ס מילך, עס נוי-
טיגט זיך שוין אויך אין אַנדערע שפייז און, ניט קריגענדיג קיין אנדער
שפייז, ענטוויקעלט זיך ביים קינד די קראַנקהייט ריקעטס.

ניט זעלטען טרעפט מען אויך ריקעטס ביי קינדער פון גאַנץ פער-
מעגליכע עלטערן. אַן אונטערזוכונג אין אַזאַ פאַל צייגט געוועהנליך, אַז
דאָס קינד איז ניט געהאָדעוועט געוואָרען מיט דער מוטער'ס מילך, נאָר מיט
פערשיידענע צוגעפּראַוועטע „קאָנדענסד" מילך.

די סימנים פון דער קראַנקהייט.

די קראַנקהייט ערשיינט געוועהנליך אין ערשטען אָדער צווייטען
יאָהר פון קינד'ס לעבען. זעלטען ווען ערשיינט זי איידער דאָס קינד איז
זעקס מאָנאַטען אַלט. עס איז אָבער אויך דאָ אַ שפּעטערע פאָרמע פון רי-

קעטס, וואָס צייגט זיך ניט ביז צום ניינטען, צעהנטען אָדער זאָגאר צוועלפ-
טען יאָהר.

געוועהנליך בעווייזט זיך די קראַנקהייט אין די צווייטע העלפט פון
ערשטען יאָהר, איידער דאָס קינד פאַנגט אָן צו געהן. אין מאַנכע פעלע
איז די קראַנקהייט אין אַזא מילדע פאָרמע, דאָס מען בעמערקט גאָר ניט,
אַז דאָס קינד איז קראַנק. אין פיעלע פעלע ליידעט דאָס קינד פון „מאָגען"
איידער די בעשטימטע סמנים פון ריקעטס צייגען זיך.

דאָס קינד האָט אַ לייכטען פיבער, איז אונרוהיג, עס פיהלט זיך גע-
רייצט און שלאָפט ניט רוהיג. אויב עס האָט שוין פריהער אָנגעפאַנגען
צו געהן צייגט עס יעצט אַ נייגונג ניט צו געהן און עס שיינט צו זיין שוואַך
און אונזיכער אויף די פיסלאַך.

עס זיינען דאָ דריי הויפט-סימנים, אָן וועלכע מען קען צו דיזער צייט
דערקענען די קראַנקהייט. ערשטענס פיהלט דאָס קינד שמערצען איבער'ן
גאַנצען קערפער, עס איז זעהר עמפפינדליך און וויל ליגען גאַנץ רוהיג,
עס לאָזט ניט מען זאָל עס טשעפּען און ווען מען ריהרט עס אָן וויינט עס.
צווייטענס האָט דאָס קינד אַ לייכטען פיבער און ביינאַכט איז עס אונ-
רוהיג און וואַרפט אַרומטער פון זיך דעם צודעק, דאָס איז פיליכט דער-
פאַר, וואָס עס קען ניט פערליידען די געוויכט פון'ם צודעק, אַזוי עמפפינד-
ליך איז עס. דריטענס, שוויצט דאָס קינד זעהר שטאַרק, ספּעציעל אַרום
קאָפּ און נאַקען, אַזוי דאָס יעדען אין דער פריה איז דער קישען, אויף וועל-
כען דאָס קינד שלאָפט, דורכגעווייקט מיט'ן קינד'ס שוויס.

פון דיזען שוויצען און פון דעם אונרוהיגען וואַרפען זיך און רייבען
דעם קאָפּ אָן קישען רייבען זיך אויס די האָר אויף די הינטערשטע טייל
פון קינד'ס קעפּעלע, און אָפטמאָל בעמערקט מען דאָס צווישען די ערשטע
סמנים פון דער קראַנקהייט.

אויב דאָס קינד ווערט פערנאַכלעסיגט ענטוויקעלט זיך די קראַנק-
הייט ווייטער. די הויט ווערט בלאַס און קריגט אַ קרענקליכען קאָליר,
די מוסקולען ווערען ווייך, שוואַך און נאַכגעלאָזען, דאָס קינד זעהט אויס
גאַנצען אויס קליין און שוואַך. ספּעציעל ווערען אָנגעגריפען די מוסקולען
פון די פיס און דאָס קינד הערט אויף צו בעוועגען מיט די פיס גלייך ווי
זיי וואָלטען געווען פּאַראַליזירט. ניט איין מאָל ווערט אַ דאָקטאָר גערו-
פען צו בעהאַנדלען אַ פּאַראַליזירטעס קינד און געפינט אויס, אַז דאָס קינד
ליידעט גאָר פון ריקעטס.

צווישען די סימנים פון דער קראַנקהייט, וואָס אפילו „א
ליגדער קען אָנטאַפּען", זיינען קליינע בערגעלאך אויף די ריפּען. אויף
עדע ריפּ, אין די פאָדערשטע טייל פון ברוסט־קאסטען, ביים פּונקט, וואו
י ביין פון ריפּ ענדיגט זיך און די קארטילעדזש (ווייך ביינדעל, כראָמשקע)
אנגט זיך אָן, געפינט זיך אזא בערגעל. די נידעריגע העלפט פון ברוסט־
יין, אין פראָנט פון ברוסט־קאסטען סטאַרטשעט ארויס און דאָס גיט דעם
גרוסט־קאסטען פון קינד די זעלבע פאָרמע ווי א ברוסט־קאסטען פון א
פייבעלע אָדער א הון.

דער בויך זעהט אויס גרויס אין פערגלייך מיט'ן ברוסט־קאסטען און
פויפגעבלאָזען, די מוסקולען פון די פיס זיינען שוואך אויסגעדארט. דער
קאָפּ זעהט אויס קוואדראט (פיער קאנטיג) און גרעסער ווי געוועהנליך, די
ביינער זיינען ווייך, און די פענסטער (פאָנטאנעלס) אין שארבען פערמא-
בען זיך ניט פאר א לאנגע צייט, דאָס הייסט די ביינער ווערען ניט אזוי
שנעל צוזאמענגעוואָקסען, דער שטערן פון קינד איז ברייט און קוואדראט.
די צייהנדלאך שניידען זיך ביי אזא קינד פיעל שפּעטער ווי ביי א נאָר-
מאלע קינדער.

ענדערונגען קומען אויך פאָר אין די ביינער פון קינד'ס קערפּער.
ווי עס שיינט קריגען ניט די ביינער גענוג פון די זאלצען, אין וועלכע זיי
וויטיגען זיך און זיי ווערען ווייך און בויגען זיך לייכט. ביי די ענדע פון
די לאנגע ביינער, נעבען די הענט געלענקע און קנעכעל ווערען די ביינער
דיקער און עס זעהט אויס ווי א „בראָסליעט" פון ביין. אויב דאָס קינד
שטעהט אָדער געהט קענען די לאנגע פיס־ביינער ניט אויפהאלטען די גע-
וויכט פון קערפּער און זיי בייגען זיך אויס. אויב מען האלט דאָס קינד
או ף די הענד אָדער עס זיצט צו לאנג קענען די רוקען־ביינער ניט אויס-
האלטען די געוויכט און בייגען זיך אויס. דאָס קינד קען דאַן קריגען א
האָרב אָדער דער רוקען־ביין קען זיך אויסקרימען אין דער זייט. אויב
דאָס קינד זיצט מיט די פיס האלב נאָכהענגענדיג איבער א שטוהל אָדער
טיש, בייגען זיך די ביינער ארונטערצו.

וויכטיגע ענדערונגען קומען אויך פאָר אין די גליד־שלעסער (גע-
לענקען) אזוי, דאָס מען קען א הענטעל אָדער א פיסעל פון קינד דרעהען
און בויגען אין אלע זייטען און דאָס קינד פיהלט דערביי קיינע שמערצען.

ענדערונגען קומען אויך פאָר אין די ביינער פון בעקען (פּעלוויז).
ער פלאַץ אין פּעלוויז ווערט שמאָל און וועהרענד אין דעם פאַל פון א

אינגעל איז עס ניט זעהר וויכטיג, איז עס אָבער פון גרויס וויכטיגקיי
אין'ם פאַל פון א מיידעל, ווייל אזא קינד, אויב עס וואקסט אויס צו זיין
א פרוי, קען זי נאכהער ניט האָבען קיינע נאָרמאַלע געבורטען. איהר בע-
קען (פעלוויז) האָט ניט גענוג פּלאַץ א נאָרמאַלעם קינד זאָל קענען דורכגעהן.

די אויסזיכטען פון קראנקען קינד.

ריקעטס איז אַן און פאַר זיך ניט לעבענס־געפעהרליך. אויב מען פערכאַפּט די קראַנקהייט בעצייטענס איידער עס קומען פאָר וויכטיגע ענ-דערונגען אין די ביינער, קען זיך דאָס קינד ערהאָלען, זאָנסט פּראָגרעסירט די קראַנקהייט זעהר לאַנגזאַם ביז דאָס קינד ווערט עלטער. מען פאַנגט דאַן אָן צו געבען אנדערע שפּייז און דער פּראָגרעס פון דער קראַנקהייט ווערט דאַן אָפּגעשטעלט. אין אזא פאַל, נאַטירליך, קען מען ניט פערריכ-טען דעם שאָדען, וואָס די קראַנקהייט האָט שוין פעראורזאַכט.

די גרעסטע געפאַהר פאַר קינדער, וואָס ליידען פון ריקעטס, איז ווען עס וואַרפט זיך זיי צו א צווייטע קראַנקהייט, ספּעציעל איינע פון די לונגען־קראַנקהייטען. ריקעטס קינדער זיינען צו שוואַך אויסצוהאַלטען אזעלכע ערנסטע קראַנקהייטען און פיעלע פון זיי שטאַרבען.

ווי צו פערהיטען א קינד פון ריקעטס.

ריקעטס, ווי שוין פריהער ערקלערט, איז א קראַנקהייט, וואָס קומט דערפון, וואָס דאָס קינד קריגט ניט געוויסע נאַהרונגס־שטאָפען, אין וועלכע עס נויטיגט זיך.

קינדער, וואָס ווערען געבאָרען פון נאָרמאַלע געזונדע מוטערס, זיי-נען ווייניגער אויסגעזעצט דער געפאַהר פון קריגען ריקעטס. די מוטער דאַרף דאַרום זיך אָפּהיטען אין דער צייט פון איהר שוואַנגערשאַפט. זי דאַרף עסען גוט, רוהען גענוג און לעבען אין היגיענישע אומשטענדען.

זויגען א קינד אין דער צייט, ווען די מוטער שוואַנגערט, אָדער זוי-גען א קינד צו לאַנג אין דער האָפענונג, אז דורך דעם וועט מען אויסמיי-דען שוואַנגערען, איז שעדליך פאַר'ן קינד. מען דאַרף דאַרום אנטוואוינען דאָס קינד אזוי שנעל ווי די מוטער פאַנגט אָן צו שוואַנגערען און אין יעדען פאַל דאַרף מען דאָס קינד אנטוואוינען צווישען צעהנטען און צוועלפטען מאָנאַט.

די מעהרסטע פעלע פון ריקעטס פּאַסירען צווישען קינדער, וואָס ווערען געהאָדעוועט מיט קוה־מילך אָדער מיט צוגעפּערטיגטע „קאָנדענסד" מילך. עס איז דאַרום זעהר וויכטיג פאַר יעדע מוטער צו זויגען איהר קינד. דאָס איז אַ גוטעס מיטעל צו פערהיטען ניט נאָר ריקעטס, נאָר אויך אַנדערע קינדער־קראַנקהייטען. עס פּאַסירט אָבער אמאָל, אַז דאָס קינד געדייהעט ניט אויף דער מוטער'ס מילך, עס וואַקסט ניט און קריגט ניט גענוג געוויכט, ווייל די מוטער'ס מילך ענטהאַלט ניט די נויטיגע נאַהרונגס־שטאָפען, אין וועלכע דאָס קינד נויטיגט זיך. אין אזא פאַל איז דאָס קינד אין געפאהר צו קריגען ריקעטס, אָבוואָהל עס ווערט געהאָדעוועט מיט דער מו-טער'ס מילך, און דאָס בעסטע איז דאַרום אזא קינד צו אַנטוואָוינען.

ווען דאָס קינד ווערט אַרום זעקס מאָנאַטען אַלט דאַרף מען עס גע-וואוינען צו טרינקען זאַפט פון אָרענדזשעס (אַפּעלסינען). אָנפאַנגען דאַרף מען מיט אַ טהעע־לעפעלע זאַפט פון אַ זיסען אָרענדזש צופיהרט אין וואַ-סער, און ביסלאַכווייז דאַרף מען די מאָס זאַפט פערגרעסערען ביז דאָס קינד קען יעדען טאָג אויסטרינקען די זאַפט פון אַ גאַנצען זיסען אָרענדזש.

עס איז צו שטוינען, וואָס פאַר אַ גוטע ווירקונג אָרענדזש־זאַפט האָט אויף קינדער, וואָס זיינען גענייגט צו ליידען פון ריקעטס. די זאַפט פון אַנדערע פרישע פרוכט איז אויך גוט אָבער אָרענדזש־זאַפט ווירקט וואונדערליך אויף אַזעלכע קינדער. ניט נאָר העלפט עס צו פערמיידען די קראַנקהייט, נאָר עס קורירט אויך די קינדער, ביי וועמען סימנים פון רי-קעטס האָבען זיך שוין בעוויזען. די אָרענדזש־זאַפט שיינט צו בעזיצען גראַדע די נאַהרונגס־שטאָפען, אין וועלכע דאָס קינד נויטיגט זיך, און אזוי שנעל ווי עס קריגט גענוג פון דיזע שטאָפען הערט די קראַנקהייט אויף.

ווען אַ קינד ליידעט פון ריקעטס.

ווען די סמנים פון דער קראַנקהייט, וועלכע מיר האָבען פריהער אויסגערעכענט, בעווייזען זיך ביי אַ קינד דאַרף מען גלייך שיקען נאָך אַ דאָקטאָר. אַ גענויע אונטערזוכונג דאַרף געמאַכט ווערען אום פעסט צו שטעלען צו דאָס קינד ליידעט טאַקע פון ריקעטס אָדער ניט. אויב יע, דאַרף מען גלייך ענדערען דעם קינד'ס שפּייז און דעם קינד'ס אומגעבונג.

ווי אזוי צו ענדערען דעם קינד'ס שפּייז, וואָס דאָס קינד זאָל קרי-גען צו עסען און וואָס עס זאָל ניט קריגען צו עסען וועט שוין דער דאָק-טאָר אָנזאָגען.

זונען-שיין, פרישע לופט און ווארעמקייט, זיינען די דריי בעסטע מע-
דיצינען פאר קינדער, וואָס ליידען פון ריקעטס. די לופט ביים ים איז
זעהר גוט פאר אזעלכע קינדער, זיי מוזען אָבער געהאַלטען ווערען ווארעם,
זיי זאָלען זיך ניט צוקיהלען. וואָס אנבעלאַנגט זונען-שיין איז גאָר ניטאָ
צופיעל פאר'ן קינד.

אויב די קראַנקהייט איז שוין אזוי ווייט פערגאַנגען, דאָס די לאַנגע
ביינער פון די פיס זיינען ווייך טאָר מען ניט לאָזען דאָס קינד געהן און
אפילו ניט זיך אויפשטעלען, ווייל די געוויכט פון קערפער וועט אויסבוי-
גען די ביינער פון די פיס. אויב די ביינער זיינען צו ווייך איז אָפטאָל
ראַטזאַם זיי איינבאַנדאַזשירען מיט „ספּלינטס" (ברעטלאַך) אזוי, אז דאָס
קינד זאָל ניט קענען איינבויגען די פיס, ביז די קראַנקהייט וועט זיין פאַר-
איבער און די ביינער וועלען ווערען האַרטער.

קאָד ליווער אָיל איז גוט פאר קינדער, וועלכע ליידען פון ריקעטס,
אָבער וועגען דעם, ווי אויך וועגען די פערשיידענע דראָגס, וואָס ווערען
געברויכט צו שטאַרקען דאָס קינד און דעם העלפען בייצוקומען וואָס גי-
כער די קראַנקהייט, וועט שוין זאָרגען דער דאָקטאָר, אונטער וועמענ'ס
אויפזיכט דאָס קינד וועט שטעהן.

מען בעגעגענט אָפט אין די גאַסען קליינע קינדער מיט שטאַרק איינ-
געבויגענע פיס ווי בויגענס, די עלטערען פון אזעלכע קינדער פערלאָזען
דיזען צושטאַנד, גלויבענדיג די פערזיכערונג פון גוטע שכנים און שכנות,
דאָס ווען דאָס קינד וועט אויפוואַקסען וועלען די ביינער זיך אויסגלייכען.
דאָס איז אַ נאַרישע איינרעדעניש, וואָס קאָסט דעם קינד זעהר טייער, ווען
עס וואַקסט אויף.

אזעלכע אויסגעבויגענע פיס קומען פון אַ פערנאַכלעסיגטען פאַל פון
ריקעטס. אזוי לאַנג ווי די ביינער זיינען יונג קען מען נאָך מיט דער
הילף פון געוויסע אינסטרומענטען זיי פּרובירען לאַנגזאַם אויסגלייכען.
אויב דאָס געלינגט ניט קען מען די ביינער איבערברעכען און זיי צוזאַמענ-
שטעלען גלייך. אזוי לאַנג ווי דאָס קינד איז יונג איז אזא אָפּעריישאָן
ניט געפעהרליך, ווייל די איבערגעבראָכענע ביינער ווערען שנעל צוריק
צוזאַמענגעוואַקסען. אויב אָבער דיזער צושטאַנד ווערט פערנאַכלעסיגט ביז
דאָס קינד וואַקסט אויף קען מען די ביינער מעהר ניט אויסגלייכען. זיי
זיינען צו האַרט מען זאָל זיי קענען בייגען און דאָס איבערברעכען די ביינער
איז דאַן אַ פיעל געפעהרליכערע אונטערנעהמונג.

עס איז דארום וויכטיג גלייך אין אַנפאַנג פון דער קראַנקהייט אַכ-טונג צו געבען אויף אַלע גלידער, ספּעציעל אויף'ן רוקען־ביין און אויף די פיס.

פיעלע האַרבאַטע, הויקערדיגע און קרום־פיסיגע מענשען האַבען זיי-ערע פעהלערן צו פערדאַנקען די נאַכלעסיגקייט פון זייערע עלטערען, וועל-כע האַבען אַנגענומען די גוטע עצות פון אַל־וויסענדע שכנות צו וואַרטען ביז דאָס קינד וועט אויסוואַקסען און אַרויסוואַקסען פון'ם פעהלער. דער רעזולטאַטען איז כמעט אין אַלע פעלע דער זעלבער. אנשטאַט אַרויסצוואַ-וואַקסען ווערט דער פעהלער אַזוי אַריינגעוואַקסען, דאָס עס איז נאַכהער אונמעגליך איהם צו פערריכטען.

סקווירווי (סקארבוט).

וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז — די דריי טעאָריען וועגען די אורזאַכען פון
דער קראַנקהייט — די סמנים פון סקווירווי — די אויסזיכטען פון
סקווירווי־קראַנקע געזונד צו ווערען — ווי אַזוי זיך אויסצו-
היטען פון דער קראַנקהייט — וואָס צו טאָן ווען מען האָט
שוין די קראַנקהייט — סקווירווי ביי קינדער.

„סקווירווי", סקאָרבוט אָדער סקאָרבוטוס, איז א קראנקהייט, וואָס גרייפט אָן עלטערע מענשען און אויך קינדער. די קראנקהייט צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס די יאסלעס פון'ם קראנקען ווערען ווייך און בלוטען זעהר לייכט, די צייהן פאלען אויס, דער קראנקער ליידעט פון בלוט־ארמוט, ער ווערט זעהר אָפגעשוואכט און קליינע בלוט־שטורצען צייגען זיך הינטער דער הויט.

גענוי פון וואנען די קראנקהייט נעהמט זיך איז נאָך ניט בעקאנט, אָבוואָהל די קראנקהייט איז שוין זעהר אַן אלטע. דריי ערקלערונגען ווערען אָנגעגעבען פאר דיזער קראנקהייט. די ערשטע ערקלערונג, אין וועלכע די מעהרסטע דאָקטוירים גלויבען, איז, דאָס די קראנקהייט ווערט פעראורזאכט דערפון, וואָס דער בעטרעפענדער פערזאָן קריגט ניט אין זיין שפייז געוויסע נאהרונגס־מאטעריאלען, וואָס געפינען זיך אין פרישע פרוכט, פרישע גרינצייג (וועדזשעטייבעלס) אָדער פרישע פלייש. גענוי וואָס דיזע נאהרונגס־שטאָפען זיינען איז נאָך ביז יעצט ניט בעקאנט. דער פאקט איז אָבער, דאָס מענשען, וועלכע לעבען א לענגערע צייט אונטער אונהיגיענישע צושטענדען און עסען ניט קיין פרישע פרוכט אָדער פרישע פלייש קריגען דיזע קראנקהייט.

א צווייטע ערקלערונג וועגען דיזער קראַנקהייט איז, דאָס זי ווערט פעראורזאַכט ניט דערפון, וואָס די אָנגעגריפענע פערזאָנען האָבען ניט גע-געסען געוויסע נאַהרונגס־שטאָפען, נאָר דערפון, וואָס זיי האָבען יע גע-געסען געוויסע אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע זיינען שעדליך פאַר'ן קערפּער און ווירקען פונקט ווי גיפטען.

די דריטע ערקלערונג אָדער טעאָריע איז, דאָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט פון געוויסע מיקראָבען, וועלכע מיר האָבען נאָך ביז יעצט ניט ענטדעקט.

פון אַלע דריי מיינונגען שיינט די ערשטע צו זיין נעהענטער צום אמת, און אויף דיזער טעאָריע וועגען דער אורזאַכע פון דער קראַנקהייט שטיצט זיך אויך דער פּלאַן, וואָס ווערט איצט געברויכט צו קורירען „סקוירווי".

סקוירווי איז אַמאָל געווען א זעהר ווייט פערשפּרייטע קראַנקהייט און איהרע קרבנות זיינען געווען אין א פיעל גרעסערער צאָהל ווי יעצט. ספּעציעל פלעגען פון דיזער קראַנקהייט ליידען סאָלדאַטען אין פעלד און מאַטראָזען אויף שיפען נאָך א לאַנגע רייזע. מען פלעגט אַמאָל ניט פער-שטעהן וואָרום דאָס איז און מען האָט בעטראַכט דיזע קראַנקהייט אַלס א ספּעציעלע קללה פאַר מאַטראָזען. אָבער זייט מען האָט אָנגעפאַנגען צו בעזאָרגען די סאָלדאַטען אין פעלד און די מאַטראָזען אויף שיפען מיט פרוכטען, גרינצייג און פרישע פלייש איז די קראַנקהייט כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען.

דיזער פאַקט פערשטאַרקט די מיינונג, דאָס „סקוירווי" קומט דער-פון, וואָס דער קראַנקער האָט א געוויסע צייט ניט געקראָגען געוויסע נאַה-רונגס־שטאָפען, וועלכע געפינען זיך אין פרישע פרוכטען און גרינצייג.

אויסער די שפּייז האָבען אויך געוויסע אומשטענדען א ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דיזער קראַנקהייט. וואוינען אין געדיכט־בעזעצ-טע הייזער און קוואַרטאַלען, וואוינען אין קאַלטע נאַסע וואוינונגען, זיין אויסגעמאַטערט פאַר א לענגערע צייט אונטער ענטמוטיגענדע צושטענדע, ווי צום ביישפּיל, ווען אַן אַרמעע האַלט זיך אין צוריקציהען פון א שונא, און גייסטיגע ענטמוטיגונג העלפען דער ענטוויקלונג פון סקוירווי.

די קראַנקהייט גרייפט אָן מענשען פון יעדען עלטער. אַלטע שוואַ-כע מענשען פאַלען לייכטער א קרבן, ווי יונגע געזונדע מענשען. פרויען ליידען פון סקוירווי גליך מיט מענער.

די קראַנקהייט „סקווירווי” גרייפט אויך אָן גאָר קליינע קינדער, זויג-לינגע. אין דיזע פעלע איז די קראַנקהייט עטוואָס פערשיידען ווי די פע-לע פון ערוואַקסענע מענשען, און מיר וועלען די פאָרמע פון דער קראַנק-הייט ביי קליינע קינדער בעשרייבען בעזונדער.

די סימנים פון סקווירווי.

„סקווירווי” גרייפט אָן איהר קרבן ניט פּלוצלינג, נאָר לאַנגזאַם. דער קראַנקער מענש פאַנגט אָן צו פערלירען געוויכט און ווערט וואָס אמאָל שוואַכער און בלאַסער.

אין גיכען פאַנגען אָן זיינע יאַסלעס (צאָהן=פליישׁ) צו ווערען גע-שוואָלען, זיי ווערען ווייך און בלוטען זעהר לייכט. אין מאַנכע פעלע ווע-רען די יאַסלעס אַזוי ווייך, דאָס די צייהן פאַלען ארויס און פון קראַנקען'ס מויל הערט זיך דאַן א זעהר אונאַנגענעהמער און שלעכטער גערוך, די צונג ווערט געשוואָלען, די הויט ווערט טרוקען און ניט גלאַטיג און אויף פערשיידענע טיילען פון קערפּער פּאַסירען קליינע בלוט=שטורצען, ספּעציעל ארום די האָר=וואָרצלען. די לייכסטע וואונד פעראורזאַכט די אָנזאַמלונג פון בלוט אין דעם פערוואונדעטען פּלאַץ, די פיס ווערען געשוואָלען, בלו-טען פון נאָז איז אַן אָפטע ערשיינונג אין אַזעלכע קראַנקע פעלע און אין גאַנץ ערנסטע קראַנקען פעלע בלוטעט דער קראַנקער אויך דורך די נירען און די קישקעס.

פון אַזוי פיעל בלוט=פערלוסט ווערט דער קראַנקער זעהר אָפּגעשוואַכט און אַן אונטערזוכונג פון זיין בלוט צייגט, דאָס ער ליידעט פון בלוט=ארמוט. זיין האַרץ ארבייט שוואַך און ניט רעגעלמעסיג.

דעם קראַנקען'ס אַפּעטיט איז שטאַרק פערקלענערט און צוליב זיינע ווייכע, געשוואָלענע יאַסלעס קען ער ניט קייען קיין שפּייז. ער ליידעט דאַרום אין די מעהרסטע פעלע פון פערשטאָפּונג. אויב די קראַנקהייט פּראָגרעסירט ווערט דער קראַנקער גייסטיג נידערגעשלאָגען און וויכטיגע ענדערונגען קומען אויך פאָר אין זיינע ביינער און אין די שלעסער פון זיינע גלידער.

דיזע קראַנקהייט, טראָטץ איהר ערנסטקייט, קען לייכט פערהיט ווערען, און וואו זי האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען קען זי לייכט קורירט ווע-רען, אויב זי איז נאָך ניט צו ווייט פערגאַנגען.

די אויסזיכטען פון סקווירווי־קראנקען.

די אויסזיכטען פון דעם, וואָס ליידעט פון סקווירווי, זיינען גאנץ גו־טע, אויב די קראנקהייט איז נאָר ניט צו ווייט געגאנגען און אויב די אומ־שטענדען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דער קראנקהייט קענען בעזייטיגט ווערען.

די צאָהל קראנקע, וואָס שטארבען פון סקווירווי, איז יעצט זעהר קליין. דער טויט אין אזא פאל קומט געוועהנליך פון הארץ־פעהלער אָדער פון א בלוט־שטורץ אין מארך. אויב אין דער צייט, ווען דער קראנקער איז זעהר אָפּגעשוואכט פון סקווירווי, ווארפט זיך אונטער אן אנדער ערנסטע קראנק־הייט, זיינען זיינע אויסזיכטען געזונד צו ווערען גאנץ שוואכע. אין פיעלע פעלע שטארבט דער סקווירווי־ליידענדער פון דער צווייטער קראנקהייט.

ווי זיך אויסצוהיטען פון סקווירווי.

סקווירווי, ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, קומט פון ניט עסען א לענגערע צייט געוויסע נאהרונגס־שטאָפען, וואָס געפינען זיך הויפּטזעכ־ליך אין פרישע פרוכט און אין גרינצייג. עסען א געניגענדע מאָס פון דיזע שפייז־ארטיקלען איז דארום א גוטע פערזיכערונג געגען דער קראנקהייט.

אמאָליגע יאָהרען פלעגט א רייזע אויף'ן ים געדויערען א לאנגע צייט. די שפייז אויף שיף פלעגט בעשטעהן מעהרסטענס פון געזאלצענע פלייש און פערטריקענטע ברויט. די פלעצער, וואו די מאטראָזען זיינען געשלאָ־פען, זיינען געווען ענגע, שמוציגע, אונגעזונדע. די ארבייט אויף'ן שיף איז געווען א שווערע, בעהאנדעלט האָט מען די מאטראָזען ווי שקלאפען אָדער אויסוואורפען. קיין וואונדער ניט, וואָס אזוי פיעל מאטראָזען פלע־גען ליידען פון סקווירווי.

א רייזע אויף'ן ים היינטיגע צייטען דויערט פיעל קירצער ווי אמאָל. יעדע שיף מוז אויך, לויט די געזעצען פון לאנד, פון וואנען די שיף פאָהרט אָפּ, מיטנעהמען א געניגענדע מאָס פרישע פלייש, א געוויסע מאָס פרוכ־טען און גרינצייג. די פלעצער, וואו די מאטראָזען שלאָפען, זיינען פיעל ריינער, לופטיגער און געזינטער, ווי אין אמאָליגע שיפען, און אונטער אזעל־כע אומשטענדען קען סקווירווי ניט עקזיסטירען.

אום זיך אויסצוהיטען פון סקווירווי מוז מען דארום עסען א גענו־גענדע מאָס פרוכטען און גרינצייג אויסער פרישע פלייש און אנדערע שפּייז, צו וועלכע דער מענש איז געוואוינט. מען דארף אויך לעבען אונטער ריינע היגיענישע צושטענדע און טרייען אויפצוהאַלטען דאָס געזונד אין אַלע אנדערע הינזיכטען. סקווירווי גרייפט גיכער אָן שוואכע אָדער אויסגעמאַ־טערטע מענשען, ווי געזונדע און שטארקע.

וואס צו טאן ווען מען האט שוין די קראנקהייט.

די בעסטע בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט איז צו געבען דעם קער־פּער יענע נאהרונגס־שטאָפען, וועמענס אבוועזענהייט עס האָט פעראור־זאכט די קראנקהייט.

די זאפט פון צוויי דריי לעמאָנס (ציטראָנען) יעדען טאָג, צוזאמען מיט פרישע פלייש און גענוג פרישע גרינצייג (וועדזשעטייבעלס) ווי קאר־טאָפעל, (פּאָטייטאָס), לעטוס, קרויט און ציבעלעס, וועלען אויסהיילען כמעט אלע קראנקען פעלע פון סקווירווי, אויסער אין די פעלע, וואו די קראנקהייט איז שוין צו ווייט פערגאנגען.

די שפּייז, וואָס דער קראנקער דארף עסען, ווענדעט זיך אָן דעם צו דער קראנקער קען עסען און צו זיין פערדייאונגס־מעכאניזם איז אויסער אָרדנונג. דער דאָקטאָר אונטער וועמענס אויפזיכט דער קראנקער דארף זיך געפינען, וועט שוין אכטונג געבען אויף די בעהאנדלונג פון די יאסלעס, אום דער קראנקער זאָל קענען עסען זיין שפּייז. אין אָנפאנג וועט פּי־לייכט נויטיג זיין צו האָדעווען דעם קראנקען מיט מילך, אָנגעשאָבענע פלייש, אָדער פלייש־זאפט און לעמאָן־זאפט. אין דער זעלבער צייט וועט דער קראנקער דארפען אָפט שווענקען דאָס מויל מיט געוויסע מעדיצינען צו שטארקען זיינע יאסלעס. אזוי שנעל, ווי דיזע וועלען אויפהערען אזוי לייכט צו בלוטען און וועלען ווערען עטוואָס פעסטער און הארטער, קען די שפּייז פון קראנקען געענדערט ווערען ביז ער וועט קענען עסען אַלעס, וואָס ער וויל מיט א צוגאָב פון לעמאָן־זאפט און פרישע גרינצייג (ווע־דזשעטייבעלס).

אין דער זעלבער צייט מוז דער קראנקער אויך פיהרען א מעהר היגיעניש לעבען ווי פריהער, געניסען פרישע לופט און מעהר אכטונג גע־בען אויף די אינערליכע און אויסערליכע ריינליכקייט פון זיין קערפּער.

סקווירווי ביי קינדער.

סקווירווי ביי קינדער, פונקט ווי ביי ערוואַקסענע מענשען, קומט אלס רעזולטאט דערפון, וואָס דאָס קינד קריגט ניט געוויסע נאַהרונגס־שטאָפען אין זיין שפייז. אין די מעהרסטע פעלע טרעפט מען דיזע קראַנק־הייט אין פערלויף פון ערשטען יאָהר פון קינד׳ס לעבען און הויפּטזעכליך ביי אזעלכע קינדער, וועלכע ווערען געהאָדעוועט בלויז מיט „קאָנדענסד״ מילך אָדער „מאָלטעד״ מילך. צייטענווייז קען מען אויך טרעפען א פאַל פון סקווירווי ביי א קינד, וואָס ווערט געהאָדעוועט מיט דער מילך פון דער מוטער׳ס ברוסט, אָבער אזא פאַל איז אַן אויסנאַהמע.

די סימנים פון סקווירווי ביי א קינד זיינען ניט שווער צו דערקענען. דאָס קינד איז בלאַס, און אין אָנפאַנג, אויב מען לאָזט עס נאָר רוהיג ליגען, ליגט עס גאַנץ שטיל מיט די פיסלאַך איינגעצויגען. קוים אָבער ריהרט מען זיך צו צו דעם, ספּעציעל ווען מען ריהרט זיך צו צו די פיסלאַך, פאַנגט דאָס קינד אָן צו וויינען. עס וויינט, ווען מען נעהמט עס אויף די הענד, עס וויינט ווען מען „דייפּערט״ עס אָדער מען וויקעלט עס, עס וויינט ווען מען באָדט עס, עס וויינט יעדעס מאָל ווען מען ריהרט זיך צו צו דעם.

עטוואָס שפּעטער בעמערקט מען, דאָס די ביינער ארום די קנעכעל ווערען עטוואָס געשוואָלען און דיק און די פיס ווערען ווי פּאַראַליזירט. עטוואָס שפּעטער קען מען אויך בעמערקען ווי דער ברוסט־ביין פון קינד ווערט ווי איינגעזונקען, גלייך ווי עמיצער וואָלט געגעבען דעם קינד א שטאַרקען שטויס אין ברוסט־ביין און איהם איינגעבראָכען.

אין זעהר ערנסטע פעלע קריגט די הויט אַן ערד־קאָליר, אָדער דעם קאָליר, וואָס די הויט קריגט א קורצע צייט נאָך א שטאַרקען קלאַפּ. אין ביידע פעלע קומט דער קאָליר דערפון, וואָס געוויסע קליינינקע בלוט־רעה־רען פּלאַצען הינטער דער הויט און דאָס בלוט פערשפּרייט זיך אויסער די בלוט־רעהרען.

די געשווילאַכץ אין די ביינער פון די פיס, די שמערצען און דער האַלב פּאַראַליזירטער צושטאַנד פון די אונטערשטע גלידער קומט אויך דערפון, וואָס קליינע בלוט־רעהרען פּלאַצען אונטער דער הויט, וואָס רינגעלט ארום די ביינער. די יאַסלעס ווערען אָנגעגריפען בלויז אין אזעלכע פעלע, וואו דאָס קינד האָט שוין ציינדלאַך.

ווי צו פערהיטען א קינד פון סקווירווי.

צו פערהיטען א קינד פון סקווירווי איז אין די מעהרסטע פעלע ניט זעהר שווער. דאָס בעסטע מיטעל איז צו האָדעווען דאָס קינד מיט דער מוטער'ס מילך. זויגען א קינד אנשטאָט עס צו האָדעווען מיט פרעמדע מילך פערהיט דאָס קינד ניט נאָר פון סקווירווי, נאָר אויך פון פיעלע אנדערע קראַנקהייטען. אויב מען קען דאָס קינד ניט זויגען דארף מען דאָס האָדעווען מיט מאָדיפיצירטע קוה־מילך, אָבער ניט מיט די פערשיידענע פאַטענטירטע צוגעפּראַוועטע שפּייזען, ווי „קאָנדענסד" מילך, „מאָלטעד" מילך און ז. וו. ווען א קינד ווערט אלט ארום זעקס מאָנאטען דארף עס קריגען יעדען טאָג א טעע־לעפעלע זיסע אָרענדזש (אפּעלסינען) זאפט. די מאָס זאפט דארף ביסלאכווייז פערגרעסערט ווערען ביז דאָס קינד קען אויסטרינקען די זאפט פון א גאנצען אָרענדזש.

וואס צו טאן ווען א קינד ליידעט פון סקווירווי.

ווען א קינד ליידעט שוין פון סקווירווי דארף מען גלייך אויפהערען דעם קינד צו געבען די שפּייז, צו וועלכע עס איז געוואוינט. אנשטאָט דעם דארף מען דעם קינד געבען פרישע קוה־מילך, מאָדיפיצירט לויט דעם עלטער פון'ם קינד. אין דער זעלבער צייט דארף מען דעם קינד געבען איינינגע מאָל אין טאָג א טעע־לעפעלע פלייש־זאפט און אָרענדזש־ אָדער לעמאָן־זאפט. מען מעג דעם קינד אויך געבען עטוואָס גוט־צוריבענע געקאָכטע קארטאָפעל (פּאָטייטאָס).

די אויסזיכטען פון קראנקען קינד.

איז סקווירווי א געפעהרליכע קראנקהייט? קען א קינד געזונד ווערען ווען עס ליידעט פון סקווירווי? וואס זיינען די אויסזיכטען פון אזא קראנקען קינד? דאָס זיינען ענגסטליכע פראגען פאר יעדע מוטער, וועמענס קינד ליידעט פון סקווירווי.

דער ענטפער איז דאָס סקווירווי איז אן ערנסטע קראנקהייט און אויב מען פערנאכלעסיגט דאָס קינד איז די קראנקהייט לעבענס־געפעהרליך. אויב מען פאנגט אָבער אָן בעצייטענס צו געבען דעם קינד פרישע מילך, פלייש־זאפט און די זאפט פון אָרענדזשעס (אפּעלסינען) ערהאַלט

זיך דאָס קינד זעהר שנעל. די קראַנקהייט פערשווינדעט און דאָס קינד ווערט געזונד. אָרענדזש־זאַפט שיינט צו ענטהאַלטען דעם ספּעציעלען נאַהרונגס־שטאָף, וועמענס אבוועזענהייט פעראורזאַכט סקוירווי ביי די קינדער. און צו דאָס קינד ליידעט פון דער קראַנקהייט אָדער ניט דאַרף מען דעם קינד געבען די זאַפט פון אָרענדזשעס יעדען טאָג.

פאָדאגרא — גאוט.

וואָס פאַר אַ סאָרט קראַנקהייט דאָס איז — די פערשיידענע פאָרמען פון דער קראַנק-
הייט — פון וואָס זי ווערט פעראורזאַכט — וואָס מען קען טאָן פאַר'ן
קראַנקען — ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער קראַנקהייט.

פאָדאגרא איז דער נאָמען פון א דאָקטאָר, וועלכער האט געלעבט מיט העכער דריי הונדערט יאָהר צוריק, און די קראַנקהייט „גאָוט" ווערט אָפט אָנגערופען אויף זיין נאָמען, דערפאַר וואָס ער האָט געגוי שטודירט און בעשריבען דיזע קראנקהייט לויט דעם, וואָס מען האָט אין יענער צייט געוואוסט פון איהר.

די קראנקהייט איז שוין זעהר אַן אלטע און איז פערשפרייט אויף דער גאַנצער וועלט. אויף ווי ווייט מען ווייס יעצט ווערט זי פעראורזאַכט ניט פון מיקראָבען, נאָר פון א געוויסע אונאָרדענונג אין דער קערפעו־ מאשינערי, וואָס האָט צו טאָן מיט פערברויכען געוויסע נאהרונגס־שטאָ־ פען און מיט פטור ווערען פון געוויסע כעמישע אָבפאַל־מאטעריאַלען פון אונזער שפייז ווי אויך פון די צעלען פון קערפער.

פאָדאגרא איז א קראנקהייט פון די מיטעלע יאָהרען. זי גרייפט זעלטען אָן א מענשען, וועלכער איז איגנער פון דרייסיג יאָהר. עס זיי־ נען אָבער דאָ אייניגע אויסנאַהמען צו דיזען כלל. עס האָבען שוין פּאַ־ סירט פעלע, אָבוואָהל זעהר זעלטענע, וואו גאַנץ יונגע מענשען האָבען געליטען פון דיזער קראַנקהייט.

פאָדאגרא געהט אָפט איבער בירושה. ארום פופציג אָדער זעכציג פּראָצענט פון אלע פעלע פון דיזער קראַנקהייט האָט דעם קראַנקען'ס פאָ־ טער אָדער זיידע אויך געליטען פון דער זעלבער קראנקהייט. פרויען ליי־ דען פון איהר פיעל ווענינער ווי מענער. מיר בעגעגענען אָפט א פאַל פון

פּאָראַגראַ, וואו איינער האָט גע׳ירשנ׳ט די קראַנקהייט פון זיין מוטער׳ס פאָטער, אָבוואָהל זיין מוטער איז פריי פון אירגענד וועלכע סימנים פון דער קראַנקהייט.

דער גרעסטער פאקטאָר אין פעראורזאַכען פּאָדאַגראַ איז אַלקאָהאָל, הויפּטזעכליך אין דער פאָרמע פון וויין און ביער און אַלע אַנדערע גע־איהרטע אַלקאָהאָלישע געטרענקע. די קראַנקהייט איז דאַרום מעהר פער־שפּרייט אין די לענדער, וואו דער פערברויך פון ביער איז זעהר גרויס.

דער צווייטער פאקטאָר אין פעראורזאַכען פּאָדאַגראַ איז שפּייז. עסען צופיעל און האָבען צו ווייניג קערפּערליכע איבונגען (עקסערסייזעס) פיהרט אָפט צו דיזער קראַנקהייט. מען טרעפט דאַרום דיזע קראַנקהייט אָפט צווישען רייכע מענשען, וועלכע עסען צו פיעל, טרינקען צו פיעל וויין און טוען צו ווייניג פיזישע ארבייט. פּאָדאַגראַ שוינט אָבער אויך ניט קיין קבצנים. אַ קאָמבינאַציע פון שלעכטע שפּייז, אונהיגיענישעס לעבען און טרינקען צופיעל ביער איז די אורזאַכע פון אָרעמען׳ס פּאָדאַגראַ.

מענשען, וועלכע ארבייטען ביים שאַפען און צופיהרען ביער און אַזעלכע, וועלכע האַנדלען מיט אַלקאָהאָלישע געטרענקע, זיינען מעהר אויס־געזעצט דער געפאַהר צו קריגען פּאָדאַגראַ. די קראַנקהייט קומט אויך אָפט אַלס אַ פאָלגע פון כראָנישע בליי־פערגיפטונג אין מענשען, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אַרום בליי.

דיזע אויסגערעכענטע אורזאַכען גרייטען צו דעם באָדען פאַר דער קראַנקהייט. זיי מאַכען דעם מענשען עמפּפינדליך צו אַן אַטאַקע פון פּאָ־דאַגראַ. די אַטאַקע זעלבסט קען אַרויסגערופען ווערען דורך עסען אַ צו רייכען מאָהלצייט און פערטרינקען מיט פיעל וויין אָדער ביער, דורך אַ פּלוצלינגע גייסטיגע ערשיטערונג, דורך צופיעל זאָרג, אָדער דורך אַ לייכטע וואונד און דורך אַן עקסידענט (אונגליקספּאַל).

די סימנים פון פּאָדאַגראַ.

פּאָדאַגראַ ערשיינט אין דריי פערשיידענע פאָרמען: אין דער פאָר־מע פון אַ שאַרפע אַטאַקע, אין אַ כראָנישע פאָרמע און אין אַן אונרעגעל־מעסיגע. די סימנים פון אַ שאַרפע אַטאַקע זיינען ווי פאָלגט:

אין מאַנכע פעלע, איידער די אַטאַקע זעלבסט פאַנגט זיך אָן, פיהלט זיך דער קראַנקער אונרוהיג ביינאַכט און האָט לייכטע שמערצען אין די שלעסער פון די הענד און פיס. ער ליידעט אויך פון מאָגען טראָבעלס

און איז נערוועז און נידערגעשלאָגען. אָבער אין פיעלע פעלע זיינען דיזע סימנים ניטאָ און די קראַנקהייט קומט פלוצלינג. דער מענש געהט שלאָפען א געזונטער אָהן א שום סימן פון אירגענד וועלכער קראַנקהייט. פּארטאָג כאַפּט ער זיך אויף פיהלענדיג א שאַרפען שמערץ אין גראָבען פינגער פון רעכטען פוס (אמאָל אין לינקען פוס). די שמערצען זיינען שרעקליכע און ווען עס ווערט עטוואָס ליכטיגער בעמערקט דער קראַנקער, דאָס דער שלאָס פון גראָבען פינגער פון רעכטען פוס איז עטוואָס געשוואָלען און אזוי שמערצליך, דאָס מען קען זיך צו איהם ניט צוריהרען. די הויט איז רויט און גלאַנציג.

מיט דער פערשווינדען פון דער נאַכט ווערען אויך די שמערצען לייכטער און א גאַנצען טאָג פיהלט זיך דער קראַנקער בלויז עטוואָס אונ־וואויל. ביינאַכט קעהרען זיך צוריק די זעלבע שמערצען ווי אין דער פערגאַנגענע נאַכט. די שמערצען זיינען אזוי שטאַרק, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיט א צוואַנג געדריקט דעם קראַנקען פלאַץ פון קערפּער.

אזוי ווידערהאָלען זיך די נאַכט־אַטאַקעס פון אכט ביז צעהן טעג צייט ביז זיי הערען אויף. מאַנכעס מאָל ווערט אויך דער צווייטער פוס אָנגעגריפען אָבער אין די מעהרסטע פעלע בענוגענט זיך די ערשטע אַטאַקע מיט אָנגרייפען בלויז איין פוס.

ווען די אַטאַקע פון פּאָדאַגרא געהט פאַראיבער ערהאָלט זיך דער קראַנקער זעהר שנעל און זיין געזונדהייטס־צושטאַנד פערבעסערט זיך. א צווייטע אַטאַקע קען אָפּטמאָל ניט קומען פאַר פיעלע יאָהרען, אָבער אין די מעהרסטע פעלע דויערט עס בלויז אייניגע מאָנאַטען פון דער ערשטער אַטאַקע ביז צו דער צווייטער און אין פיעלע פעלע ליידעט דער קראַנקער יעדען הערבסט און פריהלינג פון א נייעם אָנגריף.

די כראָנישע פאָרמע פון פּאָדאַגרא.

די כראָנישע פאָרמע פון פּאָדאַגרא קומט געוועהנליך אַלס א פאָל־גע פון דער אַקיוטער, שאַרפער, פאָרמע פון דער קראַנקהייט. די אַטאַקעס ווידערהאָלט זיך און ווערען אָפּטער. די קנעכעל, קניה און האַנד־געלענקע ווערען אָנגעגריפען. די עלנבויגען, שולטערען און דיכען ווערען זעלטע־נער אָנגעגריפען. יעדער פלאַץ אין קערפּער, וואָס ווערט אָנגעגריפען, ווערט רויט, געשוואָלען און שמערצליך, און האַרטע „שטיינדלאַך” פאָרמירען זיך אַרום די פלעצער און טוען שרעקליך וועה, ווען מען ריהרט זיך צו צו זיי.

אין מאַנכע פעלע קומען דיזע „שטיינדלאַך" אַרויף צו דער הויט. די הויט איבער זיי ווערט רויט און ענטצונדען און אָפטמאָל ווערט די הויט צו-שפּאָלטען און פערוואונדעט אויף דיזע פלעצער.

עהנליכע „שטיינדלאַך" טרעפט מען אויך ביי אַזעלכע קראַנקע אין די אויערען. אין אָנפאַנג ציינען זיך עטוואָס רויטליכע פלעקען אין די אויערען. מיט דער צייט ווערען זיי ווייס ווי קרייד און ווען מען טאַפּט זיי אָן פיהלט מען ווי קרייד וואָלט זיך געפינען אין די קאַרטילעדזש (ווייך ביינדעל, כראָמשקע) פון די אויערען.

דער אונגליקליכער קרבן פון כראָנישער פּאָדאַגראַ איז כמעט קיין מאָל ניט פריי פון שמערצען. און פון צייט צו צייט „צושפּילט" זיך די קראַנקהייט און ער ליידעט פון אַ שאַרפער אַטאַקע. קרעמפּפען אין דיקען פלייש פון די פיס, נאָך די דיכען (די פאָלקעס), שמערצען אין בויך אָדער אין ברוסט־קאַסטען פעראורזאַכען איהם זעהר פיעל אונאַנגענעהמליכקיי-טען. מאָגען טראָבעלס זיינען אָן אָפטע ערשיינונג אין אַזעלכע קראַנקע.

עס איז אויך דאָ אַ דריטע קלאַסע פון פּאָדאַגראַ ליידענדע. די סמנים פון דיזער פיעל־פאָרמיגער קראַנקהייט זיינען פערשיידענע. זיי ערשיינען אָבער אם מעהרסטען אין מיטגלידער פון פּאָדאַגראַ־פאַמיליעס אָדער אין אַ זעלכע, וואָס עסען צו גוט, טרינקען צופיעל און האָבען צו וועניג פיזישע איבונגען, און זיינען דאָך געוועזען גליקליך גענוג אויסצומיידען די שאַרפע (אַקיוטע) פאָרמע פון דער קראַנקהייט.

מאַנכע פון דיזע קראַנקע ליידען פון הויט־קראַנקהייטען, מאַנכע פון מאָגען־קראַנקהייטען, מאַנכע פון „נערוועז", ניוראַלדזשיעס", קאָפּשמערצען, אויגען־וועהטאָג, האַרץ־קראַנקהייט און אַלערליי אַנדערע שמערצען.

די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט.

ווי שוין פריהער געזאָגט איז די גענויע אורזאַכע פון דער קראַנקהייט ניט גענוי בעקאַנט. וואָס מען ווייס יע איז, דאָס אין'ם בלוט פון די קראַנ-קע, וועלכע ליידען פון פּאָדאַגראַ, געפינט מען צופיעל פון אַ געוויסע זאַלץ, וואָס הייסט יוריק עסיד. דיזע עקסטראַ מאָס זאַלץ זעצט זיך אָפּ אין די ווייכע ביינדלאַך (קאַרטילעדזש) אַרום די שלעסער און עס שאַפט די „שטיינדלאַך", וועלכע מיר האָבען פריהער דערמאָהנט. דיזע זאַלצען בע-שעדיגען די שלעסער פון די גלידער, אַרום וועלכע זיי ווערען אָפּגעזעצט.

זיי העלפען פערהארטעווען די בלוט־רעהרען און בעשעדיגען מיט דער צייט דאָס הארץ און די נירען.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

פאָדאגרא זעלבסט איז ניט לעבענס־געפעהרליך. אָבער זעלטען קומט דער קראנקער אָפּ מיט איין אטאקע פון דער קראנקהייט. אין די מעהרסטע פעלע ווידערהאָלען זיך די אטאקעס, און דער קראנקער ליידעט פיעל פון שמערצען אין די גלידער־שלעסער. אין מאנכע פעלע ענטוויקעלט זיך די קראנקהייט אזוי ווייט, דאָס דער מענש ווערט טיילווייז א קאליקע.

פאָדאגרא פערקירצט ניט דאָס לעבען פון איהרע קרבנות אין די מעהר־סטע פעלע. אָבער אין מאנכע פעלע ברייננגט זי מיט זיך ערנסטע קאָמפּ־ליקאציעס, ווי נירען־קראנקהייט, הארץ־קראנקהייט, פערהארטונג פון די בלוט־רעהרען (ארטעריאָסקלעראָזיס), וואָס קען פיהרען צו אן אפּאָפּלעק־ציע. אזעלכע קראנקע ליידען אויך אָפט פון כראָנישע בראָנקיטיס און פערשיידענע הויט־קראנקהייטען.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט איז נאָך פאָרלויפיג ניט אין גאנצען א צופרידענשטעלענדע אפילו אין די הענד פון געניטע דאָקטוירים. פון פּרובירען אליין בעהאנדלען די קראנקהייט אָהן א דאָקטאָר איז דארום אָפּגערעדט. אין צייט פון דעם שארפען אָנגריף פון דער קראנקהייט דארף דער קראנקער בלייבען צו בעט, האלטען זיין מאָגען אָפען, טרינקען פיעל וואסער און האלטען דעם אָנגעגריפענעם פוס עטוואָס אויפגעהויבען, ארומ־געוויקעלט מיט קאטען־וואָהל און גאנץ ווארעם. עס זיינען אויך דאָ גע־וויסע מעדיצינען, וואָס מען גיט צו פערלייכטערען די שמערצען פון פוס און פערקלענערען די אָנזאמלונג פון די זאלצען (יוריק עסיד) אין׳ם בלוט. אָבער דיזע מעדיצינען דארף מען נעהמען בלויז אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

די בעהאנדלונג פון דער כראָנישער פאָרמע פון פּאָדאגרא בעשטעהט מעהרסטענס אין רעגולירען די שפּייז און די געוואוינהייטען פון׳ם קראנקען.

מעסיגקייט און איינפאַכקייט פון די שפּייז, וואָס דער קראַנקער עסט, איז זעהר וויכטיג פאַר איהם. אין אַלגעמיין דאַרף די שפּייז פון אזא מענשען בעשטעהן מעהרסטענס פון מילך, גרויפּענס, זאַפטיגע גרינצייג (וועדזשעטייבעלס) און אייער. ער דאַרף אויסמיידען צו עסען קאַלב־פלייש, לעבער, זיס־פלייש (סוויטהברעד), געהאַקטע פלייש, קאָטלעטען, קניידלאַך פון פלייש (קראָקעטס), שטארק קאָנצענטרירטע זופּען, אַזעלכע גרינצייג ווי בעבלאַך און ארבעס, פּאַשטעטען געבעקס (ווי פּיראָגען, געפילטע קוכען א. ז. וו.), און אַלערליי צוקער־געבעקס. ער דאַרף אויך אויסמיידען צו טרינקען קאַפע, מאַלץ געטרענקע און שטארקע וויינען.

עסען דאַרף אזא פערזאָן בלויז אזוי פיעל, וויפיעל עס איז גענוג צו שטילען זיין הונגער, דערפאַר אָבער מעג ער און זאָל טרינקען אזוי פיעל וואַסער וויפיעל נאָר ער קען. ער דאַרף געהן ווארעם אָנגעטאָן און זיך היטען געגען צוקיהלונג אין דער צייט פון פּלוצלינגע ענדערונגען אין וועטער. פיזישע איבונגען אויף דער פרייער לופט זיינען זעהר נוצליך און ווען דאָס איז אונמעגליך האָט מאַסאַזשירען א גוטע ווירקונג.

דער קראַנקער דאַרף זיך אויך היטען פון צופיעל אָנשטריינגונג, גייסטיגע אזוי גוט ווי פיזישע. האַלטען דעם פערדייאונגס־מעכאַניזם אין אָרדנונג און אויסמיידען פערשטאָפּונג איז וויכטיג אין יעדען פאַל און נאָך מעהר איז עס וויכטיג אין א פאַל פון פּאָדאַגרא. עס זיינען אויך דאָ געוויסע מעדיצינען, וועלכע מען גיט אין מאַנכע פעלע פון כראָנישע פּאָדאַגרא, אָבער די נויטווענדיגקייט פון געבען אַזעלכע מעדיצינען דאַרף איבערגעלאָזען ווערען פאַר'ן דאָקטאָר צו ענטשיידען אין יעדען פאַל בעזונדער.

ווי זיך אויסצוהיטען פון פּאָדאַגרא.

ווי אזוי מען קען זיך אויסהיטען פון פּאָדאַגרא איז ניט אזוי לייכט צו זאָגען, ספּעציעל אין די פעלע, וואו די קראַנקהייט קומט בירושה. מיטגלידער פון פאַמיליעס, אין וועלכע די קראַנקהייט איז א ירושה־זאַך, קענען אָבער פיעל פערקלענערען די געפאַהר פון קריגען די קראַנקהייט דורך פיהרען א רעגולאַרען מעסיגען לעבען, אויסמיידען אַלקאָהאָל אַלס געטראַנק אין אירגענד וועלכע פאָרמע, עסען ניט צו פיעל און ניט פיעל פון די שפּייז־אַרטיקלען, וואָס מיר האָבען פריהער אויסגערעכענט אַלס שעדליכע פאַר פּאָדאַגרא־ליידענדע.

אזעלכע פערזאָנען דארפען אויך פערברייננגען וויפיעל צייט נאָר מעג-ליך אויף דער פרייער לופט און מאכען גענוג פיזישע איבונגען (עקסערסייז).

דיזע אלע מיטלען ועלען אין פיעלע פעלע פערקלענערען די גע-פאהר פון קריגען די קראנקהייט, אָבוואָהל אין מאנכע פעלע וועט די קראנק-הייט זיך אָפּרופען בירושה טראָטץ אלע פאָרזיכטס־מיטלען.

רהומאטיזם.

וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז — פערשיידענע קראַנקהייטען, וואָס ווערען גע-
רופען מיט דיזען נאָמען — איין בעשטימטע פאָרמע פון רהומאַטיזם.

דער מענשליכער קערפּער איז נאָך אַלץ אַ בוך מיט זיבען זיגלען אַפילו פאַר די דאָקטוירים, וועמען׳ס אויפגאַבע עס איז צו קענען דעם קעפּער ווי מאַשיניסטען קענען זייערע מאַשינען. פאַראַן נאָך געננג ווינ-קעלאַך אין מענשליכען קערפּער, וואָס מען האָט נאָך ניט אויסגעפאָרשט. פאַראַן נאָך גענוג שמערצען און וועהטאָגען, וואָס מען קען ניט ערקלערען. עס זיינען דאָ גענוג קראַנקהייטען, פון וועלכע דער קערפּער ליידעט, וואָס מיר ווייסען ניט ווי אַזוי זיי ווערען געשאַפען, וואָרום זיי עקזיסטירען און ווי אַזוי זיי צו היילען.

דער דורכשניטליכער מענש וויל אָבער דערפון ניט ווייסען. ווען ער בעצאָהלט אַ דאָקטאָר פאַר אַ וויזיט וויל ער, אַז דער דאָקטאָר זאָל גלייך צונעהמען די קראַנקהייט, פערלייכטערען די שמערצען, אָדער אם ווענינ-סטענס בעשטימען פון וואָס פאַר אַ קראַנקהייט ער ליידעט. דער דאָק-טאָר, וואָס קען דאָס ניט טאָן, איז ניט ווערט דאָס געלד, וואָס מען צאָהלט איהם, און אונזער חולה וועט זיכער געהן צו אַ צווייטען דאָקטאָר און יע-נער וועט אויסגעפינען, אַז די קראַנקהייט הייסט כ׳ווייסניט׳יטיס. אַ דאגה וואָס דער נאָמען איז, אבי ער קלינגט שעהן, און דער קראַנקער פיהלט, דאָס ער האָט זיין געלד ניט ארויסגעוואָרפען. ער ווייס כאָטש יעצט פון וואָס ער ליידעט.

אַ ראַנק דיזען דורשט נאָך וויסענשאַפט, וואָס די קראַנקע צייגען ארויס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די נעמען פון זייערע קראַנקהייטען, בליהט יעצט די קראַנקהייט „רהומאַטיזם״.

ביי די דייטשען איז דאָ אַ ווערטעל: „אויב איהר ווייסט ניט פון וואָס איינער ליידעט רופט די קראַנקהייט ׳רהומאַטיזם׳ ״, און פיעלע דאָק-

טוירים אין אַלע ציוויליזירטע לענדער זיינען פון צייט צו צייט געצוואונ-גען אַזוי צו האנדלען.

אין דער אמת'ן איז רהומאַטיזם גאָר קיין קראַנקהייט ניט. מיר ווייסען, דאָס יעדער „רהומאַטיזניק" וועט פּראָטעסטירען געגען דיזער בע-הויפּטונג און ער וועט זיין גערעכט. וואָס מיר מיינען מיט דער בעהויפּ-טונג, אַז רהומאַטיזם איז גאָר קיין קראַנקהייט ניט איז, דאָס עס איז ניט איין קראַנקהייט, נאָר אַ גאַנצער רעגימענט פון קראַנקהייטען, וואָס זעג-לען אונטער דיזען נאָמען. יעדער שמערץ, וואָס קען ניט ערקלערט ווערען, ווערט גערופען רהומאַטיזם, יעדער אונערקלערליכער וועהטאָג ווערט בע-צייכענט מיט'ן ליבעל רהומאַטיזם, און דער קראַנקער איז צופרידען צו ליידען און שווייגען. ער ערוואַרטעט שוין גאָר ניט קיין רפואה פון דאָק-טאָר, ווייל ער ווייס, דאָס ער ליידעט פון „רהומאַטעס"

ניט צופרידען זיינען אָבער די דאָקטוירים זעלבסט. דער פאַקט, דאָס אַזוי פיעל מענשען ליידען פון די קראַנקהייטען, וואָס מען רופט פון בעקוועמליכקייט וועגען רהומאַטיזם און עס איז קיין רפואה ניטאָ פאַר זיי, שטעהט ניט אָן די דאָקטוירים, ווענמען'ס לעבענס־אויפגאַבע עס איז צו קורירען קראַנקהייטען אָדער זיי אין גאַנצען צו פערהיטען און וועהרענד אונזערע רהומאַטיזניקעס געהען ארום צופרידענע און שטאָלצירען מיט זייער פעהיגקייט פּראָוויסצוזאָגען אַ ענדערונג אין וועטער, פערווענדען פיע-לע דאָקטוירים זייער צייט אין האָספּיטאַלס און אין לאַבאָראַטאָריומס שטו-דירענדיג די פערשיידענע פעלע פון רהומאַטיזם, זוכענדיג די אורזאַכע פון דיזע קראַנקהייטען און וואָס מען קען טאָן פאַר זיי.

אויף אַזאַ אַרט איז געלונגען צו קלאַסיפיצירען די פערשיידענע מינים רהומאַטיזם ליידענדע און מען האָט אויסגעפונען, דאָס מאַנכע פון דיזע ליידען גאָר פון גאַנץ בעזונדערע קראַנקהייטען, פאַר וועלכע עס איז יע דאָ אַ רפואה.

איינע פון דיזע קראַנקהייטען ווערט בעצייכענט מיט'ן נאָמען „אַקיוט אַרטיקיולאַר רהומאַטיזם". דאָס הייסט אַ שאַרפע (אַקיוט איז דער גע-גענזאַץ פון כראָניש) אַטאַקע פון רהומאַטיזם, וואָס גרייפט אָן די שלע-סער אָדער געלענקע פון קערפּער, ווי, צום ביישפּיל, די קניה, עלענבויגען, שולטער שלאָס און ז. וו.

ווען דיזע קראַנקהייט גרייפט אָן דעם מענשען איז ער ערנסט קראַנק, ער ליגט צו בעט, האָט אַ הויכען פיבער, שוויצט זעהר פיעל מיט אַ זויערען

עסיד שוויס, און איינער אָדער מעהרערע שלעסער פון די הענד און פיס זיינען געשוואָלען, רויט און גלאַנציג און אזוי שמערצליך און דאָס בלויזע אָנריהרען זיך אָן זיי פעראורזאכט שרעקליכע שמערצען.

דיזע קראַנקהייט איז א גאַנץ בעשטימטע און עס לוינט זיך וועגען איהר מעהר צו וויסען.

די אקיוטע פארמע פון רהומאטיזם.

די אַקיוטע פאָרמע פון רהומאַטיזם ווערט פעראורזאכט פון א בע־שטימטען סאָרט מיקראָבען. אמאָל האָט מען געגלויבט, אז די קראַנקהייט ווערט פעראורזאכט פון עסען צופיעל פלייש, אָבער גענויע נאָכפאָרשונגען און עקספּערימענטען האָבען בעוויזען, אז דאָס איז ניט אמת. דאָס עסען פלייש האָט פיליכט א ווירקונג אויף׳ן גאַנג פון דער קראַנקהייט און עס איז איבערהויפּט בעסער צו עסען וועניגער פלייש אום ניט צו פיעל אָנ־לאָדען דעם קערפּער מיט געוויסע אָבפאַל מאַטעריאַלען פון׳ם פלייש. עס איז אָבער ניט אמת, אז דאָס פלייש עסען איז די אורזאַכע פון דער קראַנק־הייט, און אויך וועגעטאַריאַנער זיינען ניט בעוואָרענט געגען רהומאַטיזם.

עס איז זעהר זעלטען צו טרעפען דיזע קראַנקהייט ביי קינדער, וואָס זיינען איינגער פון פינף יאָהר. אָבער פון פינף יאָהר אָן און ווייטער ביז אַרום דרייסיג יאָהר טרעפט מען דיזע פאָרמע פון רהומאַטיזם גאַנץ אָפט, ספּעציעל אין די געגענדען פון א מיטעלמעסיגען קלימאַט און מעהרסטענס אין די מאָנאַטען ווען דאָס וועטער ענדערט זיך.

מעהרסטענס טרעפט דאָרום רהומאַטיזם פעלע אין פריהלינג און אין הערבסט, אָבער איינצעלנע פעלע פאַסירען א גאַנצען יאָהר, אפילו אום זומער.

רהומאַטיזם פערשפּרייט זיך אָפט אין עפּידעמיעס און דאָס צייגט, אז עס איז פיליכט אן אנשטעקענדע קראַנקהייט, אָבוואָהל עס איז נאָך ניט זיכער אויף וועלכער אַרט און ווייזע די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך.

געהט רהומאַטיזם איבער בירושה? פיעלע דאָקטוירים זיינען גע־נויגט צו גלויבען אז יע. די מעהרסטע דאָקטוירים גלויבען, אז קינדער פון עלטערען, וואָס ליידען פון רהומאַטיזם, ירשנ׳ען א נייגונג צו דיזער קראַנקהייט און ווערען גיכער אָנגעגריפען פון די רהומאַטיזם מיקראָבען, ווי קינדער פון נאָרמאַלע עלטערען. א זעהר, זעהר גרויסע צאָהל מענשען,

וואָס ליידען פון רהומאַטיזם, זיינען קינדער פון עלטערען, וועלכע האָבען געליטען פון דער זעלבער קראַנקהייט.

די אַקיוטע פאָרמע פון רהומאַטיזם איז געוועהנליך אַ נאָכפאָלגע פון אַזעלכע קראַנקהייטען, ווי אַן ענטצינדונג אין האַלז טאַנסיליטיס (מאַנדלען) אָדער שלעכטע פערפּוילטע צייהן (און דאָס איז אויך אַ קראַנקהייט). הויפּטזעכליך ווען דער פּערזאָן, וואָס ליידעט פון די אויבענגדערמאָהנטע קראַנקהייטען, קיהלט זיך צו אָדער ווערט שטאַרק אויסגעמאַטערט פון אַ וועלכע עס איז אורזאַכע.

די מיקראָבען פון די טאָנסילס, האַלז=ענטצינדונג אָדער שלעכטע צייהן שווימען אַרום אין׳ם בלוט און ווען די ווידערשטאַנדס=קראַפט פון׳ם קערפּער איז אָפּגעשוואַכט גרייפען דיזע מיקראָבען אָן דעם קערפּער און דער מענש ווערט קראַנק.

דער קראַנקער האָט פיבער, עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר קעלט און דאַן ווערט איהם שטאַרק הייס און ער בעגיסט זיך מיט שוויים. דער שוויים האָט אַ זויערען טעם און גערוך, דאָס זאָגאַר אָן שוויים קען מען דערקענען די קראַנקהייט. דער קראַנקער פיהלט זיך זעהר אָפּגעשוואַכט. אין האַלז טוט איהם וועה, דער גאַנצער קערפּער איז איהם שוואַך, גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט און די גרעסערע שלעסער פון קערפּער, ווי די קנעכעל, קניה, עלענבויגען, אַקסעל, שלעסער און געלענקע ווערען איינע נאָך די אַנדערע אָנגעגריפען. די שלעסער, ווי שוין פריהער ערקלערט, ווערען געשוואָלען, רויט און גלאַנציג און אַזוי שמערצליך, דאָס מען קען זיך צו זיי ניט צוריהרען. דער קראַנקער ליגט אין בעט ווי פערגליווערט און האָט מורא זיך אַ ריהר צו טאָן. אַבוואָהל ער פיהלט זיך שרעקליך אָפּגעשוואַכט ציטערט ער אייניצושלאָפען, טאָמער וועט ער פון שלאָף זיך אַ ריהר טאָן, ווייל דאַן כאַפּט ער זיך אויף פון די העלישע שמערצען, וואָס דאָס פערשאַפט איהם.

דער אָנגריף פון איין שלאָס אָדער געלענק געדויערט ניט לאַנג. אין אַ קורצע צייט אַרום געהט אָפּ די געשווילאַכץ און די שמערצען פערשווינדען אָדער ווערען אָם וועניגסטען לייכטער. אָבער וועהרענד דער קראַנקער גראַטולירט זיך שוין און האָפט, דאָס ער איז פּטור געוואָרען פון די שמערצען, ווערט אַ צווייטער געלענק אָדער שלאָס אָנגעגריפען, און אַזוי שנעל ווי דער ניי=אָנגעגריפענער שלאָס ווערט לייכטער גרייפט די קראַנקהייט אָן אַ דריטען שלאָס.

און אזוי וואנדערט די קראנקהייט ארום פון איין פלאץ פון קער-פער צום אנדערען ביז עס דאכט זיך דעם קראנקען, דאס עס וועט גאר קיין סוף ניט נעהמען צו זיינע העלישע שמערצען.

אין דיזער שטופע פון דער קראנקהייט האט דער אונגליקליכער קיין אפעטיט ניט און וויל גאר ניט עסען. די צונג איז איהם טרוקען, פון מויל הערט זיך א שלעכטער גערוך, פיעלע רויטע קייקעלאך אין זיין בלוט ווע-רען פערניכטעט און דער קראנקער ווערט שנעל בלוט־ארעם. דער קראנ-קער איז אין דיזער צייט אין א יאמערליכען צושטאנד און עס דאכט זיך, דאס דער אונגליקליכער שפרייזט מיט שנעלע טריט צום קבר.

גליקליכערווייזע איז די קראנקהייט ניט אזוי לעבענס־געפעהרליך ווי זי שיינט. זעהר ווענינ מענשען שטארבען דירעקט פון רהומאטיזם און נאך דעם, ווי די קראנקהייט מוטשעט אפ איהר קרבן פון צוויי ביז זעקס וואכען צייט, אפטמאל לענגער, פערשווינדעט זי.

דערמיט אבער וואס די קראנקהייט זעלבסט פערשווינדעט איז דער קראנקער נאך ניט גערעטעט. אין גאר פיעלע פעלע לאזט דיזע קראנק-הייט געוויסע נאכוועהענישע נאך זיך, — נאכוועהענישע, וואס זיינען אפטמאל ערגער פון דער קראנקהייט זעלבסט.

ווארום די מיקראבען פון רהומאטיזם קלייבען גראדע אויס די שלע-סער אדער געלענקע פון קערפער צו אטאקירען איז נאך ניט גענוי בעקאנט, פונקט ווי עס איז ניט בעקאנט ווארום אין מאנכע פעלע, ווען די אקיוטע פארמע פון דער קראנקהייט געהט פאראיבער, ווערט דער קראנקער צוריק געזונד, ווערענד אין אנדערע פעלע בעשעדיגען די מיקראבען דעם מעכא-ניזם פון׳ם קראנקען׳ס הארץ אדער די מוסקולען פון הארץ. אין העכער א העלפט פון אלע פעלע פון רהומאטיזם ווערט דאס הארץ אנגעגריפען און אין פיעלע פעלע איז דיזער אנגריף פון הארץ א גאנץ ערנסטער.

דאס הארץ איז אבער ניט דער איינציגער וויכטיגער טייל פון קער-פער, וועלכע די רהומאטיזם מיקראבען גלייבען צו אטאקירען. דער מארך און די נערוועז ווערען אויך אנגעגריפען אין א געוויסע צאהל פעלע. פליורעסי (וואסער אויף די לונגען) און לונגען־ענטצינדונג זיינען מאנכעס מאל פאלגען פון רהומאטיזם און טאנסיליטיס, אן ענטצינדונג אין די טאנ-סילס איז כמעט א שטענדיגע בעגלייטערין פון רהומאטיזם.

ווי איהר זעהט איז רהומאַטיזם אַ זעהר ערנסטע קראַנקהייט. די סימנים, דורך וועלכע מען קען דיזע קראַנקהייט אונטערשיידען פון אַלע אַנדערע קראַנקהייטען, וואָס גרייפען אָן די געלענקע, זיינען:

די אַנוועזענהייט פון אַן ענטצינדונג אין האַלז אָדער אין די טאָנ-סילס. דער עסיד-זויערער שוויים און דאָס ארומשפּרינגען פון דער קראַנק-הייט פון איין געלענק צום אַנדערען. צוליב דער ערנסטקייט פון דער קראַנק-הייט זעלבסט און הויפּטזעכליך פון איהרע פאָלגען אָדער נאָכוועהענישע מוז יעדער איינער זיך גלייך שטעלען אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָק-טאָר אַזוי שנעל ווי ער ווערט קראַנק. דיזע פאָרמע פון רהומאַטיזם איז מעגליך צו קורירען דורך רוה און מעדיצינס.

איין אַטאַקע פון רהומאַטיזם בעשיצט ניט געגען אַ צווייטע אַטאַקע, ווי אין׳ם פאַל פון מאָזלען אָדער פּאָקען, נאָר פאַרקעהרט איין אַטאַקע אַר-בייט אויס אַ גוטען באָדען אין׳ם קערפּער פאַר אַ צווייטע אַטאַקע און אויב דער קראַנקער האָט ניט קיין נאָכוועהענישע פון דער אַטאַקע וועט ער זיי שוין קריגען פון דער צווייטער, דריטער אָדער פערטער אַטאַקע.

ווי זיך אויסצוהיטען פון רהומאַטיזם.

אום זיך אויסצוהיטען פון אַ געוויסער קראַנקהייט מוזען מיר אויס-מיידען די זאַכען, וואָס העלפען דער בעשטימטער קראַנקהייט זיך פער-שפּרייטען און אָנגרייפען דעם קערפּער. אין׳ם פאַל פון דער אקיוטער פאָר-מע פון רהומאַטיזם האָבען מיר געזעהן, דאָס די קראַנקהייט פאַנגט זיך געוועהנליך אָן פון דעם, וואָס מיקראָבען פון רהומאַטיזם, וואָס געפינען זיך אין אַ קראַנקען האַלז אָדער ענטצינדונג אין די טאָנסילס, פערשפּרייטען זיך דורך׳ן קערפּער און ווען דער קערפּער ווערט דורך אירגענד וועלכע אורזאַכע אָפּגעשוואַכט איז מעגליך פאַר די מיקראָבען אָנצופאַנגען זייער אַרבייט.

פון דעם איז לייכט איינצוזעהן, דאָס אויב מיר ווילען אויסמיידען דיזע קראַנקהייט טאָרען מיר ניט פערנאַכלעסיגען אַזעלכע לייכטע קראַנק-הייטען ווי אַ קליינע ענטצינדונג אין האַלז אָדער אַ „פערקעלטונג".

מיר ווייסען שוין יעצט, דאָס די אויבענדערמאָהנטע, לייכטע קראַנק-הייטען ווערען פעראורזאַכט פון מיקראָבען, און צווישען דיזע מיקראָבען געפינען זיך וואהרשיינליך אויך די, וואָס פעראורזאַכען רהומאַטיזם. אויב מיר פערנאַכלעסיגען ניט די לייכטע קראַנקהייטען קענען מיר פערניכטען

מעהרסטע שעדליכע מיקראָבען איידער זיי האָבען פּעראורזאכט פיעל אָדען. אויב אָבער מיר קוקען זיך ניט אום אזעלכע קליינינקייטען, ווי האָלדס״ אָדער א לייכטע האלז-ענטצינדונג, האָבען די מיקראָבען צייט צו ערמעהרען זיך, אריינכאפּען אין אונזער בלוט און פיהרען צו רהומאטיזם ער אנדערע ערנסטע קראנקהייטען.

דער ערשטער כלל דארף דארום זיין ניט צו פערנאכלעסיגען קיינע ראנקהייטען, ווי לייכט זיי זאָלען ניט זיין. ספּעציעל קראנקהייטען פון אלז, נאָז און מויל.

דער צווייטער כלל איז אויפצוהאלטען דאָס געזונד אום דער קערפּער ל קענען אויסהאלטען דעם קאמף מיט זיינע קליינינקע שונאים. ווי יפצוהאלטען דאָס געזונד איז שוין ניט אזוי לייכט צו ערקלערען אין ייניגע ווערטער. מיר בעמערקען אָבער אין די מעהרסטע פעלע פון הומאטיזם, דאָס די קראנקהייט קומט, ווען דער מענש איז שטארק אויס-מאטערט און אָפּגעשוואכט אָדער נאָך דעם, ווי ער געפינט זיך א לענ-רע צייט אין א גרויסע היץ אָדער א שטארקע קעלט און נעץ און אין די עהרסטע פעלע קומט די קראנקהייט אין פריהלינג און אין הערבסט, ווען אָס וועטער בייט זיך.

מענשען, וואָס זיינען שוואכע, דארפען זיך דארום היטען אין דיזע יטען פון יאָהר ניט צו טאָן צופיעל פיזישע ארבייט אום ניט פערמאטערט ווערען אָדער ניט צו ארבייטען מיט איינמאָהל אזוי שווער, דאָס זיי לען „פאלען פון די פיס״ אויס שוואכקייט. זיי דארפען זיך אויך היי-ען ניט צו זיין צו לאנג אין קעלט און נעץ. ווינטער-צייט דארפען זיי ראָגען ווארעמע קליידער, אויב מעגליך, וואָלענע אונטערוועש און זומער יווענדענע. זיי דארפען זיך היטען ניט צו עסען צופיעל קראָכמאל-פייז און ניט צו טרינקען קיינע אלקאָהאָלישע געטרענקע.

האלטען דעם פערדייאונגס-מעכאניזם אין אָרדענונג אום מען זאָל ניט ידען פון פערשטאָפּונג איז זעהר וויכטיגער מיטעל צו פערהיטען דעם ערפּער ניט נאָר פון רהומאטיזם, נאָר אויך פון פיעלע אנדערע קראנק-יטען.

די הויט מוז געהאלטען ווערען ריין און אקטיוו, דאָס הייסט, אז די וויים-קאנאלען פון דער הויט זאָלען ניט זיין פערשטאָפּט און זאָלען קע-ן ארויסבריינגען פון קערפּער געוויסע אונריינע מאטעריאלען, וואָס דאר-ען געוועהנליך ארויסגעהן דורך דער הויט. דאָס קען דורכגעפיהרט ווע-

רען דורך באָדען זיך טעגליך און דורך איינגעוואוינען די הויט צו קאַלטע
וואסער. דאָס לעצטע העלפט אויך צו פערמיידען אָפטע פערקעלטונג.

זיין אויף דער פרישער לופט אזוי פיעל ווי נאָר מעגליך, אטעמען
טיף און מאַכען פיזישע איבונגען העלפט אויפהאלטען דאָס געזונד און ע
העלפט דעם קערפער בייצוקומען די מיקראָבען, ווען די לעצטע גרייפען
איהם אָן.

דער וואָס האָט שוין געליטען פון איין אטאקע פון רהומאטיזם מוז
זיין בעזונדערס שטארק פאָרזיכטיג, ווייל, ווי שוין פריהער ערקלערט, איז
אזא פערזאָן מעהר אויסגעזעצט דער געפאהר פון א נייע אטאקע, ווי דער
פערזאָן, וואָס האָט נאָך ניט געליטען פון קיין אטאקע. די לייכטסטע פער-
קעלטונג קען צוריקברייננגען אן אטאקע פון רהומאטיזם צו א פערזאָן, וואָס
האָט שוין געהאט איינע אָדער מעהרערע אטאקעס.

וואס צו טאן ווען איינער ווערט שוין קראנק.

געגען דיזער אקיוטער פאָרמע פון רהומאטיזם האָבען די דאָק-
טוירים ווירקזאמע רפואות. מאנכע מעדיצינס ווירקען ווי א גיפט געגען
די רהומאטיזם מיקראָבען און געברויכענדיג דיזע מעדיציגס ווערט די
קראנקהייט גיכער געענדיגט. דער פיבער קען פערקלענערט ווערען, די
שמערצען אין די געלענקע קען מען לינדערען און מאנכע פון די שלעכ
טע פאָלגען פון אזא אטאקע פון רהומאטיזם קענען פערהיט ווערען, אויב
דער קראנקער קומט באלד אין אָנפאנג פון דער קראנקהייט אונטער דע
אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

דאָס ערשטע, וואָס מען דארף טאָן פאר אזא קראנקען, איז גלייך
רופען א דאָקטאָר. דער קראנקער זעלבסטס איז הילפלאָז און קען פא
זיך גאָר ניט טאָן. די קראנקהייט איז צו ערנסט, די פאָלגען פון דע
קראנקהייט איז צו געפעהרליך, דאָס מען זאָל זיך קענען בעגעהן אָהן ד
אויפזיכט פון א דאָקטאָר, און וואָס פריהער דער דאָקטאָר ווערט גערופע
אַלץ בעסער איז עס פאר'ן קראנקען.

מיר ווע֒לען דארום אין גאנצען דאָ אויסלאָזען די בעהאנדלונג פו
דער קראנקהייט עלבסט, ווייל אויף דעם וועט שוין דער דאָקטאָר אין יע
דען פאל אכטונג געבען.

כראָנישע רהוּמאטיזם.

וועהרענד די קראנקהייט, וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען, די אקיוטע פאָרמע פון רהומאטיזם, האָט א געוויסע פיזיאָגנאָמיע און איז די זעלבע סאָרט קראנקהייט ביי די מעהרסטע קראנקע, וואָס ליידען פון איהר, איז אָבער די כראָנישע פאָרמע פון רהומאטיזם א מיש־מאַש פון פערשיי-דענע קראנקהייטען.

דאָס וואָרט „כראָנישע רהומאטיזם" איז דער גארבעדזש פעיל (שמוץ־עמער) פון דאָקטאָר'ס ווערטערבוך. אלע קראנקהייטען, וואָס פעראורזא-כען שמערצען אין די געלענקען, הענד, פיס, פלייצע, מוסקולען, ביינער, ווערען פעררעכענט אלס רהומאטיזם, אלע אונבעקוועמליכקייטען, וואָס אונ-זער קערפער ליידעט, אָנפאנגענדיג פון פלאכע פיס ביז ערנסטע נערוועך־ענטצינדונגען אָדער די גאנץ שפעטע סימנים פון דער וויסער פעסט, ווע-רען בעצייכענט מיט'ן נאָמען רהומאטיזם.

דיזע סאָרט קראנקהייט אָדער קראנקהייטען בעגעגענט מען געוועהנ-ליך ביי מיטעליעהריגע און עלטערע מענשען. קיינע בעווייזע, אז כראָ-נישע רהומאטיזם ווערט פעראורזאכט פון מיקראָבען זיינען ניטאָ, און די אלגעמיין אָנגענומענע מיינונג איז, דאָס דיזער צושטאנד, וואָס מיר בע-צייכענען אלס רהומאטיזם, ווערט פעראורזאכט פון דעם, וואָס אין'ם בלוט פון'ם מענשען שווימען ארום געוויסע שעדליכע מאטעריאלען. דיזע שעד-ליכע מאטעריאלען זעצען זיך אָפּ אין די געלענקע אָדער שלעסער פון קער-פער, זיי פעראורזאכען אויך א לייכטע ענטצינדונג אין די נערוועז און דאָס פעראורזאכט די שמערצען, פון וועלכע די קראנקע ליידען.

אלע רהומאטיזניקעס צייכענען זיך אויס מיט זייער פעהיגקייט צו קענען פאָראויסזאָגען ענדערונגען אין וועטער. אין די מעהרסטע פעלע טרעפען דיזע רהומאטיזניקעס פיעל אָפטער ווי דער וועטער־נביא. דיזע באראָמעטער־פעהיגקייט איז אזוי וויט פערשפרייט צווישען די, וואָס ליי-דען פון כראָנישע רהומאטיזם, דאָס די מעהרסטע מענשען נעהמען עס אָן אלס א זיכערען צייכען פון דער קראנקהייט.

פון וואנען נעהמט זיך דיזע פעהיגקייט צו פראָפעצייען ענדערונגען אין וועטער? א לאנגע צייט האָט מען דאָס ניט געקענט ערקלערען, ביז מען האָט אָנגענומען די טעאָריע, דאָס די קראנקהייט ווערט פעראורזאכט דערפון וואָס עס צירקולירען אין'ם בלוט געוויסע שטאָפען, וואָס זיינען

גיפטיג פאַר'ן קערפּער. זייט דאן ערקלערט מען די פעהיגקייט פון די רהו-
מאטיזניקעס פאָראויסצוזאָגען ענדערונגען אין וועטער אויף פאָלגענדען
אופן:

די שעדליכע שטאָפען, וואָס שווימען ארום אין'ם בלוט, שעדיגען
די נערוון און פעראורזאַכען א לייכטע נערוון־ענטצינדונג. די אָנגע-
גריפענע נערוון ווערען עמפפינדליך און ווערען גיכער בעאיינפלוסט פון
ענדערונג אין'ם וועטער ווי נאָרמאלע נערוון.

שלינגען, צום ביישפּיל, קאַלטעס וואַסער ביי א נאָרמאַלען מענשען
ווען'ם האַלז איז ניט ענטצונדען, איז ניט שמערצליך, ווערענד אין פאַ
דער האַלז איז ענטצונדען איז עס זעהר שמערצליך. דאָס איז דערפאַר
וואָס דער האַלז אין דעם קראַנקען צושטאַנד איז מעהר עמפּפינדליך ווי דער
נאָרמאַלער האַלז. דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט די נערוון פון דעם, וואָ
לייידעט פון רהומאַטיזם. לייכטע ענדערונגען אין'ם וועטער, וואָס זיינען
צו שוואך צו מאַכען א ווירקונג אויף געזונדע נערוון פון קערפּער, ווערען
גלייך דערפיהלט פון קראַנקע „נערוועזע" נערוון, וואָס זיינען ענטצונדען
דורך די שעדליכע שטאָפען, וואָס געפינען זיך אין'ם קערפּער פון דעם
וואָס לייידעט פון רהומאַטיזם. און דערפאַר קען אזא פּערזאָן שנעלער דער-
פיהלען ווען עס קומען פאָר ענדערונגען אין'ם וועטער.

רהומאַטיזם און פלייש עסען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן גלויבען די מעהרסטע דאָקטוי-
רים, דאָס „רהומאַטיזם" קומט דערפון, וואָס עס שווימען ארום אין'ם בלו
און עס געפינען זיך אין'ם קערפּער געוויסע שעדליכע שטאָפען. דיזע שעד-
ליכע שטאָפען קומען ניט דערפון, וואָס אין קערפּער געפינען זיך געוויס
באַצילען, ווייל טראָץ גענויע און זאָרגפעלטיגע אונטערזוכונגען איז ביז יעצ
ניט געלונגען צו ענטדעקען אזעלכע באַצילען. די שעדליכע שטאָפען מו
זען אלזאָ קומען דערפון, וואָס דער קערפּער פערנוצט ניט געוויסע טיילע
פון אונזער שפּייז און דיזע ניט פערנוצטע שטאָפען, בלייבענדיג אין קער-
פּער, פעראורזאַכען די קראַנקהייט.

אין'ם בלוט און אין די אורין פון פיעלע מענשען, וואָס לייידען פו
רהומאַטיזם, געפינט מען מעהר פון א געוויסען מאַטעריאַל, וואָס הייס
„יוריק עסיד" ווי ביי מענשען, וועלכע לייידען ניט פון רהומאַטיזם. „יורי
עסיד" ווערט געשאַפען אין'ם קערפּער פון אזעלכע שפּייזען, וואָס ענט

האַלטען פיעל „גייטראַדזשען”, ווי פלייש, צום ביישפּיל, און דערפאַר איז מען געקומען צום שלוס, אז דאָס עסען פיעל פלייש ברייננט רהומאַטיזם, און אז די רפואה צו רהומאַטיזם איז אויפצוהערען עסען פלייש.

אין דער אמת'ן זיינען ניטאָ קיין שום וויסענשאַפטליכע בעווייזע פאַר דיזער בעהויפּטונג. פאַר יעדען רהומאַטיזם־ליידענדען, וואָס האָט גע-געסען אָדער עסט צופיעל פלייש, זיינען דאָ צעהנדליגע, אויב ניט הונדערטע ליידענדע, וואָס פערזוכען פלייש ניט אָפטער ווי איינמאָל אַ וואָך. רהו-מאַטיזם איז גרעסטענטיילס אַן אָרעמאַן'ס קראַנקהייט און אָרעמע לייט געסען זיך ניט איבער מיט פלייש.

מאַנכע וואָס ליידען פון רהומאַטיזם היטען זיך פון עסען רויטע פלייש און עסען די פיעל טייערערע ווייסע פלייש אָדער הינער־פלייש. איהר הערט אָפטמאָל איינעם זאָגען, דאָס ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט גע-געסען קיין פלייש. ער עסט בלויז הינער־פלייש, גלייך ווי הינער־פלייש וואָלט קיין פלייש ניט געווען.

דער אמת איז, דאָס עס איז אַ גאַנץ קליינער אונטערשייד צווישען הינער־פלייש און אָקסען־פלייש, דער איינציגער גרויסער אונטערשייד איז אין פּרייז. אויב איינער בעשליסט ניט צו עסען קיין פלייש איז עס נאַ-ריש צו קויפען און עסען הינער־פלייש, אָדער, אויב עס איז זיכער, דאָס הינער־פלייש שאַדעט איהם ניט, מעג ער גאַנץ דרייסט אויך עסען אנדערע פלייש.

די מעהרסטע רהומאַטיקער ליידען פון צו וועניג עסען אנשטאָט פון איבערעסען זיך און עסען מעהר וואָלט פערלייכטערט זייערע שמערצען אנשטאָט זיי צו פערגרעסערען.

וואס רהומאַטיזניקעס מעגען עסען.

ווי שוין פריהער בעמערקט וואָלטען די, וואָס ליידען פון רהומאַטיזם, ספּעציעל ווען זיי זיינען ניט פעט אָדער זיינען אָפּגעצעהרט, געדאַרפט עסען מעהר ווי זיי עסען. אַלעס וואָס זיי דאַרפען אויסמיידען איז ניט צו עסען פיעל פון אַזעלכע שפּייז, וואָס ענטהאַלטען אַ סך צוקער אָדער קראָכ-מאָל און ניט טרינקען קיין ביער, וויין אָדער שנאַפּס. געפּרעגעלטע שפּיי-זען זיינען צו פעט און הויפּטזעכליך זיינען זיי צו שווער צו פערדייען. מילך, אייער, פּוטער, רייז, מאַקאַראָני, ספּאַגעטי, אַלע סאָרטען פּרוכט, גרינצייג, די מעהרסטע סאָרטען ניס (אויסער פּינאָטס) זיינען זעהר גוטע

מאכלים פאר די, וואס ליידען פון רהומאטיזם, און די קראנקע דארפען עסען פון דיזע מאכלים צו זאט.

טרינקען אלקאהאלישע געטרענקע זיינען שעדליך פאר די, וואס ליי-דען פון רהומאטיזם, אבער וואסער, פשוט'ע ריינע וואסער, דארפען דיזע קראנקע טרינקען וויפיעל עס קען נאר אריין אין זיי. דאס וואסער העלפט אויסשווענקען זייער קערפער און אויב די אורזאכע פון דער קראנקהייט איז ווירקליך וואס עס שווימען ארום אין'ם בלוט געוויסע שעדליכע שטא-פען, העלפט דאס וואסער אויסשווענקען פון קערפער אזוי פיעל פון דיזע שטאפען ווי נאר מעגליך.

אוים דעם זעלבען גרונד דארף מען זיך באדען אפט און זיין פיעל אויף דער פרישער לופט, אום די הויט זאל קענען ערפיהלען איהר אויפגאבע ארויסצובריינגען געוויסע אבפאל מאטעריאלען פון קערפער.

ווען איינער ליידעט פון רהומאטיזם דארף ער זיך לאזען אונטער-זוכען פון א דאקטאר ניט איין מאל, נאר אייניגע מאל. א פערזוך דארף געמאכט ווערען אויסצוגעפינען די אורזאכע פון די שמערצען. לעצטענס האבען די דאקטוירים אנגעפאנגען צו לעגען פיעל געוויכט אויף'ן צושטאנד פון'ם פאציענט'ס ציינער. אין פיעלע פעלע האט מען געפונען מאטעריע (פאס) ארום דיווארצלען פון מאנכע ציינער און אין אייניגע פעלע האט דאס פעררינכטען די ציינער קורירט דעם רהומאטיזם.

אין יעדען פאל דארף מען פרובירען צו האלטען דעם קערפער אי נערליך אזוי גוט ווי אויסערליך ריין און אין די פעלע, וואו מען קען קיין אורזאכע פאר'ן רהומאטיזם ניט געפינען, איז די אינערליכע און אויסער ליכע ריינליכקייט די איינציגע מעדיצין פאר רהומאטיזניקעס.

דיזע ריינליכקייט קען מען קריגען דורך רעגעלמעסיגען שטולגאנג דורך עסען פיעל פרוכט און גרינצייג, דורך טרינקען פיעל וואסער אבער קיין אנדערע געטרענקע, דורך באדען זיך אפט און דורך זיין פיעל אויף דער פרישער לופט.

אפענדיסיטיס.

וואָס דאָס איז פאַר אַ קראַנקהייט — וואָס דער אַפּענדיקס איז — וואו ער געפינט זיך — צו וואָס מען דאַרף איהם — וואָס הייסט אַפּענדיסיטיס.

אויף קראַנקהייט, פּונקט ווי אויף אַנדערע זאַכען, איז דאַ אַ מאָדע. מיט אַ צעהן פופצעהן יאָהר צוריק איז די מאָדע געוועזן אַפּענדיסיטיס. יעדער, וואָס האָט געליטען עטוואָס שמערצען אין בויך, יעדער, וואָס האָט געליטען עטוואָס פיבער, האָט געהאַט אַפּענדיסיטיס, און פיעלע זיינען אָפּערירט געוואָרען, פיעלע געזונדע און ניט געזונדע אַפּענדיקסעס זיינען אויסגעשניטען געוואָרען און אין פיעלע פעלע האָט מען זיך איבערצייגט, דאָס דער אַפּענדיקס איז גאָר ניט געוועזן די אמת'ע אורזאַכע פון דער קראַנקהייט.

אין די לעצטע יאָהרען איז די אַפּענדיקס מאָדע שוין עטוואָס שוואַכער געוואָרען. וועניגער אומזיסטע אָפּעריישאָנס ווערען יעצט געמאַכט דערפאַר, וואָס מיר זיינען יעצט בעסער בעקאַנט מיט דיזער קראַנקהייט און קענען גיכער דערקענען איהרע סימפּטאָמען און בעסער אָפּשעצען ווען אַן אָפּעריישאָן איז נויטיג און ווען מען קען זיך ערלויבען צו וואַרטען.

אָבער זייט מיר האָבען אויסגעפונען, דאָס עס איז דאָ אַזאַ קראַנקהייט ווי אַפּענדיסיטיס האָבען מיר אָנגעפאַנגען אויסצוגעפינען מעהר און מעהר פעלע פון אַפּענדיסיטיס. דאָס מיינט ניט, אַז מעהר מענשען ליידען יעצט פון דער קראַנקהייט, ווי עס פלעגען פריהער ליידען, נאָר פריהער פלעגט מען ניט וויסען פון וועלכער קראַנקהייט די מענשען ליידען אָדער שטאַרבען און מען האָט צוגעשריבען זייערע קראַנקהייטען צו מאָגען־טראָבעל, ענטצינדונג אין די קישקעס און אַנדערע ענליכע קראַנקהייטען. יעצט אָבער געפינט מען אין דיזע פעלע אויס די אמת'ע אורזאַכע פון דיזע קראַנקהייטען און דארום צייגט זיך אויס, דאָס די צאָהל אַפּענדיסיטיס־ליידענדע ווערט גרעסער.

וואָס פאַר א קראַנקהייט איז אפּענדיסיטיס? ווי אַזוי ווערט זי פעראורזאַכט? און ווי אַזוי קען מען פון איהר פּטור ווערען? אום צו קענען ענטפערען אויף דיזע פראַגען מוזען מיר פריהער בעקענען מיט אונזער אַפּענדיקס, זיך צוקוקען וואָס פאַר א סאָרט בעשעפעניש דאָס איז און וואָרום ער פערשאַפט אונז אָפטמאָל אַזוי פיעל טראָבעל.

דער אַפּענדיקס איז א טייל פון אונזער שפּייז־קאַנאַל, וואָס האָט דוכט זיך קיין שום ארבייט ניט צו טאָן און איז נאָר א שטערונג פאַר אונזער קערפּער. די וויסענשאַפט־לייטע, וואָס האַלטען פון דעם כּלל, דאָס יעדע זאַך, וואָס געפינט זיך אין אונזער קערפּער, האָט עטוואָס צו טאָן און איז ניט איבעריג, בעהויפּטען, דאָס אויך דער אַפּענדיקס האָט א געוויסע פליכט צו ערפילען און איז נויטיג פאַר די האַרמאָנישע ארבייט פון אונזער קערפּער. אָבער ביז יעצט איז אונז נאָך ניט געלונגען צו ענטדעקען אין וואָס די אַר־בייט פון דעם אַפּענדיקס בעשטעהט.

וואו געפינט זיך דער אַפּענדיקס? ביים אָנפאַנג פון דער גרויסער קישקע. אונזער שפּייז־קאַנאַל בעשטעהט פון א לאַנגער רעהר, וואָס איז אָפען פון ביידע עקען. דיזע רעהר ציהט זיך פון'ם מויל צו די הינטער־שטע טייל פון אונזער קערפּער.

די שפּייז, וואָס מיר עסען, געהט דורך דיזען קאַנאַל און אויף'ן וועג ווערען די נוצליכע און פערברויכליכע טיילען פון דער שפּייז פערדייעט און איינגעזאַפּט אין דעם קערפּער וועהרענד די אונפערדייליכע און נוצ־לאָזע טיילען פון די שפּייז ווערען ארויסגעשיקט דורך דער צווייטער עפענונג.

אונזער שפּייז־קאַנאַל איז עטליכע און צוואַנציג פוס לאַנג און איז אין איינינע פּלעצער עטוואָס מאָדיפיצירט.

דער מאָגען איז בלויז אַן עטוואָס ברייטערער טייל פון דיזען שפּייז־קאַנאַל, און דיזע אויסגעברייטעטע טייל דינט אלס „שפּייכלער" פאַר שפּייז. מיט דער צייט האָבען זיך אין דיזען טייל פון קאַנאַל אויך ענטוויקעלט גע־וויסע ספּעציעלע דריזען (גלענדס), וואָס העלפען פערדייען געוויסע טיי־לען פון די שפּייז. דורך די ארבייט פון די מאָגען־מוסקולען ווערט די שפּייז אויך צומאָהלען און צוריבען און דאָס העלפט, אַז די פערדייאונגס־זאַפטען זאָלען קענען צוקומען צו אַלע טיילען פון די שפּייז. דאָס איז די ערשטע טייל פון שפּייז־קאַנאַל.

באַלד נאָך'ן מאָגען ציהט זיך א גרויסע שטרעקע (פיעלע פוס לאַנג) קישקעס. וועהרענד די שפּייז געהט דורך דיזע לאַנגע און שמאָלע טייל

פון שפייז־קאנאל, ווערען אלע נוצליכע טיילען פון די שפייז פערדייעט און איינגעזאפט דורך די ווענד פון די קישקעס אין'ם בלוט. דאס איז די צווייטע טייל פון שפייז־קאנאל.

ווען די שפייז גרייכט די ענדע פון דיזער רייזע זיינען שוין כמעט אלע איהרע נוצליכע טיילען ארויסגענומען און די אויפגאבע פון פטור ווע־רען פון דעם איבערבלייבעכץ פאנגט זיך יעצט אן. דער קערפער איז אבער עקאנאמיש מיט זיין שפייז, ער זוכט פטור צו ווערען בלויז פון דאס סאמע אונגוטיגסטע און אלעס, וואס קען נאך געברויכט ווערען, זוכט ער צו פערהאלטען. פאר דיזער אויפגאבע איז בעשטימט די לעצטע טייל פון שפייז־קאנאל, די טייל וואס מיר רופען די גרויסע קישקע.

דיזער טייל פון שפייז־קאנאל זאפט איין דאס וואסער און דאס לעצ־טע ביסעל שפייז, וואס איז נאך פערבליבען אין דער מאסע, וואס איז דורכגעגאנגען דעם שפייז־קאנאל ביז צו דיזען פונקט. עס איז די דריטע טייל פון שפייז־קאנאל.

ביים אנפאנג פון דער גרויסער קישקע אויף דעם וועג צווישען דער צווייטער און דריטער טייל פון שפייז־קאנאל געפינט זיך א קליינע דינע רעהר. דיזע רעהר איז אין גאנצען א דריי־פיר אינטשעס לאנג. ניט גרע־בער ווי א געוועהנליכער ווארעם. דאס ערשטע דריטעל פון דיזער רעהר איז אפען פונקט ווי די אנדערע טיילען פון שפייז־קאנאל. די לעצטע צוויי דריטעל זיינען פערשטאפט .

דיזע ווארעם־עהנליכע רעהר איז דער אפענדיקס, אדער ווי ער הייסט אויף דער וויסענשאפטליכער שפראך „ווערמיפארם אפענדיקס" (ווארעם־עהנליכער אפענדיקס).

צו וואס מיר דארפען דיזען ווארעם־עהנליכען אפענדיקס (אדער ווע־רמדיגען אפענדיקס, ווי מאנכע רופען עס) איז ניט גענוי בעקאנט. מאנ־כע בעהויפטען, דאס אמאל, ווען מענשען זיינען נאך געגאנגען „אויף אלע פיער" און האבען געפיהרט א זעהר פרימיטיווען לעבען, האט דער אפענ־דיקס געדינט אלס א טייל פון אונזער גרויסער קישקע.

צו דאס איז אזוי אדער ניט איז יעצט שווער צו זאגען. איין זאך איז זיכער, דאס אין אונזער יעצטיגען צושטאנד ווייסען מיר ניט צו וואס מיר דארפען דעם אפענדיקס און די, ביי וועמען ער ווערט אויסגעשניטען, בעגעהען זיך גאנץ גוט אהן איהם.

אין די טייל פון אפּענדיקס, וואָס איז נאָך אָפען, געהט צ. ב. צייט צו צייט אריין א טייל פון די שפּייז, וואָס געפינט זיך אין דער אָנפאַנג טייל פון דער גרויסער קישקע. געוועהנליך געלינגט עס דעם אפּענדיקס ארויס-צוטרייבען דיזע שפּייז דורך צוזאַמענציהען זיך, פּונקט ווי עס טוען די אנדערע טיילען פון אונזער שפּייז-קאנאל. מאנכעס מאָל פערבלייבט א טייל פון דיזען מאַטעריאַל אין אפּענדיקס און קען ניט ארויס. עס פּאַסירט אויך א מאָל, דאָס א שטיקעל פערטריקענט שפּייז-אָבפאל, א קערעל פון א פרוכט, אָדער א שטיינדעל כאַפּט זיך אריין אין אפּענדיקס און קען ניט ארויס.

אין דער גרויסער קישקע געפינען זיך פיעלע מיקראָבען. אויב דער מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין אפּענדיקס פערבלייבט צו לאַנג, אָדער קען ניט ארויס, פאַנגט ער אָן צו פוילען. די מיקראָבען אטאַקירען דיזען מאַטעריאַל, ווי אויך די ווענד פון אפּענדיקס און פעראורזאַכען אן ענט-צינדונג. אפּענדיסיטיס מיינט אן ענטצינדונג פון אפּענדיקס.

ניט אַלע ענטצינדונגען זיינען גלייך. מאנכע זיינען לייכטע און געהען שנעל פאָראיבער. אנדערע זיינען זעהר ערנסטע און פעראורזאַכען דעם טויט פון׳ם מענשען, אויב מען מאַכט איהם ניט גלייך אן אָפּעראַ-ציאָן און מען שניידט ניט גלייך אויס דעם אפּענדיקס.

די געפאהר פון אפּענדיסיטיס.

וואָס עס פּאַסירט אין׳ם אַפּענדיקס ווען ער ווערט ענטצונדען — די פערשיידענע גראַדען פון דער קראַנקהייט — ווי אַזוי דער קערפּער בעשיצט זיך אין פאַל דער אפּענדיקס ווערט ענטצונדען.

וואָס פּאַסירט ווען איינער קריגט אן אטאַקע פון אפּענדיסיטיס?

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, דאָס דער אפּענדיקס איז אייגענט-ליך אן איבערבלייבעכץ פון אן אמאָליגע אקטיווע טייל פון די קישקעס. דער אָנפאַנג טייל פון אפּענדיקס, — די טייל, וואָס איז צוגעטשעפּעט צו די קישקעס, איז אָפען, ווערענד די לעצטע טייל, די ענדע פון אפּענ-דיקס, איז פערמאַכט, פּונקט ווי די פערשטאָפּטע רעהר.

די שפּייז, וואָס געפינט זיך אין אָנפאַנג טייל פון דער דיקער קישקע, קען דארום פריי אריינגעהן אין אָנפאַנג טייל פון דעם אפּענדיקס. ארויס-געהן צוריק איז שוין ניט אזוי לייכט. מיר האָבען שוין אויך געזעהן, דאָס

אין דער דיקער קישקע געפינען זיך פיעלע באצילען, וואס פרעסען די שפייז, וואס געפינט זיך אין דיזער טייל פון די קישקעס און פראָדוצירען מאנכע שעדליכע און זעהר ניט פיין־שמעקענדע פראָדוקטען.

יעדע טייל פון די קישקעס איז רייך אין בלוט־רעהרען, ווייל די שפייז, וואס ווערט פערדייעט אין די קישקעס, דארף איינגעזאפט ווערען אין׳ם בלוט. דער אפענדיקס איז אָבער אן איבעריגע, אונטעטיגע טייל פו: די קישקעס. קיין שפייז ווערט דאָרטען ניט פערדייעט און דארום איז ער זעהר אָרעם אין בלוט־צירקולאציאָן.

דער רעזולטאט איז פאָלגענדער: אויב דער אפענדיקס ווערט אויף אירגענד װעלכער ארט און ווייזע פערוואונדעט קען די ביסעל שפייז, וואס געפינט זיך אין איהם, ניט ארויס. די באצילען אטאקירען דיזע שפייז און זי פאנגט אָן צו פוילען. דער רעזולטאט איז — אן ענטצינדונג אין די ווענט פון אפענדיקס.

אן ענטצינדונג קען אויך פּאָרקומען אויף פערשיידענע אנדערע אופנים און ניט אלע מאָל איז דער אָנפאנג פון דער ענטצינדונג פוילענדע שפייז.

דערפאר וואס דער אפענדיקס איז אָרעם אין בלוט־רעהרען קען דאָס בלוט ניט צובריינגען צום פּלאַץ פון דער ענטצינדונג גענוג פון אונזערע ווייסע בלוט־צעלען, די „בלוט־סאָלדאטען", צו העלפען „לעשען" די ענט-צינדונג. דער רעזולטאט איז, דאָס וועהרענד אין אן אנדער טייל פון קער-פער וואָלט אזא לייכטע ענטצינדונג קיין ווערט ניט געהאט, קען זי אָפט ווערען גאנץ ערנסט אין אונזער אפענדיקס.

הונדערט און איין אורזאכען ווערען אָנגעגעבען אלס פעראורזאכער פון אפענדיסיטיס. מאנכע גלויבען, דאָס די ענטצינדונג אין אפענדיקס קומט פון עסען געוויסע שפייז־ארטיקלען, אנדערע גלויבען דאָס עס קומט פון ניט עסען געוויסע אנדערע שפייז־ארטיקלען. אמאָל האָט מען גע-גלויבט, דאָס עסען וויינטרויבען (גרייפּס) אָדער פערשיידענע אנדערע פרוכ-טען, וואס האָבען קליינע קערענדלאך, פעראורזאכען די קראנקהייט דורך דעם, וואס איינע פון די קערענדלאך, וואָס מען שלינגט ארונטער, כאפּט זיך אריין אין׳ם אפענדיקס און פעראורזאכט די ענטצינדונג. דער אמת איז, דאָס מיר וויסען נאָך עד היום ניט די אמת׳ע אורזאכע אָדער אור-זאכען פון אפענדיסיטיס און מיר קענען ניט ערקלערען וואָרום איין מענ-שען׳ס אפענדיקס ווערט ענטצונדען וועהרענד א צווייטען מענשען׳ס אפענ-דיקס לעבט זיך אָפּ אלע זיינע יאָהרען און לאָזט פון זיך ניט הערען.

ווען די ענטצינדונג קומט שוין פאָר, קען זי אָפטמאָל זיין אין א זעהר לייכטע פאָרמע. די ענטצינדונג דויערט א קורצע צייט און געהט פאָר־איבער. דער קראַנקער פיהלט בלויז לייכטע שמערצען פאַר איינינע טעג צייט און די שמערצען פאַרשווינדען. דאָס פּאַסירט דאַן, ווען עס געלינגט דעם בלוט פון אַפּענדיקס צו בעקעמפען די אורזאַכע פון דער ענטצינדונג, און דער אַפּענדיקס ערהאָלט זיך פון דער קראַנקהייט.

דאָס איז א „לייכטע אַטאַקע" פון אַפּענדיסיטיס, און זעהר אָפט ווייס דער מענש ניט, דאָס ער האָט געהאַט די קראַנקהייט. זעהר אָפט פּאַסירט עס, דאָס אַזאַ מענש לעבט אָפּ אַלע זיינע יאָהרען און האָט ניט קיין צווייטען פאַל פון אַפּענדיסיטיס. אין פיעלע פעלע ווידערהאָלען זיך די אַטאַקעס און וואָס אמאָל אַלץ אָפטער און שטאַרקער.

דער אַפּענדיקס איז דאַן ווי א „געשלאָגענער הונט, פאַר וועלכען מען טאָר קיין שטעקען ניט צייגען". נאָך איין אַטאַקע בלייבט דער אַפּענ־דיקס אָפּגעשוואַכט און מעהר עמפפינדליך צו ווייטערע אַטאַקעס. ער ווערט לייכטער ענטצונדען ווי א נאָרמאַלער געזונדער אַפּענדיקס.

אין דיזע לייכטע אַטאַקעס ווערט בלויז די אינערליכע טייל פון די אַפּענדיקס ווענד ענטצונדען. ווען די ענטצינדונג נעהמט דורך די גאַנצע וואַנד און גרייפט אויך אָן די אויסערליכע הויט („פּעריטאָניום"), וואָס דינט אַלס א „ליינינג" פאַר אַלע אברים, וואָס געפינען זיך אין בויך און אויך פאַר די אינערליכע ווענד פון בויך, איז די קראַנקהייט פיעל ערנ־סטער, די שמערצען זיינען שטאַרקער און די לאַגע פון'ם קראַנקען איז פיעל ערגער.

די קישקעס, וואָס געפינען זיך אין די נידעריגע טייל פון בויך, אין דער נאַכבאַרשאַפט פון'ם אַפּענדיקס, זיינען ענג צוזאַמענגעדריקט און האָבען קוים פּלאַץ זיך צו בעוועגען. ווען די אויסערליכע ליינינג פון אַפּענדיקס ווערט ענטצונדען גיט זי אַרויס פון זיך א קלעפּיגע פליסיג־קייט, פון וועלכע די קישקעס אין דער נאַכבאַרשאַפט ווערען צוזאַמענ־געקלעפּט, קענען זיך ניט בעוועגען און פעראורזאַכען גרויס אונאַנגענעהמ־ליכקייט.

אין בויך געפינט זיך א דיקער פאַרטוך, וואָס איז זעהר רייך אין בלוט־רעהרען. דיזער פאַרטוך ציהט זיך פון מאָגען און דעקט איבער די קישקעס, וואָס פילען אויס כמעט דעם גאַנצען פּלאַץ אין בויך. דיזער פאַר־טוך האָט א מערקווירדיגע אייגענשאַפט. וואו נאָר עס פּאַסירט אַן ענט־

צינדונג אין בויך ציהט דער פארטוך אוים א ברעג אהינצו, וויקעלט זיך ארום דעם קראנקען פלאץ און דערלאזט ניט, דאס די ענטצינדונג זאל זיך פערשפרייטען ווייטער.

אן אלגעמיינער ענטצינדונג פון דער גאנצער אינערליכער לייונג פון בויך מיינט כמעט א זיכערער טויט. אן ענטצינדונג פון דעם „פערי-טאניום" (די לייונג), וואס רינגעלט ארום דעם אפענדיקס, קען זיך לייכט פערשפרייטען איבער אלע טיילען פון בויך. עס איז דארום לייכט איינ-צוזעהן, וואס פאר א וויכטיגע ראלע דיזער „פארטוך" שפילט אין אזא פאל פון אפענדיסיטיס.

אזוי שנעל ווי די ענטצינדונג אין'ם אפענדיקס דערגרייכט די אוי-סערליכע וואנד פון'ם אפענדיקס שטרעקט דאס „פארטוך" גלייך אוים א ברעג צום אפענדיקס, וויקעלט ארום דעם קראנקען פלאץ און זוכט צו פער-האלטען די ענטצינדונג זי זאל זיך ניט פערשפרייטען צו די אנדערע טיילען פון בויך.

עס פאסירט אבער אמאל, דאס די ענטצינדונג איז אזא גרויסע, די אטאקע אויף'ן אפענדיקס איז אזא ערנסטע, דאס דער אפענדיקס פלאצט און דאס מאטעריאל פון די קישקעס רינט ארויס דורך דער אפענער וואונד אין די אונטערשטע טייל פון בויך.

דאס „פארטוך" פון בויך האט קיין צייט ניט צו פערשטאפען די עפענונג אין'ם אפענדיקס. א פערזוך ווערט געמאכט פון דיזען פארטוך אין גאנצען אפצושפארען דעם קראנקען פלאץ אין בויך, אבער ניט אלע מאל געלינגט עס. די ענטצינדונג פערשפרייט זיך איבער דער גאנצער אי-נערליכער הויט פון בויך און דער מענש שטארבט, סיידען ער ווערט בע-צייטענס אפערירט איידער די ענטצינדונג פערשפרייט זיך.

עס פאסירט אויך אמאל, דאס די ענטצינדונג אין אפענדיקס איז ניט אזא ערנסטע, אבער זי פעראורזאכט א געשווילאכץ און די בלוט-ציר-קולאציאן צום אפענדיקס ווערט אין גאנצען אפגעשניטען דורך דעם, וואס די געשווילאכץ דריקט צוזאמען די בלוט-רעהרען. דער אפענדיקס פאנגט דאן אן צו פוילען, און אן אפענדיקס, וואס פוילט איז פונקט אזוי לעבענס-געפעהרליך, ווי דער אפענדיקס, וואס פלאצט. א שנעלע אפערייטאן איז די איינציגע האפנונג פאר אזא מענשען צו בלייבען לעבען.

ניט אלע שמערצען אין דער רעכטער זייט פון בויך זיינען סימנים פון אפענדיסיטיס. עס זיינען דא געוויסע סמנים, וואס ערשיינען אין א גע-

וויסער אָרדענונג און ווען אַלע אָדער די מעהרסטע פון זיי זיינען אַנווע-זענד צייגט עס, דאָס דער אַפּענדיקס איז ענטצונדען. אָבער ניט אַלע מאָל איז עס לייכט צו ענטשיידען. עס האָט שוין פיעלע מאָל פּאַסירט, דאָס אָפּעראַציאָנען פאַר אַפּענדיסיטיס זיינען געמאַכט געוואָרען און מען האָט נאָכהער אויסגעפונען, דאָס דער אַפּענדיקס איז גאָר ניט געווען די אורזאַכע פון די שמערצען, און די אַלע סמנים פון אַפּענדיסיטיס זיינען פעראורזאַכט געוואָרען פון עפּעס אַנדערש.

אין די מעהרסטע פעלע אָבער, פון אַן אַקיוטער אַטאַקע פון אַפּענדי-סיטיס זיינען די סימפּטאָמען אַזוי דייטליך, דאָס עס איז כמעט אונמעגליך זיי צו פערזעהן און עס איז יעצט פערהעלטניסמעסיג גאַנץ לייכט צו מאַ-כען אַ ריכטיגע דייאַגנאָזיס אין אַ פאַל פון אַפּענדיסיטיס.

די סימנים פון דער קראַנקהייט — דער אָרדענונג, אין וועלכען דיזע סימנים בע-וויזען זיך — וואָס צו טאָן אין פאַל איינער ליידעט פון דיזער קראַנקהייט — די אויסזיכטען פון קראַנקען.

שרייבען וועגען סימנים פון אַ געוויסער קראַנקהייט איז אָפּטמאָל אַ געפעהרליכע אויפגאַבע. עס זיינען פאַראַן מענשען, וועמען עס דאַכט זיך, דאָס זיי האָבען יעדע קראַנקהייט, וועגען וועלכע זיי הערען אָדער לעזען, און אויב זיי דערוויסען זיך וועגען אַ געוויסען סימפּטאָם פון אַ קראַנקהייט פיהלען זיי שוין דעם זעלבען סימן אויף ביי זיך און זיי זיינען איבערצייגט, דאָס זיי ליידען פון דער זעלבער קראַנקהייט.

פאַר די, וואָס וועלען, איבערלעזענדיג דיזע ציילען, זיך גלייך „אי-בערצייגען", דאָס זיי ליידען פון אַפּענדיסיטיס, וויל איך דאָ גלייך אין אָנ-פאַנג ערקלערען, דאָס טראָץ דעם, וואָס מיר האָבען שוין יעצט אַ גענויען בעגריף וועגען דיזער קראַנקהייט און וייסען וועלכע סימנים דיזע קראַנק-הייט צייגט און אין וועלכער אָרדענונג דיזע סימנים ערשיינען, פּאַסירען נאָך יעצט פעלע, ווען עס איז אונמעגליך צו אונטערשיידען אַפּענדיסי-טיס פון אַנדערע קראַנקהייטען, און זאָגאַר גאַנץ פּראַקטישע און ערפאַה-רענע דאָקטוירים כירורגען האָבען אַ טעות. עס איז דאַרום לייכט איינ-צוזעהען ווי אונמעגליך עס איז פאַר אַ געוועהנליכען מענשען, וועלכער איז ניט קיין דאָקטאָר, צו בעשליסען, דאָס ער ליידעט פון אַפּענדיסיטיס בלויז

דערפאַר, ווייל איהם דאכט זיך דאָס ער האָט איינעם אָדער איינינע פון די סימנים, וואָס זיינען אויך אנוועזענד אין אפענדיסיטיס.

די קראַנקהייט אפענדיסיטיס פאַסירט זעהר זעלטען ביי בייבים, אָפטער ביי יונגע קינדער און נאָך אָפטער ביי ערוואַקסענע מענשען. די מעהרסטע פעלע פון אפענדיסיטיס פאַסירען ביי מענשען צווישען צוואַנציג און פופציג יאָהר אַלט.

ביי מענשען, וואָס זיינען עלטער פון פופציג יאָהר פאַסירט אפענדי-סיטיס זעלטען, נאָך זעלטענער אין אַלטע לייט. אָנפאַנגענדיג מיט יונגע קינדער בעגעגענען מיר אפענדיסיטיס אַלץ אָפטער, וואָס עלטער די מענשען ווערען. דיזע צאָהל איז אם גרעסטען ביי דרייסיג יעהריגע מענשען. פון דאַן אָן ווערט די צאָהל פון אפענדיסיטיס פעלע אַלץ זעלטענער וואָס על-טער די מענשען ווערען.

די סימנים פון אפענדיסיטיס קומען אין אַ געוויסער אָרדענונג איינע נאָך די אַנדערע. עס זיינען דאָ נאַטירליך אויסנאַהמס־פעלע ווען איינער אָדער איינינע סימנים זיינען אין גאַנצען אַבוועזענד, אָדער זיי זיינען אין אַזאַ שוואַכער פאָרמע, דאָס מען בעמערקט זיי ניט. אָבער אין די מעהרסטע פעלע קומען די סימנים רעגעלמעסיג אין זייער בעשטימטער אָרדענונג. דער פערשטאָרבענער בעריהמטער אמעריקאַנער כירורג דר. דזשאָהן ב. מורפי האָט אַמאָל געזאָגט, דאָס אויב די סימפּטאָמען ערשיינען ניט אין דער בע-שטימטער אָרדענונג אפילו ווען אַלע סימנים זיינען דאָ צווייפעלט ער צו די קראַנקהייט איז אפענדיסיטיס.

דיזע סימפּטאָמען זיינען: 1) שמערצען, 2) איבעלקייט און ברע-כען, 3) עמפּפינדליכקייט (אַזוי שמערצליך אין אַ געוויסען פּלאַץ פון קער-פּער, דאָס מען קען זיך צו דיזען פּלאַץ ניט צוריהרען), 4) שטייפקייט פון די מוסקולען אין אַ געוויסען טייל פון בויך, 5) היץ און אַ שנעלער פּולס, 6) אַ פערמעהרונג פון די ווייסע בלוט־צעלען אין׳ם בלוט און 7) די האַרטע מאַסע, וואָס מען קען אָנטאַפּען אין די אונטערשטע טייל פון בויך, אין דער רעכטער זייט.

1) די שמערצען קומען צוערשט. דער מענש איז דאכט זיך גאַנץ געזונד, און פּלוצלינג דערפיהלט ער אַ שמערץ אין בויך. דער שמערץ איז אין אָנפאַנג פערשפּרייט איבערן גאַנצען בויך. נאָר אין איינינע שטונדען ארום „זעצט ער זיך אָפּ" אין דער אונטערשטער טייל פון בויך אויף דער רעכ-

טער זייט. דער כאַראַקטער פון די שמערצען איז ווי עטוואָס וואָלט גע-
עגבערט, געשלעפּט און געריסען אויף יענעם פּלאַץ אין בויך.

אויב די שמערצען הערען פּלוצלינג אויף ווערענד די אַנדערע סימנים,
וואָס מיר וועלען שפּעטער אויסרעכענען, האַלטען נאָך אָן איז די געפאַהר
זעהר גרויס. דאָס פּאַסירט געוועהנליך, ווען דאָס גאַנצע בלוט צום אַפּענ-
דיקס סטאָפּט און דער אַפּענדיקס פאַנגט אָן צו פוילען. אין אַזאַ פאַל איז
אַ באַלדיגע אָפּעראַציאָן די איינציגע האָפנונג צו רעטען דאָס לעבען פון
קראַנקען.

פערבייגעהענדיג וועלען מיר דאָ בעמערקען, אז דאָס איז אויך די
אורזאַכע וואָרום אַ גוטער דאָקטאָר אַכטעט ניט אויף די ביטען פון קראַנ-
קען און גיט איהם ניט עטוואָס צו שטילען די שמערצען, אויב דער דאָקטאָר
פערדעכטיגט, דאָס דער קראַנקער ליידעט פון אַפּענדיסיטיס.

2) איבעלקייט און ברעכען קומען גאַנץ שנעל נאָך דעם, ווי די
שמערצען פאַנגען זיך אָן. דאָס ברעכען און די איבעלקייט איז געוועהנ-
ליך אין אַ לייכטע פאָרמע און ווידערהאָלט זיך ניט פיעלע מאָל. אויב דאָס
ברעכען האַלט אָן אַ לענגערע צייט צייגט עס, דאָס די אינערליכע „ליינינג"
פון בויך איז ענטצונדען. די לאַגע פון'ם קראַנקען איז דאַן אַ פיעל ערנ-
סטערע. דאָס אָפטע ברעכען איז אַ נויט־רוף פון'ם קראַנקען'ס קערפּער.
עס איז אַ סימן, דאָס די קראַנקהייט פערשפּרייט זיך און דער קערפּער
זעלבסט איז ניט אימשטאַנדע זי אָפּצושטעלען. עס איז דער נויט־סיגנאַל
פון קערפּער, ווען ער נויטיגט זיך אין הילף. אָפטמאָל אָבער איז ברעכען
אין גאַנצען אַבוועזענד און דער קראַנקער ליידעט בלויז פון איבעלקייט.

3) עמפּפינדליכקייט. דער קראַנקער פיהלט אין אָנפאַנג זעהר
גרויסע שמערצען, ווען מען ריהרט זיך צו צו אירגענד וועלכען פּלאַץ פון
זיין בויך. אין אַ קורצע צייט אַרום ווערט דיזע עמפּפינדליכקייט לאָקאַ-
ליזירט צו דער רעכטער זייט פון דער אונטערשטער טייל פון בויך; דער
קראַנקער פיהלט שרעקליכע שמערצען יעדעס מאָל ווען מען ריהרט זיך
צו צו דיזער טייל פון זיין בויך.

4) שטייפקייט פון די מוסקולען. אין דער זעלבער צייט, וואָס די
שמערצען ווערען לאָקאַליזירט צו דער רעכטער זייט פון דער אונטערשטער
טייל פון בויך ווערען די בויך־מוסקולען איבער דעם עמפּפינדליכען פּלאַץ
שטייף אָנגעצויגען. דאָס איז אַ פערזוך פון קערפּער צו בעשיצען דעם
קראַנקען פּלאַץ ער זאָל זיך ניט בעוועגען. די מוסקולען דינען אין דיזער

היגזיכט דעם זעלבען צוועק ווי א הילצערנער „ספלינט" (דינע ברעטעל), מען בינדט צו צו א האנד אדער א פוס אין פאל א ביין ווערט איבערגע-בראכען אום צו פערזיכערען, דאס די האנד אדער דער פוס זאלען זיך ניט בעוועגען ביז דער צובראכענער ביין וועט פערוואקסען ווערען.

5) טעמפעראטור. די טעמפעראטור (היץ) ביים קראנקען שטייגט אזוי שנעל ווי די ערשטע שמערצען פאנגען זיך אן. אין די מעהרסטע דורכשניטליכע פעלע, איז די טעמפעראטור ניט זעהר הויך, אונגעפעהר 100 אדער 101 פארענהייט. א פלוצלינגער פאל אין די טעמפעראטור פון קראנקע, אויב די אנדערע סימנים פון דער קראנקהייט בלייבען אונפער-ענדערט איז א שלעכטער סימן. עס איז פונקט ווי אין דעם פאל, ווען די שמערצען הערען פלוצלינג אויף, ווי מיר האבען שוין פריהער דערמאנט.

6) אין דער זעלבער צייט, וואס די היץ שטייגט, ווערט אויך דער פולס שנעלער. דאס הארץ קלאפט האסטיגער, ווי עס איז דער פאל כמעט יעדען מאל, וואס די טעמפעראטור ביי א מענשען שטייגט. פאר יעדען גראד היץ שטייגט דער פולס מיט צעהן שלעג יעדע מינוט.

7) ווען מען עקזאמענירט דאס בלוט פון א קראנקען אין דיזען צו-שטאנד געפינט מען, דאס די צאהל ווייסע בלוט-קייקעלאך אין זיין בלוט איז פיעל גרעסער ווי ביי א נארמאלען מענשען. ספעציעל ווערט גרעסער די צאהל פון א געוויסען סארט ווייסע בלוט-קייקעלאך, וואס דינען אלס סאלדאטען פון קערפער צו בעקעמפען דעם שונא אין יעדען פאל פון אן ענטצינדונג.

8) דער לעצטער און אפטמאל דער זיכערסטער סימן, וואס צייגט זיך אין א פאל פון אפענדיסיטיס, איז א געשווילאכץ אין דער רעכטער זייט פון דער אונטערשטער טייל פון בויך. ווען מען טאפט אן דעם פלאץ פיהלט מען ווי עטוואס דיקעס וואלט זיך דארטען געפונען. דיזער סימן ערשיינט זעלטען ווען פריהער, ווי זעכציג שטונדען נאך דעם, ווי די ערשטע סימנים פון דער קראנקהייט בעווייזען זיך.

דיזע געשווילאכץ צייגט, דאס דער גאנצער אפענדיקס איז אנגע-גריפען. דער אפענדיקס איז געשוואלען און א טייל פון'ם בויך-פארטוך („אמענטום") און די קישקעס אין דער נאכבארשאפט פון אפענדיקס זיי-נען אויך פערוויקעלט אין דער ענטצינדונג. דיזער סימן איז געוועהנליך א גאנץ שפעטערדיגער און ווען ער בעווייזט זיך זיינען די אנדערע סימנים

אַזוי דייטליך, דאָס עס קען מעהר קיין צווייפעל ניט זיין, דאָס דערְ קראַנ-
קער ליידעט פון אַפּענדיסיטיס.

דיזע אויסגערעכענטע סימנים קומען אין דער איבענאויסגערעכענ-
טער אָרדנונג. די שמערצען קומען אַלע מאָל צוערשט און דאָס נודנעקייט
און ברעכען נאכהער. אויב די שמערצען קומען ניט צוערשט נאָר נאָך
דעם, ווי די אַנדערע סימנים האָבען זיך שוין בעוויזען, צווייפלען פיעלע דאָק-
טוירים צו דאָס איז אַ פאַל פון אַפּענדיסיטיס.

מיר האָבען פריהער געזעהן וואָס עס קומט פאָר אין'ם אַפּענדיקס
ווען ער ווערט ענטצונדען. אויב די ענטציגדונג איז אַ לייכטע ווערט בלוי
די אינערליכע לייגינג פון'ם אַפּענדיקס אָנגעגריפען. דיזער צושטאַנד א
ראַן עהנליך צו דער ענטצינדונג, וואָס קומט פאָר אין אונזער נאָז און האל
ווען מיר ליידען פון קאַטאַר, און די קראַנקהייט ווערט טאַקע בעצייכענט אַל
„קאַטאַרהאַל אַפּענדיסיטיס". אַזאַ פאַל איז געוועהנליך ניט ערנסט או
געהט פאָראיבער אין אייניגע טעג צייט.

עס קען אָבער אויך פּאַסירען, דאָס די ענטצינדונג איז בלויז אוי
איין קליינעם פּלאַץ אין'ם אַפּענדיקס און עס ווערט אַ טיפע וואונד אויף
פּונקט, וואו די ענטצינדונג איז. אין אַזאַ פאַל קען די וואונד „דורכעסען"
די וואַנד פון אַפּענדיקס און די אונריינע פליסיגקייטען פון קראַנקען אַפּענ
דיקס קומען אריין אין די אונטערשטע טייל פון בויך.

אָדער עס קען פּאַסירען, דאָס דער גאַנצער אַפּענדיקס ווערט אָנגע
גריפען. די אינערליכע „לייגינג" פון בויך (פּעריטאָניום) ווערט אויך אָ
געגריפען און דער קראַנקער ליידעט דאַן פון אַן אַלגעמיינע ענטצינדו
אין בויך.ביידע לעצטע פעלע זיינען ערנסטע.

וואס צו טאָן אין פאַל פון אַפּענדיסיטיס.

וואָס זשע דאַרף מען טאָן אין פאַל פון אַן אַטאַקע פון אַפּענדיסיטיס
אין יעדען פאַל דאַרף דער פּערזאָן זיך גלייך לעגען אין בעט א
פערבלייבען אַזוי רוהיג ווי נאָר מעגליך. ער דאַרף אויך גלייך שיקען
פען אַ דאָקטאָר. איידער דער דאָקטאָר קומט און אין פערלויף פון ערשטע
טאָג פון דער קראַנקהייט, איז גלייכער ניט צו עסען. אויב די אַטאַקע אי
אַ לייכטע, אויב דער קראַנקער ליידעט בלויז פון „קאַטאַרהאַל אַפּענדיס
טיס", וועט די קראַנקהייט איבערגעהן אין אַ פּאָר טעג צייט. רוה אין בע
קאַלטע אָדער הייסע קאָמפּרעסען (עס ווענדעט זיך וועלכע קאָמפּרעס

עס לינדערען אָדער מאַכען לייכטער דעם קראַנקען׳ס שמערצען) איז אַלעס וואָס איז נויטיג. אויב די קראַנקהייט דויערט לענגער און די שמערצען האַלטען אָן איינינע טעג צייט איז גלייכער פּטור צו ווערען פון׳ם אפּענ־דיקס דורך אַן אָפּעראַציאָן.

אַן אָפּעראַציאָן פאַר אַפּענדיסיטיס איז נויטיג:

1) אין יעדען פאַל, ווען די קראַנקהייט פאַנגט זיך אָן מיט זעהר שאַרפע סימנים, שטאַרקע שמערצען, פיעל ברעכען און פיעל געז אין בויך און דערצו נאָך, ווען דער קראַנקער האָט קיין פיבער.

2) אין יעדען ניט זעהר ערנסטען פאַל פון אַפּענדיסיטיס, ווען די סימנים צייגען ניט קיין פערבעסערונג אין פערלויף פון 48 שטונדען צייט.

3) אין אַלע פעלע, ווען די קראַנקהייט קומט צוריק נאָך דעם, ווי דער קראַנקער האָט זיך שוין געבעסערט.

4) אַן אָפּעראַציאָן אויסצושניידען דעם אַפּענדיקס איז אויך ראַטזאַם אין פאַל דער קראַנקער האָט שוין געליטען פון צוויי מילדע אַטאַקעס, ווייל מען קען קיין מאָל ניט זיכער זיין ווען די דריטע אַטאַקע וועט קומען און צו זי וועט ניט זיין פיעל ערנסטער ווי די ערשטע צוויי. אַן אָפּעראַציאָן איז אויך ראַטזאַם אין פעלע, וואו דער קראַנקער ליידעט אָפט פון מילדע אַטאַקעס פון אַפּענדיסיטיס.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

די אויסזיכטען פון קראַנקען געזונד צו ווערען זיך אָן דער פאָרמע פון דער קראַנקהייט, און אין פעלע, וואו אַן אָפּעראַציאָן איז נוי־טיג, ווענדען זיי זיך אָן דעם, ווי שנעל די אָפּעראַציאָן ווערט געמאַכט.

דורכשניטליך שטאַרבען יעצט פערצעהן פון יעדע הונדערט מענשען, וואָס ליידען פון אַן אַטאַקע פון אַפּענדיסיטיס. אויב איינער האָט שוין געליטען פון איין אַטאַקע איז דאַרום גלייכער זיך צו לאָזען אויסשניידען דעם אַפּענדיקס צו זיין זיכער געגען אַ צווייטע אַטאַקע. אַן אָפּעראַציאָן אין דער צייט, ווען דער קראַנקער ליידעט ניט קיין שמערצען, דאָס הייסט ווען דער אַפּענדיקס איז ניט שטאַרק ענטצונדען אָדער די ענטצינדונג איז פאָראיבער, איז פיעל לייכטער און ווייניגער געפעהרליך, ווי אין דער צייט, ווען דער אַפּענדיקס איז שטאַרק ענטצונדען.

מערידען.

וואָס פאַר אַ שײַכות דיזע קראַנקהייט האָט מיט אידען — וואָס די קראַנקהייט איז — ווי אַזוי זי ווערט פעראורזאַכט און וואָס צו טאָן געגען מערידען.

אמאָליגע יאָהרען פלעגט יעדעס פאָלק האָבען זיין אייגען לאַנד, זיין בעזונדערע שפּראַך, זיינע אייגענע מנהגים, זיינע נאַציאָנאַלע קליידער, זיין נאַציאָנאַלע שפּייז און געטראַנק און אויך זיינע בעזונדערע קראַנקהייטען. אַזוי אַם וועניגסטען האָט מען געגלויבט. אָבער יענע צייטען זיינען שוין לאַנג פאַריבער. ענגליש איז די שפּראַך פון ענגלאַנד, אַמעריקאַ, אַ טייל פון קענעדע, אויסטראַליען און פיעלע אַנדערע לענדער. שפּאַניש איז די אָפיציעלע שפּראַך אין שפּאַניען און אין כמעט אַלע זיד־אַמעריקאַנער רעפובליקען. דייטש און פראַנצויזיש ווערט געשפּראָכען אין אַנדערע לענדער אויסער דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

דאָס זעלבע איז מיט קליידער. כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער טראָגט מען יעצט די זעלבע קליידער. עסען ווערט אימפּאָרטירט פון איין לאַנד צום אַנדערען און אין זייער געטראַנק אונטערשיידען זיך מעהר די מענשען פון פערשיידענע קלאַסען אין זעלבען פאָלק, ווי די זעלבע קלאַסען פון פערשיידענע פעלקער.

דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט קראַנקהייטען. ביז מיט אַ צייט צוריק האָט מען געגלויבט, דאָס געוויסע פעלקער אָדער ראַסען זיינען אויסגעזעצט דער געפאַהר פון קריגען געוויסע קראַנקהייטען אָדער זיינען בעשיצט געגען געוויסע אַנדערע קראַנקהייטען. אַזוי, צום ביישפּיל, גלויבען נאָך פיעלע, דאָס איירישע זיינען זעהר עמפּפינדליך צו טובערקולאָזיס, וועהרענד אידען זיינען פערקעהרט בעשיצט געגען טובערקולאָזיס. דערפאַר זיינען אידען מעהר געניינט צו געוויסע אַנדערע קראַנקהייטען, ווי די צוקער־קראַנקהייט צום ביישפּיל.

דער פאַקט איז אָבער, דאָס קראַנקהייטען ווייסען ניט פון נאַציאָנאַלע גרענעצען. זיי גרייפען אָן געוויסע פערזאָנען אונטער געוויסע אומשטענדען אונגעאַכטעט דערויף צו וועלכער נאַציאָן דיזע פערזאָנען בעלאַנ-

גען. איירישע, וואָס ווערען ערצויגען אין די פעראייניגטע שטאאטען אונ־טער גוטע און סאניטארע אומשטענדען ליידען פונקט אַזוי ווייניג פון טו־בערקולאָזיס, ווי מענשען פון אנדערע נאציאָנען, וואָס לעבען אונטער די זעלבע אומשטענדען, און אז צווישען אידען, וואָס לעבען אין דחקות, גע־פינען זיך פיעלע, וואָס ליידען פון טובערקולאָזיס, איז אונזערע לעזער זי־כער בעוואוסט.

די פיעלע סטאטיסטיקס, וואָס זיינען געזאמעלט געוואָרען וועגען קראנקהייטען ביי פערשיידענע פעלקער, צייגען, דאָס געוויסע קלאסען מענ־שען, וואָס לעבען אונטער געוויסע אומשטענדען, ליידען פון געוויסע קראנק־הייטען מעהר אָדער ווייניגער, ווי אנדערע קלאסען מענשען, וואָס לעבען אונטער אנדערע אומשטענדען.

עס זיינען דארום ניטאָ קיין ספעציעלע אידישע קראנקהייטען, פונקט ווי עס זיינען ניטאָ קיין ספעציעל איטאליענישע קראנקהייטען, ענגלישע, פראנצויזישע אָדער דייטשע קראנקהייטען. מאנכע קרענק האָבען אָבער אַ גרויסע צאָהל קרבנות צווישען אידען און זיי האָבען אַ רעפּוטאציע אלס „אי־דישע קראנקהייטען״ און מיט דיזע וועלען מיר יעצט בעקענען אונזערע לעזער.

מערידען איז ניט קיין ספעציעל אידישע קראנקהייט, פונקט ווי זי איז ניט ספעציעל קיין גוי׳אישע קראנקהייט. מערידען איז איבערהויפּט קיין קראנקהייט ניט, נאָר אַ סימן פון אַ געוויסער אונאָרדנונג אין קערפּער, וואָס מיר וועלען באלד בעטראכטען.

אין מיין אייגענער ערפאהרונג האָב איך געזעהן פונקט אַזוי פיעל פע־לע ביי גוים ווי ביי אידען. דאָך איז אָנגענומען ביי אידען אַ כלל, דאָס מערידען איז אַ אידישע קראנקהייט און איינער פון אונזערע אידישע פּאַ־טעטען האָט שוין לאנג געגראמט „מערידען״ מיט „מיר־אידען״, אלס בע־וויז, דאָס מערידען איז אַ אידישע קראנקהייט.

וואס מערידען זיינען.

אין די ווענד פון אונזערע קישקעס, דורך וועלכע אונזער גאנצע שפּייז מוז דורכגעהן איידער זי ווערט פעררייעט און איינגעזאפּט אין קערפּער, געפינען זיך פיעלע בלוט־רעהרען. דיזע בלוט־רעהרען נעהמען אויף פון די קישקעס די פערדייעטע טיילען פון די שפּייז און ברייננגען זיי צום לעבער.

אין די גאנצע לענג פון די קישקעס געפינען זיך אַזעלכע בלוט־רעה־רען. די, וואָס געפינען זיך אין די לעצטע צוויי־דריי אינטשעס פון אונ־

זער שפּייז־קאַנאַל, ווערען אָנגערופען „העמאָראָידעל וועינס”. דורך גע־וויסע אורזאכען, וואָס מיר וועלען באַלד דערמאָהנען, ווערען דיזע „העמאָראָידעל” בלוט־רעהרען צוצויגען, און די צוצויגענע בלוט־רעהרען רופט מען „העמאָראָידס” אָדער אויף אידיש „מערידען”.

די מעהרסטע לעזער פון דיזע צייַלען האָבען זיכער שוין אמאָל גע־זעהן די „בלויע אָנגעשוואָלענע” בלוט־אָדערען אויף די פיס פון מאַנכע מיטעל־יעהריגע און עלטערע מענשען, ספּעציעל פרויען, וואָס האָבען שוין געהאַט אייניגע קינדער. די „בלויע אָנגעשוואָלענע” אָדערען זיינען צו־צויגענע בלוט־רעהרען (וועינס) פון די פיס. מערידען זיינען עהנליכע צוצויגענע בלוט־רעהרען, וואָס געפינען זיך ביי די ענדע פון שפּייז־קאַנאַל.

די אורזאכע פון מערידען.

מערידען טרעפט מען אם מעהרסטען ביי מענשען, וועמען'ס בע־שעפטיגונג איז אזא, דאָס זיי בעוועגען זיך זעהר וועניג, די וואָס זיצען שטענדיג ביי דער ארבייט אָדער אפילו די, וואָס שטעהען ביי דער ארבייט, אויב זיי מוזען שטעהן א גרויסע טייל פון יעדען טאָג אויף איין פּלאַץ, זיי־נען קאַנדידאַטען פאַר מערידען. אזעלכע מענשען, וואָס בעוועגען זיך ווע־ניג אויף דער פרישער לופט, ליידען געוועהנליך אויך פון מאָגען־פערשטאָ־פונג, און דאָס לעצטע האָט אויך א גרויסען חלק אין פעראורזאכען מערידען. יעדע זאַך, וואָס שטערט דער פרייער צירקולאַציאָן פון'ם בלוט אויף'ן וועג פון די קישקעס צום לעבער און פון לעבער צום הארץ, פעראורזאַכט מע־רידען. דאָס בלוט אין די „העמאָראָידעל” בלוט־רעהרען פליסט צום לע־בער צוזאמען מיט'ן בלוט פון אַלע אנדערע בלוט־רעהרען, וואָס געפינען זיך אין די קישקעס. אויב אירגענד וואָס שטערט דער פרייער צירקולאַ־ציאָן פון דיזען בלוט ווערען די בלוט־רעהרען איבערגעפילט מיט בלוט און די שוואַכערע בלוט־רעהרען, וואָס קענען ניט אויסהאַלטען דעם שטאַרקען דרוק פון די צופיעל־אָנגעזאמעלטע בלוט, ווערען צוצויגען. דער רעזול־טאַט איז — מערידען.

צופיעל שנאַפּס טרינקען אָדער צו אָפטעם נעהמען „קאַפּעטשקעס” פייער־וואַסער, ווי די אינדיאַנער רופען אלקאָהאָלישע געטרענקע, רואינירט דעם פיינעם מעכאַניזם פון לעבער. דער רעזולטאַט איז, דאָס די פרייע בלוט־צירקולאַציאָן דורך'ן לעבער ווערט געשטערט, דאָס בלוט זאַמעלט זיך אָן אין די בלוט־רעהרען, וואָס געפינען זיך אין די קישקעס, און דאָס פער־אורזאַכט מערידען.

א שוואכעם הארץ. וואס קען ניט פּאָמפּען גענוג בלוט, פעראורזאכט אן אַנזאמלונג פון בלוט אי'ם לעבער און אין אלע בלוט־רעהרען (וועינס), וואס ברייגגען בלוט צום הארץ, און דאָס פעראורזאכט צווישען אנדערע אונאנגענעהמליכקייטען אויך מערידען.

מערידען טרעפט מען אָפט ביי יונגע מענשען, ספּעציעל ביי מענער ארום 20 יאָהר אלט, וועלכע זיינען געצוואונגען צו פערברייגגען די גרעס־טע טייל פון טאָג צווישען פיער וועגד ביי א זיצענדער אָדער שטעהענדער בעשעפטיגונג און האבען אויך נאָך דער ארבייט ווענינ פיזישע איבונגען (עקסעסייז). פון דיזען עלטער פון ארום 35 אָדער 40 יאָהר בעגעגענט מען וועניגער פעלע פון מערידען, דערפאר אָבער ווערט די צאָהל מרעידאל־ניקעס גרעסער צווישען עלטערע מענשען.

צווישען יונגע פרויען זיינען דאָ זעהר ווענינ פעלע פון מערידען אין פערגלייך מיט מענער פון זעלבער עלטער. דאָס איז ניט דערפאר, וואס דיזער צושטאנד האָט אָבשיי פאר'ן שוואכערען געשלעכט, נאָר צוליב דעם, וואס פרויען לעבען ניט אונטער די זעלבע אומשטענדען, וואס די מענער לעבען. זיי זיינען אין די מעהרסטע פעלע ניט געצוואונגען צו טאָן די זעלבע סאָרט ארבייט ווי די מענער, און אויך פיליכט צוליב דעם, וואס זייער פעריאָדישע בלוטונג העלפט צו פערמיידען די צו פיעל אָנזאמלונג פון בלוט אין די „העמראָידעל" בלוט־רעהרען.

דערפאר אָבער זיינען פרויען, מוטערס נאָך דעם, ווי זיי האבען איי־גענע קינדער, מעהר אויסגעזעצט דער געפאהר פון האבען צוצויגענע בלוט־רעהרען אין די פיס און אויך מערידען. דאָס איז דערפאר, וואס די גע־בעהר־מוטער, אונטער געוויסע צושטענדע, דריקט זעהר אויף די בלוט־רעה־רען פון איהר נאכבארשאפט און פעראורזאכט אן אָנזאמלונג פון צופיעל בלוט אין די בלוט־רעהרען (וועינס), וואס געפינען זיך נידעריגער אין דערפער.

פערשיידענע פארמען פון מערידען.

עס זיינען דאָ פערשיידענע סאָרטען מערידען, אינערליכע און אוי־סערליכע, טרוקענע און נאסע.

אינערליכע מערידען הייסען אזעלכע, וואס קומען ניט ארויס פון דע־רער עפענונג פון שפייז־קאנאל. אין דיזען פאל זיינען אָנגעגריפען די

בלוט־רעהרען (וועינס), וואָס געפינען זיך עטוואָס העכער פון דער עפּענונ
אויסערליכע מערידען הייסען די, וואָס גרייפען אָן די בלוט־רעהר
(וועינס), וואָס געפינען זיך ביים סאמע ענדע פון שפּייז־קאנאל, און ז
צוצוויגענע בלוט־רעהרען היינגען נאָך פון די ענדע פון שפּייז־קאנאל.

טרוקענע מערידען הייסען אזעלכע, וואָס בלוטען ניט; נאסע מערידע
הייסען יענע, וואָס בלוטען יע פון צייט צו צייט.

די סימנים פון מערידען.

טרוקענע מערידען, ספּעציעל אינערליכע, קענען עקזיסטירען א לאַ
גע צייט און מען זאָל גאָר ניט וויסען פון זיי. בלויז פון צייט צו צייט
ווען זיי ווערען ענטצונדען, פערשאַפען זיי אונאנגענעהמליכקייטען או
שמערצען.

אין אָנפאנג פיהלט דער מענש בלויז א לייכטע אונאנגענעהמליכקיי
א.ן רייצונג אין די לעצטע טייל פון זיין שפּייז־קאנאל. ער פיהלט ווי עט
וואָס וואָלט זיך דאָרט געפינען און ער קען דערפון ניט פּטור ווערען. אָפט
מאָל ליידעט ער אויך שמערצען פאר און נאָך שטולגאנג. פון די שטענדי
גע רייצונג און רייבונג, וואָס דיזע צוצוויגענע בלוט־רעהרען האָבען אויכ
צושטעהן, פאנגען זיי אָן פריהער אָדער שפּעטער צו בלוטען.

אין אָנפאנג איז דאָס בלוטען ניט פיעל, בלויז א טראָפּען אָדער צווי
נאָך יעדען שטולגאנג. דאָס בלוטען פערגרעסערט זיך אָבער מיט דער צייט
און אויב עס האַלט לאנג אָן. קען דער מענש פערלירען אזוי פיעל בלוט
דאָס ער זאָל ליידען פון בלוט־אָרמוט.

אויב דיזער צושטאנד ווערט נאָך אַלץ פערנאכלעסיגט, ווערען ד
שמערצען און די אונאנגענעהמליכקייט פערשטארקט. דער קראַנקער פאנגט
אָן צו פיהלען שמערצען אויך אין אנדערע טיילען פון קערפּער און ווער
ערנסט קראַנק.

אויסערליכע מערידען זיינען געוועהנליך בעדעקט מיט א דיקע הויט
און ווען זיי זיינען ניט ענטצונדען פעראורזאכען זיי ניט פיעל אונאנגענ
נעהמליכקייטען, אויסער פיליכט עטוואָס בייסונג אין דעם פּלאַץ, וואו
אונזער שפּייז־קאנאל ענדיגט זיך, און א געפיהל פון „פולקייט" און לייכט
רייצונג פאר און נאָך שטולגאנג.

אזעלכע מערידען ווערען אָבער לייכט ענטצונדען.

דער געברויך פון צופיעל שטארקע אבפיהר־מיטעל, א פערקעלטונג דורך זיצען אין נעץ און קעלט, אדער נעהמען א צו גרויסען קידוש־בעכער, אדער דאס צו שטארקע רייבען זיי פעראורזאכט אן ענטצינדונג אין די מערידען. זיי ווערען דאן „אנגעגאסען מיט בלוט", זעהר שמערצליך און אזוי עמפפינדליך צו שמערצען, דאס זיי שטערען דעם קראנקען צו געהן אדער אפילו צו זיצען בעקוועם. אזא צושטאנד רופט מען אן „אטאקע פון מערידען".

וואס צו טאן געגען מערידען.

אויסערליכע מערידען, וואס פעראורזאכען ניט קיין אונאנגענעהמ־ליכקייטען, נויטיגען זיך ניט אין קיין אפעראציאן. אלעס וואס דער פער־זאן, וואס האט אזעלכע מערידען, דארף טאן איז צו האלטען זיי פערדיי־אונגס־מעכאניזם אין ארדענונג, אויסמיידען פערשטאפונג, אבער ניט דורך שארפע אבפיהרונגס־מיטלען. פאר ריינליכקייט'ס צוועקען דארף ער גע־ברויכען ווייכע פאפיר, ניט קיין ארטע צייטונגס־פאפיר. ווען די אויסער־ליכע מערידען ווערען ענטצונדען דארף דער קראנקער פערבלייבען אין בעט. די שמערצען קענען געשטילט ווערען דורך א געוויסען דראגג. וואס דער קראנ־קער זעלבסט קען ניט נעהמען, א דאקטאר מוז עס פערשרייבען. אויב די מערידען זיינען אנגעפילט מיט פערגליווערטעם בלוט זיינען זיינען זעהר שמערצליך וועט דער דאקטאר מוזען עפענען דיזע צוציגענע בלוט־רעהרען און ארויסנעהמען דאס פערגליווערטע בלוט.

די בעהאנדלונג פון אינערליכע מערידען איז א גאנץ אנדערע. אין דיזען פאל איז די לאגע א פיעל ערנסטערע. דער שטענדיגער בלוט־פער־לוסט קען פיהרען צו ערנסטע רעזולטאטען און עס איז דארום גלייכער פאר'ן קראנקען זיך צו בעראטען מיט א דאקטאר.

דער דאקטאר וועט אזא קראנקען געבען א גענויע פיזישע אונטער־זוכונג, אום אויסצוגעפינען, וואס עס שטערט דער פרייער בלוט־צירקולא־ציאן דורך די „העמראידעל" בלוט־רעהרען (וועינס). אין פאל פון א גע־וויסער אבנארמאליטעט פון לעבער איז גאר גלייכער צו לאזען די מערידען בלוטען. אין אלע אנדערע פעלע אבער איז אן אפעראציאן דאס איינציגע מיטעל ווי צו קורירען אינערליכע מערידען. אלע אנדערע זאגענאנטע „מע־דיצינישע" מיטלען קענען בלויז אויף א קורצע ווײלע שטילען די שמער־צען אבער פאלקאם קורירען מערידען קענען זיי ניט.

די אָפּעראַציאָן פּאַר מערידען איז ניט קיין זעהר ערנסטע. צ׳ווי
דריי טעג צו בעט און א וואָך אונאנגענעהמליכקייט איז אלעס, וואָס דע
קראַנקער דאַרף דורכמאַכען. נאַטירליך מוזען אין דער זעלבער צייט אויז
געענדערט ווערען די אומשטענדען (וואָס מיר האָבען פריהער אויסגערע
כענט), וואָס האָבען פעראורזאַכט די מערידען. זאָנסט איז יעדער פער
זוך זיי צו קורירען אַרויסגעוואָרפען.

צוקער־קראנקהייט — „דייעביטיז".

א צווייטע קראנקהייט, וואָס איז פערוואָנט אַלס א אידישע קראנקהייט איז די צוקער־קראנקהייט, אָדער „דייעביטיז", ווי די קראנקהייט הייסט אויף דער ענגלישער שפּראַך. עס איז אמת, דאָס צווישען אידען געפינען זיך פיעלע קרבנות פון דיזער קראנקהייט, עס זיינען אָבער אויך דאָ פיעלע ליידענדע פון „דייעביטיז" אויך צווישען ניט אידען. יעדענפאַלס איז ניטאָ קיין שום בעוויז, דאָס אידען זיינען מעהר עמפּפינדליך צו דער צוקער־קראנקהייט, אָדער דאָס אידישקייט האָט אירגענד וועלכע שייכות אין פער־אורזאַכען די קראנקהייט.

וואָס די קראנקהייט איז.

אום צו פערשטעהן וואָס די קראנקהייט „דייעביטיז" איז, דארפען מיר פריהער וויסען, אַז די גרעסטע טייל פון די שפּייז, וואָס אונזערע קיש־קעס פערדייען, ווערט פערוואַנדעלט אין א געוויסען סאָרט צוקער (ניט דער סאָרט צוקער, וואָס מיר געברויכען צו פערזיסען אונזער עסענוואַרג). די־זער שפּייז־צוקער ווערט געבראַכט דורך די בלוט־רעהרען, וואָס געפינען זיך אין די קישקעס, צום לעבער. אין'ם לעבער ווערט דער גאַנצער צוקער „פּרע־זערווירט", געענדערט אין א נייער פאָרמע, וואָס מען רופט „גלייקאָדזשען" און ווערט געהאַלטען אין סטאָק.

די צעלען פון אונזער קערפּער נויטיגען זיך אין א געוויסע מאָס פון דיזען צוקער אַלס זייער שפּייז. זיי מוזען דיזען שפּייז קריגען אין קליינע פּאָרציעס, ווייל זיי האָבען ניט קיין פּלאַץ, וואו צו בעהאַלטען שפּייז אויף שפּעטער. דיזע קליינע פּאָרציעס מוזען די צעלען פון קערפּער קריגען די גאַנצע צייט, טאָג ווי נאַכט, אום צו קענען אָנגעהן מיט זייער ארבייט.

אום צו בעזאָרגען אונזערע צעלען פון קערפּער מיט א שטענדיגען שטראָם פון פרישע שפּייז וואָלט דארום נויטיג געווען פאַר אונז צו האַלטען אין איין עסען אַלע פיער און צוואַנציג שטונדען פון מעת לעת. דאָס וואָלט

נאַטירליך געשטערט אַלע אַנדערע טעטיגקייטען אונזערע און אויך אונזער שלאָף, עס וואָלט אויך געווען אַ גרויסע פערשווענדעריי פון צייט און ענערגיע.

אום אויסצומיידען די אונאַנגענעהמליקייט, וואָס דאָס שטענדיגע עסען וואָלט אונז פעראורזאַכט, האָט דער לעבער אַ ספּעציעלען מעכאַניזם, וואָס דינט אַלס סקלאַד פאַר שפּייז. די גאַנצע צוקער, וואָס ווערט געשאַפען פון אונזער פערדייעטע שפּייז, ווערט פערהאַלטען אין לעבער, און דער לעבער שיקט אַרויס אין'ם אַלגעמיינעם בלוט־שטראָם בלויז אַ קליינע פּאָרציע פון דיזע שפּייז. דאָס בלוט צופיהרט דיזע שפּייז צו אַלע צעלען פון קערפּער און ווען די צעלען פון קערפּער פערברויכען די געגעבענע פּאָרציע צוקער, שיקט דער לעבער אַרויס נאָך אַ פּאָרציע. אַזוי האַלט דער לעבער אין איין צושטעלען קליינע פּאָרציעס שפּייז דורך דעם בלוט צו די צעלען פון קערפּער.

עקזאַמענירענדיג דאָס בלוט פון נאָרמאַלע מענשען האָט מען אויסגעפונען, דאָס די מאָס צוקער אין'ם בלוט איז אונטער געוועהנליכע אומשטענדען איין טויזענד טייל פון דער מאָס בלוט (איין צעהנטעל פון איין פּראָצענט). דיזע מאָס ווערט שטענדיג אויפגעהאַלטען. אויב די צעלען פערברויכען אַ ביסעל צוקער שיקט דער לעבער אַרויס פּונקט אַזוי פיעל, וויפיעל די צעלען פון קערפּער האָבען פערברויכט און די מאָס צוקער אין'ם בלוט בלייבט די זעלבע.

די נירען, וואָס דינען אַלס „דורכזייערס" פאַר אונזער קערפּער, זיינען אַזוי רעגולירט, דאָס זיי פערהאַלטען דאָס איין צעהנטעל פון איין פּראָצענט צוקער אין'ם בלוט. אויב אָבער אין'ם בלוט געפינט זיך מעהר ווי דיזע מאָס צוקער זייט זיך די איבעריגע צוקער דורך די נירען צוזאַמען מיט די אורין

אין פאַל פון צוקער־קראַנקהייט געפינט זיך אין'ם בלוט צופיעל צוקער און אַ טייל פון די צוקער פערלאָזט דעם קערפּער מיט די אורין, וואו מען קען דעם צוקער אויסגעפינען דורך געוויסע כעמישע פּראָבעס.

די אורזאַכען פון צוקער־קראַנקהייט.

צופיעל צוקער אין'ם בלוט און אַ פערלוסט פון צוקער דורך די נירען קען קומען דורך פיעלע אורזאַכען. אויב איינער עסט צופיעל קראָכמאַל־שפּייז, צוקער־געבעקס, קענדי (צוקערקעס), טשאָקאָלאַד אָדער עהנליכע

שפּייז, וואָס ווערט פערוואַנדעלט אין צוקער, קען דער לעבער פּשוט ניט פערהאַלטען די מאַסע צוקער, וואָס דאָס בלוט ברייִנגט פון די קישקעס. די שפּייכלער אין׳ם לעבער ווערען איבערפילט און דער איבערשוס פון׳ם צוקער שווימט אַרום פריי אין׳ם בלוט. די פילטער (דורכזייערס) אין די נירען זייִנען אַזוי רעגולירט, דאָס זיי פערהאַלטען בלויז איין צעהנטעל פון איין פּראָצענט צוקער אין׳ם בלוט. אויב דאָס בלוט ענטהאַלט מעהר צוקער לאָזען די נירען דורך דעם איבערשוס. און דער רעזולטאַט איז, דאָס דיזער פּערזאָן האָט צוקער אין זיין אורין.

אַזאַ צושטאַנד איז ניט געפעהרליך און דאַרף איבערהויפּט ניט בעטראַכט ווערען פאַר צוקער-קראַנקהייט. אַלעס וואָס אַזאַ פּערזאָן דאַרף טאָן איז עסען ווייניגער פון די אויבענדערמאָהנטע שפּייז און די צוקער וועט פערשווינדען פון זיין אורין.

עס קען אויך פּאַסירען, דאָס דער מעכאַניזם פון לעבער, וואָס דאַרף פערוואַנדלען די שפּייז, וואָס קומט פון די קישקעס, אין דער פאָרמע פון „גלייקאָדזשען“, אָדער פּרעזערווירטע צוקער, אַרבייט ניט ווי געהעריג איז. די מאַשינערי איז אויסער אָרדענונג און אַ גרויסע טייל פון די שפּייז-צוקער, אַנשטאָט צו געהן צו די שפּייכלער פון לעבער, געהען פריי דורך דעם לעבער צום אַלגעמיינעם בלוט-שטראָם.

דער רעזולטאַט איז, דאָס עס געפינט זיך אין׳ם בלוט צופיעל צוקער און מיר האָבען שוין פריהער געזעהן ווי אַזוי צו פיעל צוקער אין׳ם בלוט גיט אונז צוקער אין דער אורין, דעם זיכערסטען סימן פון דער צוקער-קראַנקהייט.

עס קען אויך פּאַסירען, דאָס דער טייל פון׳ם לעבער-מעכאַניזם, וואָס דאַרף צוריק פערוואַנדלען דעם „גלייקאָדזשען“ אין צוקער און עס אַרויסשיקען אין׳ם בלוט אין קליינע דאָזעס, בלויז אַזוי פיעל וויפיעל די צעלען פון קערפּער פערברויכען, ווערט אויסער אָרדנונג. דיזער מעכאַניזם פאַנגט אָן צו אַרבייטען צו שנעל און, ניט וואַרטענדיג ביז די צעלען פון קערפּער וועלען פערברויכען דעם צוקער, האַלט דיזער מעכאַניזם אין איין אַרויסשיקען צוקער צו דעם בלוט. דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס בלוט ענטהאַלט צופיעל צוקער און דער איבערשוס פון צוקער פערלאָזט דעם קערפּער דורך די נירען.

ווי אַזוי און דורך וועמען דיזער וויכטיגער מעכאַניזם פון לעבער ווערט רעגולירט ווייסען מיר נאָך ניט. און דאַרום טאַקע ווייסען מיר אויך

ניט די אמת'ע אורזאכע פון „דייעביטיז" (צוקער=קראנקהייט). ביי מאנ-כע מענשען און חיות, וואָס זיינען געשטאָרבען פון צוקער=קראנקהייט, האָט מען בעמערקט, דאָס געוויסע טיילען פון זייערע „פּענקריעס" (א דריזע, וואָס געפינט זיך הינטער דעם מאָגען און פּראָדוצירט געוויסע זאפטען, וואָס העלפען פערדייען די שפּייז אין די קישקעס) זיינען אויסער אָרדנונג, און מען דענקט דארום, דאָס דיזע טיילען פון דער „פּענקריעס" רעגולירען דעם צוקער=קאָנטראָלירענדען מעכאניזם פון לעבער און זיי האָבען אויך צו טאָן מיט פעראורזאכען די צוקער=קראנקהייט. אָבער ניט אין אלע פע-לע פון צוקער=קראנקהייט האָט מען בעמערקט דיזע ענדערונגען אין דער „פּענקריעס" און מען קען דארום ניט אָננעהמען דיזע ענדערונגען אלס די אורזאכע פון צוקער=קראנקהייט.

עקספּערימענטירענדיג מיט פערשיידענע חיות האָט מען בעמערקט, דאָס, ווען מען פעראורזאכט א וואונד אויף א געוויסען פּלאַץ אין מארך, בעווייזט זיך צוקער אין דער אורין פון דיזער חיה. עס איז דארום גאנץ מעגליך, דאָס דיזע טייל פון מארך קאָנטראָלירט דעם לעבער=מעכאניזם, וואָס רעגולירט די מאָס צוקער אין'ם בלוט.

ניט וויסענדיג גענוי ווי אזוי דער צוקער=רעגולירענדער מעכאניזם פון לעבער ווערט קאָנטראָלירט איז אונז אונמעגליך צו זאָגען וואָס פער-אורזאכט די צוקער=קראנקהייט. עס איז מעגליך, דאָס אין יעדען פאל פון דער קראנקהייט איז די אונאָרדנונג אין קערפּער די זעלבע, עס איז אויך מעגליך, דאָס זי איז אין יעדען פאל א גאנץ אנדערע.

עס איז דאָ נאָך איין פאָרמע פון צוקער=קראנקהייט און דיזע איז די ערנסטסטע און אויך די געפעהרליכסטע.

אין דיזער פאָרמע פון דער קראנקהייט זיינען די צעלען פון קערפּער ניט אימשטאנדע צו פערברויכען די צוקער, וואָס דאָס בלוט ברייננט צו זיי. די קערפּער=צעלען האָבען דורך א געוויסער אורזאכע פערלאָרען די פעהיגקייט צו פערברויכען די צוקער. די צוקער פערבלייבט אין בלוט און פערלאָזט נאכהער דעם קערפּער דורך די אורין.

די גרויסע געפאהר פון דיזער פאָרמע פון די צוקער=קראנקהייט בע-שטעהט אין דעם, וואָס די צעלען ווערען פשוט פערהונגערט פון ניט קרי-גען זייער נויטיגע שפּייז און דאָס געזונד פון דעם „דייעבעטיקער" געהט שנעל צו גרונדע.

די סימנים פון דער קראַנקהייט.

מיר האָבען שוין איינינע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, דאָס עס איז אַ געפאַהר צו שרייבען וועגען סימנים פון געוויסע קראַנקהייטען. עס זיינען דאָ געוויסע מענשען, רופט זיי שוואַכזיניגע, אויב איהר ווילט, וואָס לאָזען זיך לייכט בעאיינפלוסען פון דעם, וואָס זיי לעזען, אין אויב זיי פיהלען זיך עטוואָס ניט מיט אַלעמען וועלען זיי זיכער ענטדע־קען אין זיך כמעט יעדען סימפּטאָם פון יעדע קראַנקהייט, וועגען וועלכע זיי הערען.

אין דיזען פאַל איז אָבער די געפאַהר ניט אַזוי גרויס. די צוקער־קראַנקהייט ניט אַזעלכע דייטליכע, אונצווייפעלהאַפטע סימנים, דאָס עס איז זעהר לייכט אין איינינע מינוטען צייט אויסצוגעפינען צו דער מענש ליידעט פון דיזער קראַנקהייט אָדער ניט. אויב עמיצער דענקט, דאָס ער ליידעט פון „דייעביטיז“ דאַרף ער בלויז לאָזען זיין אורין עקזאַמענירען און ער קען זיך גאַנץ שנעל איבערצייגען צו זיין פערדאַכט איז אַ ריכטי־גער אָדער ניט.

מיר פיהלען זיך דאַרום גאַנץ פריי צו בעשרייבען די סימנים פון דער צוקער־קראַנקהייט ניט מורא האָבענדיג, דאָס מיר וועלען מיט דיזער בעשרייבונג העלפען עמיצען זיך איינרעדען, דאָס ער ליידעט פון דיזער קראַנקהייט.

די צוקער־קראַנקהייט איז אין די מעהרסטע פעלע אַ כראָנישע קראַנק־הייט. עס זיינען אָבער אויך דאָ איינינע פעלע, וואו די קראַנקהייט פּראָ־גרעסירט גאַנץ שנעל, ספּעציעל איז עס דער פאַל, ווען די קראַנקהייט גרייפט אָן יונגע מענשען. דער גאַנג פון דער קראַנקהייט איז דאַן זעהר אַ שנעלע און איז אין די מעהרסטע פעלע טויטליך פאַר איהרע קרבנות.

די צוקער־קראַנקהייט פאַנגט זיך געוועהנליך אָן מיט אַזוי וועניג סימנים, דאָס דער פּערזאָן בעמערקט גאָר ניט, דאָס ער איז קראַנק. זי פער׳גנב׳עט זיך אַזוי שטיל און שאַפט די ערשטע צייט אַזוי וועניג שאָדען דעם קערפּער, דאָס אָפטמאָל ענטדעקט מען בלויז דורך אַ צופאַל, דאָס דער פּערזאָן ליידעט פון דער צוקער־קראַנקהייט.

דאָס ערשטע, וואָס דער קראַנקער בעמערקט, איז, דאָס עס דורשט איהם. ער טרינקט דאַכט זיך מעהר וואַסער ווי געוועהנליך. אָבער טראָץ

דעם, וואָס ער טרינקט אָפט און פיעל, פיהלט ער דאָך שטענדיג דורשטיג,
און די מאָס וואסער, וואָס ער טרינקט אויס אין א טאָג, איז זעהר גרויס.

אין דער זעלבער צייט בעמערקט ער, דאָס זיין קערפּער גיט אויך
ארויס זעהר פיעל וואסער דורך זיינע נירען. וואָס מעהר ער טרינקט אלץ
מעהר אורין גיט ער ארויס פון זיך. פאר די מעהרסטע מענשען איז עס
אָבער ניט זעהר אויפפאלענד. עס שיינט צו זיין נאטירליך דאָס וואָס מעהר
איינער טרינקט אלץ מעהר אורין זאָל פערלאָזען זיין קערפּער.

אויב דער קראנקער איז א פערזאָן, וואָס בעאָבאכט זיך זעלבסט,
בעמערקט ער, דאָס טראָץ דעם, וואָס ער טרינקט פיעל וואסער איז איהם
אין מויל שטענדיג טרוקען, רויט און ווי פערגלעזט און אין זיין מויל געפינט
זיך ווייניג סלינע. אזא פערזאָן וועט אויך בעמערקען, דאָס זיין הויט איז
טרוקען און ניט גלאט און דאָס זיין הויט שוויצט זעהר זעלטען.

צוזאמען מיט'ן דורשט ענטוויקעלט זיך אויך ביי דעם, וואָס ליידעט
פון דער צוקער־קראנקהייט, א וואָלפישער אפּעטיט. ער עסט מעהר ווי גע-
וועהנליך און טראָץ דעם, וואָס ער עסט א סך איז ער שטענדיג הונגעריג.
נאָרמאלע מענשען ווערען פעט ווען זיי עסען א סך. אָבער די, וואָס
ליידען פון צוקער־קראנקהייט, פערלירען געוויכט און ווערען אויסגעדארט,
ניט אכטענדיג דערויף, וואָס זיי עסען פיעל.

די מעהרסטע דייעבעטיקער פערדייען גוט זייער שפּייז און אין אָנ-
פאנג פון זייער קראנקהייט ליידען זיי ניט פון פערשטאָפּונג. ערשט שפּע-
טער, ווען די קראנקהייט האָט זיך שוין גאנץ שטארק ענטוויקעלט, פאנ-
גען מאנכע פון זיי אָן צו ליידען פון פערשטאָפּונג.

אָפטמאָל ליידען די, וואָס האָבען די צוקער־קראנקהייט, פון א שטאר-
קע הויט־בייסעניש און אין מאנכע פעלע איז די הויט־בייסעניש די ערשטע
אָנצוהערעניש, וואָס דער קראנקער קריגט, דאָס עטוואָס אין זיין קערפּער
איז ניט ווי עס דארף צו זיין.

דער זיכערסטער סימן פון דער צוקער־קראנקהייט איז אָבער דאָס
געפינען פון צוקער אין דער אורין פון'ם קראנקען. דורך א כעמישער פּראָ-
בע קען מען גאנץ לייכט און שנעל אויסגעפינען צו עס געפינט זיך צוקער
אין דער אורין אָדער ניט. אויב עס געפינט זיך ניט קיין צוקער אין דער
אורין פון א מענשען, וועלכער עסט קראָכמאל־שפּייז און ד. גל., ליידעט די-
זער פערזאָן ניט פון דער צוקער־קראנקהייט, ניט אכטענדיג אויף דעם וועל-
כע פון די אויבענאויסגערעכענטע סימנים ער זאָל ניט האָבען.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

וואָס יינגער עס איז דער קראַנקער, ווען ער פאַנגט אָן צו ליידען פון דיזער קראַנקהייט, אַלץ שוואַכער זיינען זיינע אויסזיכטען געזונד צו ווערען. ביי יונגע קינדער פּראָגרעסירט די קראַנקהייט זעהר שנעל און איז זעהר געפעהרליך. דאָס קינד שטאַרבט אין אייניגע וואָכען אָדער מאָנאַטען נאָך דעם, ווי עס איז קראַנק געוואָרען. ביי עלטערע מענשען, ספּעציעל די, וואָס זיינען שוין אַריבער מיטעלע יאָהרען, קען די קראַנקהייט דויערען פיעלע יאָהרען און ניט פעראורזאַכען קיין ערנסטע אונאַנגענעהמליכקייטען.

פאַר מאָגערע מענשען איז די קראַנקהייט פיעל ערנסטער ווי פאַר פעטע, ווייל די מאָגערע קענען זיך ניט ערלויבען צו רעדוצירען זייער קערפּער דורך וועניגער שפּייז, ווי פעטע מענשען קענען עס טאָן. די פעטע מענשען האָבען א גרויסען רעזערוו־סטאָק שפּייז אין זייער אייגענעם קערפּער אויף צו פערברויכען אין זייער נויטפאַל, ווערענד מאָגערע מענשען האָבען עס ניט און זיי ווערען דאַרום שנעלער אויסגעצערט.

די גרעסטע געפאַהר פאַר דעם, וואָס ליידעט פון דער צוקער־קראַנקהייט, איז צו קריגען „דייעבעטיז קאָמאַ“, א סאָרט לעטאַרגיע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דיזער קראַנקהייט. דער פערדייאונגס־מעכאַניזם פון דעם, וואָס ליידעט א לאַנגע צייט פון דער צוקער־קראַנקהייט, קען ניט גוט פערדייען די פעטס פון די שפּייז, וואָס ער עסט. געוויסע עסידס פאָרמירען זיך דאַן אין זיין קערפּער און, ווען דיזע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין א גענוגענדע מאָס, ווערט דער קראַנקער פּלוצלינג אַטאַקירט. ער פאַלט אַריין ווי אין א לעטאַרגישען שלאָף, עס פעהלט איהם אויס אַטעם און דער קראַנקער געהט אויס, אָפטמאָל, אין 24 שטונדען צייט.

דיזע אַטאַקע קען פאָרקומען אויף פערשיידענע אופנים. אין מאַנכע פעלע קומט דיזע אַטאַקע פּלוצלינג. דער קראַנקער קען זיך אַמאָל אויפכאַפּען אין מיטען נאַכט און דערפיהלען ווי עס שטיקט איהם. ער קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּען. ביסלאַכווייז פערליהרט ער זיין בעוואוסטזיין, זיין פּולס ווערט שוואַכער און דער מענש געהט לאַנגזאַם אויס.

אין אַנדערע פעלע ליידעט דער קראַנקער פריהער פון א שטאַרקען קאָפּוועהטאָג. ער פיהלט זיך ווי בעטרונקען, ער וואָקעלט זיך ביים געהן און לאַנגזאַם פערזינקט ער ווי אין א לעטאַרגישען שלאָף, פון וועלכען זעהר וועניג מענשען כאַפּען זיך אויף.

עס זיינען אויך דאָ פעלע, וואו דיזע אטאקע קומט נאָך א שטארקע אָנשטרענגונג. דער קראנקער דערפיהלט זיך פּלוצלינג זעהר שוואַך, פאר די אויגען פאנגט איהם אָן צו שווינדלען און ער פיהלט ווי צו חלש'ען. די הענד און פיס ווערען איהם קאַלט און בלוי. ער פאנגט אָן צו אטעמען זעהר שנעל, און אין איינינע שטונדען ארום איז ער טויט.

ווען דער דאָקטאָר, וואָס בעהאנדעלט א קראנקען פון דער צוקער־קראנקהייט, דערקענט, אז דיזע אטאקע האַלט אין אָנקומען, ווענדעט ער אָן פערצווייפעלטע מיטלען צו פערהיטען, אז זי זאָל זיך ניט ענטוויקלען (מיר וועלען שפּעטער זעהן ווי אזוי ער טוט דאָס), אָבער ניט אַלע מאָל געלינגט עס איהם.

דער קערפּער פון איינעם, וואָס ליידעט פון דער צוקער־קראנקהייט, ווערט זעהר שלעכט גענעהרט און דער רעזולטאט איז, דאָס די ווידער-שטאנדס־קראַפט פון דיזען קערפּער איז זעהר א שוואכע.

דאָס פיהרט דערצו, דאָס וואונדען, וואָס פערהיילען זיך זעהר שנעל ביי א נאָרמאַלען מענשען, פערהיילען זיך זעהר לאנגזאם ביי דייעבעטיקער. צוליב דעם שוואכען ווידערשטאנד פון זייער קערפּער ליידען אויך דיזע קראנקע זעהר פיעל פון געשווירען. עקזימא טרעפט מען ביי פיעלע דייע-בעטיקער און מאנכע פון זיי ליידען פון א שטארקע בייסעניש אין פער-שיידענע טיילען פון זייער קערפּער. „געגרין" (דאָס אָבפוילען פון א גליד פון קערפּער) איז א ניט זעלטענע ערשיינונג ביי די, וואָס ליידען פון דער צוקער־קראנקהייט.

ווען ערנסטע קאָמפּליקאציעס טרעטען איין אין דער קראנקהייט קען דער קערפּער [illegible] קראַנקען אויפנעהמען פיל מעהר קראָכמאָל־שפּייז ווי פריהער און אין פיעלע פעלע פאנגט ער דאַן אָן זעהר פיעל צו שוויצען.

דייעבעטיקער האָבען אויך א זעהר שוואכע ווידערשטאנדס־קראַפט צו קראנקהייטען. מאנכע פון זיי שטארבען פון לונגען־ענטצינדונג, אַנ-דערע פון אנדערע ערנסטע קראנקהייטען, וועלכע זיינען ביי דייעבעטי-קער פיעל ערנסטער, ווי ביי אַנדערע מענשען. ביי פיעלע, וואָס ליידען פון דער צוקער־קראנקהייט, ווערען די אויגען אָדער די אויערען אָנגע-גריפען און זייער זעהע־קראַפט אָדער געהער ווערט שטארק פערקלענערט, אויב ניט אין גאנצען צושטערט.

סעקסועלע אימפּאָטענץ איז א געוועהנליכע ערשיינונג צווישען דיי-עבעטיקער און עס קען אויך זיין איינער פון די ערשטע סימנים פון דער

קראַנקהייט. פרויען, וואָס ליידען פון דער צוקער־קראַנקהייט, ווערען זעל־טען שוואַנגער, און אין די מעהרסטע פעלע, וואו דאָס פּאַסירט יע, איז די פרוי מפּיל. עס איז אָבער אויך מעגליך, דאָס אַ פרוי, וואָס ליידעט פון דער צוקער־קראַנקהייט, זאָל האָבען אַ נאָרמאַלעס קינד. איהר צושטאַנד ווערט פערערגערט נאָך דער קינדבעט.

די רפואה געגען דער צוקער־קראַנקהייט.

ניט וויסענדיג די אורזאַכע פון דער צוקער־קראַנקהייט איז נאַטיר־ליך אונמעגליך צו זאָגען ווי אזוי מען קען זיך פון איהר אויסהיטען. אין מאַנכע פעלע האָט מען בעמערקט, דאָס די קראַנקהייט געהט איבער בירושה. קינדער פון עלטערען, וואָס ליידען פון דער קראַנקהייט, זיינען אין פיעלע פעלע מעהר עמפּפינדליך צו „דייעביטיז“, ווי קינדער פון נאָרמאַלע על־טערען. עס איז דאָרום ראַטזאַם, דאָס די, וועמען׳ס עלטערען עס זיינען דייעבעטיקער, זאָלען זיין מעהר פאָרזיכטיג מיט זייער עסען און פון צייט צו צייט זיך לאָזען אונטערזוכען פון אַ דאָקטאָר.

אזוי ווי די קראַנקהייט קען לייכט ענטדעקט ווערען דורך אַן אורין־עקזאַמענײשאָן איז ראַטזאַם פאַר יעדען מענשען צו לאָזען אונטערזוכען זיין אורין פון צייט צו צייט. די אורין־עקזאַמענײשאָן צייגט ווי דער ני־רען־מעכאַניזם אַרבייט, און עס האָט שוין פיעלע מאָל פּאַסירט, דאָס ערנ־סטע נירען־קראַנקהייטען און פעלע פון דער צוקער־קראַנקהייט זיינען ענט־דעקט געוואָרען דורך אַ צופאַל, ווען מען האָט עקזאַמענירט די אורין פון אַ פערזאָן, וועלכער האָט זיך געפיהלט ניט קראַנק.

די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט איז מעהרסטענס אַ „סימפּטאָ־מאַטישע“, דאָס די בעהאַנדלונג ווערט אָנגעפיהרט לויט די סימפּטאָמען, וואָס די קראַנקהייט צייגט. אין אַנדערע קראַנקהייטען, וואו מען ווייס די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט, ווענדעט דער דאָקטאָר אָן פערשיידענע מיטלען צו בעזייטיגען דיזע אורזאַכע און, אויב דאָס געלינגט איהם, פער־שווינדען שוין ממילא די סימנים פון דער קראַנקהייט. אַנדערש איז עס אין דיזען פאַל. די אורזאַכע פון דער צוקער־קראַנקהייט קענען מיר ניט בעזייטיגען, ווייל עס איז נאָך ניט גענוי בעוואוסט, וואָס דיזע אורזאַכע איז. מיר מוזען זיך דאָרום בענוגענען מיט בעהאַנדלען די סימנים פון דער קראַנקהייט.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, דאָס דער הויפּט־סימן פון דיזער קראַנקהייט איז די אנוועזענהייט פון צוקער אין די אורין און, אז דאָס קומט דערפון, וואָס עס געפינט זיך מעהר ווי איין צעהנטעל פון איין פּראָצענט צוקער אין'ם בלוט. די הויפּט־בעהאנדלונג פון דער קראַנקהייט ווערט געריכטעט אויף צו פערקלענערען די מאָס צוקער אין'ם בלוט. אזוי ווי דיזע צוקער קומט פון די שפּייז, וואָס מיר עסען און אם מעהרסטענס פון די שפּייז־ארטיקלען, וואָס ענטהאַלטען פיעל קראָכמאַל אָדער צוקער, דאַרף מען פערקלענערען די מאָס פון דיזע שפּייז־ארטיקלען, וואָס דער מענש עסט.

צוערשט אָבער דאַרף דער קראַנקער פּטור ווערען פון די צופיעל צוקער, וואָס געפינט זיך שוין אין זיין קערפּער. דאָס ווערט געטאָן דורך אויסהונגערען דעם קראַנקען. א תענית אויף א טאָג אָדער אויב נויטיג אויף איניגע טעג צייט וועט דעם קראַנקען בעפרייען פון די איבריגע צוקער, וואָס געפינט זיך אין זיין בלוט. די אורזאַכע דערפון איז א גאַנץ פשוט'ע. זיין קערפּער וועט פּאָרטזעצען צו פערברויכען פונקט אזוי פיעל צוקער ווי פריהער און אזוי ווי ער עסט ניט וועט דער סטאָק צוקער זיך ניט פערגרעסערען. פריהער אָדער שפּעטער וועט די עקסטראַ צוקער, וואָס האָט זיך פריהער געפונען אין זיין קערפּער, פערברויכט ווערען און זיין אורין וועט זיין פריי פון צוקער.

מאַנכע דאָקטוירים גיבען דעם קראַנקען קליינע דאָזעס שנאַפּס אין צייט פון זיין תענית אנדערע לאָזען אויך אויס דעם שנאַפּס און גיבען דעם קראַנקען בלויז וואַסער צו טרינקען.

דער נעכסטער שריט נאָך דעם, ווי די אורין פון קראַנקען איז פריי פון צוקער, איז אויסצוגעפינען וויפיעל קראָכמאַל־שפּייז און צוקער דער קראַנקער קען פערנעהמען, דאָס הייס וויפיעל זיין קערפּער קען פערברויכען. מאַנכע דאָקטוירים פּרובירען פריהער דאָס בלוט פון קראַנקען אום אויסצוגעפינען צו עס ענטהאַלט ניט צופיעל צוקער איידער זיי ערלויבען דעם קראַנקען ווידער צו עסען.

צוערשט זוכט מען אויסצוגעפינען וויפיעל קראָכמאַל־שפּייז דער קראַנקער קען פערנעהמען. דאָס ווערט געטאָן דורך געבען דעם קראַנקען צו עסען א געוויסע מאָס „ווערדזשעטייבעלס" (גרינצייג), וואָס ענטהאַלטען פון פינף ביז זעקס פּראָצענט קראָכמאַל. אזעלכע גרינצייג זיינען ליט-טוס, ספּינעדזש, זויערקרויט, סעלערי, אַספּאַראַגוס (שפּאַרגעל) און אוגער-קעס. אויב דער קראַנקער פערנעהמט דיזע שפּייז און קיין צוקער בעווייזט

זיך ניט אין זיין אורין פערגרעסערט מען די מאָס וועדזשעטייבעלס און מען גיט איהם אויך אזעלכע, וואָס ענטהאַלטען צעהן פּראָצענט קראָכמאַל, נאָכהער אזעלכע, וואָס ענטהאַלטען 15 און 20 פּראָצענט קראָכמאַל, ווי קאַרטאָפעל, גרינע קאָרן, רייז און מאַקאַראָני. אויך פרוכטען, ווי עפּעל, באַרנעס, פלוימען, באַנאַנאַס א. ד. גל.

די מאָס וועדזשעטייבעלס ווערט אויף אזא אַרט פערגרעסערט ביז עס בעווייזט זיך ווידער צוקער אין דער אורין פון קראַנקען. ער האָט דאן ווידער א תענית אויף איין טאָג צייט אום זיך צו בעפרייען פון דער איבעריגער מאָס צוקער. און נאָך'ן תענית גיט מען איהם עטוואָס ווענינער קראָכמאַל־שפּייז, ווי די, וואָס האָט איהם פערשאַפט צוקער אין די אורין.

אויף אזא אַרט ווערט בעשטימט וויפיעל קראָכמאַל אָדער צוקער זיין קערפּער קען פערברויכען און די שפּייז, וואָס ווערט פאַר איהם פאָרגעשריבען, דאַרף ענטהאַלטען ניט מעהר ווי דיזע מאָס קראָכמאַל. די שפּייז דאַרף ניט דווקא בעשטעהן בלויז פון וועדזשעטייבעלס. זי מעג בעשטעהן פון ברויט אָדער אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. אזוי ווי מיר ווייסען ביי היינטיגען טאָג מעהר אָדער ווענינער גענוי וויפיעל קראָכמאַל יעדע פון אונזערע שפּייז־אַרטיקלען ענטהאַלטען איז ניט שווער צו בעשטימען וויפיעל פון די שפּייז, וואָס דער קראַנקער עסט, גיט איהם די נויטיגע מאָס קראָכמאַל.

אויף א עהנליכען אופן געפינט מען אויס וויפיעל פּראָטעין (איי־ווייס־שטאָף) דער קראַנקער קען פאַרנעהמען און, ווען נויטיג, ווידערהאָלט מען דעם זעלבען פּראָצעס מיט די פעטס פון קראַנקען'ס שפּייז.

דאָס בעשטימען וויפיעל פון יעדען שפּייז־מאַטעריאַל דער קראַנקער דאַרף עסען דויערט א לענגערע צייט און עס איז ניט זעהר אנגענעהם פאַר'ן קראַנקען דורכצומאַכען די גאַנצע פּראָצעדורע. פיעלע, וואָס ליידען פון צוקער־קראַנקהייט, ווילען עס דארום ניט טאָן אזוי לאַנג זיי פיהלען זיך ניט שטאַרק קראַנק.

אויף זייער פראַגע צו דאָס בעשרענקען פון זייער שפּייז וועט פאָלשטענדיג קורירען זייער קראַנקהייט מוז דער דאָקטאָר צוגעבען אז ניין, דאָס וועט בלויז בעשטימען גענוי וויפיעל שפּייז זיין קערפּער קען פערברויכען, און אויב דער קראַנקער וועט עסען בלויז די שפּייז, וואָס דער דאָקטאָר וועט איהם פאָרשרייבען נאָך דעם, ווי עס וועלען געמאַכט ווערען די אויבענדערמאָהנטע פּראָבעס, וועט זיין בלוט זיין פריי פון איבע-

ריגע צוקער און זיין אורין וועט אין גאנצען זיין פריי פון צוקער. פיעלע דייעבעטיקער דענקען דארום, דאָס אזוי לאנג, ווי זיי פיהלען ניט קיין שמער־צען און זעהען אויס גאנץ געזונד, לוינט זיך ניט פרייוויליג צו נעהמען אויף זיך אזא אונאנגענעהמע אויפגאבע.

דער אמת איז אָבער, דאָס די מעהרסטע דייעבעטיקער, אויב זיי פאנגען נאָר אָן פריה געגוג זיך אָפצוהיטען מיט'ן עסען, קענען אָפלעבען אַלע זייערע יאָהרען און גאָר ניט וויסען, דאָס זיי זיינען קראנק. ווערהרענד די, וואָס היטען זיך ניט אָפּ מיט'ן עסען, גראָבען זייערע קברים מיט זייערע אייגענע צייהן.

צו די בעשרענקטע שפּייז קורירט אָדער ניט איז א פאקט, דאָס אזוי לאנג, ווי דער קראנקער איז פריי פון צוקער אין זיין אורין, איז ער אין מעהרסטע פעלע פריי פון דער קראנקהייט. קוים אָבער היט ער זיך ניט אָפּ מיט'ן עסען און האָט יע צוקער אין זיין אורין איז ער אויסגעזעצט די אַלע אויבענאויסגערעכענטע געפאהרען, וואָס די צוקער־קראנקהייט ברייננגט מיט זיך.

בלויז אין מאנכע פעלע, ווען דער קראנקער קריגט ניט א לאנגע צייט קיין קראָכמאל־שפּייז און קריגט פיעל איי־ווייס־שפּייז (פּראָטעין) זאמעלט זיך אָן אין זיין בלוט צופיעל עסיד און די געפאהר פון א דייעבעטישע לע־טארגיע איז זעהר גרויס. אין אזא פאל גיט דער דאָקטאָר דעם קראנקען א גרויסע מאָס קראָכמאל־שפּייז צו עסען. ער גיט דעם קראנקען אויך פיעל סאָדא (סאָדיום בייקארבאָנייט) דורך'ן מויל, אָדער אין א נויטפאַל, אויך דירעקט אין די בלוט־רעהרען אום אָפּצושוואכען די ווירקונג פון די עסידס, וואָס האָבען זיך אָנגעזאמעלט אין'ם בלוט פון'ם קראנקען.

עס איז אונמעגליך אויף דיזען פּלאץ אויסצושרייבען גענוי, וועלכע שפּייז א ליידענדער פון צוקער־קראנקהייט דארף עסען און וויפיעל ער דארף עסען. עס ווענדעט זיך פיעל אָן די שפּייז, צו וועלכע דער קראנקער איז פריהער געווען צוגעוואוינט און וויפיעל קראָכמאל און אנדערע שפּייז זיין קערפּער קען פערברויכען און דאָס מוז בעשטימט ווערען אין יעדען פאַל בעזונדער. אלס א כלל אָבער מעגען דייעבעטיקער עסען:

אַלערליי פליש אויסער לעבער, אַלערליי פיש, אייער און זופּען, נאָר אָהן מעהל.

פעטס, פּוטער, אָליוו אָיל, אַלערליי קעז, און צו ביסלאַך קרים.

ווערזשעטייבּעלס (גרינצייג) — סעלערי, לעטוס, אוגערקעס, אַספּאַ-
ראַגוס (שפּאַרגעל), ספּינעדזש, סטרינג בּעבּלאָך, טאָמייטאָס, קרויט, קיר-
בּעס און שוועמלאָך.

נאָכשפּייז — אייז־קרים און אַלערליי זיסע זאַכען, וואָס ענטהאַלטען
ניט קיין מעהל און זיינען פּערזיסט מיט סאַכּארין.

געטרענקע — טעע, קאַפּע אָדער לעמאָנאַד פּערזיסט מיט סאַכּארין.

וואָס דייעבּעטיקער דאַרפען ניט עסען:

בּרויט, קייקס (לעקעך), בּיסקיטס און אַלערליי געבּעקס. אַלערליי
פרוכט (אויסער די, וואָס דער דאָקטאָר ערלויבּט איהם און אין דער מאָס,
אין וועלכער ער ערלויבּט איהם). אַלערליי „סיריעלס“ (געטריידע), מאַקאַ-
ראָני, קאַרטאָפּעל, מערען, בּעבּלאָך, בּוריקעס, קאָרן, אַרבּעס און פּאַס-
טערנאַק, מילך, קאַקאָ און טשאָקאָלאַד, „מאָלט ליקער“ (מאַלץ געטרענקע),
סיידער, זיסע וויין, פּרעזערווירטע שפּייז (ווייל זיי זיינען פּרעזערווירט
אין צוקער) און אייז קרים.

„דייעבּיטיז“ איז אַן ערנסטע קראַנקהייט מיט זעהר ערנסטע פאָלגען.
פאַר אַ מיטעליעהריגען מענשען, וואָס קריגט דיזע קראַנקהייט איז אָבּער
זעהר לייכט אויסצולעבּען זייע יאָהרען אין בּעקוועמליכקייט, זיך ניט פיה-
לענדיג קראַנק, אויבּ ער פאָלגט נאָר שטרענג אויס די פאָרשריפטען פון זיין
דאָקטאָר אין בּעצוג צו דער שפּייז, וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר ניט
עסען. זאָרג און דאגות וועגען זיין קראַנקהייט וועט ניט פערלייכטערען
דעם צושטאַנד פון קראַנקען, נאָר וועט זי מאַכען נאָך ערגער. בּלויז עט-
וואָס ווילענס־קראַפט איז נויטיג ניט נאָכצוגעבּען דעם „גע׳שמד׳טען
האַלז“ און מען קען גאַנץ לייכט האַלטען די קראַנקהייט אין צוים. פאַר
אַ שוואַכלינג, פאַר דעם, וואָס קען זיך ניט קאָנטראָלירען אָדער וויל זיך
ניט נעהמען די מיה זיך אָפּצוהיטען ניט צו עסען זאַכען, וועלכע זיין קער-
פּער דאַרף ניט און קען ניט פערבּרויכען, איז קיין האָפענונג ניטאָ. ניט
נאָר פערשווענדעט ער זיין געלט אויף שפּייז, פון וועלכע ער האָט קיין נו-
צען, נאָר ער גראָבּט לאַנגזאַם אָבּער זיכער זיין קבר מיט זיינע אייגענע
ציינער.

די אידישע קראנקהייט.

(היברו דיזיז — „טהראָמבאָ ענדזשיטיס אָבליטעראנס")

אין א פריהערדיגען קאפיטעל, רעדענדיג וועגען קראנקהייטען, וועל-כע ווערען אָנגערופען אידישע קראנקהייטען, האָבען מיר ערקלערט, דאָס עס זיינען ניטאָ קיינע ספעציעלע אידישע קראנקהייטען און אויב עס גע-פינען זיך א גרויסע צאָהל אידישע קרבנות פון א געוויסער חולאת, איז עס ניט קיין בעוויז, דאָס די קראנקהייט, פון וועלכע זיי ליידען, איז א ספע-ציעל אידישע. מענשען פון אנדערע נאציאָנען אָדער ראסען, ווען זיי וואָל-טען געלעבט אונטער די זעלבע בעדינגונגען און וואָלטען געווען אויסגע-זעצט די זעלבע געפאהרען, וואָלטען זיי געהאט די זעלבע קראנקהייטען, וואָס די אידען.

עס איז אָבער דאָ איין קראנקהייט, וואָס הייסט „די אידישע קראנק-הייט" (היברו דיזיז) און וועגען דיזער וועלען מיר יעצט רעדען.

די אידישע קראנקהייט ווערט אָנגערופען מיט דיזען נאָמען דערפאר וואָס די מעהרסטען פון איהרע קרבנות זיינען אידען, ספעציעל פוילישע אידען. אָבער אויך דיזע קראנקהייט איז קיין ריין אידישע. פון אונזער פערזענליכער ערפאהרונג ווייסען מיר פון אם וועניגסטענס איין פאל פון דער אידישער קראנקהייט אין א עכטען אייריישען קאטאָליק.

די אידישע קראנקהייט גרייפט אם מעהרסטענס אָן יונגע מענשען אָדער מענשען אין עלטער פון צוואנציג ביז פערציג יאָהר. די קראנקהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס געוויסע בלוט-רעהרען, ספעציעל די בלוט-רעה-רען פון די פיס ווערען פערשטאָפּט. די בלוט-צירקולאציאָן צו די טיילען פון קערפער, וואָס געפינט זיך נידעריגער פון די פערשטאָפּטע בלוט-רעה-רען, ווערט אָפּגעשניטען און דיזער טייל פון קערפער, געוועהנליך א פוס ווערט אָפּגעשטאָרבען. די קראנקהייט ווערט דארום אויך גערופען „טהראָמ-באָ ענדזשיטיס אָבליטעראנס".

פון וואָס די קראַנקהייט ווערט פעראורזאַכט איז נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט בעוואוסט, פונקט ווי עס איז ניט בעוואוסט וואָרום די קראַנקהייט קלייבט אויס גראַדע אידישע קרבנות, אָרעמע לייט, און מענשען אין דער סאַמע בליהונגס־פעריאָדע פון זייער לעבען. אין אָנפאַנג האָט מען געדענקט, אַז דאָס קומט דערפון, וואָס דיזע מענשען רויכערען ביליגע סיגאַרעטען. געפינען זיך אָבער צווישען די קרבנות פון דער אידישער קראַנקהייט אויך פרויען און אַזעלכע פרויען, וואָס רויכערען ניט קיינע סיגאַרעטען.

די סימנים פון דער קראַנקהייט.

די ערשטע סימנים פון דער אידישער קראַנקהייט זיינען ניט קיין גאַנץ דייטליכע. גענוי ווען די קראַנקהייט פאַנגט זיך אָן, דאָס הייסט ווען די בלוט־רעהרען פאַנגען אָן פערשטאָפּט צו ווערען, איז כמעט אונמעגליך צו זאָגען. דאָס ערשטע, וואָס דער קראַנקער דערפיהלט איז, דאָס איין פוס טוט איהם עטוואָס וועה און מאַנכעס מאָל ווען ער געהט אין גאַס איז ער געצוואונגען זיך אָפּצושטעלען און זיך אָפּרוהען אויף איניגע מינוטען איידער ער קען פאָרטזעצען זיין גאַנג. אויב אין דרויסען איז קאַלט דערפיהלט ער די קעלט פריהער און שטאַרקער אין'ם קראַנקען פוס. ווען מען קוקט זיך צו צום פוס זעהט מען, דאָס ער איז כמעט בלוטלאָז און די הויט פון דיזער פוס איז פיעל קעלטער, ווי די הויט פון געזונדען פוס. אין דער זעלבער צייט קען מען ניט פיהלען דאָס פולסירען פון געוויסע אַרטעריען (בלוט־רעהרען) אין פוס.

ווען מען וואַרעמט אָן דעם פוס קריגט ער צוריק עטוואָס פון זיין געוועהנליכען קאָליר און מען קען דאַן פיהלען אַ גאַנץ שוואַכען פולס אין פוס. שפּעטער פערשווינדעט דער פולס אין גאַנצען.

מיט דער צייט קומען די שמערצען וואָס אַמאָל אָפּטער און די שמערצען זיינען אַזעלכע שרעקליכע, דאָס דער קראַנקער קען קיין נעכט ניט שלאָפען. פון געברויכען דעם פוס צו געהן איז שוין אָפּגערעדט. אָדער ווען מען לאָזט אַרונטער דעם פוס פון בעט ווערט ער אַזש דונקעל־רויט און אַזוי שמערצליך אַזש משוגע צו ווערען. אַן אָלסער אָדער אַ וואונד קען זיך מאַכען אויף אירגענד וועלכען טייל פון פוס און די וואונד קען זיך ניט פערהיילען. אויב קיין וואונד מאַכט זיך ניט פאַנגען די פינגער פון די פיס אָן צו פוילען. זיי ווערען שוואַרץ איינגעדאַרט און פאַלען אַרונטער איינע

נאָך די אנדערע (גענגרין) און נאָך די פינגער פאָלגט דער פוס זעלבסט. די גהינום־ליידען, וואָס דער קראַנקער האָט אויסצושטעהן, איז אונבע־שרייבליך.

אָפטמאָל בעשרענקט זיך די קראַנקהייט בלויז צו איין פוס פון קער־פער. אין מאנכע פעלע ווערט אויך דער צווייטער פוס אָנגעגריפען און די לאגע פון'ם קראַנקען איז דאַן נאָך א שרעקליכערע.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

ווען א געוויסע בלוט־רעהר ווערט פערשטאָפּט זוכט דער קערפער גוט צו מאכען דעם פערלוסט דורך שיקען דאָס בלוט, וואָס ווערט פערהאַל־טען דורך אנדערע זייטיגע בלוט־רעהרען. אונזער צירקולאַציאָן־סיסטעם איז פיעל פערצווייגט. און אויף פלעצער, וואו עס איז ניטאָ קיין צווייג־רעהרען, זוכט דער קערפער זי צו שאפען.

די האָפענונג פון איינעם, וואָס ליידעט פון דער אידישער קראַנקהייט איז דאָס נייע בלוט־רעהרען וועלען געשאפען ווערען אויף דעם פלאַץ, וואו די פערשטאָפּטע בלוט־רעהר געפינט זיך, און די טייל פון קערפער, וואָס מוז בערויבט ווערען פון איהר בלוט־צירקולאַציאָן, וועט זי צוריק קריגען דורך די נייע בלוט־רעהרען. אויב דאָס פאסירט ווירקליך איז דער קראַנקער געראַטעט און ער ווערט געזונד. אין מאנכע פעלע ווערען טאקע אזעלכע קראַנקע געזונד גאָר ניט וויסענדיג פון וואָס פאר א קראַנקהייט ער האָט געליטען. אויב אָבער דאָס פאסירט ניט נעהמט אָן די קראַנקהייט די ווענ־דונג, וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען.

וואס צו טאָן פאר אזא קראַנקען.

אין אָנפאנג פון דער קראַנקהייט, ווען עס איז נאָך דאָ א שוואכער פולס, איז נאָך צייט צו טאָן עטוואָס פאר'ן קראַנקען. הייסע בעדער, באַ־קען דעם פוס מיט טרוקענע היץ און עהנליכע בעהאנדלונג צו סטימולירען דאָס שאפען פון נייע בלוט־רעהרען ווערט אָנגעווענדעט. אין דער זעל־בער צייט דאַרף דער פוס געהאַלטען ווערען וואַרעם און אויף א גלייכער ליניע מיט'ן קערפער, ניט אַרונטערגעלאָזען, ווייל דאָס מאכט די לאגע ער־גער און פערשאַרפט די שמערצען.

אויב דיזע בעהאנדלונג העלפט ניט איז די איינציגע רעטונג פאר'ן קראנקען ארונטערצושניידען דעם פוס העכער פון'ם פלאץ, וואו די בלוט־רעהרען זיינען פערשטאפּט. דאס איז דער איינציגער וועג, ווי צו פער־היטען, אז די קראנקהייט זאָל זיך ניט פערשפּרייטען ווייטער, און מאנכעס מאָל העלפט אפילו דיזע אפּעראציאָן אויך ניט.

אסטמא.

די פערשיידענע קראַנקהייטען, וואָס ווערען בעצייכענט מיט דיזען נאָמען — וואָס די קראַנקהייט איז — ווי אַזוי זי ווערט פעראורזאַכט — די סימנים פון אַסטמאַ.

מיט דעם נאָמען אסטמא בעצייכענט מען פערשיידענע קראַנקהייטען, אין וועלכע דער חולה ליידעט פון א קורצען אָטעם. אזוי, צום ביישפּיל, ווען איינער ליידעט פון א קורצען אטעם צוליב דעם, וואָס ער האָט א שוואַך הארץ רופט מען עס הארץ־אסטמא, ווען איינער ליידעט פון א קור-צען אטעם צוליב נירען־קראַנקהייט רופט מען עס נירען־אַסטמאַ.

דאָס וואָרט אסטמא דאַרף אין דער אמת'ן געברויכט ווערען בלויז צו בעצייכענען א קראַנקהייט, וואָס ווערט פעראורזאַכט פון א ספּאַזמאַ-טישעם צוזאַמענציהען זיך פון די לופט־רעהרען (בראָנקיי) און דורך דעם, וואָס דיזע רעהרען ווערען צוזאַמענגעצויגען, קען די לופט ניט דורכגעהן דורך זיי און דער קראַנקער ליידעט פון ניט קענען אָפּכאַפּען דעם אטעם.

גענוי וואָס עס פּאַסירט אין די לופט־רעהרען אין דער צייט פון דער אטאַקע פון אסטמא איז ניט בעקאַנט. מאַנכע גלויבען דאָס די מוסקו-לען, וואָס קאָנטראָלירען די לופט־רעהרען, ליידען פון א ספּאַזמאַטישעם צוזאַמענציהען זיך. אנדערע גלויבען, דאָס די אינערליכע הויט פון די לופט־רעהרען ווערען אָנגעשוואָלען פון א פּלוצלינגען צופלוס פון בלוט, ווידער אנדערע גלויבען, אז דאָס קומט פון אן ענטצינדונג אין דער אינער-ליכער הויט פון די לופט־רעהרען.

די מעהרסטע דאָקטוירים זיינען אָבער איינשטימיג, דאָס אין די מעהרסטע פעלע פון אסטמא ווערען די נערוועז, וואָס געפינען זיך אין די ווענד פון די לופט־רעהרען, גערייצט און דיזע רייצונג פעראורזאַכט א פער-שמעלערונג פון די לופט־רעהרען.

אסטמא איז אָפטמאָל א פאמיליען קראנקהייט און געהט איבער בירושה פון עלטערען צו קינדער. ספּעציעל פּאסירט דאָס אין פאמיליעס, וואו עלטערען ליידען פון נערוועזיטעט און א „צושרויפטער נערוועזן סיס־טעם" איז א פאמיליען ירושה.

אסטמא פאנגט זיך אָפטמאָל אָן אין יונגע קינדער נאָך איינע פון די קראנקהייטען, וועלכע גרייפען אָן דעם האלז אָדער לונגען פון קינד, און די קראנקהייט דויערט ביז הויכען עלטער. די קראנקהייט קען אָבער אויך אָנפאנגען פון אירגענד וועלכער צייט און קיין פּערזאָן, ווי יונג אָדער אלט ער זאָל ניט זיין, איז ניט בעוואָרענט געגען אסטמא.

פרויען ליידען אויך פון דיזער קראנקהייט, אָבער מעהר מענער ווי פרויען ליידען פון אסטמא.

די אטאקע זעלבסט, דער „פּאראקסיזם" פון קורץ־אָטעמדיגקייט, ווערט ארויסגערופען פון אזוי פיעל פערשיידענע אורזאכען, דאָס עס איז אונ־מעגליך זיי דאָ אלע אויסצורעכענען. דער קלימאט און די אטמאָספערע, אין וועלכע דער קראנקער לעבט, שפּילען די הויפּט־ראָלע אין די מעהרסטע פעלע אין ארויסרופען אָן אָנגריף פון אסטמא. מאנכע ליידען אָם מעהר־סטען אין א פייכטען קלימאט, ווערהענד אנדערע קענען ניט פערליידען קיין טרוקענעם קלימאט. מאנכע מענשען ליידען פון אסטמא, ווען זיי געפי־נען זיך אין שטאָדט און אטעמען די מיט שטויב־בעלאָדענע לופט, און זיי פיהלען זיך פריי פון דער קראנקהייט, ווען זיי געפינען זיך אויסער דער שטאָדט, אין דער פּראָווינץ. אנדערע ליידענדע פון אסטמא פיהלען זיך בעסער אין שטאָדט ווי אין דער פּראָווינץ.

מאנכע קראנקע קריגען אָן אָנפאל פון אסטמא, ווען זיי דערפיהלען א געוויסען ריח, ספּעציעל דעם גערוך פון בלומען אָדער געוויסע העי. דער גערוך פון די בלומען רייצט די נערווען פון דער נאָז און דיזע סטימולירען די נערווען, וואָס קאָנטראָלירען די נערווען פון די לופט־רעהרען.

א געוויסע צאָהל ליידענדע פון אסטמא קענען ניט פערליידען דעם גערוך פון געוויסע חיות און ווען זיי געפינען זיך אין דער נאכבארשאפט פון אזעלכע חיות קריגען זיי אָן אָנפאל פון אסטמא. מאנכע פּערזאָנען קענען ניט פערליידען דעם גערוך פון א פערד, אנדערע קענען ניט פערליי־דען דעם גערוך פון א הונט אָדער א קאַץ און זיי קענען דעם אטעם ניט אָפּכאפּען ווען זיי דערפיהלען א הינטעלע אָדער א קעצישען גערוך.

אַן אַנפאַל פון אסטמא קען אויך קומען אלס רעזולטאַט פון א גרויסען שרעק אָדער פון א שטאַרקע אויפרעגונג. דער אַנפאַל קען אויך קומען פון א צופיעל אָנגעפּילטען מאָגען, ווען דער קראַנקער פערגעסט ווי ער האַלט אין דער וועלט און עסט „ווי ניט אין זיך". מאַנכע ליידענדע פון אסטמא קריגען אַן אַטאַקע יעדעס מאָל, ווען זיי עסען געוויסע שפּייז-אַרטיקלען און זיינען פריי פון דער קראַנקהייט, ווען זיי מיידען אויס צו עסען די שפּייז, וועלכע זייער קערפּער קען ניט פערליידען.

דיזע אַלע אויסגערעכענטע אורזאַכען, וואָס רופען ארוים דעם אַנפאַל פון די קראַנקהייט, זיינען ניט די פעראורזאַכער פון דער קראַנקהייט. זיי רופען ארוים די קראַנקהייט בלויז אין אַזעלכע מענשען, וועלכע ליידען שוין פון אסטמא.

וואָרום זיי זאָלען אַזוי ווירקען אויף דיזע מענשען, ווערהענד זיי האָבען ניט די זעלבע ווירקונג אויף אנדערע מענשען, איז ניט בעקאַנט. די איינציגע ערקלערונג איז, דאָס ביי די אסטמא-ליידענדע זיינען די נערוועו, וועלכע קאָנטראָלירען די לופט-רעהרען, אַזוי עמפּפינדליך, דאָס א לייכטע רייצונג רעגט שטאַרק אויף דיזע נערוועו און פעראורזאַכען א ספּאַזם פון די מוסקולען, וועלכע דיזע נערוועו קאָנטראָלירען. די רייצונג קען קומען אויף א דירעקטען אופן דורך איינאָטעמען שטויב, אָדער אויף אַן אונדירעקטען אופן דורך א רייצונג פון די נערוועו אין דער נאָז, מאָגען, קישקעס אָדער געשלעכטס-אָרגאַנען.

די סימנים פון אסטמא.

ליידענדע פון אסטמא קריגען זייער „פּאַראָקסיזם" פון קורצאָטעמדיגקייט מעהרסטענס ביינאַכט. אין פיעלע פעלע קומט דער אַנפאַנג פון דער קראַנקהייט גאַנץ פּלוצלינג. אין אנדערע פעלע קריגט דער קראַנקער פריהער א וואָרנונג, דאָס די אַטאַקע קומט און ער ווייס שוין, וואָס איהם ערוואַרטעט. אָפטמאָל קומט די וואָרנונג אין דער פאָרמע פון א קעלט, וואָס נעהמט איהם דורך ביז צו די ביינער, אין מאַנכע פעלע פאַנגט אָן דער קראַנקער צו ניסען פיעל, און אנדערע קראַנקע לאָזען פיעל וואַסער.

ווען די אַטאַקע זעלבסט פאַנגט זיך אָן פיהלט דער קראַנקער זיך זעהר געדריקט און ענגסטליך, דאַן פערכאַפּט איהם דער אָטעם. ער פיהלט ווי ער ווערט דערשטיקט און ער לויפט צו א פענסטער צו קריגען עטוואָס פרישע לופט. אויב ער ליגט אין בעט זעצט ער זיך אויף אין אַזאַ פּאָזי-

ציע, דאס ער זאָל קענען געברויכען אלע מוסקולען פון ברוסט־קאסטען צו קענען בעסער אטעמען. אָבער אויך דאס העלפט איהם וועניג.

די ליידען פון אזא קראנקען אין צייט פון דער אטאקע זיינען שווי־דערליכע. זיין פנים איז בלאס און בעדעקט מיט גרויסע טראָפּענס שווייס. זיין אויסדרוק איז ענגסטליך, גלייך ווי ער וואָלט ערווארטעט עטוואָס שרעק־ליכעס און וואָלט מורא געהאט, דאס ער וועט דערשטיקט ווערען. זיינע ליפּען זיינען בלוי, אָפטמאָל געהמען זיי אָן א אש־קאָליר, ווייל זיין בלוט קריגט ניט גענוג פרישע לופט. דער קראנקער אטעמט לאנגזאם און מיט גרויס שוועריגקייטען. ער געברויכט אלע מוסקולען פון זיין האלז און ברוסט־קאסטען צו קענען אטעמען און זיין שווערעס אטעמען קען מען הע־רען פון ווייטען.

די גרעסטע שוועריגקייט שיינט דער קראנקער צו האָבען מיט ארויס־אטעמען די לופט פון זיינע לונגען. איינאטעמען שיינט צו זיין ניט שווער, אָבער די לונגען שיינען צו זיין פול מיט לופט, וואָס קען ניט ארויסגע־אטעמט ווערען, דער ברוסט־קאסטען נעהמט אָן די פאָרמע, ווי אין דער צייט, ווען מען אטעמט איין לופט און די מוסקולען שיינען צו זיין אונפע־היג צוזאמענצודריקען די לונגען און ארויספּרעסען די לופט, וואָס געפינט זיך אין זיי. קיין נייע פרישע לופט קען דארום ניט צו קומען צו די לונגען און פערפאר פיהלט זיך דער קראנקער ווי ער ווערט דערשטיקט.

די מעהרסטע קראנקע ליידען אויך פון א שטארקען הוסט אין צייט, ווען זיי ליידען פון דער אטאקע פון אסטמא. דאס הוסטען איז אין אָנ־פאנג א טרוקענעס, עס איז זיי שווער ארויסצוברייננגען די ליחות, און ווען דאס געלינגט זיי שוין יאָ מיט גרויס שוועריגקייט, קען מען אין די ליחות געפינען געוויסע געגענשטענדע, וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאר דיזער קראנקהייט. מען טרעפט אויך אָפטמאָל אין די ליחות א „שליים־פאָרמע" פון די קליינע לופט־רעהרען. דאס ציינט, אז מאנכע קליינע לופט־רעה־רען זיינען געווען פול מיט שליים, זיי זיינען געווען פשוט פערשטאָפּט מיט שליים און דורך א שטארקען הוסטען איז געלונגען זיי אויסצורייניגען.

די אטאקע פון קורצאָטעמדיגקייט האלט אָן פון צוויי ביז דריי שטונ־דען און דער קראנקער פיהלט זיך דאן ערלייכטערט. ער פאנגט אָן צו אטעמען פרייער און פיהלט זיך ווידער מיט מענשען גלייך, נאָר עטוואָס אויסגעמאטערט.

אין מאנכע פעלע ווידערהאָלען זיך די אטאקעס פון אסטמא אייניגע
נעכט נאָכאנאנד, אָדער זאָגאר יעדע נאכט. אין אנדערע פעלע פערשוויג-
דעט די קראנקהייט נאָך איין אטאקע און דער קראנקער איז פאר וואָכען
אָדער מאָנאטען פריי פון אסטמא. מאנכע מענשען ליידען פון דיזע אטא-
קעס בלויז אין געוויסע צייטען פון יאָהר. מאנכע ליידען פון זיי בלויז ווינ-
טער, אנדערע ליידען שוין פון דיזע אָנגריפע סיי זומער סיי ווינטער.

די אויסזיכטען פון קראנקען.

די אויסזיכטען פון'ם קראנקען, וועלכער ליידעט פון אסטמא, ווענ-
דען זיך אָן פערשיידענע אומשטענדען. אויב די קראנקהייט פאנגט זיך
אָן ווען דער פערזאָן איז נאָך יונג, אויב די אטאקעס קומען וואָס אמאָל זעל-
טענער און אויב דער קראנקער לעבט אונטער גינסטיגע אומשטענדען זיי-
נען זיינע אויסזיכטען אויף אין גאנצען פטור צו ווערען פון דער קראנקהיי
גאנץ גוטע. אויב דער קראנקער איז א מענש אין די מיטעלע יאָהרען
זיינען זיינע אויסזיכטען אין גאנצען געזונד צו ווערען ניט קיין גלענצענדע

אסטמא איז ניט קיין לעבענס-געפעהרליכע קראנקהייט און דער קראנ
קער שטארבט ניט ווען די קראנקהייט גרייפט איהם אָן, אָבוואָל איהם דוכ
זיך, דאָס ער ווערט דערשטיקט. פאראן אסטמאטיקער, וועלכע דערלעבען
הויכען עלטער און שטארבען פון אַן אנדער קראנקהייט, וואָס „פאלט זיי צו"

דער צושטאנד פון קראנקען ווענדעט זיך זעהר פיעל אָן דעם ווי ווי
זיינע לונגען ווערען צוציינען פון'ם שטענדיגען הוסטען און פון די אָפט
אטאקעס פון קורצען אטעם און אויך אָן דעם צושטאנד פון זיין הארצ
אין פעלע, וואו די קראנקהייט דויערט א לאנגע צייט, פערלירען די לונגע
זייער עלאסטיציטעט. זיי ווערען דארום צוצויגען און קענען ניט אזוי גו
ארויספרעסען די לופט פון די לופט-זעקעלאך אין די לונגען. דאָס הארצ
ספעציעל די רעכטע זייט פון הארץ, וואָס פּאָמפּעט לופט דורך די לונגען
ווערט אָפּגעשוואכט פון צו שווערע ארבייט און דאַן איז די האָפנונג פו
אסטמאטיקער אין גאנצען געזונד צו ווערען א גאנץ שוואכע.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט דארף בעשטימט ווערען אין יע
דען פאל בעזונדער. עס זיינען דאָ צעהנדליגע דראָגס (מעדיצינען), וואָ
ווערען געברויכט אויף איינצושפריצען אונטער דער הויט פון קראנקען

אָדער וואָס דער קראַנקער קען איינאָטעמען, אום עטוואָס צו פערלייכטערן זיין קורצען אָטעם. ניט אַלע דאָקטוירים געברויכען די זעלבע דראָגס אין אַלע פעלע און ניט אין אַלע פעלע ווירקען די זעלבע דראָגס. עס איז דארום איבעריג דאָ אויסצורעכנען דיזע דראָגס, ווייל יעדענפאַלס קענען זיי געברויכט ווערען בלויז אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר.

מאַנכע קראַנקע דערפיהלען אַ פערלייכטערונג אין זייער אַנגריף פון אַסטמא, ווען זיי אָטעמען איין דעם דאַמפּף פון זודיגע וואַסער, אַנדערע פיהלען אַ קורצע פערלייכטערונג, ווען זיי באָדען זייערע הענד און פיס אין הייסע וואַסער.

צווישען איין אַטאַקע און דער אַנדערער דאַרף געמאַכט ווערען אַ גענויע אונטערזוכונג פון קראַנקען'ס קערפּער אין דער האָפענונג, דאָס די אורזאַכע פון דער קראַנקהייט וועט ענטדעקט און בעזייטיגט ווערען.

אַ פערזוך דאַרף אויך געמאַכט ווערען אויסצוגעפינען, אויב די קראַנקהייט קומט ניט דערפון, וואָס דער קראַנקער עסט געוויסע שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע זיין קערפּער קען ניט פערליידען. אויב עס איז דאָ אַ פערדאַכט, אַז דאָס איז דער פאַל, דאַרף דער אַסטמאַטיקער אויסמיידען צו עסען די בע-טרעפענדע שפּייזען.

אַ גענויע אונטערזוכונג דאַרף אויך געמאַכט ווערען וועגען דעם, וואו דער קראַנקער איז געוועזען, וואָס ער האָט געטאָן, אין וועלכער נאַכבאַרשאַפט ער האָט זיך געפונען, אָדער וואָס פאַר אַ ריחות ער האָט געפיהלט פאַר דער אַטאַקע. דאָס דאַרף געטאָן ווערען אום דער קראַנקער זאָל קענען אויס-מיידען דיזע געגענשטענדע אין פאַל זיי זיינען פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן אַנגריף פון דער קראַנקהייט.

אויב עס געלינגט אויסצוגעפינען די אורזאַכע, וואָס פערשאַפט די קראַנקהייט אין אַ געוויסען פערזאָן און דיזע אורזאַכע קען בעזייטיגט ווע-רען, איז די האָפענונג פאָלשטענדיג צו קורירען די קראַנקהייט אַ גאַנץ גוטע. ואָנסט איז די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט בלויז אַ סימפּטאָמאַטישע, דאָס הייסט דער דאָקטאָר זוכט בלויז צו פערלייכטערן די סימנים פון'ם קראַנקען, אָבער די קראַנקהייט זעלבסט קען ער ניט היילען.

נירוען־קראַנקהייט — נעפּרייטיס.

צווישען די קראַנקהייטען, וואָס פאָדערען אַ היבשע צאָהל מענשען־
לעבענס און פעראורזאַכען אָהן אַ שיער ליידען, פערנעהמט נירוען־קראַנקהייט
אַ גאַנץ בכבוד׳ן פּלאַץ. אָבער וועהרענד מיט די נעמען פון אַנדערע קראַנק-
הייטען איז דער גרויסער עולם בעקאַנט און שרעקט זיך פאַר זיי, איז נירוען־
קראַנקהייט פאַר׳ן געוועהנליכען מענשען עטוואָס זעהר אונבעשטימטעס, אונ-
קלאָרעס, עטוואָס, וועגען וואָס ער האָט אַ גאַנץ שוואַכען בעגריף.

פון „אַפּענדיסיטיס" האָבען די מעהרסטע מענשען געהערט. „האַרץ־
קראַנקהייט" איז אַ בעקאַנטער נאָמען, ווייל יעדער מענש ווייס, דאָס ער
האָט אַ האַרץ, וואָס האַלט אײן פּאָמפּען בלוט דורך זיין קערפּער. אָבער
מיט די נירען זיינען זעהר ווייניג מענשען בעקאַנט. די נירען ליגען בעהאַל-
טען גאַנץ טיף אין קערפּער און אַ קליינע אונאָרדענונג אין זייער אַרבייט
איז ניט אַזוי אויגענשיינליך, דאָס יעדער איינער זאָל קענען בעמערקען.
די נירען שפּילען אָבער אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דעם מעכאַניזם פון אונ-
זער קערפּער. זייער אַרבייט איז צווישען די וויכטיגסטע פאַר אונזער
געזונד. נירען־קראַנקהייט איז אַ זעהר ערנסטע קראַנקהייט, אָדער בעסער
געזאָגט קראַנקהייטען, ווייל עס גיבען איינעגע סאָרטען נירען־קראַנקהייטען
וואָס אונטערשיידען זיך זעהר פיעל איינע פון די אַנדערע.

די ראָלע פון די נירען.

די ראָלע, וואָס די נירען שפּילען אין אונזער קערפּער, קען מען אַ
בעסטען פערשטעהן, ווען מען פערגלייכט זיי מיט „פילטערס" (דורכזייערס)

דאָס בלוט, וואָס צירקולירט דורך׳ן קערפּער, ברייננט צו די צע-
לען פון קערפּער שפּייז און פרישע לופט. עס נעהמט אַוועק פון די צע-
לען געוויסע אָפּפאַל־מאַטעריאַלען און די אונריינע לופט.

די אונרייינע לופט ברייננט דאָס בלוט צו די לונגען און מיר אטעמען
דאָס אויס. די אנדערע מאַטעריאַלען ווערען אויפגעלעזט אין די וואסער-
דיגע טייל פון'ם בלוט.

דיזע אָפפאַל־מאַטעריאַלען פון די צעלען זיינען שעדליך פאַר'ן קער-
פער. און ווען דאָס בלוט שטראָמט דורך די נירען ווערען דיזע אויפגעלעז-
טע שעדליכע אוננוציגע מאַטריאַלען דורכגעזייעט דורך די נירען און
פערלאָזט דעם קערפער אלס אורין.

דער מעכאַניזם פון די נירען איז איינער פון די פיינסטע און מערק-
ווירדיגסטע אין דער וועלט. די נירען בעשטעהן פון א צווייפאַכע סיסטעם
פון רעהרען, בלוט־רעהרען און אורין־רעהרען.

דאָס בלוט פון גאַנצען קערפער קומט צו די נירען דורך איין גרוי-
סער בלוט־רעהר. דיזע איינציגע בלוט־רעהר צוטיילט זיך אויף קלענערע
בלוט־רעהרען און דיזע צוטיילען זיך אין נאָך קלענערע ביז זיי ענדיגען זיך
אין קנוילען בלוט־רעהרען. פון דיזע שטראָמט דאָס בלוט צוריק דורך קלע-
נערע און גרעסערע בלוט־רעהרען ביז עס פערלאָזט די נירען און זעצט פאָרט
צו שטראָמען דורך די אנדערע טיילען פון קערפער.

וועהרענד דאָס בלוט שטראָמט דורך דעם קנויל פון דינינקע בלוט־
רעהרען אין די נירען קומט פאָר א וויכטיגע ענדערונג אין'ם בלוט. מאַנ-
בע שטאָפען, וואָס געפינען זיך אין'ם בלוט, רינען דורך די דינינקע וועגד
פון די בלוט־רעהרען און ווערען אויפגענומען אין ספעציעלע „קאָפּס", פון
יזע ציהען זיך רעהרען, אין אָנפאַנג דינינקע, נאַכהער פעראייניגען זיך
י דינינקע רעהרען אין אלץ דיקערע און דיקערע ביז זיי גיסען זיך אלע
וזאמען אין איין רעהר, וואָס פערלאָזט די נירען און ציהט זיך צום „וואַ-
ער־זאַק" (אורין־בלאַדער). דורך דיזע רעהרען פליסט אַרויס די אורין,
אָס איז אַרויסגעקומען פון'ם בלוט. די נירען זיינען אָבער ניט קיין איינ-
אכע „פילטערס", דורך וועלכע אלעס קען זיך דורכזייען. אלע נוצליכע
יילען אין'ם בלוט, אלעס וואָס דער קערפער קען געברויכען, ווערען פער-
אלטען אין'ם בלוט. די וועגד און די קנוילען דינינקע בלוט־רעהרען לאָ-
ן ניט דיזע נוצליכע שטאָפען זיך דורכזייען. בלויז די נוצלאָזע טיילען
ן דעם בלוט קריגען ערלויבניש דורכצוגעהן די נירען.

די גרעסטע טייל שפייז, וואָס מיר עסען, ווערט פערוואַנדעלט אין
געוויסען סאָרט צוקער איידער די צעלען קענען עס געברויכען. די

צוקער־פעקטאָרי געפינט זיך אין לעבער און דאָס בלוט איז דער צופיהרער פון'ם צוקער צו אַלע צעלען פון קערפּער.

ווען מען זאָל כעמיש עקזאַמענירען דאָס בלוט פון אַ נאָרמאַלען מענ- שען וועט מען אויסגעפינען דאָס איין טויזענד טייל פון'ם בלוט איז צוקער. ניט מעהר און ניט ווייניגער. דאָס בלוט ענטהאַלט צו יעדער צייט פּונקט אזוי פיעל צוקער. מיר זעהען דאָך אָבער ניט אַלע מאָל די זעלבע מאָס שפּייז, און ניט אַלע מאָל די זעלבע סאָרט שפּייז, ווי אזוי זשע ווערט עס רעגולירט דאָס אונזער בלוט זאָל שטענדיג האָבען די זעלבע מאָס צוקער? דאפיר זאָרגט שוין אונזער לעבער. דער לעבער נעהמט אויף די גאַנצע שפּייז, פערוואַנדעלט עס אין צוקער און האַלט ביי זיך דעם גאַנצען סטאָק צוקער. צום בלוט שיקט דער לעבער ארויס בלויז אזוי פיעל עס זאָל זיין איין טויזענד טייל פון דער גאַנצער מאָס בלוט. ווען די צעלען פון'ם קער- פּער פערברויכען אַ טייל פון'ם צוקער שיקט דער לעבער ארויס פּונקט אזוי פיעל צוקער, ווי פיעל די צעלען האָבען פערברויכט.

אויף אַזאַ אופן רעגולירט דער לעבער די מאָס צוקער אין אונזער בלוט. אויב איינער עסט אָבער צופיעל נאַשערייען, קייקס, קענדי, טשאָ- קאָלאַד און אַלע אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זיינען רייך אין צוקער, ווערען די שפּייכלערס אין'ם לעבער איבערגעפּאַקט, ניטאָ מעהר קיין פּלאַץ פאַר דעם נייעם סטאָק און דער לעבער איז געצוואונגען ארויסצושיקען דעם גאַנצען סטאָק צוקער אין'ם בלוט־שטראָם.

דאָס בלוט ענטהאַלט דאַן פיעל מעהר ווי איין צעהנטעל פּראָצענט צוקער און אין אַזאַ פאַל נעהמען זיך די נירען צו פערריכטען דעם פעהלער. די דורכזייערס אין די נירען זיינען אזוי רעגולירט, דאָס זיי פערהאַלטען פּונקט איין צעהנטעל פון איין פּראָצענט צוקער אין'ם בלוט. אויב דאָס בלוט ענטהאַלט מעהר ווי דיזע מאָס צוקער זייעט זיך דער צוקער דורך די נירען און קומט ארויס אין די אורין.

פיעלע טיילען פון די שפּייז זיינען העכסט שעדליך און אָפטמאָל זעהר גיפטיג פאַר'ן קערפּער. ווען דיזע גיפטען ווערען איינגעזאַפּט אין'ם בלוט ווערען זיי געבראַכט צום לעבער, דאָרטען ווערען זיי פעראייניגט מיט אַנדערע כעמישע שטאָפען אום די גיפטען זאָלען ווערען אונשעדליך. דיזע אונשעדליך געמאַכטע גיפטען שווימען ארום אין'ם בלוט און ווען זיי קומען צו די נירען ווערען זיי ארויסגעצויגען פון'ם בלוט און פערלאָזען דעם קערפּער אין די אורין.

דער קערפּער נויטיגט זיך אויך אין פיעל וואסער. א גרויסע טייל פון די וואסער, וואס מיר טרינקען, דינט אויף אויסצושווענקען די אפּפאל-מאטעריאל פון די צעלען פון קערפּער. דיזע אונריינע וואסער געפינט זיך אין'ם בלוט און פערלאזט דעם קערפּער דורך די נירען.

די נירען שפּילען דארום א זעהר וויכטיגע ראלע אין רעגולירען די ארבייט פון קערפּער און דער מעכאניזם פון די נירען איז א זעהר פיינער און העכסט קאמפּליצירטער. אזא מעכאניזם קען אויך זעהר לייכט קאליע ווערען.

ווי אזוי די נירען ווערען קאליע און דער רעזולטאט, וואס קראנקע נירען בריינגען דעם קערפּער וועלען מיר יעצט בעטראכטען.

ווארום די נירען ווערען קראנק.

אום צו פערשטעהן ווארום אזוי פיעל מענשען ליידען פון נירען־קראנקהייט, לאמיר אננעהמען פאלגענדען ביישפּיל:

שטעלט זיך פאר, דאס איהר קויפט א זיפּ אויף צו זיפּען מעהל. די זיפּ איז געמאכט געווארען אזוי, דאס די פיינע צומאהלענע מעהל־קערנדליך לאזט זי דורך און די עטוואס גרעסערע קלייען פערהאלט זי. אויב די זיפּ איז א גוטע קען זי דינען א לאנגע צייט, אויב איהר געברויכט זי בלויז אויף צו זיפּען מעהל און ניט אויף קיין אנדער זאך.

אין פאל אבער אויב איהר הויבט אן צו געברויכען אייער זיפּ אויף צו זיפּען זאמד און קליינע, צומאהלענע שטיינער, אדער איהר געברויכט זי גאר אלס א זייער דורכצוזייען זויערען וויין, אדער עסידס, וועט די זיפּ גאנץ שנעל קאליע ווערען. די זאמד קערנדליך וועלען פערשטאפּען די קליינע עפענונגען אין דער זיפּ, דער עסיד אדער זויערער וויין וועט פערניכטען די פעדים, פון וועלכע די זיפּ איז געפלאכטען, און דער רעזולטאט וועט זיין, דאס איהר וועט גאנץ שנעל פערלירען אייער זיפּ.

דאס זעלבע פאסירט אין דעם פאל פון אונזערע נירען. אין א געוויסען זין זיינען אונזערע נירען אויך זיפּען אדער זייערס. מיר האבען שוין געזעהן ווי דורך די זיפּען פון די נירען קומט ארויס פון'ם בלוט פיעלע אונריינע שטאפּען, — שטאפּען, וואס וואלטען געווארען שעדליך פאר'ן קערפּער, אויב זיי וואלטען דארטען פערבליבען. דורך די נירען שיקט דאס בלוט אויך ארויס פיעלע גיפטיגע מאטעריאלען, וואס פערלאזען דעם קערפּער צוזאמען מיט אונזער אורין.

אזוי לאַנג ווי די נירען זיפּען דורך בלויז די נאַטירליכע שטאָפען, פאַר וועלכע זיי זיינען געשאַפען געוואָרען, ערפילען זיי זייער ארבייט ווי עס געהער צו זיין. זיי זיינען דאַן פונקט ווי די זיפּען פון אונזער ביישפּיל, וואָס ווערען געברויכט בלויז צו זיפּען מעהל.

אויב דער מענש ליידעט אָבער פון דער קראַנקהייט, וואָס ווערען פער־אורזאַכט פון מיקראָבען און די גיפטען פון דיזע מיקראָבען געפינען זיך אין'ם בלוט און געהען דורך די נירען ווערען די נירען פערגיפטעט און בע־שעדיגט, פונקט ווי די זיפּען אין אונזער ביישפּיל ווערען בעשעדיגט. אויב מען געברויכט זיי אויף צו זייען דורך זיי עסידס.

דאָס זעלבע פּאַסירט אין פאַל דער מענש ליידעט פון זעלבסט־פאַר־גיפטונג דורך עסען צופיל אָדער ניט ריינע שפּייז, דורך ליידען פון פער־שטאָפּונג און דורך טרינקען אַלקאָהאָלישע געטרענקע. אַלקאָהאָלישע גע־טרענקע שאַדען ניט נאָר דעם מאַרך, נאָר אויך די נירען. די ווירקונג פון'ם אַלקאָהאָל אויף'ן מאַרך קען מען לייכט דערקענען: „וואָס ביי א ניכטערען אויף'ן לונג איז ביי א שכור'ן אויף'ן צונג", די צונג פון דעם טרינקער זאָגט אויס, דאָס דער מאַרך ליידעט פון אַלקאָהאָל, און יעדער קען עס דערקענען. אָבער אויך די נירען ליידען פון'ם אַלקאָהאָל און אפשר נאָך מעהר ווי דער מאַרך. נאָר דיזען שאַדען זעהט מען ניט אָן אזוי שנעל און אזוי לייכט. טיעף בעהאַלטען אין זייערע נאָרעס ליגען די נירען און דולדען שווייגענ־דערהייד ביז זיי קען עס מעהר ניט אויסהאַלטען און דאַן... א שאָדען אין די נירען קען ניט פערריכט ווערען. קיין מאַכט אין דער וועלט קען ניט צוריק גוטמאַכען די פערניכטעטע טיילען פון די נירען.

ניט אַלע נירען־קראַנקהייטען זיינען גלייך. עס זיינען פאַראַן פער־שיידענע פאָרמען פון דיזער קראַנקהייט און יעדע פאָרמע פעראורזאַכט א בעשטימטען סעט סימנים, לויט וועלכע עס איז מעגליך צו דערקענען דעם צושטאַנד פון די נירען.

פערשיידענע פאָרמען פון נירען־קראַנקהייט.

די נירען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, בעשטעהען פון א פיינעם, העכסט קאָמפּליצירטען מעכאַניזם. די אויפגאַבע פון דיזען מעכאַניזם איז ארויסצונעהמען פון'ם בלוט און ארויסשיקען פון קערפּער דורך די אורין גע־וויסע שעדליכע און אוננויטיגע שטאָפען, און אין דער זעלבער צייט פער־האַלטען אַנדערע, נוצליכע שטאָפען אין'ם בלוט.

דיזער פיינער מעכאניזם קען אנגעגריפען ווערען אויף פערשיידענע אופנים. ניט אלע טיילען פון די נירוען ווערען אנגעגריפען מיט אמאל און ניט אין יעדען פאל ווערט די גאנצע טעטיגקייט פון די נירוען אפגעשטעלט. נירוען-קראנקהייט איז דארום ניט איין קראנקהייט, עס זיינען דא פערשיי-דענע סארטען נירוען-קראנקהייטען, וואס ווענדען זיך אן די טייל פון'ם נירוען-מעכאניזם, וואס ווערט אנגעגריפען אדער די טייל פון די נירוען-מאשינערי, וואס ווערט קאליע.

א פראסטער ביישפיל, וואס זאל קלערער מאכען די בעהויפטונג, דאס עס זיינען דא פערשיידענע סארטען נירוען-קראנקהייטען, קענען מיר האבען ווען מיר האבען אין זינען אונזער פערגלייך פון די נירוען צו א „פיל-טער פלענט" (א פלאץ, וואו עטוואס ווערט גערייניגט דורך זייערס אדער זיפען) . אויב די „פילטערס" פון די נירוען ווערען קאליע אויף אזא אופן, דאס זיי לאזען דורך געוויסע שטאפען, וואס דארפען פערהאלטען ווערען אין'ם בלוט, ליידעט דער מענש פון איין סארט קראנקהייט, ווערענד, אויב דער מעכאניזם פון די נירוען ווערט קאליע אויף אזא אופן, דאס עס פער-האלט אין'ם בלוט געוויסע שעדליכע שטאפען, וואס דארפען געווענליך פערלאזען דעם קערפער, ליידעט דער מענש פון א גאנץ אנדער קראנקהייט.

פערשיידענע סארטען נירוען-קראנקהייטען.

עס איז דארום לייכט איינצוזעהן, דאס עס זיינען דא פערשיידענע סארטען נירוען-קראנקהייטען. יעדע פון זיי מיט איהרע בעזונדערע סימנים און איהר בעזונדערער וויכטיגקייט פאר'ן קערפער.

עס איז דא איין סארט נירוען-קראנקהייט, וואס אטאקירט דעם מענשען פלוצלינג. דיזע פארמע פון דער קראנקהייט אטאקירט מעהרסטענס יונגע מענשען, מענער מעהר ווי פרויען. די הויפט אורזאכען פון דיזער פארמע פון נירוען-קראנקהייט זיינען :

1. א שטארקע צוקיהלונג, ספעציעל ווען די צוקיהלונג קומט נאך א גאנצע נאכט שכרות.
2. די גיפטען (טאקסינס), וואס קומען פון אזעלכע קראנקהיי-טען ווי שארלאך, פאקען, מאלעריא, געלען פיבער, מאזלען און דיפ-טעריא. די קראנקהייט קען אויך קומען אלס א פאלגע פון סיפילים און טובערקולאזיס.

3. מאנכע דראָגס, ווי טוירפּענטיין, פּעראורזאכען אָפט דיזע קראנקהייט.

4. שוואנגערשאַפט איז אין מאנכע פעלע אן אורזאכע פון ני-רען=קראנקהייט.

5. די אקיוטע, שארפע, פאָרמע פון נירען=קראנקהייט קען אויך קומען אלס פאָלגע פון בראנד=וואונדען, ספּעציעל ווען א גרויסע טייל פון דער הויט ווערט צוברענט.

אויף'ן ערשטען בליק קען זיך דאכטען, אז דאָס זיינען פערשיידענע אורזאכען,וואָס האָבען קיין שייכות ניט צווישען זיך. אין דער אמת'ן איז די אורזאכע פון נירען=קראנקהייט די זעלבע אין אלע פעלע: געוויסע גיפ-טען, וואָס ווערען געשאפען אין קערפּער פון'ם קראנקען, שווימען ארום אין'ם בלוט. דאָס בלוט צירקולירט דורך די נירען און די גיפטען, קומענדיג אין בעריהרונג מיט די נירען, בעשעדיגען דעם נירען=מעכאניזם און שאפען דאָר-טען אן אונאָרדענונג.

דאָס זעלבע פּאסירט אויך אין'ם פאל ווען א גרויסע טייל פון דער הויט ווערט צוברענט. דורך די שוויים=קאנאלען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער הויט, שיקט דער קערפּער ארוים פון זיך געוויסע שטאָפען, וועלכע זיינען שעדליך פאר איהם. אויב א גרויסע שטיק הויט ווערט צוברענט און די שוויים=קאנאלען פון דיזער טייל פון דער הויט ווערען פערניכטעט, ווערען דיזע שעדליכע אָדער גיפטיגע שטאָפען ארויסגעשיקט דורך די נירען, און, קומענדיג אין בעריהרונג מיט דעם מעכאניזם פון די נירען, בעשעדיגען דיזע גיפטען אונזערע נירען. אויב מען זאָל פערזיגלען אלע שוויים=קא-נאלען פון א מענשליכען קערפּער, וועט דיזער מענש זיכער שטארבען, און אויב א גרויסער טייל פון זיין הויט זאָל אָפּגעברענט ווערען, אפילו בלויז פון זונען=שטראהלען, איז דיזער מענש אין געפאהר צו קריגען ני-רען=קראנקהייט.

דאָס זעלבע איז דער פאל מיט שוואנגערשאפט. אין מאנכע פעלע פון שוואנגערשאפט שווימען ארום אין דער פרוי'ס בלוט געוויסע שעדליכע שטאָפען, וואָס ווערען פּראָדוצירט פון דעם עופּה'לע, וואָס האלט זיך אין ענטוויקלען, און דיזע שעדליכע שטאָפען גרייפען אָן די נירען און פעראור-זאכען די אקיוטע פאָרמע פון נירען=קראנקהייט.

די סימנים פון דיזער קראַנקהייט.

דיזע פאָרמע פון נירען־קראַנקהייט גרייפט אָן איהר קרבן פּלוצלינג. אין פאַל די קראַנקהייט קומט אָן נאָך א צוקיהלונג בעמערקט מען א גע-שווילאכץ אויף'ן קראנקען'ס געזיכט אין פערלויף פון פיר־און־צוואַנציג שטונ-דען נאָך דעם אָנפאַנג פון דער קראַנקהייט. אויב די נירען ווערען אָנגע-גריפען אין פערלויף פון איינע פון די אויבענאויסגערעכענטע קראַנקהייטען, פאַנגען זיך אָן די סימנים ניט אזוי פּלוצלינג. דער קראַנקער ווערט ביסלעכ-ווייז בלאַס אָדער געלב־בלאַס און זיין געזיכט און זיינע קנעכעל ווערען גע-שוואָלען. אין קינדער קען די קראַנקהייט זיך אָנפאַנגען מיט קאָנוואולסיעס. אין מאַנכע פעלע פאַנגט די קראַנקהייט זיך אָן מיט דעם, וואָס דעם קראַנקען פאַנגט אָן וואַרפען פון קעלט און נאָכהער באַדט ער זיך אין שוויס פון היץ.

די נירען קענען ניט דורכלאָזען די געוועהנליכע מאָס אורין. די מאָס אורין, וואָס דער קראַנקער גיט ארויס פון זיך, איז דארום שטאַרק פאַר-קלענערט, דערפאַר איז זי געדיכט און ענטהאַלט „אַלביומין" (קערפּער־בוי מאַטעריאַל, וואָס די נירען דאַרפען געוועהנליך פערהאַלטען אין בלוט), און די צעלען פון די נירען־קאַנאַלען, דורך וועלכע די אורין געהט דורך דאָס וואַסער, וואָס ווערט פערהאַלטען פון די נירען פילט אָן געוויסע טיילען פון קערפּער און דער מענש ווערט געשוואָלען. די געשווילאכץ זעהט זיך אָן מעהרסטענס אויף'ן געזיכט און אין די פיס, אָבער אויך די „פּליורע", די ליינינג פון די לונגען, און די ליינינג פון בויך קענען אָפט מאָל אָנגעגאָסען ווערען מיט די פערהאַלטענע וואַסער און דער קראַנקער ווערט דאַן געשוואָ-לען אויף'ן גאַנצען קערפּער.

ניט אין אַלע פעלע פון דיזער פאָרמע פון נירען־קראַנקהייט זיינען די סימנים גלייך. די ערנסטקייט פון דער קראַנקהייט ווענדעט זיך ווי שטאַרק די נירען זיינען אָנגעגריפען און וואָס פאַר א טייל פון די נירען עס איז גע-בליבען נאָך אונבעריהרט און קען ערפילען די אויפגאַבע פון די נירען. אין מאַנכע פעלע איז דער אָנגריף ניט קיין ערנסטער, די געשווילאכץ איז א לייכ-טע און די קראַנקהייט געהט שנעל פאַראיבער. א טייל פון די נירען, די טייל, וואָס איז געוועזען ענטצונדען, ווערט אָן איהר פעהיגקייט צו טאָן די ארבייט, פאַר וועלכע זי איז געשאַפען, דער מעכאַניזם פון אונזערע נירען איז אָבער אַ גאַנץ גרויסער און קען דינען דעם קערפּער אפילו ווען א טייל פון די נירען ווערט קאַליע.

פאַראַן אָבער אַנדערע פעלע פון דיזער אַקיוטע פאָרמע פון נירען־קראַנקהייט, וואָס זיינען פיעל ערנסטער. א גרויסער טייל פון דעם נירען־מעכאַניזם ווערט אָנגעגריפען און די נירען הערען אין גאַנצען אויף צו פונקציאָנירען. דאָס גאַנצע וואַסער צוזאַמען מיט אַלע שעדליכע און גיפטיגע מאַטעריאַלען, וואָס פערלאָזען געוועהנליך דעם קערפער דורך די נירען, פערבלייבען אין דעם בלוט און דער גאַנצער קערפער ווערט פערגיפטעט.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

די אויסזיכטען פון׳ם קראַנקען געזונד צו ווערען ווענדען זיך זעהר פיעל אָן דעם, וואָס עס האָט פעראורזאַכט זיין נירען־קראַנקהייט. אויב די קראַנקהייט איז איהם געקומען פון א צוקיהלונג, זיינען זיינע נירען ווענינער בעשעדיגט און זיינע אויסזיכטען געזונד צו ווערען זיינען דאַרום פיעל בעסער, ווי אין פאַל ווען זיין נירען־קראַנקהייט איז געקומען אַלס פאָלגע פון שאַרלאַך (סקאַרלעט פיבער). פאַר קליינע קינדער איז דיזע פאָרמע פון נירען־קראַנקהייט זעהר געפעהרליך. ניט ווענינער ווי א דריטעל פון אַלע, וואָס ווערען קראַנק, שטאַרבען. אויב די געשווילאַכץ בלייבט לענגער ווי פיר וואָכען צייט און דער קראַנקער איז אַלץ זעהר בלאַס, און אויב זיין אורין ענטהאַלט פיעל „אַלביומין" (איי-וויס, קערפער־בוי מאַטעריאַל), צייגט עס, אַז די קראַנקהייט ווערט כראָניש.

וואָס צו טאָן פאַר׳ן קראַנקען.

מיר האָבען געזעהן ווי ערנסט די קראַנקהייט איז, און עס איז דאַרום לייכט איינצוזעהן, דאָס דער קראַנקער מוז זיך גלייך שטעלען אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר. אויב די קראַנקהייט קומט אַלס רעזולטאַט פון איינע פון די קראַנקהייטען, וואָס מיר האָבען פריהער אויסגערעכענט, איז דער קראַנקער שוין געוועהנליך אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר פאַר דער פריהערדיגער קראַנקהייט. אויב אָבער עס קומט אַלס רעזולטאַט פון א שטאַרקע פערקיהלונג מוז דער קראַנקער גלייך שיקען נאָך א דאָקטאָר.

ליידער איז פאַר׳ן דאָקטאָר אונמעגליך צו פעררייכטען דעם שאָדען, וואָס די נירען האָבען שוין געליטען, ער קען אָבער אויף ווי ווייט נאָר מעגליך פערהיטען די נירען פון ווייטערען שאָדען און זיי העלפען, דורך פערקלענערען די אַרבייט, וואָס זיי דאַרפען טאָן, צו זיך קומען פון דער אַטאַקע.

די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט, פון פיר ביז זעקס וואָכען צייט, מוז דער קראַנקער בלייבען אין בעט. דער פרינציפּ, אויף וועלכען די בע-האַנדלונג פון דער קראַנקהייט שטיצט זיך, איז צו טרייען אוועקנעהמען פון די נירען די גרעסטע טייל פון זייער ארבייט.

די נירען דאַרפען בעפרייען דעם קערפּער פון וואסער און פון געוויסע שעדליכע שטאָפען. די ארויסהעלפער פון די נירען אין דיזער ארבייט, זיי-נען די הויט און די קישקעס. אזוי ווי די נירען זעלבסט קענען אין אזא פאַל ניט ערפילען זייער אויפגאַבע, דאַרף מען זעהן, דאָס די הויט און די קישקעס זאָלען טאָן מעהר ארבייט.

און דאָס טאַקע טוט דער דאָקטאָר, ער פּרובירט דורך פערשיידענע מיטלען צו מאַכען דעם קראַנקען וואָס מעהר שוויצען, אום ארויסצושוויצען א טייל פון די פערהאַלטענע אורין דורך דער הויט, ער פּרובירט אויך דורך געבען דעם קראַנקען אַבפיהר-מיטעל, צו מאַכען די קישקעס טאָן א טייל פון דער ארבייט, וואָס די נירען דאַרפען טאָן.

די פראַגע וואָס דער קראַנקער זאָל עסען אין דער צייט, ווען ער איז ערנסט קראַנק, איז זעהר א וויכטיגע. די מעהרסטע דאָקטוירים זיינען איינ-שטימיג, דאָס אזוי לאַנג ווי די „אקיוטע" שטופע פון נירען-קראַנקהייט האַלט אָן, איז גלייכער, דאָס דער קראַנקער זאָל לעבען בלויז אויף מילך, און ערשט דאַן, ווען ער פאַנגט זיך צו ערהאָלען עטוואָס פון דער קראַנקהייט, מעג מען איהם אָנפאַנגען געבען ברויט מיט פּוטער, לעטוס (סאַלאַטע), וויינטרויבען, אראַנדזשעס (אַפּעלסינען) און אַנדערע פרוכטען.

די איבעריגע טיילען פון דעם דאָקטאָר'ס בעהאַנדלונג פון דיזער קראַנקהייט בעשטעהט אין פערלייכטערען דעם קראַנקען'ס שמערצען און אין בעהאַנדלען יעדען שלעכטען סימפּטאָם בעזונדער ווען ער בעוויזט זיך. עס איז דארום אונמעגליך פאָרצושרייבען איין סאָרט בעהאַנדלונג פאַר אלע קראַנקע. די בעהאַנדלונג פון קראַנקען ווענדעט זיך אָן דעם גאַנג פון דער קראַנקהייט און אָן איהר ערנסטקייט. עס איז דארום העכסט וויכטיג, דאָס יעדער קראַנקער זאָל שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר און זיך ניט פערלאָזען אויף די עצות פון די, וואָס האָבען „אויך געליטען פון דיזער קראַנקהייט און זיינען קורירט געוואָרען מיט געוויסע מעדיצינען".

ווען דער קראַנקער פאַנגט זיך שוין אָן צו ערהאָלען פון דער קראַנקהייט דאַרף ער נאָך אלץ זיין זעהר פאָרזיכטיג. ער דאַרף זיך שטאַרק היטען גע-גען א פערקעלטונג. זיין שפּייז דאַרף נאָך אלץ בעשטעהן מעהרסטענס פון

מילך און דאָס צוריקקעהרען זיך צו זיינע געוועהנליכע מאכלים דאַרף צו-געהן זעהר לאַנגזאַם און מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. אויב ער קען אויס-פיהרען איז זעהר ראַטזאַם אָפּצופאָהרען אין אַ וואַרעמען קלימאַט. אָבער ליידער קען עס די מעהרסטע קראַנקע ניט אויספיהרען.

דיזע פאָרמע פון נירען-קראַנקהייט, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס בע-שריבען, ווערט בעצייכענט אַלס אַן „אַקיוטע" פאָרמע פון דער קראַנקהייט. זי קומט פּלוצלינג. דער קראַנקער ווייס גלייך, דאָס ער איז קראַנק און ג'ע-וועהנליך געדויערט די קראַנקהייט בלויז איינינגע וואָכען צייט. דער קראַנ-קער ווערט געזונד אָדער ער שטאַרבט.

עס זיינען אָבער פאַראַן אויך כראָנישע פאָרמען פון נירען-קראַנקהייט. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פאָרמען פון דער קראַנקהייט, וואָס פאַר'גנב'ענען זיך שטיל און אונבעמערקט צו זייער קרבן, פיהרען אָן זייער צושטערונגס-אַרבייט אין אָנפאַנג אַזוי לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג, דאָס יאָהרען נאָכאַנאַנד ווייסט גאָר דער פערזאָן נישט, דאָס ער איז קראַנק, און ווען ער דערפיהלט עס שוין יע, איז ער געוועהנליך שוין גאַנץ ערנסט קראַנק.

די כראָנישע פאָרמען פון דיזער קראַנקהייט.

עס זיינען דאָ אַם וועניגסטענס צוויי גאַנץ דייטליך בעזונדערע פאָר-מען פון כראָנישע נירען-קראַנקהייט.

איין פאָרמע פון כראָנישע נירען-קראַנקהייט בעגעגענט מען מעהר-סטענס ביי יונגע מענשען. די קראַנקהייט קען קומען אַלס אַ פאָלגע פון דער אַקיוטער אַטאַקע פון נירען-קראַנקהייט, וועלכע איז געקומען פון אַ שטאַרקע פערקעלטונג, אַלס אַ רעזולטאַט פון שוואַנגערשאַפט, אָדער אַלס אַ נאָכוועהעניש פון סקאַרלעט פיבער (שאַרלאַך). ביי יונגע קינדער קומט דיזע פאָרמע פון כראָנישע נירען-קראַנקהייט מעהרסטענס אַלס אַ פאָלגע פון דער אַקיוטער פאָרמע נאָך סקאַרלעט פיבער.

די קראַנקהייט קען אויך קומען אַלס אַ פאָלגע פון טרינקען צופיעל אַלקאָהאָלישע געטרענקע, אַלס אַ פאָלגע פון מאַלעריאַ, פון סיפילים אָדער פון טובערקולאָזיס. אין מאַנכע פעלע קען זיך די קראַנקהייט ענטוויקלען אָהן שום אורזאַכע, דאָס הייסט די אורזאַכע איז זיכער פאַראַן, נאָר מען קען זי ניט ענטדעקען, און מיר פערשטעהען ניט וואָרום די נירען זאָלען אין אַזאַ פאַל קראַנק ווערען.

די סימנים פון דער קראַנקהייט.

די סימנים פון דער קראַנקהייט בעווייזען זיך זעהר לאַנגזאַם. אויב די כראָנישע קראַנקהייט פון די נירען קומט אלס א פאָלגע פון דער „אקיו-טער" פאָרמע פון דיזער קראַנקהייט, פערשווינדען די סימנים, וועלכע מיר האָבען אויסגערעכענט, ווען מיר האָבען בעשריבען יענע פאָרמע פון ני-רען־קראַנקהייט. דער קראַנקער בלייבט אָבער בלייך, א געלע בלאַסקייט בעדעקט זיין פּנים און אונטער די אויגען איז איהם אָנגעשוואָלען. די געלענקע פון די פיס און די הענד זיינען איהם געשוואָלען, ספּעציעל אין דער פריה, ווען ער שטעהט אויף פון בעט און זיין גאַנצער אויסזעהן איז ווי פון א מיעדען, פערשלאָפענעם מענשען. עקזאמענירענדיג די אורין פון אזא פערזאָן, געפינט מען דאָרטען געוויסע זאכען, וועלכע צייגען דעם געניטען דאָקטאָר, דאָס די נירען פון דיזען פערזאָן זיינען קראַנק.

אויב די קראַנקהייט קומט ניט אלס א פאָלגע פון אן „אקיוטער" אטאקע, ענטוויקלען זיך די זעלבע סימנים לאַנגזאמער. דער קראַנקער בע-מערקט ווי אונטער די אויגען און נעבען זיינע געלענקע איז איהם אָנגע-שוואָלען יעדען אין דער פריה, און ווען ער געהט צו א דאָקטאָר און יענער עקזאמענירט די אורין פון קראַנקען איז לייכט צו בעשטימען די נאטור פון דער קראַנקהייט.

שפּעטער, ווען די קראַנקהייט ענטוויקעלט זיך, ווערט די געשווי-לאכץ גרעסער און מעהר פערשפּרייט. דעם קראַנקען ווערט שווער צו אטעמען, ווייל אויך אין דעם ברוסט־קאַסטען און בויך בעווייזט זיך די געשווילאכץ. אָפטמאָל ליידעט דער קראַנקער שטאַרק פון ברעכען און פון לאַקסירען. עס איז זעהר אָפט צו בעגעגענען ביי אזעלכע קראַנקע „אַר-טעריאַ־סקלעראָסיס", פערהאַרטעוועטע בלוט־רעהרען און א קראַנקעס האַרץ. דאָס האַרץ איז געצוואונגען צו פּאָמפּען בלוט דורך קראַנקע נירען. די ארבייט איז א שווערע און דאָס האַרץ איז געצוואונגען צו ארבייטען שווערער.

דער קראַנקער ליידעט זעהר אָפט פון קאָפּ־שמערצען און ניט איין מאָל ענדיגט זיך די קראַנקהייט אין א ספּעציעלע סאָרט לעטארגיע, וואָס מיר וועלען שפּעטער בעשרייבען.

די אויסזיכטען פון קראַנקען, וואָס ליידעט פון דיזער פאָרמע פון כראָנישע נירען־קראַנקהייט, זיינען זעהר שוואכע. יונגע קינדער קענען

נאָך פיליכט געזונד ווערען. אין עלטערע מענשען ענטוויקעלט זיך די קראנקהייט וואָס ווייטער אלץ ערנסטער און ענדיגט זיך צוזאמען מיט'ן קראנקען'ס לעבען.

א צווייטע פאָרמע פון כראָנישע נירען־קראנקהייט בעגעגענט מען מעהרסטענס ביי עלטערע מענשען, די וואָס זיינען שוין אריבער פערציג, ספּעציעל ביי אזעלכע, וועלכע ארבייטען צו שווער, עסען צו פיעל אָדער דינען צו געטריי דעם גאָט באככוס (גריכישער גאָט פון שיכרות).

דיזע פערזאָנען זיינען אָבער ניט די איינציגע, וואָס ליידען פון דער פאָרמע פון כראָנישע נירען־קראנקהייט, וועלכע מיר וועלען באלד בע־שרייבען. די קראנקהייט קען אטאקירען אינגערע פערזאָנען. זי קען קו־מען בירושה, אָדער אלס א געשאנק צו די, וואָס ליידען פון סיפילים, שווע־רע טרינקער פון אלקאָהאָלישע משקאות גלייכט דיזע קראנקהייט זעהר שטארק. כראָנישע בליי־פערגיפטונג, פון וועלכע פיעלע פיינטערס (פאר־בערס) און ארבייטער אין בליי־פעקטאָרים (פאבריקען) ליידען, פיהרט אָפט צו דיזער קראנקהייט. ביי די, וואָס ליידען פון „ארטעריאָ־סקלעראָסים" (פערהארטעוועטע בלוט־רעהרען) קען קומען דיזע פאָרמע פון כראָנישע ני־רען־קראנקהייט אלס איינע פון די נאָכוועהעניש.

אָבער, ווי שוין פריהער געזאָגט, בעגעגענט מען דיזע פאָרמע פון נירען־קראנקהייט אם מעהרסטען אין מיטעליעהריגע מענשען, וואָס עסען צו פיעל, ארבייטען צו פיעל אָדער טרינקען צו פיעל.

דיזע קראנקהייט, אָבוואָהל ניט אזוי לעבענס־געפעהרליך, ווי די פאָרמע פון כראָנישע נירען־קראנקהייט, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס בע־שריבען, איז אָבער זעהר געפעהרליך שוין דערמיט, וואָס זי פער'גנב'עט זיך צום קראנקען אזוי שטיל און אונבעמערקט, דאָס ער ווייס גאָר ניט, אז ער איז קראנק. אין מאנכע פעלע קען די קראנקהייט זיך אָנגעהן מיט איהר ענטוויקלונג פאר יאָהרען לאנג איידער זי גיט געניגענדע סימנים, דורך וועלכע מען קען זי דערקענען. און אפילו ווען דורך א צופאל גע־לינגט עס יע א דאָקטאָר צו דערקענען בעצייטענס, דאָס איינער ליידעט פון אזא פאָרמע פון נירען־קראנקהייט, איז איהם זעהר שווער צו איבער־צייגען דעם קראנקען, דאָס ער ליידעט פון אן ערנסטער נירען־קראנקהייט. יענער פיהלט זיך ניט קראנק און נעהמט דארום ווייניג אין אכט דעם דאָק־טאָר'ס ווארנונג.

ווען די קראַנקהייט לאָזט יע פון זיך הערען, ליידעט דער פּערזאָן פון אפּעטיטלאָזיגקייט, „דיספּעפּסיא״, קאָפּ־שמערצען, און אָפטמאָל פון איבעלקייט און ברעכען. דיזע סימנים דייטען ניט אָן ספּעציעל אויף איר־גענד וועלכע קראַנקהייט. פיעלע, זעהר פיעלע קראַנקהייטען קענען זיך אָנפאַנגען מיט די אויבענדערמאָהנטע סימנים, און אין א דורכשניטליכען פאַל ווערט דער קראַנקער בעהאַנדעלט פאַר מאָגען־קראַנקהייט.

א מאָדערנער דאָקטאָר, וועלכער עקזאַמענירט די אורין פון יעדען פון זיינע פּאַציענטען, קען אין מאַנכע פון אַזעלכע פעלע זיך אָנשטויסען אויף דער קראַנקהייט דורך געוויסע זאַכען, וואָס ער געפינט אין דער או-רין פון זיין פּאַציענט. אין פיעלע פעלע אָבער ציינט די אורין אין אָנ-פאַנג קיין זאַך, וואָס זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דיזער קראַנקהייט.

א געוויסע פיזישע אונטערזוכונג פון קראַנקען וועט ציינען, דאָס זיין האַרץ איז עטוואָס גרעסער ווי נאָרמאַל. די ווענד פון זיינע בלוט־רעהרען זיינען עטוואָס דיקער ווי זיי וואָלטען געדאַרפט זיין און זיין הויט איז טרוקען. אָפטמאָל ליידעט אַזא פּערזאָן זעהר פיעל פון עקזימא.

ווען די קראַנקהייט ענטוויקעלט זיך ווייטער ווערט דער פּערזאָן קורץ־אָטעמדיג. אין מאַנכע פעלע ליידעט ער אויף די אויגען, און פּלוצ-לינגע בלינדהייט אויף איינע אָדער אויףביידע אויגען איז אָפטמאָל א פאָלגע פון דיזער פאָרמע פון כראָנישע נירוען־קראַנקהייט.

אין מאַנכע פעלע איז אויגען-וועהטאָג דער איינציגער סימפּטאָם, אויף וועלכען דער קראַנקער בעקלאָגט זיך און א געניטער דאָקטאָר, עק-זאַמענירענדיג די אויגען פון אַזא פּערזאָן, קען דערקענען די קראַנקהייט לויט די ענדערונגען, וואָס זי פערורזאַכט אין די אויגען (פערבייגעהענדיג איז ווערט צו בעמערקען, דאָס עלטערע מענשען, וועלכע ליידען פון אוי-גענוועהטאָג, דאַרפען זיך לאָזען עקזאַמענירען זייערע אויגען פון א מעדי-קאַל דאָקטאָר. וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אויגען־קראַנקהייטען און ניט פון איינעם, וואָס קען בלויז צופּאַסען ברילען).

פריהער אָדער שפּעטער ווערט אויך דער קראַנקער קורץ־אָטעמדיג און אין פאַל פון האַרץ־פעהלער בעווייזט זיך אויך א געשווילאַכץ אין מאַנכע טיילען פון קערפּער.

אין דער פאָרמע פון כראָנישע נירוען־קראַנקהייט, וועלכע מיר האָבען פריהער בעשריבען, איז געשווילאַכץ איינע פון די פּראָמינענטסטע סימנים.

אין דיזען פאַל אָבער איז געשווילאָכץ אָן אויפגעהמע און קומט בלויז אין פאַל פון האַרץ-פעהלער.

בראַנקייטים און לונגען-ענטציגדונג זיינען אָפטע קאָמפּליקאַציעס פון דיזער פאָרמע פון נירען-קראַנקהייט. אָבער די געפעהרליכסטע קאָמפּלי-קאַציע איז דאָס פּלאַצען פון אַ קליינע בלוט-רעהר אין מאַרך (אַפּאָפּלעק-ציע), וועלכע פעראורזאַכט אָפט דעם טויט פון אַזאַ קראַנקען. האַרץ-פעהלער און אַ געוויסע פאָרמע פון לעטאַרגיע, וועלכע מיר וועלען באַלד בעשרייבען, זיינען די שלוחים פון טויט פאַר דיזע קראַנקע.

די אויסזיכטען פון קראַנקען.

דיזע פאָרמע פון כראָנישע נירען-קראַנקהייט איז אונקורירבאַר. דער שאָדען, וואָס די נירען ליידען אין פערלויף פון די פיעלע יאָהרען, וואָס די קראַנקהייט ענטוויקעלט זיך, קען ניט פעררי‌כט ווערען, אָבער דאָס לע-בען פון דעם קראַנקען קען פערלענגערט ווערען ספּעציעל ווען ער פאָלגט אויס געוויסע פאָרשריפטען פון דעם דאָקטאָר, אונטער וועמעס אויפזיכט ער געפינט זיך.

די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט איז גרעסטענטיילס אַ „סימפּ-טאָמאַטישע", דאָס הייסט די בעהאַנדלונג ווענדעט זיך לויט די סימנים, וואָס די קראַנקהייט ציינט, און זי מוז זיך דאַרום צופּאַסען צו יעדען פאַל בעזונדער. אַ געוויסע בעהאַנדלונג, וואָס איז גוט פאַר איין קראַנקען פון דיזער פאָרמע פון כראָנישע נירען-קראַנקהייט איז שעדליך פאַר אַ צוויי-טען, וואָס ליידעט פון דער זעלבער קראַנקהייט, אויב יענעם'ס סימנים פון דער קראַנקהייט זיינען אַנדערע.

אַלס אַ כלל איז אָבער וויכטיג פאַר יעדען, וואָס ליידעט פון דיזער קראַנקהייט, ניט צו אַרבייטען צו שווער, ניט צו עסען צופיעל, ניט צו טרינ-קען אַלקאָהאָלישע געטרענקע און אויפגעבען רויכערען. זאָרג און דאגות מאַכען זיין לאַגע נאָך ערגער און עס איז דאַרום פיעל בעסער צו דענקען וואָס ווענ‌יגער וועגען דער קראַנקהייט. דאָס לעבען איז קורץ און די טעג ווען מען קען געניסען עטוואָס פערגעניגען זיינען געצעהלטע. עס איז דאַ-רום גלייכער אויסצומייעדן זאָרגען און טרייען זיין וואָס פרעהליכער און לעבעדיגער.

אויב די פינאנצען ערלויבען איז זעהר גוט אוועקצופאָהרען אין א
עגענד, וואו דער קלימאַט איז שטענדיג מילד, אָבער ניט אַלע קענען זיך
אָס ערלויבען. אָפטע בעדער העלפט דער הויט צו קענען טאָן איהר אר-
ייט ווי געהעריג איז און דאָס נעהמט ארונטער א גרויסע טייל ארבייט
פון די קראַנקע נירען. האלטען דעם פערדייאונגס־מעכאניזם אין אָרדע-
ונג און טרינקען פיעל וואסער העלפט צו האלטען דעם קערפער אינערליך
ריין און אויך דאָס פערקלענערט די ארבייט פון די נירען, וועלכע זיינען
צו קראַנק צו טאָן צו פיעל ארבייט.

יורימיא (אורעמישע לעטארגיע).

איינע פון די גרעסטע געפאהרען פאר'ן קראנקען, וואס ליידעט פון
נירען־קראנקהייט איז „יורימיא" אדער אורעמישע לעטארגיע. די אורין,
וואס די נירען נעהמען ארויס פון אונזער בלוט, ענטהאלט געוויסע שטאפען,
וואס זיינען שעדליך פאר אונזער קערפער, אויב זיי פערבלייבען דארטען.
אזוי לאנג ווי די נירען ארבייטען ווי עס געהער צו זיין איז אונזער קער-
פער פריי פון דיזע גיפטען. אבער ווען אונזערע נירען ווערען קאליע, ווע-
רען מאנכע פון דיזע גיפטיגע מאטעריאלען פערהאלטען אין אונזער בלוט
און דער רעזולטאט איז, דאס אונזער קערפער ווערט לאנגזאם פערגיפטעט.

אין מאנכע פעלע פון „ארטעריא סקלעראסים" (פערהארטעוועטע
בלוט־רעהרען) אדער אין דער צווייטער פארמע פון כראנישע נירען־קראנק-
הייט, וואס מיר האבען אין דיזען ארטיקעל בעשריבען, ענטוויקעלט זיך
די אורעמישע אטאקע לאנגזאם. דער קערפער פון קראנקען ווערט ביס
לאכווייז אנגעפילט מיט גיפטיגע מאטעריאלען, וואס ווערען ניט ארויס
געשיקט דורך די אורין. דער קראנקער פאנגט אן ליידען פון שטארק
קאפ־שמערצען, אפטמאל אויך פון איבעלקייט און ברעכען. די צונג אי
טרוקען און ברוין. דער פערדייאונגס־מעכאניזם איז אויסער ארדענונג
דער קראנקער ליידעט פון שלאפלאזיגקייט און איז קורץ־אטעמדיג. ע
פיהלט קרעמפס אין די פיס, און אפטמאל ליידעט ער פון א בייסעניש. מי
דער צייט פאנגט ער אן צו ליידען פון האלוצינאציעס, משוגע'נע איינרע
דענישען אדער ער פאלט אריין אין א לעטארגישען שלאף.

דער טויט קען קומען אין פערלויף פון איינע פון דיזע לעטארגיש
אטאקעס, פון אן ענטצינדונג אין הארצען, אין דער אינערליכער הויט, ווא
דעקט צו דעם מארך „מענינדזשיטיס" אדער אין דער אינערליכער הויט
וואס געפינט זיך ארום אונזערע לונגען (פליורעסי).

אין אנדערע פעלע קען די אורעמישע אטאקע קומען פלוצלינג. דער קראנקער דערפילט א שרעקליכען קאָפּ־וועהטאָג, איבעלקייט, ברעכען, לאַקסירען הערט גאָר ניט אויף. עס פערכאַפּט איהם דער אטעם, ספּעציעל ביינאכט און ער ליידעט דערפון פונקט ווי איינער, וועלכער ליידעט פון אסטמא. דער קראנקער קריגט היץ, וועלכע שטייגט זעהר הויך קורץ פאר׳ן טויט. מאנכע מוסקולען פאנגען איהם אָן צו ציטערען, ער קריגט קאָנוואולסיעס. מאנכעס מאָל ווערט דער קראנקער צייטוויילינג פּאַראַליזירט אויף איין גליד אָדער אויף א העלפט פון קעפּער, מאנכעס מאָל ווערט ער פּלוצלינג בלינד. אין פיעלע פעלע פאלט דער קראנקער אריין אין א בעוואוסטלאָזען צושטאנד. מאנכעס מאָל ווערט ער ווילד און זוכט צו בעגעהן זעלבסמאָרד.

די אויסזיכטען פון אזא קראנקען זיינען ניט זעהר גינסטיגע. אין מאנכע פעלע ערהאָלט זיך דער קראנקער און ווערט געזונד און אין מאנכע פעלע ערהאָלט ער זיך פון דער פּלוצלינגער אטאקע און ליידעט פון כראָנישער יורימע פאר יאָהרען נאָכאנאנד, אין פיעלע, פיעלע ענדיגט זיך די אטאקע מיט׳ן טויט.

די לאַנגע איז זעהר אָן ערנסטע און דער קראנקער מוז די גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט זיין אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר. מיר וועלען דארום קיין פערזוך ניט מאכען צו בעשרייבען ווי אזא קראנקער דארף בעהאנדעלט ווערען.

האַרץ קראַנקהייטען.

דאָס האַרץ.

אונזער הארץ און ווי אזוי זי ארבייט. די פערגרעסערונג אין דער צאָהל פון הארץ קראנקע. דאָס הארץ — א וואונדערבארע מאשין. ווען דאָס הארץ פאנגט אָן צו פּאָמפּען בלוט. די ענטוויקלונג פון הארץ, די ארכיטעקטור פון הארץ, ווי אזוי דאָס הארץ זעהט אויס. ווי אזוי דאָס הארץ ארבייט.

איינע פון די מערקווירדיגסטע און וואונדערבארסטע מאשינען אין דער וועלט איז דאָס מענשליכע הארץ. דער מענשליכער מוח און די מענשליכע הענט האָבען שוין געשאפען גענוג וואונדערבארע מאשינען, אָבער קיינע פון זיי קען זיך אפילו ניט אָנפאנגען צו פערגלייכען צו דיעזער קליינער, טאָג ווי נאכט ארבייטענדער, מענשליכער מאשין — דאָס הארץ.

נאָך לאנג איידער דער מענש ווערט געבוירען, נאָך איידער זיין קערפּער איז פאָלשטענדיג פאָרמירט אין זיין מוטער'ס בויך, פאנגט אָן זיין הארץ צו פּאָמפּען בלוט דורך זיין אונצייטיגען קערפּער, און ביז זיין לעצטען אטעם־צוג הערט דאָס הארץ ניט אויף צו ארבייטען. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע פון מענשען'ס לעבען האלט דאָס הארץ אין איין ארבייטען און צוזאמען מיט דעם לעצטען הארץ־שלאָג ענדיגט זיך אויך דער לעצטער פונק לעבען פון מענשען. דאָס הארץ דארף דארום מיט רעכט בעטראַכט ווערען אלס דער אמת'ער קוואל פון לעבען.

אזא סאָרט אונערמידליכע מאשין מוז נויטווענדיגערווייז האָבען א גרויסען סטאק „רעזווירוו"־ענערגיע צו קענען ווידערשטעהן די פיעלע מיס ברויכונגען, וואָס דער מענש מאכט פון זיין הארץ. אָבער טראָטץ דיעזע אונגעהייערען סטאק רעזווירוו־ענערגיע, וואָס דאָס הארץ פערמאָגט, פּאַ סירט עס פיעל מאָל און ביי פיעלע מענשען, אז דאָס הארץ באנקראָטירט דער גאנצער סטאק ענערגיע ווערט פערברויכט און דאָס הארץ ווערט קראנק

קראנקע, שוואכע הערצער האלטען זיך אין איין פארמעהרען און פון דער ראָלע, וואָס דאָס הארץ שפּיעלט אין קערפּער, איז לייכט איינצו זעהן, דאָס א באנקראָטירטעס הארץ מיינט דער באנקראָט פון גאנצע קערפּער.

איידער מיר וועלען זיך בעקענען מיט די פערשיידענע קראנקהייטען פון וועלכע דאָס הארץ קען ליידען און ליידעט, וועלען מיר פריהער בקיצו בעטראכטען די ארכיטעקטור און מאַשינעריי פון הארץ זעלבסט. דאָס ווע

אונז העלפען בעסער צו פערשטעהן ווי אזוי די פערשיידענע טיילען פון הארץ קענען אנגעגריפען ווערען פון פערשיידענע קראנקהייטען.

ווען דאס הארץ פאנגט זיך אן צו ענטוויקלען איז עס בלויז אן איינ-פאכע, עטוואס דיקערע בלוט־רעהר. די צעלען פון דיזער רעהר האבען די אייגענשאפט זיך צוזאמענצוציהען און זיך צוריק אויסגלייכען. זיי טוען דאס רעגעלמעסיג און ריטמיש. און דורך דעם ווערט דיזע הארץ־רעהר דיקער און דינער. די עפענונג (חלל) אין דיזער רעהר ווערט שמעלער און ברייטער און דאס בלוט, וואס געהט דורך דיזער רעהר ווערט דארום גע-שטופט, אדער געפאמפט פאראויס.

פון דיזער איינפאכער בלוט־רעהר ענטוויקעלט זיך נאכהער די העכסט קאמפליצירטע מאשין — דאס פאלשטענדיג ענטוויקעלטע מענשליכע הארץ.

דאס פאלשטענדיג ענטוויקעלטע מענשליכע הארץ בעשטעהט פון פיר בעזונדערע קעמערלאך. א ווענטעל אין דער לענג פון הארץ צוטיילט עס אויף א רעכטע און א לינקע זייט. יעדע פון דיזע זייטען בעשטעהט פון אן אויבערשטען און אן אונטערשטען עטאזש. די אויבערשטע קעמער-לאך זיינען אפגעטיילט פון די אונטערשטע דורך „װאלװס" (קלאפענס) טירלאך, וואס קענען זיך עפענען און פערמאכען. דיזע טירלאך דינען אלס דירעקטע פערבינדונג צווישען די אויבערשטע און אונטערשטע קעמער-לאך פון רעכטען און פון לינקען העלפט פון הארץ. צווישען דיזע צוויי העלפטען איז אבער ניטא קיין שום דירעקטע פערבינדונג.

דאס בלוט פון גאנצען קערפער קומט דורך צוויי גרויסע בלוט רעה-רען אריין אין דעם אויבערשטען קעמערעל פון רעכטען זייט הארץ. פון דארטען, ווען דאס הארץ פאנגט זיך אן צוזאמענצוציהען, געהט דאס בלוט אריין אין אונטערשטען קעמערעל פון דער זעלבער, רעכטער, זייט הארץ. אזוי שנעל ווי דיזעס קעמערעל ווערט פול פערמאכט זיך דאס טירעל, דורך וועלכען דאס בלוט איז אריינגעקומען צו פערהיטען, אז דאס בלוט זאל ניט קענען צוריק ארויס, פון וואנען עס איז געקומען.

פון דיזען אונטערשטען קעמערעל, פון דער רעכטער זייט הארץ, ציהען זיך פיר בלוט־רעהרען צו די לונגען, צוויי פאר יעדען לונג. אויך ביי דיזע בלוט־רעהרען געפינען זיך טירען, אבער ווען דאס הארץ ציהט זיך פאלשטענדיג צוזאמען, עפענען זיך דיזע טירען און דאס גאנצע בלוט, וואס געפינט זיך אין אונטערשטען רעכטען קעמערעל פון הארץ, ווערט ארויסגעשיקט אין די לונגען אריין.

פון די לונגען קעהרט זיך דאָס בלוט צוריק דורך פיעל בלוט־רעה־רען צום הארצען און עס קומט אריין אין אויבערשטען קעמערעל פון דער לינקער העלפט פון הארץ. פון דאָרטען געהט דאָס בלוט אריין דורך א טירעל אין אונטערשטען קעמערעל פון דער לינקער זייט פון הארץ און ווען דאָס הארץ ציהט זיך נאָך אמאָל צוזאמען ווערט דאָס גאנצע בלוט פון די־זען קעמערעל ארויסגעשיקט צום קערפער דורך דער ערשטער גרויסער בלוט־רעהר, וואָס הייסט „אאָרטא”.

איידער דאָס קינד ווערט געבאָרען פונקציאָנירען נאָך ניט זיינע לונ־גען. עס געפינט זיך דארום אן עפענונג צווישען די צוויי אויבערשטע קע־מערלאך פון הארץ, און דאָס בלוט פון רעכטען אויבערשטען קעמערעל געהט דירעקט צו דער לינקער זייט פון הארץ, אויסמיידענדיג די לונגען. דיזע עפענונג דארף זיך צומאכען ווען דאָס קינד ווערט געבאָרען. אין מאנכע פעלע בלייבט עס אָבער אָפען, און דאָס איז איינע פון די זעהר ערנ־סטע הארץ־קראנקהייטען, צו וועלכע אונזער הארץ איז אויסגעזעצט.

ווי אזוי דאס הארץ זעהט אויס.

דאָס ראָמאנטישע הארץ, וואָס איז אונז אזוי גוט בעקאנט אלס די ציל־ברעט פאר קיופיד׳ס פיילען, האָט קיין שום עהנליכקייט צום אמת׳ען הארץ. דאָס מענשליכע הארץ איז גיכער עהנליך צו א בארנע אָדער פשוט צו א פויסט (קולאָק).

וואו געפינט זיך דאָס הארץ? די מעהרסטע מענשען דענקען, אז דאָס הארץ געפינט זיך אין דער לינקער זייט פון ברוסט, און פערשיידענע גלייכווערטלאך זיינען שוין פערפאסט געוואָרען, געשטיצט אויף דיזען גלוי־בען. אזוי, צום ביישפיל, זאָגט מען, אז „די לינקע האנט איז נעהענטער צום הארץ”, און „א געלינקטער האָט א בעסערע הארץ ווי איינער, וואָס איז ניט קיין געלינקטער”. דאָס זיינען אָבער בלויז ווערטלאך, וואָס הא־בען קיין ממשות ניט. דאָס הארץ געפינט זיך אין מיטען ברוסט־קאסטען, הינטער דעם ברוסט־ביין, און בלויז עטוואָס נעהנטער צו דער לינקער ווי צו דער רעכטער זייט. א ספעציעלער פּלאַץ אין די לונגען איז געמאכט גע־וואָרען פאר׳ן הארץ און כמעט פון אלע זייטען, אויסער אויף א קורצער שטרעקע פון פאָרענט איז דאָס הארץ ארומגערינגעלט מיט לונג.

דאָס הארץ ווערט געהאַלטען אין פּלאַץ פון די לונגען, וואָס רינגלען עס ארום און פון די גרויסע בלוט־רעהרען, וואָס ציהען זיך פון׳ם הארץ

צו די לונגען און די גרויסע בלוט־רעהרען, וואס פיהרען דאס בלוט פון הארץ צום קערפער און פון קערפער צום הארץ.

ארומגעוויקעלט איז דאס הארץ פון א דאפעלטען (צווייפאכען) זאק. דער אינערליכער זאק איז צוגעקלעפט צו די מוסקולען פון הארץ און דער אויסערליכער איז צוגעאנקערט צו די גרויסע בלוט־רעהרען און צו דער „דיאפרעם” (די מוסקול־וואנד, וואס טיילט אפ דעם ברוסט־קאסטען פון בויך) און העלפט האלטען דאס הארץ אין א בעשטימטען פלאץ.

צווישען די צוויי זעק פון הארץ געפינט זיך א קליינע מאס פון א געוויסע פליסיגקייט, וואס דינט פונקט ווי אויל צווישען צוויי פלאכען, וואס האלטען זיך אין איין רייבען איינע אן די אנדערע. דיזע פליסיג־קייט פערהיט פון אן ענטצינדונג אין'ם הארץ־זאק

ווי אזוי דאס הארץ ארבייט.

די מוסקולען פון הארץ זיינען ארגאנזשירט אין א קרייז־פארמע אזוי, דאס ווען די מוסקולען ציהען זיך צוזאמען ווערט דער לעדיגער פלאץ אין יעדען קעמערל פון הארץ קלענער.

די אויבערשטע צוויי קעמערלאך פון הארץ ארבייטען צוזאמען. זיי־ערע מוסקולען־פעדים ציהען זיך צוזאמען אין דער זעלבער צייט און ציהען זיך צוריק אוים אין דער זעלבער צייט. דאס זעלבע פאסירט מיט די מוס־קול־פעדים פון די אונטערשטע צוויי קעמערלאך.

ביים דורכשניטליך ערוואקסענעם מענשען ציהט זיך דאס הארץ צו־זאמען דורכשניטליך צוויי און זיבעציג מאל יעדע מינוט. און יעדעס מאל, וואס עס ציהט זיך צוזאמען ווערט א נייער שטראם בלוט ארויסגעשיקט פון הארץ דורך די בלוט־רעהרען פון קערפער.

דאס הארץ ארבייט ניט אלע מאל מיט דער זעלבער שנעלקייט. ווען מיר ארבייטען שווער, מיר לויפען, צום ביישפיל, פערשווענדען מיר מעהר ענערגיע און אונזערע מוסקולען נויטיגען זיך אין מעהר בלוט, אום צו קע־ען קריגען מעהר שפייז און פרישע לופט. דאס הארץ פאנגט דאן אן צו ארבייטען שנעלער אום צו קענען פאמפען מעהר בלוט דורך די בלוט־רעהרען.

ווען דער מענש ליידעט פון פיבער, ווען זיין טעמפעראטור איז א הויכע, פערצעהרט ער מעהר און נויטיגט זיך דארום אין מעהר שפייז. מיר זעהען דארום, אז וואס העכער עס איז דער פיבער, פון וועלכען דער

מענש ליידעט, אַלץ שנעלער ארבייט זיין הארץ, אום צו קענען פּאָמפּען מעהר בלוט און ברייננגען מעהר שפּייז צו די פערשיידענע טיילען פון קערפּער.

דאָס הארץ זעלבסט בעשטעהט פון דריי טיילען. די הויפּט טייל פון הארץ בעשטעהט פון מוסקולען, ארום די מוסקולען איז ארומגעוויקעלט דער אויסערליכער הארץ־זאַק, און אינערליך געפינט זיך אַ „ליינינג" פון אַ ספּעציעלער הארץ־הויט. אַלע טירען, וואָס טיילען אָפּ איין הארץ קע־מערעל פון צווייטען און רעגולירען דעם שטראָם פון בלוט, זיינען געמאַכט פון דיזער אינערליכער הויט.

די קראַנקהייטען, פון וועלכע דאָס הארץ ליידעט, זיינען פילע און פערשיידענע. זייער ערנסטקייט ווענדעט זיך אָפּט אין דעם, וואָס פאַר אַ טייל פון הארץ עס ווערט אָנגעגריפען.

די פערשיידענע טיילען פון הארץ און די קראַנקהייטען, צו וועלכע זיי זיינען אויסגעזעצט. — די טירלאַך פון הארץ און די הארץ־„מוירמערס". — וואָס אַזעלכע „מוירמערס" בעדייטען. — וועלכע קראַנקהייטען עס פיהרען צו הארץ־פעהלער.

אין אונזער בעשרייבונג פון הארץ האָבען מיר געזעהן, דאָס עס בע־שטעהט פון מוסקולען, בעדעקט אינערליך און אויסערליך מיט אַ הויט. די קראַנקהייטען, צו וועלכע דאָס הארץ איז אויסגעזעצט גרייפען געוועהנ־ליך אָן דאָס גאַנצע הארץ, אָבער עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס גרייפען אָן מעהרסטענס די אויסערליכע הויט, אַנדערע, וואָס גרייפען אָן מעהרסטענס די אינערליכע הויט און ווידער אַנדערע גרייפען אָן מעהרסטענס די מוס־קולען.

פאַר'ן דורכשניטליכען מענשען איז פיליכט דיזעם צוטיילען פון הארץ־קראַנקהייטען אין דריי אָפּטיילונגען ניט פיעל וויכטיג. אַ שוואַכעס הארץ איז אַ שוואַכעס הארץ, דענקט פיליכט דער דורכשניטליכער מענש, און עס איז קיין אונטערשייד ניט וועלכע טייל פון הארץ עס ליידעט אַם מעהרסטען. דיזער שטאַנדפּונקט איז אָבער אַ פאַלשער. עס איז יע אַ אונ־טערשייד וועלכע טייל פון הארץ עס איז אַם מעהרסטען אָנגעגריפען. די סימנים פון דער קראַנקהייט זיינען אין יעדען פאַל אַנדערע. די בעהאַנד-

לונג איז פערשיידען אין יעדען פאל, און די אויסזיכטען פון קראנקען גע-זונד צו ווערען זיינען גאנץ פערשיידען אין די פערשיידענע קראנקהייטען.

אן ענטצינדונג אין דער הויט, וואס רינגעלט ארום דאס הארץ קען פעראורזאכט ווערען אין יעדען פאל, ווען אין קערפער געפינען זיך מיקרא-בען און דיזע מיקראבען אדער זייער גיפט שווימט ארום אין דעם בלוט. אין דער אקיוטער פארמע פון רהומאטיזם ווען די שלעסער (געלענקע) זיי-נען רויט, געשוואלען און שמערצליך געפינען זיך די מיקראבען פון דיזער קראנקהייט אדער זייערע גיפטען אין דעם בלוט. אין אזא פאל קען די ענטצינדונג ארום הארץ קומען נאך דעם, ווי די שמערצען אין די שלעסער (געלענקע) פערשווינדען, אדער אמאל קען די הארץ־קראנקהייט זיך ארויס-צייגען נאך איידער די סימנים און די אנדערע טיילען פון קערפער זיינען מערקבאר.

דיזע הארץ־קראנקהייט קען אויך קומען אלס רעזולטאט אלס טובער-קולאזיס, לונגען־ענטצינדונג, מאזלען, סקארלעט פיבער (שארלאך), פאקען, טייפויד פיבער און דיפטעריא. אלערליי כראנישע קראנקהייטען, ווי גאוט (פאדאגרא), כראנישע נירען־קראנקהייט, צוקער־קראנקהייט און ז. וו. ענ-דיגען זיך אפטמאל מיט אן ענטצינדונג אין דער הויט ארום הארץ.

דיזע פארמע פון הארץ־קראנקהייט שוינט ניט קיין עלטער. מען האט שוין זאגאר געטראפען פעלע פון דיזער קראנקהייט אין נאך ניט געבארע-נע קינדער. אין יונגע קינדער בעגלייטעט די קראנקהייט אזעלכע שלעק, ווי רהומאטיזם און סקארלעט פיבער; אין עלטערע מענשען בעגלייטעט זי טובערקולאזיס, נירען־קראנקהייט, „גאוט" (פאדאגרא) און עהנליכע קראנקהייטען. פון פאר דער געבורט ביז צום קבר איז דער מענש שטענ-דיג אויסגעזעצט דער געפאהר פון קריגען דיזע קראנקהייט. אין קיין צייט פון זיין לעבען קען ער זאגען, דאס ער איז פערזיכערט געגען איהר.

געוועהנליך געפינען זיך איינינגע טראפען פון א פליסיגקייט צווישען די וועגד פון זאק, אין וועלכע דאס הארץ געפינט זיך. ווען די הויט פון דיזען זאק ווערט ענטצונדען, ווערט דער זאק אנגעפילט מיט א פיעל גרע-סערע מאס פון דיזער פליסיגקייט, אין מאנכע פעלע ביז צוויי ליטערס. דיזע פליסיגקייט דריקט אויף'ן הארצען און שטערט די ארבייט פון הארץ. אין אנדערע פעלע ווערען די וועגד פון זאק צוגעקלעפט צום הארץ און אויך אין אזא פאל איז זעהר שווער פאר'ן הארץ צו ארבייטען נארמאל. דאס הארץ מוז זיך דארום שווערער אנשטרענגען.

אין די גרעסטע צאָהל הארץ־קראנקהייטען איז בלויז די אינערליכע הויט פון הארץ אָנגעגריפען און הויפטזעכליך איז עס די הויט, וואָס פאַר־מירט די טירלאָך, אָדער „וואלוס״ צווישען איין אָפּטיילונג פון הארץ און אנדערען (ענדקאָרדיטים).

עס זיינען דאָ מילדע און זעהר ערנסטע פאָרמען פון דיזע האַרץ־קראנקהייט.

די איינפאכע מילדע פאָרמען פון דער קראנקהייט קומען געוועהנ־ליך אַלס רעזולטאט פון אן אקיוטער (שארפער) אטאקע פון רהומאטיזם, אן ענטצינדונג פון די טאונסילס (מאנדלען), קאָריא (סעינט וויטוס טאנץ), שארלאך אָדער לונגען־ענטצינדונג. דאָס מיינט ניט, אז אין יעדען פאַל פון דיזע אויסגערעכנעטע קראנקהייטען, ווערט אויך דאָס הארץ אָנגעגריפען. נאָר אין א גרויסע צאָהל פון אזעלכע קראנקען־פעלע קומט דיזע הארץ־קראנקהייט אַלס א נאָכוועהעניש. אין זעלטענערע פעלע קומט אזא הארץ־קראנקהייט אויך צוזאמען מיט, אָדער אַלס א פאָלגע פון אנדערע אנשטע־קענדע קראנקהייטען, אויך פון קאנסער, גאָוט (פּאָדאגרא), צוקער־קראנק־הייט, טובערקולאָזיס און כראָנישע נירען־קראנקהייט.

וואָס עס פאסירט אין הארץ איז פאָלגענדעס: אויף די טירלאָך, וואָס געפינען זיך צווישען די פערשיידענע אפטיילונגען פון הארץ, ספּע־ציעל אין דער לינקער זייט פון הארץ, ווערט די הויט רויט און געשוואָלען, קליינינקע בערגעלאך פון צעלען און פערטריקענטעס בלוט בעוויזען זיך אויף די טירלאך און דאָס שטערט זיי פאָלקאָם צו פערמאכען ווען דאָס הארץ ציהט זיך צוזאמען. דורך די שפּארונעס, וואָס ווערען דורך דעם געשאפען, רינט עטוואָס בלוט דורך צוריק צו די טייל פון הארצען, פון וואנען עס קומט. דאָס הארץ פונקציאָנירט (ארבייט) ניט ווי עס דארף זיין.

דער קראנקער פיהלט קיין עקסטרא אונאנגענעהמליכקייט. אויב דאָס פאסירט אין פערלויף פון דער צייט, וואָס זיינע געלענקע זייגען געשוואָ־לען (אין׳ם פאַל פון רהומאטיזם) שטייגט זיין טעמפעראטור, ער האָט עט־וואָס מעהר פיבער, אָבער קיינע שמערצען פיהלט ער ניט. דאָס הארץ פאנגט אָן צו ארבייטען שווערער אום גוט צו מאכען דעם פערלוסט, וואָס דער בלוט־שטראָם ליידעט דורך דער אונפאָלקאָמענהייט פון איינע פון די טירלאָך, און פאר דעם קראנקען זעלבסט איז אונמעגליך צו וויסען, דאָס זיין הארץ איז אָנגעגריפען. בלויז ווען דער דאָקטאָר הערט זיך צו צום הארץ, געפינט ער אויס, דאָס ניט אַלעס איז אין אָרדענונג. דאָס בלוט,

וואָס רינט ארוים דורך די ניט פּאַלקאָם פערמאַכטע טירלאַך פון האַרץ, פעראורזאַכט אַ געוויסען גערויש און לויט דעם כאַראַקטער פון דיזען גע-רויש און לויט דעם פּלאַץ פון וואַנען עס שיינט צו קומען קען דער דאָקטאָר פערשטעהן וועלכע טייל פון האַרץ עס איז אָנגעגריפען.

איז אזא פאַל פון האַרץ-קראַנקהייט געפעהרליך? יע, עס קען פּאַ-סירען, דאָס אַ טייל פון די אָנגעשוואָלענע, אָנגעוואַקסענע בערגלאַך אויף די טירלאַך פון האַרץ זאָלען זיך אָפּרייסען, אין אזא פאַל איז די געפאַהר זעהר גרויס. דאָס אָפּגעריסענע געוויקס ווערט געטריבען דורך דעם בלוט-שטראָם ביז עס בלייבט שטעקען ערגעץ אין אַ שמאָלער בלוט-רעהר און קען ווייטער ניט געהן. די בלוט-רעהר ווערט פערשטאָפּט, דער בלוט-שטראָם צו יענער טייל פון קערפּער, וואָס פלעגט קריגען בלוט דורך דיזער רעהר, ווערט אָפּגעשניטען און דער רעזולטאַט איז, דאָס אַ קליינע טייל פון קער-פּער ווערט פערהונגערט און שטאַרבט אָפּ. דאָס קען פּאַסירען אין די לונ-גען, אין די נירען און אויך אין מאַרך. דער קראַנקער קען אויך פון אזא פאַל פּלוצלינג שטאַרבען, ניט וויסענדיג אַפילו פון וואַנען דער שלאַק האָט איהם געטראָפען.

אָבער ניט אין אַלע פעלע נעהמט אָן די קראַנקהייט אזא ערנסטע ווענ-דונג. אין די מעהרסטע פעלע ערהאָלט זיך דער קראַנקער, ניט וויסענדיג אַפילו, דאָס זיין האַרץ איז אָנגעגריפען. דאָס טירעל פון האַרץ, וואָס איז אָנגעגריפען געוואָרען פון דער קראַנקהייט, בלייבט אונפּאָלקאָם און דער פּער-זאָן ליידעט פון אַ כראָנישע אונפּאָלקאָמענהייט פון זיין האַרץ. דער איינ-ציגער סימן, דאָס ער ליידעט פון אזא צושטאַנד איז דער האַרץ-„מוירמער", וואָס מען קען הערען ווען מען עקזאַמענירט זיין האַרץ.

וואָס זיינען די אויסזיכטען פון אזא קראַנקען?

אויב ער טוט נאָר ניט קיין שווערע אַרבייט און ער היט זיך אויס פון ערנסטע קראַנקהייטען קען ער אַזוי אָפּלעבען אַלע זיינע יאָהרען און ניט ליידען קיין שום אונאַנגענעהמליכקייט פון זיין האַרץ. די געפאַהר פאַר איהם בעשטעהט אָבער אין דעם, דאָס אונטער געוויסע אומשטענדען, ספּע-ציעל ווען אזא פּערזאָן קריגט אַן ערנסטע קראַנקהייט, פּלאַקערט ווידער אויף די ענטצינדונג אין זיין האַרץ און די געפאַהר איז דאַן פיעל גרעסער ווי פריהער.

קען מען זיך אויסהיטען פון אזא הארץ־קראנקהייט?

עס איז ניטאָ קיין שום מיטעל, מיט וועלכען אויף זיכער צו פערהי־טען איינעם, וואָס ליידעט פון די אויבענאויסגערעכענטע קראנקהייטען, ער זאָל ניט קריגען קיין הארץ־קראנקהייט. דאָס איז פשוט דערפאר, ווייל מיר ווייסען נאָך ניט ווי אזוי צו קאָנטראָלירען אין׳ם קראנקען׳ס קערפער די מיקראָבען אָדער די גיפטען פון דיזע מיקראָבען, וואָס פעראורזאכען רהומאטיזם, „גאָוט" (פאָדאגרא), קאָריא (סעינט וויטוס טאנץ), שארלאך, לונגען־ענטצינדונג און עהנליכע קראנקהייטען. מיר ווייסען אָבער דאָס פאָל־שטענדיגע רוה פון א פערזאָן פערקלענערט די מאָס ארבייט, וואָס דאָס הארץ פון אזא פערזאָן מוז טאָן, און מיט דער פערקלענערטער מאָס ארבייט פון הארץ ווערט די געפאהר, צו וועלכע דאָס הארץ איז אויסגעזעצט, אויך קלענער.

אזא פאָרמע פון הארץ־קראנקהייט (ענדאָקארדיטים) קען קומען אין מענשען פון יעדען עלטער — יונגע און אלטע, קליינע קינדער און זקנים. אָבער אם מעהרסטען ליידען דערפון יונגע ערוואקסענע מענשען. אזעלכע מענשען זיינען געוועהנליך „וואוויל־יונגעריש" געשטימט, זיי וועלען זיך אזוי לייכט ניט אונטערגעבען צו א קראנקהייט, און אזוי לאנג ווי זיי פיה־לען זיך נאָך קרעפטיג גענוג, געהען זיי ארום בעזאָרגען זייער טעגליכע ארבייט און ענטזאגען זיך צו ליגען אין בעט. זיי בעטראכטען עס פאר אונטער זייער ווירדע צו זיין קראנק. אָט דערפאר טאקע ענטוויקעלט זיך הארץ־קראנקהייט אין אזא גרויסע צאָהל פון דיזע „לייכטע קראנקהייטען".

יעדער איינער, וואָס ליידעט פון א קראנקהייט, פון וועלכע עס קען זיך ענטוויקלען הארץ־קראנקהייט (און אזעלכע קראנקהייטען זיינען כמעט אלע, וואָס ווערען פעראורזאכט פון מיקראָבען), ניט אכטענדיג ווי און וואָס פאר א מילדע פאָרמע די קראנקהייט זאָל ניט זיין, מוזען פערבלייבען צו־בעט פאר דער צייט, וואָס די קראנקהייט האלט אָן און זיך אָנשטרייננגען אזוי ווייניג ווי מעגליך. ער דארף אויך די גאנצע צייט שטעהן אונטער די אויפזיכט פון דאָקטאָר, און אזוי שנעל ווי דער דאָקטאָר ענטדעקט, אז דאָס הארץ פון קראנקען איז אָנגעגריפען, אונגעאכטעט אויף דעם ווי גוט דער קראנקער זאָל ניט פיהלען, מוז ער פערבלייבען צו בעט אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטאָר ביז יענער דענקט, דאָס די געפאהר איז פאָראיבער.

דער זעלבער שטרענגער רעזשים מוז אויך דורכגעפיהרט ווערען אין א לייכטע ענטציגדונג פון מאנדלען (טאָנסעליטים), וואָס די מעהרסטע מענשען בעטראכטען פאר אזא לייכטע קראנקהייט, וועגען וועלכע עס לוינט זיך גאָר ניט פיעל צייט צו פערלירען. די אָפטע, לייכטע ענטציג־דונגען פון די טאונסילס זיינען פעראנטוואָרטליך פאר א גרויסע צאָהל פעלע פון רהומאטיזם און פון הארץ־קראנקהייטען.

די צווייטע פאָרמע פון דיזען סאָרט הארץ־קראנקהייט (ענדאָקאר־דיטים) איז א פיעל ערנסטערע. אויך דיזע קראנקהייט קומט געוועהנליך אין פעלע, וואו מיקראָבען אָדער זייערע גיפטען שווימען ארום אין בלוט. די קראנקהייט איז אויך אָפט א פאָלגע פון עריסיפעלאס (רויז) און גאָ־נאָריע (א וועגערישע קראנקהייט).

אויך אין אזא פאל ווערען אָפגעזעצט געוויסע בערגלאך (פראָדוק־טען פון דער ענטציגדונג פון דער אינערליכער הויט פון הארץ), אויף די טירלאך פון הארץ אָבער אין דיזען פאל זיינען די בערגלאך פיעל גרעסערע און זיי ענטהאלטען אויך מיקראָבען. דיזע בערגלאך רייסען זיך אָפ פיעל אָפטער ווי אין דעם פאל פון דער איינפאכער מילדער פאָרמע פון הארץ־קראנקהייט, וואָס מיר האָבען פריהער בעשריבען, און אויף יעדען פלאץ, וואו דיזע בערגעלאך שטעלען זיך אָפ, ווערען וואונדען. די וואונדען אין הארץ זעלבסט זיינען אויך פיעל טיפער און ערנסטער, ווי אין ער־שטען פאל.

די סימנים פון אזא הארץ־קראנקהייט זיינען זעהר ערנסטע, אבוואָהל זיי רייטען ניט אָן דירעקט צום הארץ, נאָר צו אן אלגעמיינעם צושטאנד, אין וועלכע, באצילען שווימען ארום אין׳ם בלוט און פעראורזאכען פיעל שאָדען.

דיזע הארץ־קראנקהייט איז זעהר געפעהרליך פון צוויי ביז אכט וואָכען צייט און ענדיגט זיך צוזאמען מיט׳ן לעבען פון׳ם קראנקען. אין מאנכע פעלע קען די קראנקהייט אָנהאלטען איינינע מאָנאטען צייט, אָבער בלויז אין אויסנאהמספעלע בלייבט דער קראנקער לעבען.

וועגען דעם ווי זיך אויסצוהיטען פון דיזער פאָרמע פון דער קראנק־הייט קענען מיר ווידער דאָ בלויז ווידערהאָלען וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט וועגען אנדערע פאָרמעס פון הארץ־קראנקהייט.

כראָנישע האַרץ־קראַנקהייט.

כראָנישע האַרץ־קראַנקהייט קומט געוועהנליך אַלס א פאָלגע פון אַן אַקיוטער, שאַרפער, פאָרמע פון האַרץ־קראַנקהייט. נאָר ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהן קען דיזע שאַרפע אַטאַקע זיין אַזוי מילד, דאָס דער קראַנקער זעלבסט זאָל דערפון ניט וויסען.

אונזער האַרץ האָט א גרויסען רעזערוו (סטאָק) ענערגיע, פון וועלכען עס קען מאַכען א געברויך ווען נויטיג, און דער קראַנקער געהט ווייטער אָן מיט זיין פריהערדיגען אַרט לעבען, ניט וויסענדיג פון די פערצווייפעלטע אַנשטרענגונגען, וואָס זיין האַרץ מאַכט, ניט צו באַנקראָטירען.

ערשט אין די מיטעלע יאָהרען נאָך א לאַנגע צייט פון א זעהר אָנגעשטרענגטען לעבען, דערפיהלט אַזא מענש, דאָס זיין האַרץ איז צו שוואַך פאַר אַזא אָנגעשטרענגטען לעבען. ער געהט דאַרום צו א דאָקטאָר און וואונדערט זיך, ווען דער דאָקטאָר זאָגט, דאָס דער קראַנקער ליידעט שוין פאַר פיעלע יאָהרען פון א קראַנקעם האַרץ, אָדער ווי מען רופט דאָס כראָנישע האַרץ־קראַנקהייט.

די ערשטע און וויכטיגסטע פראַגען, וואָס אַזעלכע פערזאָנען פרעגען, זיינען: איז דיזע קראַנקהייט לעבענס־געפעהרליך? קען דיזער צושטאַנד קורירט ווערען? וואָס זיינען מיינע אויסזיכטען אויף געזונד צו ווערען?

דיזע פראַגען ווי אויך די אַנדערע פאָרמען פון האַרץ־קראַנקהייט וועלען מיר באַלד בעשפרעכען.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, וואָס פאַר א וויכטיגע ראָלע דאָס האַרץ שפּילט אין אונזער קערפּער און וואָס פאַר א גרויסער שאָדען עס איז פאַר'ן קערפּער, ווען דאָס האַרץ ווערט קראַנק. מיר האָבען זיך אויך בעקאַנט מיט מאַנכע פון די אַקיוטע פאָרמען פון האַרץ־קראַנקהייטען און מיט די סימנים, וואָס אַזעלכע קראַנקהייטען צייגען.

עס טרעפט אָבער אָפט אַמאָל, דאָס איינער לאָזט זיך אונטערזוכען פון א דאָקטאָר פאַר אינשורענס (לעבענס־פערזיכערונג) אָדער צוליב אַן אַנדער אורזאַכע, און צו זיין גרעסטען ערשטוינונג זאָגט איהם דער דאָקטאָר, דאָס ער ליידעט פון א כראָנישען האַרץ־קראַנקהייט. סטייטש, וואונדערט זיך דיזער פערזאָן, איך האָב קיין מאָל ניט געליטען פון האַרץ־וועהטאָג און בין, דאַכט זיך, קיין מאָל קראַנק ניט געוועןן, ווי אַזוי קען זיין, דאָס איך זאָל ליידען פון א כראָנישע האַרץ־קראַנקהייט?

א זארנפעליגע נאכפראגע פון דאקטאר צייגט, דאס דער בעטרעפענ-
דער פערזאן האט מיט יאהרען צוריק געליטען פון א קראנקהייט, וואס האט
ראן אנגעגריפען זיין הארץ. נאר ער האט דאס ביז יעצט ניט געוואוסט.
בלויז א דאקטאר דורך אונטערזוכען דעם קראנקען'ס הארץ און הערען ווי
אזוי דאס הארץ ארבייט קען אויסגעפינען דעם אמת'ען צושטאנד פון'ם
פאציענט'ס הארץ.

איז כראנישע הארץ־קראנקהייט געפעהרליך?

דער ענטפער אויף דיזער פראגע ווענדעט זיך אן דעם פון וואס פאר
א סארט קראנקהייט דער פערזאן ליידעט. מיר האבען שוין פריהער גע-
זעהן, אז דאס הארץ בעשטעהט פון פיר אפטיילונגען מיט ווענטלאך צווי-
שען איין אפטיילונג און דער צווייטער. אן אנגריף פון איין טייל פון הארץ
איז ניט גלייך אין ערנסטקייט צו אן אנגריף פון א צווייטען קעמערל פון
הארץ.

די הויפט פראגע אין בעשטימען ווי ווייט ערנסט א געוויסער פאל
פון הארץ־קראנקהייט איז, איז צו בעשטימען וויפיעל רעזערוו סטאק (זא-
פאס) ענערגיע דאס הארץ האט נאך. אונטער נארמאלע צושטענדע האט
אונזער הארץ א גרויסען סטאק ענערגיע צו קענען נאכקומען די עקסטרא
פאדערונגען פאר בלוט, ווען מיר ארבייטען שווער. ווען א טייל פון'ם
הארץ־מעכאניזם ווערט בעשעדיגט און דאס הארץ מוז ארבייטען שווערער
אום גוט צו מאכען דעם שאדען, געברויכט דאס הארץ די רעזערוו־ענער-
גיע, וואס עס פערמאגט. די הארץ־מוסקולען ווערען גרעסער, דאס גאנצע
הארץ ווערט דיקער און גרעסער און ארבייט שווערער.

אויב די פאדערונגען פון קערפער זיינען קליינע און דאס הארץ ווערט
ניט געצוואונגען צו מאכען עקסטרא אנשטרענגונגען קען עס אזוי אנגעהן
פיעלע יאהרען מיט דער ארבייט און דער פערזאן זאל קיין שום אונאנגע-
נעהמליכקייט ניט פיהלען. אויב אבער אזא מענש ארבייט שווער, אדער
ער פיהרט זיך אויף אזוי, דאס די הארץ איז געצוואונגען צו פאמפען מעהר
בלוט דורך זיינע בלוט־רעהרען און איז דארום געצוואונגען צו ארבייטען
שווערער, וועט דער סטאק רעזערוו־ענערגיע זיך שנעל אויסשעפען און דאס
הארץ וועט פריהער אדער שפעטער ניט קענען ערפילען די אויפגאבע פון
פאמפען בלוט דורך'ן קערפער. אזא פאל פון הארץ־צוזאמענברוך איז זעהר
אן ערנסטער.

די ארבייט, וואָס דער מענש טוט, און דאָס ארט לעבען, וואָס ער פיהרט, שפּילט דארום א גרויסע ראָלע אין דער ענטשיידונג פון זיין צו-שטאנד.

א גרויסע ראָלע אין'ם גאנג פון דער קראנקהייט שפּילט אויך די על-טער פון קראנקען. קינדער קענען וועניגער אויסהאלטען הארץ=קראנקהייט, ווי ערוואקסענע מענשען, ווייל זייער הארץ האָט נאָך ניט אזא גרויסען רעזערוו סטאק ענערגיע, און אויך ווייל קינדער זיינען מעהר אונטערוואָר-פען דער געפאהר פון קריגען פערשיידענע קראנקהייטען, אין וועלכע דאָס הארץ איז געצוואונגען צו ארבייטען שווערער.

פרויען קענען, ווי עס שיינט, לייכטער אויסהאלטען כראָנישע הארץ=קראנקהייטען, ווי מענער. דאָס איז פּיליכט דערפאָר, וואָס פרויען פיה-רען אין אלגעמיין א רוהיגערען לעבען ווי מענער און שטרענגען זיך ניט פיעל אָן. שוואנגערשאפט און האָבען קינדער פערשלימערט עטוואָס די לאַגע פון דער פרוי, וועלכע ליידעט פון הארץ=קראנקהייט, אָבער אונטער א זאָרגפעלטיגע אויפפּאסונג איז דאָס לעבען פון אזא פרוי אין קיין געפאהר.

עס איז אונמעגליך צו מאכען א פעסטען כלל פאר הארץ=ליידענדע און זאָגען אונטער וועלכע בעדינגונגען די אויסזיכטען פון קראנקען זיינען גוט און אונטער וועלכע בעדינגונגען זיי זיינען ניט אזוי גוט. יעדער קראנ-קער איז א געזעץ פאר זיך, און יעדער קראנקער מוז בעזונדער שטודירט ווערען און בעזונדער בעהאנדעלט ווערען.

איין זאך איז זיכער: דער שאָדען וואָס דאָס הארץ האָט שוין גע-ליטען קען מעהר ניט פעררריכט ווערען. וואָס מען קען יע טאָן, איז פער-היטען, דאָס דער שאָדען זאָל זיך ניט פערשפּרייטען און אז דאָס הארץ זאָל ניט אויסשעפּען דאָס לעצטע ביסעל ענערגיע, וואָס עס פערמאָגט און זאָל ניט מוזען באנקראָטירען.

די בעהאנדלונג פון דער קראנקהייט.

אין דער צייט ווען דאָס הארץ איז נאָך פעהיג גוט צו מאכען דעם שאָדען, וואָס עס האָט געליטען און דער מענש פיהלט נאָך ניט קיינע אונ-אנגענעהמליכקייטען, נויטיגט ער זיך ניט אין קיין שום מעדיצין פאר זיין הארץ.

דיזער פּונקט איז ווערט צו בעטאָנען, ווייל אזוי שנעל ווי א מענש געפינט אויס, דאָס ער ליידעט פון א שוואך הארץ, פאנגט ער אָן ארום-

צוגעהן פון איין דאָקטאָר צום אנדערען, פערלאַנגענדיג, בעטענדיג, פאָדערנ־דיג מעדיצין פאַר זיין הארץ. פריהער אָדער שפעטער טרעפט פיליכט אזא קראַנקער א דאָקטאָר, וועלכער לאָזט זיך איבעררעדען פון דעם קראַנקען און גיט איהם א מעדיצין און אָפטמאָל ברייננט אזא מעדיצין מעהר שאָ־דען ווי נוצען.

עס איז דארום ווערט צו ווידערהאָלען, דאָס אין אזא פאַל נויטיגט זיך ניט דער קראַנקער אין קיין מעדיצין. אין וואָס ער נויטיגט זיך יע, איז: א שטיל, רוהיג, געלאַסען לעבען אָהן אויפרעגונגען, אָהן זאָרג און אָהן פיעל אַנשטרענגונגען. ער טאָר ניט טרינקען קיין שארפע משקאות און טאָר ניט טאָן קיין זאַך, וואָס רעגט איהם אויף. עקסערסייז, פיזישע איבונגען מעג ער נעהמען מיט א מאָס, אָבער אזוי שנעל ווי ער דערפיהלט זיך מיד מוז ער זיך אָפּרוהען. טערקישע בעדער און הייסע בעדער אין אַלגעמיין זיינען שעדליך, לעבליכע בעדער דארפען גענומען ווערען יעדען טאָג צו האַלטען די הויט ריין און אקטיוו.

ווען דאָס הארץ באנקראָטירט און קען מעהר ניט ארבייטען ווי עס געהער צו זיין, איז די לאַגע א גאַנץ ערנסטע. אין מאַנכע פעלע קומט דער באנקראָט אזוי פלוצלינג, דאָס דער קראַנקער שטארבט שנעל. אין אנדערע פעלע קומט די אטאַקע ניט אזוי פלוצלינג, דער קראַנקער ליידעט פון א קורצען אטעם, ספּעציעל ביינאַכט און ווען ער מאַכט די קלענסטע אָנשטרענ־גונג. ער איז אויך זעהר בלייך און אָפּגעמאָרעט און צייגט אַלע סימנים פון א מענש, וועמעס געזונד עס האַלט שנעל אין פערשווינדען. אין א קורצע צייט ארום מוז זיך דער קראַנקער לייגען צו בעט און ער קען מעהר ניט אויפשטעהן. אין אזא פאַל ווענדען דאָקטוירים אָן פערשיידענע מע־דיצינען צו שטארקען דאָס הארץ. אין מאַנכע פעלע, אָבער ניט אין אַלע, געלינגט עס.

די הארץ־קראַנקהייטען, וועלכע מיר האָבען דאָ בעשריבען, זיינען נאָך ווייט ניט אַלע קראַנקהייטען, פון וועלכע דאָס הארץ ליידעט. עס זיינען נאָך דאָ פיעלע אָנשיקענישען, פון וועלכע אונזער אָרים הארץ האָט אויסצושטעהן, אָבער די קראַנקהייטען, וועלכע מיר האָבען דערמאָהנט, זיינען די, וואָס פאָדערן די גרעסטע צאָהל קרבנות.

אונזער הארץ ארבייט פיליכט שווערער ווי אירגענד וועלכער אנדע־רער אָרגאַן אין אונזער קערפּער. טאָג ווי נאַכט פון דער צייט נאָך איידער מיר ווערען געבאָרען ביז מיר שטארבען האַלט דאָס הארץ אין איין ארביי־

טען און אין איין פּאַמפּען בלוט דורך אונזערע בלוט-רעהרען אום אויפצו-האַלטען אונזער קערפּער-מאשין אין גוטער אָרדענונג. אונזער הארץ פּראָ-טעסטירט ניט, ווען מיר פערלאַנגען אָפּט עקסטרא ארבייט. שטיל און גע-דולדיג ערפילט דאָס הארץ די אויפגאַבע, צו וועלכע עס איז בעשאַפען גע-וואָרען. עס איז דער בעסטער, ארבייטסזאַמער און געטרייסטער שקלאַף, וואָס אונזער קערפער פערמאָגט.

אָבער אין אונזער אונוויסענהייט נוצען מיר אָפּטמאָל אוים דאָס הארץ צופיעל און מיר מוזען דערפאַר טייער בעצאָהלען. דאָס הארץ וואָרענט אונז. אויף דער שטומער שפּראַך, וועלכע נאָר דאָקטוירים פערשטעהען, האַלט דאָס הארץ אין איין וואָרנען אונז, דאָס מיר זאָלען זיין פאָרזיכטיג. טאָג ווי נאַכט אונאויפהערליך וואָרענט אונז דאָס הארץ און ווען מיר פער-נאַכלעסיגען דאָך צו פאָלגען דיזע וואָרנונג איז עס אונזער אייגענע שולד. ווען מיר בעצאָהלען נאַכהער זעהר טייער דערפאַר.

וואָס זשע דאַרף מען טאָן אום אויסצומיידען ערנסטע הארץ-קראַנק-הייטען? מען דאַרף זיך פון צייט צו צייט לאָזען אונטערזוכען פון א דאָקטאָר אום אויסצוגעפינען און פערשטעהן די וואָרנונג פון הארץ, מען דאַרף אויך אויספאָלגען די פאָרשריפטען פון דיזען דאָקטאָר אין בעצוג צום אַרט לעבען, וואָס ער דאַרף פיהרען. בלויז אונטער אַזעלכע אומשטענ-דען איז מעגליך בעצייטענס צו ענטדעקען לייכטע הארץ-פעהלערן און פערהיטען עס זאָל זיך דערפון ניט ענטוויקלען קיין ערנסטע קראַנקהיים.

קאנסער (ראק, קרעבס).

אכטציג טויזענד מענשען שטארבען יעדען יאָהר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון קאנסער. איינער פון יעדע פערצעהן מענער, פון פערציג יאָהר אין עלטער, איינע פון אכט פרויען פון זעלבען עלטער שטארבט פון דיזער מערקווירדיגער אונפערשטענדליכער קראנקהייט.

קאנסער אָדער „ראק" אטאקירט מעהרסטענס עלטערע מענשען, און צווישען דיזע פאָדערט זי מעהר קרבנות ווי טובערקולאָזיס אָדער לונגען־ענטצינדונג. נאָכמער, ווערענד די צאָל שווינדזיכטיגע ווערען פערהעלטניסמעסיג קלענער מיט יעדען יאָהר, א דאנק דעם, וואָס די בעדינגונגען, אונטער וועלכע מיר לעבען, ווערען כסדר פערבעסערט, וואקסט אין דער זעלבער צייט די צאָהל קאנסער־קרבנות און ווערט מיט יעדען יאָהר גרעסער.

קאנסער איז איינע פון די שרעקליכסטע קראנקהייטען, פון וועלכע מענשען ליידען. זי עקזיסטירט אין יעדען לאנד, זי גרייפט אָן מענשען פון יעדע ראסע, פון יעדער נאציאָן, אין יעדען ווינקעלע פון ערד־קוגעל. זי שרעקט זיך ניט אָפּ פאר רייכע און האָט קיין רחמנות ניט אויף אָרימע. און אזוי שנעל, ווי זי האָט זיך פעסט בעזעצט אין מענשליכען קערפּער, זיינען מיר אבסאָלוט אונמעכטיג זי צו בעזיגען. די איינציגע האָפענונג אויף צו רעטען דעם קרבן פון קאנסער איז אויסצושניידען דעם קראנקען פּלאץ צוזאמען מיט א גרויסען טייל פון געזונדען קערפּער ארום דעם פּלאץ, וואו דער קאנסער האָט אָנגעפאנגען צו וואקסען.

דאָס מוז אָבער געטאָן ווערען אזוי שנעל ווי די קראנקהייט פאנגט זיך נאָר אָן צו ענטוויקלען. ווען עס בעווייזען זיך שוין אונצווייפעלהאפטע סימנים, דאָס א קאנסער עקזיסטירט איז שוין געוועהנליך צו שפּעט פאר אן אָפּעראציאָן.

וואס פאר א סארט קראנקהייט איז קאנסער?

פערשיידענע קינדישע מיינונגען געהען ארום צווישען עולם וועגען דיזער װעניג פערשטאנענער קראנקהייט.

מאנכע גלויבען, אז דאס איז א לעבעדיגער ראק (קרעבס), וואס פאנגט אן וואקסען אין קערפער. אנדערע, ווידער, וואס האבען געהערט, דאס מאנכעס מאל איז א קאנסער ניט זעהר לעבענס־געפעהרליך, וועהרענד אן אנדערש מאל איז די קראנקהייט יע לעבענס־געפעהרליך, האבען זיך אויס-געארבייט א טעאָריע, דאס עס זיינען דא מענליכע און ווייבליכע קאנסערס, און בלויז די ווייבליכע קאנסער זיינען געפעהרליך. עס איז דאכט זיך איבעריג צו זאגען, אז דאס זיינען אלץ קינדישע מעשיות, וואס האבען קיין שום פראקטישען ווערט.

וואס זשע איז א קאנסער?

א קאנסער איז אן אבנארמאלע געוויקס פון צעלען אין א פלאץ פון קערפער, וואו זיי בעלאנגען ניט.

פונקט ווי א געביידע בעשטעהט פון פיעלע ציגעל צוזאמענגעשטעלט אין א געוויסער אָרדענונג, אזוי בעשטעהט אונזער קערפער פון אונצעהליגע צעלען. דיזע צעלען אונטערשיידען זיך זעהר פיעל איינע פון די אנדערע לויט דעם טייל פון קערפער, וואס זיי שטעלען צוזאמען און לויט דער פונקציאָן, וואס זיי האבען צו ערפילען.

די צעלען, וואס שטעלען צוזאמען אונזערע מוסקולען, האבען א גע-וויסע פאָרמע, ווייל זיי ערפילען א געוויסע אויפגאבע. זייער ארבייט איז צו בעוועגען אונזערע ביינער לויט די אָרדערס, וואס זיי קריגען פון די נערוען. די זעלבע אויפגאבע אין עטוואס א געענדערטער פאָרמע הא-בען די מוסקולען פון הארץ און די מוסקולען פון מאגען און די קישקעס. אבוואהל דיזע בעוועגען ניט קיין ביינער איז אבער זייער אויפגאבע אויך שטענדיג זיך צוזאמענצוציהען און אויסצוציהען. די פאָרמע פון די מוס-קול צעלע איז דארום אזא, וואס מאכט מעגליך פאר איהר צו ערפילען איהר אויפגאבע.

א געוויסע גרופע צעלען שטעלען צוזאמען אונזער נערווען סיסטעם. די פונקציאָן פון די נערוען קען פערגליכען ווערען מיט דער פונקציאָן פון

אַ טעלעגראַפען־סיסטעם. אַ נערוו־צעלע בעשטעהט דאָרום פון אַ „צענט-ראַלער סטאַנציע“ און פיעלע „דראָטען“, וואָס פערשפרייטען זיך אין פער-שיידענע ריכטונגען.

די צעלען פון לעבער האָבען אַ גאַנץ אַנדער אויפגאַבע צו ערפילען. די צעלען פון די ביינער אָן אַנדער אויפגאַבע, די פעט־צעלען, הויט־צעלען, בלוט־צעלען, נירען־צעלען, יעדע פון זיי האָבען אַן אַנדער מיסיאָן צו ערפילען און זייער פאָרמע ווענדעט זיך אָן דיזער אויפגאַבע.

אַזוי לאַנג ווי אונזער קערפּער לעבט האָבען די צעלען פון אונזערע פערשיידענע אָרגאַנען צוויי סאָרטען טעטיגקייט: וואַקסען אָדער אויפ-האַלטען די גאַנצקייט פון זייערע קליינע קערפּערלאַך און טאָן די בעשטימ-טע ארבייט, צו וועלכע זיי זיינען בעשאַפען.

ווען דאָס קינד פאַנגט זיך נאָר וואָס אָן צו ענטוויקלען אין דער מו-טער'ס בויך, פאַרשווענדען די צעלען זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו וואַק-סען און צו פערמעהרען זיך. שפּעטער, אין פערלויף פון אונזער זעלבסט-שטענדיגעם לעבען, פערשווענדען די צעלען זייער ענערגיע אויף צו וואַקסען און צו ערפילען זייערע פונקציאָנען. און ווען מיר הערען אויף צו וואַק-סען, ווען מיר זיינען ארום 25 יאָהר אַלט, ווערט בלויז אַ קליינע טייל פון די קערפּער ענערגיע פערשווענדעט אויף צו פעררעכטען די אָפּגענוצטע טיי-לען פון די צעלען, די גאַנצע איבעריגע ענערגיע פערשווענדען די צעלען אויף צו טאָן זייער ארבייט.

פּאַסירט אָבער, דאָס מאַנכע צעלען פון אַ געוויסען טייל פון קערפּער פאַנגען פּלוצלינג אָן צו וואַקסען „משוגענער־ווייז“. זיי פערלירען אין גאַנ-צען די פעהיגקייט צו טאָן אַ געוויסע ארבייט, ערפילען אַ געוויסע פונק-ציאָן. אַלעס וואָס זיי טוען איז וואַקסען און פערמעהרען זיך זעהר שנעל. אָט דיזער געוויקס ווערט אָנגערופען קאַנסער.

די קאַנסער־צעלען פערניכטען ביסלעכווייז און פרעסען אויף די גע-זונדע טיילען פון קערפּער, אין וועלכע זיי וואַקסען. טיילען פון קאַנסער רייסען זיך אויך אָפּ און ווערען פערטראַגען אין אַנדערע טיילען פון קער-פּער און פאַנגען דאָרטען אָן זיך צו ענטוויקלען. אין אַ גאַנץ קורצע צייט זיינען די וויכטיגסטע אָרגאַנען פון קערפּער אַזוי שטאַרק בעשעדיגט, דאָס דער גאַנצער קערפּער־מעכאַניזם געהט צו גרונדע — דער מענש שטאַרבט.

אָבער ניט אַזוי לייכט קומט דער טויט אַלס ערלייזער צו דעם קאַנ-סער־קרבן. דער קראַנקער מוטשעט זיך גענוג אָן, ער ליידעט שרעקליכע

שמערצען און ניט נאָר ער אַליין, נאָר זיינע נאָהענטסטע און טייערסטע
בעטען דער טויט זאָל וואָס שנעלער קומען און מאַכען אַן ענדע צו די ליי-
דען פון'ם אונגליקליכען.

פערשיידענע פארמען פון קאַנסער?

ניט אַלע קאַנסערס זיינען גלייך. זייער כאראקטער און זייער שער-
ליכקייט ווענדעט זיך אָן דעם צו זיי וואַקסען שנעל אָדער לאַנגזאַם, אין
וועלכע טייל פון קערפּער זיי געפינען זיך, וועלכע טייל פון קערפּער זיי
אַטאַקירען צוערשט און ווי שנעל זיי פערשפּרייטען זיך צו אַנדערע טיילען
פון קערפּער.

א קאַנסער אויף דער הויט (וואָס ווערט אָנגערופען „עפּיטעליאָמאַ")
וואַקסט זעהר לאַנגזאַם. ער פאַנגט זיך אָן געוועהנליך אַלס אַ קליינער
„פּימפּעל", אָדער אַ בראָדעווקע, אויף אַ באַק, פּונקט אונטער'ן אויג, אויף
אַן אויגען־דעקעל אָדער אויף אַ ליפּ. דיזע בראָדעווקע, אָדער „פּימפּער",
אָדער לייכטע וואונד, פערהיילט זיך ניט אַזוי לייכט און בלוטעט פיעל יע-
דעם מאָל ווען מען בעשעדיגט עס. מאַנאַטען און יאָהרען גייען אָפּט פאָר-
איבער איידער פון דיזע בראָדעווקע ווערט אַ וואונד, וואָס פערשפּרייט זיך
און ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער און גרעסער. דער קראַנקער געפינט
דאַן אויס, דאָס ער ליידעט פון אַ קאַנסער.

די גרעסטע צאָהל קרבנות פון קאַנסער, ספּעציעל צווישען מענער,
ליידען פון קאַנסער אויף'ן מאָגען. אַזעלכע מענשען זיינען געוועהנליך מי-
טעליעהריגע, אָבוואָהל פון צייט צו צייט געפינט מען אויך אַ קרבן פון קאַנ-
סער, וואָס איז נאָך גאַנץ יונג. דער קראַנקער צייגט געוויסע סימנים פון
מאָגען־קראַנקהייט, „דיספּעפּסיא", אָדער ער האָט פריהער געליטען פון אַן
„אַלסער" (וואונד) אויף'ן מאָגען.

אַזאַ קראַנקער פערלירט שנעל פיעל געוויכט, ברעכט אָפּט און ווען
מען פּאָמפּעט אויס זיין מאָגען און מען אונטערזוכט וואָס דאָרטען טוט
זיך, געפינט מען געוויסע סימנים, וואָס צייגען אויף דער עקזיסטענץ פון
אַ קאַנסער. אַ קאַנסער אויף'ן מאָגען איז זעהר אַ געפעהרליכע פאָרמע פון
קאַנסער און עס טויטעט די קרבנות אָפּטמאָל אין ווייניגער ווי אַ יאָהר צייט.

קאַנסער אין דער געבעהרמוטער טרעפט מען ביי מיטעליעהריגע פרוי-
ען, ספּעציעל ביי אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאַט צו אייניגע קינדער. די

קראַנקהייט צייגט זיך געוועהנליך נאָך דער „מענאָפּאָוז״ (ווען די פרוי הערט שוין אויף צו האָבען איהר מאָנאַטליכען פלוס). אין אַזאַ צייט, אויב די פרוי בלוטעט אָפט אָדער האָט אַן אונרעגעלמעסיגען פלוס, פון וועלכען עס הערט זיך אַן אוּאַנגענעהמער גערוך, מוז זי זיך גלייך לאָזען אונטערזוכען פון אַ דאָקטאָר אום אויסצוגעפינען אויב זי ליידעט ניט פון קאַנסער.

אַ קאַנסער אויף דער ברוסט קען פּאַסירען אין מענער פּונקט ווי אין פרויען. אָבער מעהרסטענס פּאַסירט עס אין פרויען, וואָס זיינען צווישען פינף און דרייסיג און פערציג יאָהר אַלט. עס פאַנגט זיך אָן ווי אַן איינגעפּאַכע גוליע, אָדער פערהאַרטעוועטער פּלאַץ אין איינע פון די בריסט און איז אין אָנפאַנג שמערצלאָז. יעדע מיטעליעהריגע פרוי, וואָס ליידעט פון אַזאַ גוליע, מוז גלייך געהן צו אַ דאָקטאָר.

עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע קאַנסערס, וואָס ווערען בעצייכענט מיט׳ן נאָמען „סאַרקאָמאַ״. דיזע קאַנסער גרייפען אָן מענשען פון יעדען עלטער, פון קליינע קינדער ביז זקנים. זיי גרייפען אָן אירגענד וועלכען טייל פון קערפּער: די ביינער, מוסקולען, הויט, בויך, לונגען און זאָגאַר דעם מאָרך. סאַרקאָמאַס פערשפּרייטען זיך דורך דער בלוט צירקולאַציאָן. שטיקלאַך פון דיזע קאַנסערס פּרעסען דורך די ווענד פון די בלוט־רעהרען און דער בלוט־שטראָם פערטראָגט זיי דאַן צו פערשיידענע טיילען פון קערפּער.

פון וואַנען קאַנסער נעהמט זיך, פאַרוואָס געוויסע צעלען פון קערפּער זאָלען פּלוצלינג אָנפאַנגען צו וואַקסען „משוגענער־ווייז״ און זאָלען אַזוי שנעל פערניכטען זייער קרבן, דאָס וויסען מיר ניט, און טאַקע דאַרום איז אַזוי שווער צו געפינען אַ הייל־מיטעל געגען קאַנסער.

לויט אונזער יעצטיגען וויסען אָבער, ווערט קאַנסער ניט פעראורזאַכט פון באַצילען, ווי צום ביישפּיל טובערקולאָזיס, ניומאָניא, און עהנליכע קראַנקהייטען. קאַנסער איז דאַרום ניט אַנשטעקענד, דאָס הייסט איהר קענט זיך ניט אָננעהמען פון דער קראַנקהייט ווען איהר ריהרט זיך אָן אָן איינעם, וואָס ליידעט פון קאַנסער, און דאַרפט זיך דאַרום ניט היטען פון דיזע אונגליקליכע, ווי עס איז דער פאַל מיט שווינדזיכטיגע.

קאַנסער געהט ניט איבער בירושה, און ווען איין מיטגליד פון אַ פאַמיליע ליידעט פון אַ ראַק איז נאָך קיין סימן ניט, דאָס אויך די אַנדערע מיטגלידער פון דער זעלבער פאַמיליע ליידען פון דיזער קראַנקהייט. פיעלע פאָרשער האָבען געזוכט צו בעווייזען, דאָס קאַנסער געהט יע איבער בירושה, אָבער ביז יעצט איז דאָס זיי נאָך ניט געלונגען.

ווען איינינע מיטגלידער פון דער זעלבער משפחה ליידען פון קאנסער איז עס בלויז א צופאל, פונקט ווי עס קען אמאל פאסירען, דאס צוויי מיט־גלידער פון דער זעלבער פאמיליע זאלען איבערגעפאהרען ווערען פון אוי־טאמאבילס, אדער פאלען און זיך בעשעדיגען.

וועהרענד די קראנקהייטען, וואס ווערען פעראורזאכט פון באצילען אטאקירען מעהרסטענס בלויז אזעלכע מענשען, וואס זיינען קראנק, אבגע־שוואכט,ווענמענס ווידערשטאנדסקראפט עס קען ניט ביישטעהן דעם אנ־גריף פון די באצילען, אטאקירט די קאנסער־קראנקהייט אויך גאנץ־געזונ־דע מענשען. און קיינער קען זיך ניט בעווארענען געגען דיזער מערקוויר־דיגער אונפערשטענדליכער קראנקהייט.

יעדער, וואס טרעט אריבער דעם שוועל פון מיטעליעהריגקייט, קען אטאקירט ווערען פון קאנסער און ער מוז דארום זעהר פארזיכטיג זיין צו שטעלען זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר אזוי שנעל ווי ער בע־מערקט די ערשטע סימנים פון דיזער קראנקהייט.

די סימנים פון קאנסער.

און וואס זיינען די סימנים פון קאנסער? ליידער זיינען די ערשטע סימנים פון דיזער קראנקהייט זעהר אונדייטליך, און דער גאנג פון איהר ענטוויקלונג איז אזוי שנעל, דאס ווען דער פאציענט צעגערט צו לאנג צו געהן צום דאקטאר, אדער דער דאקטאר צעגערט צו לאנג איידער ער בע־שליסט, דאס ער האט פאר זיך א קאנסער־קיים איז די קראנקהייט שוין צו ווייט פערגאנגען.

ווען א קאנסער־געוויקס פאנגט זיך אן צו ענטוויקלען אויף דער צונג, ליפ, אדער ברוסט איז עס נאך לייכט צו בעמערקען און די אונאנגענעהם־ליכקייט, וואס דער פאציענט ליידעט, טרייבט איהם געוועהנליך שנעל צום דאקטאר. ווען די געוויקס איז אויף אן אויסערליכען טייל פון קערפער איז אויך פאר א גוטען דאקטאר פערהעלטניסמעסיג ניט שווער צו בעשטימען, אויב דאס איז א קאנסער אדער ניט.

אנדערש איז אבער דער פאל, ווען דער קאנסער איז אין מאגען, אדער אין איינעם פון די אנדערע אינערליכע ארגאנען פון קערפער. אויסערליך קען מען דאן דעם קאנסער ניט זעהן, און ליידער קומען ניט די שמערצען פריה גענוג צו קענען ווארנען דעם אונגליקליכען פון דער גרויסער געפאהר, וואס איהם שטעהט פאר.

פון וואנען זשע זאָל איינער וויסען, דאָס ער איז אין געפאהר צו
…ייגען קאַנסער? פון וואנען זאָל ער וויסען, ווען ער דארף געהן צו אַ
…אָקטאָר?

יעדער מיטעליעהריגער מענש, פון פערציג יאָהר און עלטער, וואָס
…יידעט פון זיין מאָגען, פערלירט געוויכט און ליידעט פון בלייכזוכט, מוז
…לייך געהן צו אַ קאָמפעטענטען דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געוויסע
…יטלען, דורך וועלכע ער קען אויסגעפינען, אויב דער קראַנקער ליידעט פון
…אַנסער אָדער אַן אנדער קראַנקהייט. און אין פאַל דער דאָקטאָר האָט אַ
…טארקען פערדאַכט און קען ניט גענוי בעשטימען פון אַן אויסערליכע אונ-
…ערזוכונג צו דאָס איז קאַנסער אָדער ניט, מוז דער פאציענט צושטימען
… אַן „אונטערזוכונגס־אָפּעראַציאָן”, וואָס איז דאָס איינציגע זיכערע מי-
…על צו בעשטימען אויף זיכער די נאַטור פון דער קראַנקהייט.

יעדע פרוי פון מיטעלען עלטער, וואָס דערפיהלט אַ „גוליע” אין איי-
… פון איהרע בריסט, מוז גלייך געהן צו אַ דאָקטאָר אום אויסצוגעפינען,
…אָס דיזע „גוליע” איז. מענער ליידען מעהר פון קאַנסער אין מאָגען. ביי
…רויען פאַנגט קאַנסער זיך צוערשט אָן ענטוויקלען אין אַ ברוסט.

יעדע פרוי, וואָס בלוטעט אין צייט פון דער „ענדערונגס־פּעריאָדע
…ין לעבען”, מוז זיך לאָזען אונטערזוכען פון אַ קאָמפעטענטען דאָקטאָר.
…דער מיטעליעהריגער פערזאָן מוז פון צייט צו צייט זיך לאָזען אונטערזוכען
…ן אַ דאָקטאָר. בלויז דורך אַזעלכע רעגעלמעסיגע אונטערזוכונגען קען
…ען האָפען צו ענטדעקען קאַנסער אין די ערשטע שטופען פון דער ענט-
…יקלונג פון דיזער קראַנקהייט.

…ן פארגעסט ניט, אַז דורך אַן אָפּעראַציאָן, וואָס ווערט געמאַכט פריה גע-
… קען דער קאַנסער פאָלשטענדיג אויסגעשניטען ווערען און דער
…ערפער ווערט געראַטעט פון אַ שרעקליכער קראַנקהייט. אָהן אַן
…עראַציאָן איז קאַנסער אונהיילבאר, און אַ שפּעטע אָפּעראַציאָן האָט שוין
…יועהנליך קיין ווערט ניט, ווייל די קאַנסער־צעלען האָבען זיך שוין פער-
…ברייט איבער אַנדערע טיילען פון קערפּער.

ראַדיום און עקס־שטראַהלען ווערען געברויכט אין מאַנכע פעלע פון
…נסער, אָבער פאָרלויפיג האָט די ערפאַהרונג געוויזען, אַז דאָס מעסער
… די איינציגע זיכערע רפואה.

וואָס אנבעלאנגט מעדיצינען זיינען אזעלכע ניטאָ פאַר קאַנסער. יע
דער, וואָס פערזיכערט, דאָס ער קען היילען קאַנסער מיט א מעדיצין, זוכ
בלויז צו מאכען געלט פון'ם אונגליק פון אַנדערע. פון די טויזענדע או
טויזענדע עקספּערימענטען, וואָס מען האָט געמאכט מיט פערשיידענע הייל
מיטלען, האָט מען נאָך פאָרלויפיג ניט געפונען קיין איינציגע מעדיצין, וואָ
זאָל קענען בעקעמפען דיזע אונפערשטענדליכע און העכסט געפעהרליכ
קראַנקהייט.

שלום.

דער זיכערסטער וועג ווי זיך אויסצוהיטען פון ערנסטע קראנקהייטען.

דער מענשליכער קערפּער איז א וואונדערבארע און אין דער זעלבער צייט א העכסט דעליקאטנע מאשין. פאר יעדען פון אונז איז זיין מאשין די טייערסטע זאך, וואס ער פערמאגט אין זיין לעבען. די מעהרסטע פון אונז ווייסען גאר ניט פון'ם מעכאניזם פון דיזער מאשין אדער פון די גע-זעצע, וואס רעגולירען איהר ארבייט. א גאנץ ווייניגע צאהל מענשען ווייסען עטוואס פון דעם.

און יעדער פון אונז, אונוויסענד ווי ער איז אין דיזער הינזיכט, איז פאלשטענדיגער בעל הבית איבער זיין מאשין. ער שפּילט די ראלע פון א מאשיניסט און בעגעהט פעהלערן, וואס זיינען זעהר שווער, אויב ניט אונ-מעגליך צו פערריכטען.

מיט א קליינער צאהל אויסנאהמען ווערען אלע מענשען געבארען גע-זונד. דער מענשליכער קערפּער, איידער ער ווערט געבארען אויף דיזער וועלט, ווערט גוט רעגולירט, יעדער טייל פון קערפּער ארבייט ווי עס דארף צו זיין און אין הארמאני מיט אלע אנדערע טיילען פון קערפּער.

מיר פאנגען דארום אן אונזער לעבען מיט א געזונדען קערפּער, און וואלטען מיר נאר געוואוסט ווא אויף איהם אכטונג צו געבען, און וואלטען מיר נאר געטאן וואס פאר דעם קערפּער איז נויטיג און ניט געטאן וואס פאר אונזער קערפּער איז שעדליך, וואלטען גאנץ ווייניג קראנקהייטען עק-זיסטירט אויף דער וועלט.

אבער לײדער ווייסען ניט די מעהרסטע מענשען ווי זיך צו פיהרען און, וואס איז נאך ערגער, זיי אינטערעסירען זיך זאגאר ניט דאס אויסצו-געפינען.

שטעלט זיך פאָר אַ פאַל, וואו איינער מוז פּלוצלינג אוועקוואַרפען זיי בעשעפטיגונג, וואָס דיזע בעשעפטיגונג זאָל ניט זיין, און ווערען אַ געשעפטס מאַן. וויפיעל ער פערמאָגט נאָר, וויפיעל ער קען נאָר צונויפבאָרגען, ווי פיעל ער קען נאָר קריגען פאַר דעם ביסעל צירונג, וואָס ער פערמאָגט, זיי גאַנצעס האָב און גוטס לעגט ער אריין אין זיין געשעפט, און אויב ער זאָ דאָ ניט מאַכען קיין ערפאָלג וועט איהם אויסקומען כאָטש פון הונגער צ שטאַרבען.

שטעלט זיך אויך פאָר, דאָס מיט די פרייזען פון די איינצעלנע אַר טיקלען אין זיין געשעפט איז אונזער געשעפטסמאַן ניט בעקאַנט. ער פער לאַנגט פאַר יעדען אַרטיקעל וויפיעל איהם פאַלט איין צו זאָגען און ער פער קויפט פאַר וויפיעל די קונים גיבען. אויף אַזאַ אופן פיהרט ער אָן זיי געשעפט טעג, וואָכען און מאָנאַטען, ניט וויסענדיג צו ער פערדינט אָדע ער דערלעגט געלד צו די סחורה, וואָס ער פערקויפט. ווי לאַנג, דענקט איהר וואָלט אַזאַ סוחר געקענט אַנגעהן מיט אַזאַ סאָרט האַנדלען אײדער ע וואָלט באַנקראָטירט?

עט, נאַרישקייטען, וועט איהר זאָגען. קיין מענש, וואָס איז ביי קלאָרען זינען, וועט אַזוי ניט האַנדלען. יעדער מענש, וואָס איז נאָר ני האָפנונגסלאָז משוגע, וואָלט אין אַזאַ פאַל זיך צוערשט בעקאַנט מיט ד פרייזען פון זיין סחורה, ער וואָלט געפיהרט אַ גענויען רעכענונג פון זייני איינגאַהמען און אויסגאַבען, און פון צייט צו צייט וואָלט ער געמאַכט אַ „אינווענטאַר" צו וויסען גענוי דעם צושטאַנד פון זיין געשעפט, צו ער פער דינט אָדער דערלעגט געלט. און אויב ער אַליין וואָלט געווען אונפעהי דאָס צו טאָן, וואָלט ער זיכער געדונגען אַ פעהיגען בוכהאַלטער, וואָס זאָ דאָס טאָן פאַר איהם. קיין מענש וואָלט ניט געווען אַזוי משוגע צו פיהרע זיין געשעפט אָהן אַ טאָלק און אָהן אַ רעכענונג.

אמת, דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אום אייניגע דאָלאַרס פערדינסט וועלען מענשען טאָקע ניט האַנדלען אַזוי נאַריש. אָבער האַנדלען זיי דע ניט פונקט אַזוי נאַריש אין בעצוג צו זייער געזונד?

בעטראַכט אונזער קערפּער אַלס אַ געשעפט. אין דיזעם געשעפטס אונטערנעהמונג האָבען מיר אַריינגעלעגט ניט נאָר אונזער גאַנצעס פערמע גען, נאָר אויך אונזער לעבען. אויב דיזער געשעפט האָט געוויסע איינגאַה מען און געוויסע אויסגאַבען, און אין דעם ערפאָלג פון דיזער אונטערנעה מונג ווענדעט זיך אונזער געזונד און אונזער לעבען.

און דאָך וויפיעל מענשען אינטערעסירען זיך אויסצוגעפינען, אויב די איינגאַהמען פון זייער קערפּער דעקען די אויסגאַבען, אויב זייער קערפּער קריגט אַלעס אין וואָס ער נויטיגט זיך און אין אַ ריכטיגע מאָס, אויב זייער געזונד ווערט אויפגעהאַלטען אָדער ווערט לאַנגזאַם אונטערגעגראָבען.

די מעהרסטע מענשען האַנדלען אין בעצוג צו זייער קערפּער פּונקט, ווי דער געשעפטסמאַן אין אונזער ביישפּיל, וועלכער פיהרט זיין געשעפט אָהן אַ טאָלק און אָהן אַ רעכענונג, און ערשט ווען זיי ווערען קראַנק, ווען זייער געזונד באַנקראָטירט, לויפען זיי צו אַ דאָקטאָר ער זאָל זיי געזונד מאַכען.

הונדערטע טויזענדע מענשען ליידען פון כראָנישע האַרץ-קראַנקהייט און נירען-קראַנקהייט און ווייסען גאָר ניט דערפון. זייער געזונד ווערט לאַנגזאַם אונטערגעגראָבען און אַזוי לאַנג ווי זיי דערפיהלען ניט קיין שמערצען האָבען זיי גאָר קיין אָהנונג ניט, דאָס זייער וויכטיגסטער געשעפט געהט צו גרונדע. די צאָהל פון אַזעלכע מענשען פערגרעסערט זיך מיט אַן אונגעהייערע שנעלקייט פון יאָהר צו יאָהר.

ווען איהר זאָלט זאָגען אַ געשעפטסמאַן, ער זאָל ניט פיהרען קיין גע-נויען רעכענונג וועגען זיינע איינגאַהמען און אויסגאַבען, ער זאָל לאָזען זיין געשעפט געהן אויף „גאָט׳ס בעראָט”. און ערשט דאַן ווען ער וועט זיך דערוויסען, דאָס עס פעהלט איהם געלד אָדער ווען ער איז אין גאַנצען באַנ-קראָט, זאָל ער דינגען אַ בוכהאַלטער אויף דורכצוקוקען זיינע געשעפטס-ביכער, וועט ער אייך זיכער בעטראַכטען פאַר אַ משוגענעם, וועמעס ריכ-טיגער פּלאַץ איז אין אַ משוגעים הויז. און דאָך האַנדעלט דער זעלבער קלוגער געשעפטסמאַן פּונקט אַזוי מיט זיין געזונד, און ער בעטראַכט אייך פאַר חסר דעה (משוגע), אויב איהר ראַט זיך צו לאָזען פון צייט צו צייט אונטערזוכען פון אַ דאָקטאָר און ניט וואַרטען ביז זיין געזונד באַנקראָטירט, דאָס הייסט ביז ער ווערט קראַנק.

יעדער פערשטענדיגער געשעפטסמאַן, יעדער מענש מיט עטוואָס שכל, וועט אייך זאָגען, דאָס דער זיכערסטער וועג ווי אַזוי צו פערהיטען אַ גע-שעפט פון באַנקראָטירען, איז ערשטענס צו פיהרען אַ גענויען רעכענונג פון אַלע איינגאַהמען און אויסגאַבען, און זעהן, דאָס די איינגאַהמען זאָלען אַלע מאָל זיין גענוג צו דעקען די אויסגאַבען, אָדער די אויסגאַבען זאָלען זיין קליין גענוג ניט אַריבערצושטייגען די איינגאַהמען, און צווייטענס דאַרף

מען פון צייט צו צייט מאַכען אַן „אינווענטאַר", איבערקוקען דעם גאַנצען סטאָק סחורה, און זעהן ווי דאָס געשעפט האַלט.

דאָס זעלבע איז אמת אויך וועגען אונזער קערפּער. דער זיכערסטער וועג ווי אויסצומיידען אַ קערפּערליכען באַנקראָט, דאָס הייסט קראַנקהייטען איז, ערשטענס צו ווערען בעקאַנט אויף וויפיעל נאָר מעגליך מיט די פערשיידענע פאָדערונגען פון קערפּער און זעהן, דאָס דיזע פאָדערונגען זאָלען בעפרידיגט ווערען, און צווייטענס צו לאָזען זיך אונטערזוכען פון צייט צו צייט פון אַ דאָקטאָר, אום אויסצוגעפינען צו דער קערפּער איז פאָלקאָם געזונד, אָדער אירגענד וועלכע טייל פון קערפּער איז עטוואָס ניט ווי עס דאַרף זיין.

ניט אַלע מענשען קענען דורכפיהרען די ערשטע אויפגאַבע, אָבער אַלע קענען דורכפיהרען די צווייטע — די פּעריאָדישע אונטערזוכונגען פון אַ דאָקטאָר.

כמעט יעדער מיטעל-יעהריגער מענש האָט עטוואָס אין זיין קערפּער, וואָס איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין. און פון לייכטע אונרעגעלמעסיגקייטען ענטוויקלען זיך אָפט ערנסטע קראַנקהייטען. עס איז זעלטען צו געפינען אַ פאָלקאָם געזונדען מענשען אין די מיטעלע יאָהרען, און די מעהרסטע קראַנקהייטען, אפילו די גאַנץ ערנסטע, קענען פערהיט ווערען, ווען מען פערכאַפּט זיי נאָר בעצייטענס. און דורך פּעריאָדישע אונטערזוכונגען פון אַ דאָקטאָר קען מען אָפט מאָל ענטדעקען קראַנקהייטען נאָך איידער זיי זיינען אַזוי ווייט ענטוויקעלט, דאָס דער פּאַציענט זעלבסט קען זיי פיהלען.

דאָס געלד, וואָס אַזעלכע דאָקטאָר-אונטערזוכונגען דאַרף קאָסטען, דאַרף ניט פערעכענט ווערען אַלס איין אויסגאַבע, נאָר אַלס אַן „אינוועסטמענט". די „דיווידענדס" פון אַזאַ „אינוועסטמענט" זיינען ווענינגער טעג אָדער וואָכען קראַנק זיין און פיליכט אויף מאָנאַטען אָדער יאָהרען מעהר לעבען.

פאַר די מעהרסטע מענשען קוקט עס אוים ווילד צו צאָהלען אַ דאָקטאָר געלד פאַר אַן אונטערזוכונג, ווען זיי פיהלען זיך ניט קראַנק. זיי זיינען ניט געוואוינט דערצו, אָבער די זעלבע מענשען, אויב זיי האָבען אַ געשעפט, האַלטען זיי אַ בוכהאַלטער און צאָהלען גאַנץ גערן געלד צו מאַכען כאָטש איין מאָל אין יאָהר אַן אינווענטאַר אום צו זעהן ווי דאָס געשעפט האַלט.

דער בוכהאַלטער ברייננט דאָך קיין זאַך ניט אריין אין געשעפט, ער העלפט בלויז צו האַלטען די רעכענונגען אין אָרדענונג. און דאָך וועט קיי-

נער, אפילו ניט קיין געשעפטסמאן ניט לייקענען, דאָס פאַר יעדען געשעפטס־מאן לוינט זיך צו בעשעפטיגען א בוכהאלטער.

איז דאָס געזונד און דאָס לעבען וועניגער וויכטיג ווי א געשעפט, פון וועלכען מען פערדינט אייניגע דאָלאר? פעריאָדישע דאָקטאָר אונ־טערזוכונגען זיינען פאַר'ן קערפער דאָס זעלבע, וואָס דעם בוכהאלטער'ס רעכענונגען זיינען פאַר'ן געשעפט.

גענוי בוכהאלטעריע און אָפטע אינווענטארען איז דער זיכערסטער וועג ווי צו פערהיטען א געשעפט פון באנקראָט, און א אָפטע דאָקטאָר אונ־טערזוכונג איז דער בעסטער וועג ווי זיך אויסצוהיטען פון ערנסטע קראַנקהייטען.

דאָס בעסטע ווערק אלס פרעזענט פאר אידישע קינדער

פראפעסאר גרעטץ׳ס

פאָלקסטימליכע אידישע געשיכטע

אין ענגלישער איבערזעצונג

POPULAR HISTORY OF THE JEWS

By Prof. H. GRAETZ

Translated by A. B. RHINE, D. D.

אין זעקס גרויסע בענדער אילוסטרירט

באַנד I: פון דעם אָנפאַנג פון דער אידישער נאַציע ביז דעם טויט פון אַנטיגאָנוס׳ן (37 פאַר קריסטליכער ציטרעכענונג).

באַנד II: פון דער רעגירונג פון הורדוס דעם 1טען (37 פ. קר.) ביז דעם טויט פון מאַחמעד׳ן.

באַנד III: פון דער צייט, וואָס אידען זיינען געוועזען אונטער דער ממשלה פון די מאַחמעדאַנער (640 נאָך קר.) ביז זייער ערשטען גירוש פון פראַנקרייך (1306 נ. קר.).

באַנד IV: פון דעם ערשטען אידישען גירוש פון פראַנקרייך (1306) ביז דון יוסף נשיא האָט זיך באַזעצט אין טערקיי (1558).

באַנד V: פון דער רעגירונגס־צייט פון סטעפאַן באַטאָרי פון פוילען (1575—1586) ביז דער געגענווערטיגער צייט (1878).

באַנד VI: צוגעגעבענער באַנד: געשיכטע פון די אידען אין דער נייער צייט (ביז דעם יאָהר 1919) פון דר. מאַקס רייזין.

פרייז:
געבונדען אין קלאָטה, גילט טאָפ $12.00
געבונדען אין האַלב־לעדער, פול גאָלדשניט $22.00

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street — **New York**

דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע ווערק אין אידיש

י. ג. פּאָגט'ס

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג

פאַרמעהרט מיט אַ

פולשטענדיגע געשיכטע פון אידישען פאָלק

באַרבייט פון

א. ח. ראָזענבערג

אונטער דער רעדאַקציע פון

אלכסנדר האַרקאַווי

אין צוועלף גרויסע בענדער אילוסטרירט

5,500 זייטען   850 אילוסטראַציעס

אין צוויי אויסגאַבעס:

פאָלקאויסגאַבע, געבונדען אין פּראַכטפולען לייב־רערי־קלאַטה, גילט טאָפּ. פּרייז $30.00

דע לוקס־אויסגאַבע, געבונדען אין האַלב־לעדער, פול גאָלדשניט, פּרייז $50.00

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street   New York

Toronto Jewish Public Library
THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS
and may be renewed once, if no application has been registered for it.
A fine of 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.
PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS
DATE DUE

וויסענשא
דובאווסקי, ד"ר ב. דוב
דאקטאר בוך (ערשטע טייל)
1933

A 1933

#1933